STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09298

MAYNE ZIBN GUTE YOR

Itzjok Perlow

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק פערלאוו : מיינע זיבן גוטע יאר

יצחק פרלוב

שבע השנים הטובות

רומן

All rights reserved and copyright by author

„הדפוס הכללי" בע"מ, רח' השוק 26, תל־אביב, טל. 81801.

יצחק פערלאוו

מיינע זיבן גוטע יאר

ראמאן

פון א פריילעכן פליט אין ראטנפארבאנד

פארלאג „קולטור-ליגע" תל-אביב



דאָס דאָזיקע בוך דערשיינט צום יום־טוב:

30 יאר שאַפן פון יצחק פערלאָוו

פאָרוואָרט

מיר פאַרמאָגן ווייניק ביכער וועגן די איבערלעבענישן פון די ייִדן, וועלכע האָבן — אין בהלה־געלויף פון די היטלער־באַנדיטן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — זיך געפונען אויף דער טעריטאָריע פון ראַטנפאַרבאַנד. די היטלערישע ייִדן־אויסראָטונג האָט מיט איר גרויל פאַרטונקלט דאָס אַלץ, וואָס עס האָבן איבערגעלעבט די ייִדן אונטער דער סטאַלין־הערשאַפט. אָבער אויך די איבערלעבונגען אין סאָוויעטישן גן־עדן האָבן איבערגעלאָזט טיפע שפורן און ס'איז סיי וויכטיק, אַז זיי זאָלן פאַראייביקט ווערן אין דער ליטעראַטור, סיי גיבן זיי אַזאַ שפע פון דראַמאַטישן שטאָף, וואָס בעט זיך ממש אויף אַ קינסטלערישע האַנט.

צווישן די ווייניקע ביכער, וואָס זענען דערשינען וועגן יענע יאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד, פאַרנעמט דאָס בוך פון יצחק פערלאָוו אַן אייגנאַרטיק אָרט. און דאָס — צוליב צוויי טעמים:

כמעט אַלע פריער־דערשינענע ביכער זענען געשריבן געוואָרן פון מחברים, וועלכע האָבן געזען דאָס לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד פון „הינטער די קראַטן", מיט די אויגן פון אַרעסטירטע, מחמת זיי האָבן דורכגעמאַכט דעם פּיין פון די סאָוויעטישע תפיסות און לאַגערן. יצחק פערלאָוו האָט געהאַט דאָס גליק דורכצולעבן זיינע „זיבן גוטע יאָר" אויף דער סאָוויעטישער פריי. ער האָט דורכגעוואַנדערט ריזיקע שטחים פונעם דאָזיקן ריזיקן לאַנד און ער שילדערט אונדז לעבעדיקע שטיקער פון געזעענעם, געהערטן און דורכגעלעבטן לעבן, וואָס איז לאַנגע יאָרן געווען אַ מיסטעריע פאַר די מענטשן פון דער זייט אייזערנעם פאָרהאַנג.

צום אונטערשייד פון די איבעריקע מחברים, וועמענס ביכער עס טראָגן הויפּטזעכלעך אַ טרוקענעם מעמואַריסטישן כאַראַקטער

אָדער זענען געשריבן מיט אַ טריב־ערנסטן סטיל, האָט יצחק פערלאָוו זיינע שילדערונגען פון סאָוויעטישן לעבן און פון זיינע איבערלעבונגען אַריינגעפּאַסט אין אַ הומאָריסטיש־ בעלעטריסטישער פאָרעם. דאָס בוך שפּרודלט מיט אַ טראַגישן טשאַפּלינישן הומאָר. אַ רייע עפּיזאָדן אין בוך, רופן אַרויס אַ גלייכצייטיקן פאַרלאַנג אי צו וויינען אי צו לאַכן. ווי צבש..דער האַנדל מיט די שטיוול בעת אַ לוויה אין סאַראַטאָוו, אָדער דער טאַנץ פון די מלחמה־אינוואַלידן ביים דערהאַלטן די ידיעה וועגן סוף פון דער מלחמה. דאָס זענען קאָשמאַרנע טראַגי־קאָמישע בילדער.

יצחק פערלאָוו שילדערט אונדז אויך די ספּעציעלע סביבה פון די יידישע אַקטיאָרן און בינע־מענטשן, אָט די „בלאָנדזשענדיקע שטערן", וועלכע זענען פאַרוואַלגערט געוואָרן קיין רוסלאַנד און האָבן אויף זייערע וואַנדלונגען איבער די ברייטע סאָוויעטישע פליינען זיך געראַנגלט פאַר דער בינע־קונסט און פאַר אַ שטיקל ברויט.

וועגן פערלאָווס שרייבערישן טאַלאַנט קומט אויס אָפּט צו דיסקוטירן אין די יידישע שרייבערישע קרייזן. ס'איז נישט איצט אונדזער אויפגאַבע צו כאַראַקטעריזירן זיין שרייבערישן סטיל און זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. וואָס עס איז אָבער אומבאַ־שטרייטבאַר איז: אַז יצחק פערלאָוו איז אַ פיינער און לעבעדיקער שילדערער און אַז ער געהערט צו די פּאָפּולערסטע און אַמערסטן געלייענטע יידישע שרייבער־ראָמאַניסטן פון זיין דור.

*

דאָס בוך פון יצחק פערלאָוו דערשיינט אינעם פאַרלאַג „קולטור־ליגע" אין תל־אביב.

שוין אַ לאַנגע צייט, ווי אונדז, אַ רייע יידישע קולטור־טוער אין ישראל, עגבערט דער גדאַנק וועגן פאַראייביקן אין דער יידישער מדינה די יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן אין אַמאָליקן פוילן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין אונדזער נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבן און זענען אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט די פּאַרטיליקטע יידן. אין די שמועסן מיטן מחבר פון דעם בוך איז צווישן אַנדערן אויך אַרויסגערוקט געוואָרן דער פאָרשלאַג וועגן פאַראייביקן דעם נאָמען פון דער „קולטור־ליגע", וועלכע האָט פאַרנומען אַן אַנגעזעען און אייגנאַרטיק אָרט אינעם יידישן קולטורלעבן פון פוילן, ווי אויך אין פאַרלאַג־וועזן.

דער געדאַנק איז אונדז צוגעפאַלן צום האַרצן, סיי ווייל דורך פּאַראַייביקן אַזעלכע אינסטיטוציעס היטן מיר אויף די המשכדיקייט פון יידישן לעבן אין מדינת ישראל מיט דעם פאַרשניטענעם אין זיין מיטן בלי יידיש קולטור־לעבן אין מזרח־אייראָפּע, סיי ווייל די „קולטור־ליגע" אין פּוילן איז געווען אַ קינד פון דער אַזוי אונדז נאָענטער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער לאַנגיאָריקער פאַרוואַל־טער פון פאַרלאַג „קולטור־ליגע" איז געווען דער פאַרשטאָרבענער מיט פינף יאָר צוריק אָנגעזעענער יידישער אַרבעטער־טוער חיים וואַסער.

מיטן גרינדן דעם פאַרלאַג „קולטור־ליגע" האָבן מיר בדעה נישט סתם אויפצושטעלן אַ מצבה לזכרון דער אומגעברענגטער „קולטור־ליגע" אין פּוילן; ס'איז אונדזער פאַרלאַנג צו באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור מיט נייע גוטע ביכער, צו זיין אַ סטימול פאַר די עלטערע און יינגערע יידישע שרייבער אין ישראל, וועלכע האָבן פאַרבונדן זייער גורל מיט יידיש; און דורכדעם צו פאַרשטאַרקן די פּאָזיציע פון דער יידישער ליטעראַטור אין מדינת ישראל.

מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון, אַז אַ טעטיקייט פון אַ פאַרלאַג פאַרלאַנגט גרויסע פינאַנסיעלע מיטלען, וועלכע מיר פאַרמאָגן ליידער נישט. אויך דאָס ליגט אייגנטלעך אין דער טראַדיציע פון דער „קולטור־ליגע", וועלכע פלעגט כסדר זיך ראַנגלען מיט פינאַנסיעלע שוועריקייטן. אָבער פונקט ווי די אַמאָליקע גרינדער און טוער פון דער „קולטור־ליגע", אַזוי לייגן אויך מיר אַריין אין אונדזער פאַרלאַג קודם כל דאָס, וואָס מיר פאַרמאָגן: אונדזער ליבע צום יידישן וואָרט און צום יידישן בוך און אונדזער עקשנותדיקן ווילן אויפצוהאַלטן דעם המשך פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

מיטן גלויבן, אַז דער דאָזיקער זכות וועט אונדז דערמעגלעכן בייצושטיין אַלע שוועריקייטן — גיבן מיר איבער אונדזער ערשט בוך צום יידישן לייענער.

פ. אייכנבוים

תל־אביב, 1959.

א גוטע נאכט, לאָלא...

— פונקט איצט איז מיר די צווייטע וועלט־מלחמה אַזוי נויטיק געווען, ווי אַ לאָך אין קאָפּ! — האָט לאָלאַ שיעור געוויינט פון פאַרדרוס.

זי האָט געמוזט איבעררייסן אירע דערפאָלגרייכע גאַסטשפּילן איבער דער פּראָווינץ און זיך אומקערן קיין וואַרשע.

— טאַקע, אַזאַ איגנאָראַנץ פון דער פּאָליטיק צו דער קונסט: נישט אָנפרעגן פריער ביי אַ טעאַטער־טרופּע, צי אַ מלחמה איז איצט פאַר איר באַקוועם...

— ווי קענסטו גאָר איצט לאַכן?

— חלילה. איך לאַך מיט יאַשטשערקעס.

מיר האָבן געוווסט: פון אירע אנגאַזשאַמאַנען קיין פּאַריז און לאָנדאָן, וועט שוין איצט גאָרנישט ווערן. און זי האָט זיך עס אַזוי פיבערדיק געגרייט צו איר טריאומף־טורנעע איבער אייראָפּע! אַזאַ וווּנדערבאַרע גאַרדעראָב זיך אויפגעבייט!

און איך אַליין האָב דאָך איצט גענומען קלעטערן אויפן לייטער פון קאַריערע: אַרויסגעגעבן צוויי בענדער לידער, איינגעזאַמלט צוויי צענדליק רעצענזיעס, אָנגעהויבן דרוקן דערציילונגען אין פאַרשידענע צייטשריפטן; אָנגעשריבן דריי קאָמעדיעס, וואָס ווערן געשפּילט מיט דערפאָלג; הונדערטער לידער, מאָנאָלאָגן, סקעטשן, וואָס ווערן רעציטירט, געזונגען און געשפּילט פון באַרימטע אַקטיאָרן. איך האָב שוין אַפילו געטראַכט צו לאָזן זיך אויפנייען אַ סמאָקינג, ווי פאַר אַזאַ ווירדיקער פּערזענלעכקייט פּאַסט. און דאָ — נאַ דיר גאָר אַ מלחמה אינמיטן דרינען!

דעם גאַנצן צאָרן האָב איך אויסגעלאָזן צו די צייטונגען. איך האָב זיי געשמיסן צו דער ערד, געטראָטן מיט די פיס און געשריען, אַז איך גלויב גאָרנישט זייערע ידיעות!

ביז אַ ראַדיאָ־הילכער האָט זיך צעשריען העכער פאַר מיר, מיט אַ באַפעל:

— אַלע מיליטער־פּליכטיקע מענער זאָלן תיכף פּאַרלאָזן וואַר־שע און גיין אויף מזרח, וואָרעם די דייטשן דערנענטערן־זיך צו דער הויפּט־שטאָט!

אינמיטן נאַכט איז דאָס געווען. שכנים האָבן געקלאַפּט אין מיין טיר און מיך געאיילט, מיטצוגיין מיט זיי. אויף די פּידזשאַמעס האָב איך אַרויפגעכאַפּט די הויזן און דאָס רעקל. דעם רעגנמאַנטל — גע־נומען אויף דער האַנט. לאַלאַ איז מיר נאָכגעלאָפן אויף די טרעפּ מיט אַ ברויט און אַ שאַליקל. מיר האָבן זיך צעקושט און זי האָט געוויינט. האָב איך זי שטאַרקער געקושט, האָט זי נאָך שטאַרקער געוויינט, ביז די בהלהדיקע שכנים האָבן מיך אַרויסגעריסן פון אירע אָרעמס און אַוועקגעשלעפּט אין דער פינסטערער נאַכט אַריין.

די גאַסן זענען פול געווען מיט מאַסן מענטשן, וואָס האָבן גע־שטראָמט צו דער ווייסל, איידער די קערבעדזש־בריק וועט אויפגע־ריסן. פון פּראַגע האָבן זיך שוין געצויגן די הינטער־שטאָטישע שאָ־סייען. באָמבאַרדיר־עסקאַדרעס האָבן געברומט און באַשאָסן מיט מאַשין־געווער די אַנטלויפנדיקע. איך האָב מיטגערעוועט מיט די פּאַנישע קולות און דיסהאַרמאָניש מיטגעגרילצט מיט די גרויליקע הילפס־רופן; געהויבן די פיס און געשפּרונגען איבער הרוגים, צע־ריסענע פערד און צעשמעטערטע אויטאָס.

אַכט מעת־לעת בין איך אַזוי געלאָפן. זיך געזעטיקט מיט מייערן און רעטעכער פון די פעלדער, מיט זויערע פּרוכטן פון די הפקרדיקע סעדער. געזשליאָקעט פון יעדער קאַלוזשע און ריטשקע אויפן וועג. געשלאָפן אין שייערן, געכראָפּעט אין שטאַלן, געכאָליעט אין בלאָ־טיקע ראָוועס.

אין קאָוועל זענען מיר אַנטקעגן געקומען די ערשטע טאַנקן פון דער רויטער אַרמיי און איך האָב זיך דערוווּסט דריי זאַכן מיטאַמאָל: עס איז וואָפּנשטילשטאַנד, מען שיסט שוין נישט מער; עס איז שוין דאָ אַ נייע גרענעץ, וועלכער איך בין נישט אַריבער, נאָר וועל־כע איז אַריבער איבער מיר; און אַז די נייע גרענעץ צעשיידט מיך מיט מיין פרוי און מיט מיין היים. וואָרעם כאָטש מיר זענען נאָך ביידע אין פּוילן, — בין איך שוין אין רוסלאַנד און זי — ביים דייטש.

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. אַ דערשעפּטער און הונגעריקער האָב איך געשווידערט פון קעלט. די האָטעלן זענען איבערפולט, — בין איך אַוועק צום וואָקזאַל, אַריין און — באַלד צוריק אַרויס.

איינער אויפֿן אַנדערן איז דאָרט געלעגן. אַ געריך פֿון שוויסיקע שטיוול, צעפּאַרעטע העמדער, שלעכטער טאַבאַק און פייכטע ווינ־דעלעך. די לופֿט איז געווען אַזוי געדיכט, אַז ווען אַלע האָבן געשריען, האָט קיינער גאָרנישט געהערט.

איך בין אַרויס און שטיין־געבליבן ביי אַ גאַסן־לאָמפּ, וואָס האָט זיך געהוידעט אין ווינט און געוואָרפן אַ שיין אויף אַ פּלאַקאַטיר־טער וואַנט. איך האָב דערזען לאַלעס פּאָרטרעט מיט דער אויפֿ־שריפֿט „אַבי מען זעט זיך!...“ — האָב איך דערפֿילט אַ מענטאַל־טעם אין דער נאָז און איך האָב זיך צעלאַכט און צעוויינט.

דאָ, אין קאַוועל טאַקע, האָבן מיר פֿאַרענדיקט אונדזער טורנעע מיט צוויי וואָכן צוריק און — די אַפּישן הענגען נאָך פֿריש... מען האָט שוין דאַן געגראָבן שוץ־גראָבנס און דער עולם האָט געלאַכט: „עט, בלאָטע! קיין מלחמה וועט נישט זיין!“...

— עס וועט נישט זיין, האַ? וואָס זאָגסטו, לאַלאַ?... — פֿרעג איך ביי איר פּאָרטרעט אויפֿן אַפּיש — איבער אַ גרענעץ זענען מיר, צעשיידט!

און לאַלאַ שמייכלט צו מיר אומעטיק פֿון אַפּיש אַראָפּ (מאָדנע, ווי אויסדרוקן אויף בילדער ענדערן זיך אויך: ווען דער אַפּיש איז געדרוקט געוואָרן, איז עס דאָך געווען אַ גליקלעכער שמייכל! און איצט — אַזאַ ווייטיקער, אַזאַ צערפֿולער, אָבער אויך אַ טרייסטנ־דיקער): „אַבי מען זעט זיך!...“

— אַ שיינער זען זיך!

— עס איז דאָך אַ קאָמעדיע... אין דריי אַקטן... מיט אַן עפּילאָג... דו דאַרפֿסט נאָר צושרייבן אַן אַקטועלן סטראָף צום פֿינאַל־ליד...

— לידער־שמידער! אַ שטיקל ברויט דאַרף איך איצט, אַ הייסע גלאָז טיי און אַ פּאַפּיראָס, נישט קיין לידער! ווו טוט מען זיך אַהין? ווו גייט מען זיך לייגן שלאָפֿן?

באַליידיקט־זיך לאַלעס פּאָרטרעט:

— ווו וועסטו איצט גיין? עס איז נאַכט און דו ביזט דאָך נעבן מיר. לייג זיך און איך וועל וואַכן איבער דיר.

צי איך זיך־אויס אויפֿן טראָטואַר, מיט אַ פֿויסט אונטערן קאָפּ און רעד צו לאַלען:

— אַ פֿיינער תּכלית. קיין האָטעל־צימער, אַן וואַרעם וואַסער, נישט געוואָלט. אַ צימער דווקא מיט צוויי פֿענסטער, עס זאָל זיין לופֿטיק!... איצט איז מיר שוין איינמאָל לופֿטיק! האַרט! מאָדנע האַרטע טראָטואַרן פֿאַרמאָגט קאָוועל! ווי מאַכט מען דאָס אַזעלכע

האַרטע טראַטואַרן, אַז זיי זאָלן די זייטן אָפּקוועטשן?! און צוגע־ווינטן בלאָזן דאָ, ווי אַלע שויבן פון דער גאַנצער גאַס וואָלטן גע־ווען אויסגעזעצט. אַ פּאַסקודנער האָטעל, לאַלאַ! ווען איך בין נישט אַזוי מיד, וואָלט איך... מילא, נו. אַ גוטע נאַכט, לאַלאַ!... זאָג־אָן דער דינערשאַפט, זיי אַזוי גוט, מען זאָל מיך נישט וועקן פאַר זיבן אַ זייגער. און פרישטיק זאָל מען מיר ברענגען אין בעט־אַריין...

איך בין איינגעשלאָפן און אַ רעגן האָט מיך אויפגעוועקט פינף פאַרטאָג. איך האָב צונויפגענומען מיין בינטל ביינער און זיך גע־שטעלט אויף די ציטערנדיקע פיס.

— גוטמאָרגן, לאַלאַ... איך בין שוין אויפגעשטאַנען, איך בין שוין נאָכן דוש... איך וואָלט איצט געגעסן צוויי פרישע זעמעלעך מיט פוטער און אַ שיטער איי אין אַ גלאָז.

— אַ קאָמעדיע!... — לאַכט לאַלאַ — אַ קאָמעדיע אין דריי אַקטן...

— צום ווידערזען, לאַלאַ. איך גיי אין שטאָט, זיך דערוויסן נייעס...

איך בין פאַרבייגעגאַנגען אַ בעקעריי, באַלאַגערט פון עטלעכע הונדערט מאַן. דער ריח פון פריש געבעקס האָט מיר פאַרשיכורט דעם קאָפּ, — האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ טרעפּל און צוגע־מאַכט די אויגן.

אויפגעוועקט האָט מיך אַ פליוך וואַסער אין פּנים אַריין. צוויי יידן, אַ רויטער און אַ געלער, האָבן מיך געטרייסלט און גערעדט זייער געדיכט און איך האָב פאַרשטאַנען זייער שיטער. דריי ווער־טער האָבן זיי כסדר איבערגעחזרט: „אַ ייד", „אַ מנין", „קדיש", שפּעטער האָב איך באַנומען אַ גאַנצן זאַץ:

— ר׳זענטאָך אַ ייד! ספּעלט צום מנין! כ׳דאַרף זאָגן קדיש! קומט אַריין, קומט.

האָבן זיך מיר די אויגן ווידער צוגעמאַכט אינמיטן אַ מחשבה, אַז זיי מעגן שוין זאָגן קדיש נאָך מיר.

ווידער אַ פליוך וואַסער און ווידער אַ טרייסל. אַ יידענע טענהט צו אַ געזעמל:

— האָט איר געזען אַ ביסל? פּונקט מיין טרעפּל זוכן זיי זיך אויס צום חלשן! ער איז שוין דער פערטער היינט! אַז מען האָט נישט קיין כּוח, לויפט מען נישט! זיצט מען אינדערהיים!

איך האָב געוואָלט לאַכן און נישט געקאָנט. די ציינער זענען

מיר נאָך געווען פאַרשטשעמעט און די באַקן — ווי הילצערנע ברעט־לעך — גיי לאַך!...

אָבער דער פייערדיק־רויטער ייד האָט מיר געשטופּט אַ קופּערנע קוואָרט צווישן די ציין:

— טרינקט, טרינקט. נו, בעסער אַ ביסל? איז קומט־זשע אַריין. דער צענטער צום מנין. מיר דאַרפן קדיש זאָגן.

דער רויטער מיטן געלן האָבן מיך גענומען אונטער די אָרעמס און די יידענע האָט מיך אונטערגעשטופּט, טענהנדיק אַלץ, אַז אויף ווייטער זאָל איך מיר אויסזוכן אַן אַנדער בריקל צו חלשן. פונדעסט־וועגן האָט זי מיר דערלאַנגט אַ לחמה ברויט מיט אַ טעפּל טיי. איך בין געווען דער צענטער צום מנין. דער מנין האָט געדאַוונט, איך האָב געזשליאָקעט און געשלונגען, און דער רויטער מיטן געלן, ווי צוויי קאַלקוטסקע הענער, האָבן געקרייעט קדיש.

עס איז געווען אַ וואַרעמע שטוב. שכנות זענען אַנגעלאָפן מיט נאָך לחמות ברויט און מיט נאָך טעפּ טיי. זיי האָבן מיך געטרייסט און איך האָב געגעסן. זיי האָבן גערעדט און איך האָב געזשליאָקעט. איך האָב געווישט דעם שוויס, די טרערן און די נאָז. עס איז מיר געוואָרן וואַרעם און גוט און זייער טרויעריק.

— איך בין נישט קיין בעטלער, קיין אָרעמאַן, — האָב איך זיך פאַרענטפערט — איך האָב אַ היים אין וואַרשע, אַ פרוי. נאָך דער מלחמה וועל איך אייך אָפּדאַנקען. אַז איר וועט קומען קיין וואַרשע, באַזוכט אונדז. דאָס איז מיין אַדרעס...

איך האָב אַריינגערוקט די האַנט אין קעשענע, אַרויסגעצויגן אַ וויזיט־קאַרטל און דערלאַנגט דער בעל־הביתטע. זי האָט געקוקט פאַרחידושט און געשוויגן. דאַן האָב איך באַמערקט, אַז דאָס וויזיט־קאַרטל איז אַ ליידיקס, אַ נישט־באַדרוקטס. עס האָט מיך אַ שניט געטון אין האַרצן:

— אַ שלעכטער סימן! איך האָב שוין נישט קיין היים! אָפּגעמעקט איז מיין אַדרעס!

— זייט נישט קיין קינד און גלויבט נישט אין קיין זאַבאַבאָנעס! — האָבן מיך די ווייבער געטרייסט — מיר וועלן נאָך קומען קיין וואַרשע און, צוזאַמען מיט אייער פרוי, לאַכן פון אָט דער נאַרעשקייט... איר ווייסט? עס גייען דאָך שוין באַנען קיין ווילנע, קיין ביאַליסטאָק און קיין לעמבערג. פון דאָרט, זאָגט מען, גייען שמוגלער קיין וואַרשע. דאָרט איז פאַראַן א, ווי רופן זיי עס? קאָנטאַקט...

— אַזוי?! אַ שײנעם דאַנק!! אַ האַרציקן דאַנק!! זײַט געזונט! איך פֿאָר קײן ווילנע!...

איך בין אַרויס אין גאַס. די זון האָט געשײַנט און עס איז מיר געוואָרן וואַרעם, ליכטיק און פֿרײלעך. אויף אַלע ווענט הענגען אונדזערע אַפֿישן און לאָלאַ לאַכט צו מיר „אַבי מען זעט זיך... אַ קאָ־מעדיע...״ — האָב איך מיר פֿאַרוקט די הענט אין די קעשענעס און גענומען מונטער אויספֿײַפֿן אונדזערע שלאַגער־לידער... אינדעם קומט מיר אַנטקעגן אַ באַקאַנטער קאָוולער קולטור־טוער, וועלכער פֿלעגט גײן אומזיסט אין טעאַטער. ער דערפֿרײדט זיך מיט מיר און איך דערצײל אים מײַנע איבערלעבענישן.

— קען איך האָבן דעם כּבֿוד, אײַך מיט עפּעס צו דינען? — פֿרעגט ער.

— יאָ. מיט אַ פּאָר פֿרישע וועש. איך וויל גײן אין אַ באָד אַרײַן.

— אַ טײַערער וויץ!... אָט דאָס איז אַ וויץ!... — האָט זיך דער קולטור־טוער ספּאָנטאַניש צעלאַכט — גאָלד מיט זילבער מיט ברי־ליאַנטן!...

— הערט! — זאָג איך אים — איך דאַרף אַ פּאָר פֿרישע וועש, און אַ וויץ! די העמד־פֿראַגע איז בײַ מיר זײער ערנסט און די גאַט־קעס־פֿראַגע — טראַגיש! און אַ הײסע באָד איז בײַ מיר איצט אַ לעבנס־פֿראַגע!

איצט האָט דער קולטור־טוער שוין נישט געוווּסט, צי זאָל ער לאַכן אָדער וויינען. אָבער באַמערקנדיק, אַז איך וויל אים שוין שיקן צו אַלדי גוטע יאָר, האָט ער מיך געבעטן וואַרטן פֿאַר דער באָד. ער וועט באַלד צוריקקומען מיט וועש.

האָב איך געוואַרט אַ שעה און צוויי און דרײַ. און איך וואָלט נאָך געוואַרט ביז איצט, ווען איך וואָלט זיך דאָן נישט אַ נדר געגעבן: מער אויף קײן קולטור־טוער זיך נישט צו פֿאַרלאָזן!

— מילא! — האָב איך אַ זאָג געטון צו זיך אַלײן — לאָמיר פֿאָרן קײן ווילנע. דאָרט האָב איך אַ סך פֿרײַנט און עס וועט מיר גאָרנישט פֿעלן.

בין איך אַוועק צו דער באַן, אַרײַן אין אַ וואַגאָן וואָס גײט קײן ווילנע, אָפּגעכראָפּעט אַ נאַכט און אָנגעקומען בשלום קײן... לעמבערג.

לעמבערג? מילא, זאָל זײַן לעמבערג. וואָס איז מיר שוין דער אונטערשייד?

די גאַסן זענען פֿול מיט פּליטים. אויף דאָ הענגען נאָך אונדזערע

אַפּישן. עס הענגען שוין נייע אויך: סטאַלין מיט לענינען... זיי רופן צו לאַלען „דאַ זדראַווסטוויעט!" און לאַלאַ שמייכלט אומעטיק: „אַבי מען זעט זיך"... און אַז איך דערזע, ווי לאַלאַ איז דאַ קרוב למלכות, ווער איך גאָר אין אַ געהויבענער שטימונג...

דער עולם אויפן טראָטואַר שטופּט־זיך זייער לאַנגזאַם. אינמיטן וועג גייט אַ דעמאָנסטראַציע פּיל שנעלער. צו אַכט פּערזאָן אין אַ ריי גייען זיי און טראָגן ריזיקע פּאָרטרעטן. איך שטופּ זיך אַריין אַלס ניינטער אין אַ ריי. די מענטשן מאַכן דעם אָנשטעל, ווי זיי קענען מיך גאָרנישט און זיי שטופּן מיך אַרויס. שטופּ איך זיך אַריין אין אַ פאָדערשטער ריי און מען שטופּט מיך ווידער אַרויס.

פון דער נאַטור בין איך אַפילו אַן עקשן און לאָז זיך נישט פון ערגעץ אַרויסשטופּן, אָבער דאָ טוט מען מיר אָן כבוד און מען שטופּט מיך פאַראויס, — לאָז איך זיך: אַבי פאָראויס... און איידער איך קוק זיך רעכט אַרום, מאַרשיר איך שוין אין דער ערשטער ריי, צווישן בערד מיט וואָנצעס מיט מעדאַלן. אויך זיי שטופּן מיך גאַנץ העפלעך אַרויס און איך שפּאַן שוין נעבן דעם, וועלכער טראָגט דעם ריזיקסטן פּאָרטרעט. יענער האָט זיך מיט מיר דווקא דערפרייט, ממש זיך מחיה־געווען. נישט נאָר האָט ער מיך נישט אַרויסגעשטופּט, נאָר ער האָט מיר נאָך אַריינגעשטופּט דעם ריזיקן, שווערן פּאָרטרעט צו טראָגן.

גיי איך פאָראויס און טראָג דעם פּאָרטרעט און ווייס נישט פון וועמען. נאָר וואָס איז מיר דער אונטערשייד, וועמען איך טראָג? — מיך טראָגט קיינער נישט. אַבי איך גיי מיר פאָראויס, אויף אַ פריי־ען שאָסיי, און קיינער שטופּט מיך נישט...

נאָר אָט איז שוין די הויפּט־גאַס. דאָ דאַרף זיך געפינען די קאַפע פון די גרענעץ־שמוגלער, וווּ מען געפינט אַ „קאָנטאַקט" מיט וואַרשע. איך וויל עמיצן איבערגעבן דעם פּאָרטרעט און קיינער וויל נישט נעמען. זעט אויס, אַז איך האָב דאָ איינגעהאַנדלט אַ וואַזשנע מציאה! ווי ווערט מען דערפון פּטור? די דעמאָנסטראַציע גייט אַלץ ווייטער און ווייטער און איך דאַרף אַוועקגיין.

— ביערי! — זאָג איך אַ באַוואָנצטן מעדאַלן־טרעגער — עטאָ זשע וואַש!

גיט יענער אַ קוק אויף מיר, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט איינ־שלינגען.

„מיין עסק"! — טראַכט איך מיר און לאָז־זיך גיין מיטן פּאָר־טרעט צו דער קאַפע.

די דעמאָנסטראַציע גיט זיך אַ קערעווע־אויס און גייט מיך נאָך ... אַן אָפיציר קומט מיר אַנטקעגן און נעמט מיך זידלען אויף רוסיש, איך ענטפער אים אויף פּויליש, אַז דער בויך טוט מיר ווי און איך קען נישט מער! נעמט ער צו דעם פּאַרטרעט און איך אַנטלויף, אָנ־זאָגנדיק־זיך לעולם־ועד: מער נישט צו טראָגן קיין פרעמדע פּאָר־טרעטן אויף פרעמדע דעמאָנסטראַציעס!

אַ פאַרפּלייצעניש פון פּליטים. מען זיצט אויף די טראָטואַרן און מען ליגט אין די רינשטאָקן. מען עסט דאָ, מען שלאָפט דאָ, מען טוישט וועש, מען קעמט זיך און מען האַנדלט.

צווישן די הענדלער דערקען איך שרייבער און אַקטיאָרן פון וואַרשע. זיי פאַרקויפן זייערע פּאַפּיראָסן, צינד־מאַשינקעס, זייגערס און מאַנטלען.

שטעל איך זיך אַוועק נעבן זיי און נעם־אַרויס מיין פּילפּעדער. וואָס טויג מיר איצט אַ פעדער, ווען „לידלען" ווילט זיך נישט און עסן — יאָ?!

עס גייט דורך אַ סאָוויעטישער קאַפּיטאַן, קוקט־אָן מיין פע־דער און פרעגט:

— סקאָלקאָ?

איך וויל זאָגן פערציק רובל און אַראָפּלאָזן אויף דרייסיק, נאָר אויף רוסיש קען איך זאָגן בלויז איין ציפער „סטאָ" (הונדערט). זאָג איך עס און דערוואַרט צו קריגן קלעפּ. דער קאַפּיטאַן, אָבער, טראַכט נישט קיין סך באַצאָלט... דער זשורנאַליסט „צוציק" לאַכט נאָך פון מיר:

— שלימזל! זיך באַנאַרישט! געקענט נעמען מער!...

וואָס דאַרף איך מער? נײַנציק רובל באַצאָל איך דריי גרענעץ־שמוגלער פאַרן נעמען ביי מיר דריי בריוועלעך צו לאָלען און פאַר צען רובל קויף איך ברויט מיט פּאַפּיראָסן.

עס פאַלט־צו די נאַכט און שלאָפן האָב איך ווידער נישט וווּ.

איך דערוויס זיך, אַז אַ סך פּליטים שלאָפן אין פּוסטע וואַגאָנען, וואָס שטייען אויף זייטיקע ליניעס פון דער באַן־סטאַציע. גיי איך אַוועק צום וואָקזאַל, קריך אַריין אין אַזאַ פינסטערן, קאַלטן וואַגאָן, לייג זיך שלאָפן אויף אַ האַרטער באַנק און שטיי־אויף אין... ביאַ־ליסטאָק!...

— מילא, זאָל זיין ביאַליסטאָק. וואָס איז מיר שוין דער אונ־טערשייד?

אויך דאָ זענען די גאַסן פאַרפּלייצט מיט פּליטים. איך דער־

פרעג־זיך צו דער קאַפּעע פון די גרענעץ־שמוגלער און שיק נאָך עט־לעכע בריוולעך צו לאַלען. דאָס קאָסט מיר אינגאַנצן מיין רעקל מיטן שאַליקל.

איך האָב איבערגערוקט דעם ווייזער לויט מאָסקווער צייט און פאַרקויפט מיין זייגער אַ קאַזאַכישן לייטענאַנט. איך האָב איינגע־האַנדלט צום שטודירן דעם „קראַטקי קורס וו.ק.פ.ב.״ און אַ פּויליש־רוסישן ווערטער־בוך. אַ בעטל האָב איך געקראָגן אין אַלגעמיינעם שלאָף־זאַל פון ווייסרוסישן שרייבער־הויז. דאָרט זענען שוין געלעגן און געקרעכצט, פּאַכמעניש, ווי מיט סטאַזש, אַ פּאָר צענדליק שריי־בער־פּליטים פון וואַרשע, לאָדזש און ווילנע. קיין ווייסרוסן זענען אין ווייסרוסישן שרייבער־הויז נישט געווען.

כּדי צו כּשרן דעם נאָמען פון ווייסרוסישן שרייבער־הויז, האָט מען געזוכט מיט ליכט און קוים געפונען עפּעס איינעם, וועלכער איז אַ גאַנץ קנאַפּער שרייבער, אָבער דערפאַר — אַן אמתער ווייסרוס און אַן אמתער רויטער.

נאָר היות דער רויטער ווייסרוס איז כּל־ימיו פאַרשוואַרצט גע־וואָרן אין פּוילישע תּפיסות, פון וועלכע ער איז איצט אַרויס אַ גרין־און־געלער, מיט ברוין־און־בלויע טאָרבעס אונטער די אויגן, — האָט אים די ראַטנמאַכט אַוועקגעשיקט קיין פּוכאָוויטש, וואָס הינטער מינסק, אין אַ מלוכהשן פּענסיאָנאַט. און זיין ווייסרוסישער שרייבער־הויז אין ביאַליסטאָק איז ווידער געבליבן ווייסרוסן־ריין.

און ווייל ווייסרוסן־ריין און נישט יידן־ריין, פילן זיך דאָ די פּליטים־שרייבער זעלבסט נישט־איבעריק ריין. נישט אין פיזישן זין, פאַרשטייט זיך, כאָטש אויך דאָס מעג פאַרשטאַנען ווערן... קיין איבעריקע פּעק וועש האָט מען דאָך איבער דער גרענעץ נישט גע־שלעפּט און אין אַ באָד זיך אַריינצובאַקומען, איז דאָ אַ חלום. נאָר די סיבה פון די שרייבערס קראַצן־זיך איז גאָר אַן אַנדערע: יעדער איינער מוז צושטעלן אין סעקרעטאַריאַט פון שרייבער־הויז זיין גע־נויע ביאָגראַפיע...

דערווייל שלאָפן מיר נאָך אַלע צוזאַמען, בעטל־ביי־בעטל. מיר קרעכצן, זיפצן און קריגן אַ טאַלאָן אויף אַן אומזיסטן מיטאָג אין אַ גאַרקיך. קיין פּאַקטישע מיטגלידער זענען מיר נאָך נישט. עס וועלן נאָך פאָרקומען רעגיסטראַציעס און איבעררעגיסטראַציעס. די אויטאָביאָגראַפיעס וועלן ערגעץ אַוועקגעשיקט ווערן צום שטודירן. נאָכדעם וועט פאָרקומען אַ סעגרעגאַציע און אַ סעלעקציע.

דאָס האַרץ איז צעטרעוואָגעט, דאָס בעטל איז האַרט. עס נעמט

מיך קיין שלאָף נישט צווישן די קרעכצנדיקע שרייבער, אין ליטעראַרישן „סאַלאָן" — נעם איך אַרויס לאָלעס אַפּיש, וואָס איך האָב אַראָפּגעריסן פון אַ וואַנט, קוק אויף איר בילד און פרעג:

— איז וואָס־זשע מאַכסטו, לאָלאַ?

— „אַבי מען זעט זיך!..."

— דו זעסט מיין געלעגער? עס גייט, וואָס־אַמאָל, בעסער...

— אַ קאָמעדיע!...

— אַ גוטע נאַכט, לאָלאַ... עד! — — — —

עס האָט זיך געשטעלט דער ווינטער. עס רעגנט און עס שנייט צוזאַמען. די טראָטואַרן זענען בלאָטיק און גליטשיק. ביינאַכט כאַפּט שוין אַ לייטיש פרעסטל. פליטים וואַלגערן־זיך אינדרויסן, דרימלען, הוסטן, קרעכצן. אין דער קאַפּעע פון די גרענעץ־שמוגלער איז וואַרעם און אַנגעראויכערט. מען סודעט־זיך, אַז דער גרענעץ־טייך, דער בוג, האָט זיך שוין „געשטעלט". מען קען שוין גיין איבער אים און פאָרן מיט אַ שליטן.

לאָלאַ איז אַלץ נישט געקומען און איך האָב באַשלאָסן צו גיין גנבענען די גרענעץ צו איר. איך האָב מיר געקויפט אַ פויערישע פעלצל מיט פוטערנע הענטשקעס, זיץ אין קאַפּעע און וואַרט מיט מיין גרופּע אויפן גרענעץ־שמוגלער. די כסדר־אָנגעשטרענגטע נערוון האָבן איצט, נאָכן פאַסן דעם באַשלוס, דווקא נאָכגעלאָזן. איך בין רעזיגנירט, אַפּאַטיש, מיד און... שלעפעריק.

דרימל איך־איין ביים טישל זיצנדיק און דערזע זיך גיין איבער דער גרענעץ. איך קום אַריבער בשלום און פאַל גלייך אַריין אין די הענט פון אַ דייטשן פּאַטרול. איינער פון זיי גיט מיך אַ קלאַפּ אין דער פלייצע און — איך כאַפּ זיך אויף.

עס איז נישט קיין דייטש, נאָר אַ באַקאַנטער. ער זוכט מיך שוין אַ גאַנצן טאָג.

— דאָס ביזטו? — פרעגט ער מיך.

— ניין, מיין שוועגערין...

— טפו זאָלסטו מיר ווערן! — שפּייט ער מיך אָן אַ פולן פּנים — אַלע מיינען דאָך, אַז דו ביזט אַוועק קיין וואַרשע!

— ניין, איך בין נאָך דאָ... — וויש איך זיך אָפּ דאָס פּנים.

— גיי שוין צום אַקטיאָר גרין! מען זוכט דיך אַרום!

— נאָכוואָס דאַרף מען מיך?

— ס'הייסט, נאָכוואָס?! אַלע זאָגן, אַז דו ביזט אַוועק צוריק! לאָלאַ חלשט דאָך! ליגט און וויינט!

— האַ?! ווער?! וואָס?! — בין איך אויפגעשפּרונגען — וואָס האָסטו געזאָגט?????!!!

— דאָס, וואָס דו האָסט געהערט! פון פּאַרטאָג־אָן איז זי שוין דאָ! הער אַ קאָמעדיע, הער: זי קומט אַהער און ער לויפט אַהין!... נאָך אַ נס, וואָס איך האָב אים דאָ געפּאַקט, דעם פויגל!... לויף שוין, לויף!...

די לעצטע ווערטער האָט ער מיר שוין נאָכגעשריען, ווען איך בין שוין סיי־ווי געלאָפן; ווען איך בין שוין געהאַט געפאַלן אויף דער שוועל, זיך צעקלאַפּט אַ קני און ווייטער געהונקען...

אינדרויסן איז געווען אַ געדיכטער נעפּל. איך האָב זיך אָנגע־שטויסן אָן אַ מאַן, אומגעוואָרפן אַ פרוי און אַריינגעפאַלן אין עפּעס אַ גרויסן קויש מיט הייס געבעקס. צענדליקער פויסטן האָבן געזעצט אין מיין קאַרק אַריין, ווי זיי וואָלטן געשטורעמט אַ פעסטונג... איך האָב געקריצט די ציין פון יסורים, אָבער אין האַרצן האָט גע־לאַכט: „הוררראַ!!! לאַלאַ איז דאָ!"...

איך האָב זיך אַרויסגעריסן פון זיי און גענומען אַנטלויפן. עט־לעכע מאַן האָבן מיך נאָכגעיאָגט, איך זאָל באַצאָלן דעם שאָדן, אָדער אויסהויכן די נשמה. איך בין אַריינגעלאָפן אין אַ הויף, זיך צו באַהאַלטן.

אויך אין הויף האָט מען געהאַנדלט. אַ מאַן האָט אויסגעטון זיין רעקל און פאַרקויפט אַ רויטאַרמייער. אַ פרוי האָט אויסגעטון איר קאָרסעט און אים אַרויפגעצויגן אויף אַ סאָוויעטישער אַקטריסע. איך בין אַריינגעפאַלן צווישןביידע ווייבער. זיי האָבן זיך צעשריען מיט באַנומענע קולות און איך האָב זיך געבעטן און פאַרענטפערט:

— ש... ענטשולדיקט... איך זוך מיין ווייב!...

ביים אַקטיאָר גרין איז געווען אַ פולע שטוב מיט מענטשן, וואָס זענען היינט געקומען פון דער גרענעץ. זיי האָבן אַלע געהאַט באַנ־דאַזשירטע פּנימער פון קלעפּ, וואָס זיי האָבן דאָרט באַקומען. איך האָב אַזש קיינעם נישט דערקענט. דערקענען האָבן זיי אַלע אויס־געשריען:

— זעט! אָט איז ער דאָך!...

— די מציאה האָט זיך אָפּגעזוכט!... דער שאָדן!...

איך האָב געזוכט צווישן זיי לאַלען און זי נישט געזען. פּלוצ־לונג האָט מיך אַ האַנט אָנגעכאַפּט הינטן, ביים קאָלנער, און אַריינ־געשלעפּט מיך אין אַ טונקעלן שלאָפצימער, ווו עס האָט זיך גע־פילט נאָפטאַלין. איך האָב דערפילט אַ פּאָר ווייכע, וואַרעמע אָרעמס

אַרום מיין האַלדז. אַ הייס פּנים האָט זיך געטוליעט צו מיינעם און אַ פּאָר בריענדיקע ליפּן האָבן גענומען נאָגן און אַריינהעשען מיר אין לינקן אויער. איך האָב זי אַרומגענומען און דערפילט, אַז זי איז זייער מאָגער געוואָרן.

— אַבי דו ביזט דאָ!...

— אַבי מיר זענען ווידער צוזאַמען!...

ווו איז דאָס געסעלע?...

דרך־ארץ! מיר זענען איצט חשובע לייט, מלוכה־אַנגעשטעלטע!...

לאָלאַ און איך זענען אַנגאַזשירט געוואָרן אין אַ מלוכהשן רע־ווי־טעאַטער. אַ סאָוויעטישער דירעקטאָר פירט אונדז אויף אַ טורנע איבערן ראַטנפאַרבאַנד.

די ערשטע שטאָט איז מינסק, — די הויפּט־שטאָט פון סאָוויע־טישן ווייסרוסלאַנד.

אויפן פּעראָן האָבן אונדז מקבל־פּנים געווען דעלעגאַציעס פון דער „לייטונג פון קונסט־ענינים" און פון אַלע אָרטיקע טעאַטערן, זשורנאַליסטן און הויכע באַאַמטע. מען האָט געהאַלטן באַגריסונגס־רעדעס און אונטערגעטראָגן בלומען־בוקעטן פאַר אַלע אונדזערע פרויען. עס האָבן אונדז אָפּגעוואַרט טרעגערס און אויטאָס, וואָס האָבן אונדז אָפּגעפירט אין האָטעל.

מיר האָבן קוים באַוויזן זיך אָפּצוואַשן און זיך איבערצוטון, איז אונדזער דירעקטאָר געקומען צולויפן אַ פאַרסאָפּעטער:

— טאָוואַרישטשי! אין אַ מאַגאַזין איז דאָ צוקער!... קומט, וועלן מיר נעמען צו קילאָגראַם!...

פאַרן מאַגאַזין זענען געשטאַנען הונדערטער מענטשן. מיליץ האָט געהיט דעם אַריינגאַנג. איך האָב אַ קוק־געטון אויף דער מאַ־סע און נישט געגלויבט, אַז מיר זאָלן זיך אַריינבאַקומען. אָבער פּלוצלונג איז אונדזער דירעקטאָר אויסגעוואַקסן אויף אַ טיש, גע־נומען וואַרפן מיט די הענט און האַלטן אַ רעדע:

— גראַזשדאַניע! טאָוואַרישטשי! — שרייט ער צו די געפרוי־רענע און הונגעריקע מענטשן אין דער ריי — אָט די מענטשן, וואָס איר זעט דאָ, זענען אַקטיאָרן, באַפרייטע פון דער קנעכטשאַפט אין פּאַנסקן פּוילן. במשך פינפאונצוואַנציק יאָר האָבן אָט די קינסטלער אין פּוילן נישט געזען נישט קיין צוקער און נישט קיין פּוטער! לאָ־

מיר זיי אויפנעמען מיט סאָוויעטישער גאַסטפֿריינטלעכקייט און אויס־שטרעקן זיי אַ ברידערלעכע האַנט! לאָמיר זיי אַריינלאָזן אין מאַגאַזין, אָן אַ ריי, און זאָלן זיי פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון אַ סאָוויעטיש שטיקל צוקער! הוררא, טאָוואַרישטשי!

און דער געפּרווירעגער, הונגעריקער עולם האָט אַן אומצופֿרי־דענעם, פֿאַרזשאַווערטן בורטשע־געטון:

— הוררראַאַאַ!

מיר האָבן אַראָפּגעלאָזן די קעפּ פֿון בושה. מיט אַ ביטערן שולדי־קייטס־געפֿיל זענען מיר אַדורך דעם הונגעריקן עולם און אַריין אין מאַגאַזין, נעמען סאָוויעטישן צוקער...

⁂

מינסק...

צום צווייטן מאָל בין איך שוין דאָ אַ פּליט.

מיט צוואַנציק יאָר צוריק, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָב איך שוין דאָ פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון היימלאָזיקייט, הונגער און טיפֿוס.

און אין יענער טיפֿוס־עפּידעמיע איז מיין טאַטע געשטאָרבן און מיין מאַמע איז געבליבן אַ יונגע אלמנה מיט פיר קליינע יתומים. איך בין נאָך קיין צען יאָר נישט אַלט געווען און מען האָט מיך נישט מיטגענומען צו דער לוויה. האָב איך זיך אַרומגעדרייט אַליין, אַן אָפּגעריסענער און אָפּגעשליסענער, אויפֿן גרויסן הויף פֿון „קוי־דענאָווער שטיבל", וווּ מיר האָבן געוווינט און נישט געפֿילט דעם ערב־פּסחדיקן פֿראָסט. דאָס הערצל איז מיר געווען פֿאַרקלעמט, די ציינדלעך — פֿאַרשטשעמעט און די אויגן — טרוקן. איך האָב זיך אַליין דאַן פֿאַרהאַסט און פֿאַרשאָלטן דערפֿאַר, וואָס איך קאָן נישט וויינען. ווי אין דעם פֿראָסט וואָלטן געפֿרוירן־געוואָרן מיינע טרערן־קוואַלן. איך האָב זיך פֿאַר מענטשן געשעמט: אַ יתום, דעם טאַטן פֿאַרלוירן און — וויינט נישט! שכנות האָבן מיך געוואָלט טרייסטן, מכבד־זיין מיט ברויט און פֿאָווידלע, אָבער איך האָב נישט געגנו־מען, כאָטש איך בין געווען מוראַדיק־הונגעריק. איך האָב געטראַכט וועגן טויט: ווען עס וואָלט איצט נישט געווען אַזאַ פֿראָסט, וואָלט איך געוואָלט שטאַרבן. עס האָט מיר אויסגעזען צו־שרעקלעך, צו ליגן אין קבר, אין אַזאַ פֿראָסט, אָן אַ מאַנטל אַפֿילו...

מיט צוואַנציק יאָר צוריק... וויפֿל טייכן יידיש בלוט זענען פֿאַר דער צייט אָפּגעפֿלאָסן? — און עס שטייט מיר נאָך איצט אַזוי לע־בעדיק פֿאַר מיינע אויגן דאָס קוידענאָווער חסידים־שטיבל, דער הויף

און די שכנים (כמעט אַלע — ביעזשענצעס, פּליטים), די באַרג־אַראָפּיקע גאַס פון איין בריקל צום אַנדערן, ווו עס פלעגט גיין די „קאָנקע״. (טראַמוויי־וואַגאָן אויף שינעס, געשלעפּט דורך פערד). און פונקט קעגנאיבער אונדזער טויער פלעגן טאַקע די פערד פּאַלן און דער וואַגאָן פלעגט אָפּט אַרויס פון די שינעס. און קעגנאיבער אונדזער טויער איז געווען אַ בלוי־געמאָלענע מויערוואַנט און אי־בער דער וואַנט — אַ גרויס הויז מיט אַ סך קראַטן. אַן אומהיימלעך הויז מיט קראַטן, דורך וועלכע מען פלעגט זען פּאַרקרימטע גע־שפּענסטער־פּנימער, וואָס פלעגן לאַכן, אַרויסשטעקן צינגער, מיאַו־קען, בילן און הירזשען. דאָס הויז האָט געהייסן „באָלניצע״ און דאָרט איז געווען דער מינסקער משוגעים־שפּיטאָל. ביי יענער בלוי־ער וואַנט האָבן די „עמלקים״ געפירט מלחמה קעגן די קינדער פון דער „מחנה ישראל״. זיי האָבן געוואָרפן אויף אונדז שטיינער און געשריען „ביילים!״ און מיר האָבן צוריק געוואָרפן שטיינער און געשריען „מאַצאַך!״. דורך דער גאַס פלעגן אויך אַדורכגיין די „פּאָ־כאָראָנעס״, אויף וועלכע יידישע קינדער טאָרן נישט קוקן, נאָר באַ־האַלטן־זיך הינטערן טויער.

מיין גאָט! ווי פריש אַלץ העלט אין מיין זכרון! אַפילו דער נאָמען פון דער גאַס, וואָס איך האָב שוין צוואָנציק יאָר נישט דער־מאָנט און געמיינט, אַז איך האָב אים שוין פאַרגעסן... — אָט איצט איז ער מיר אַזוי היימיש־באַטעמט אויפן גומען געקומען: אוליצאַ אַלעקסאַנדראָווסקאַיאַ...

„אַלעקסאַנדראָווסקאַיאַ״ האָט אונדזער גאַס נאָך געהייסן אַפילו דאַן, ווען מיין אומגליקלעכע מאַמע, די פאַרצווייפלטע יונגע אלמנה, האָט געיאָמערט איבער אַ באַרג ווערטלאָזע קערענסקי־באַנקנאָטן, וואָס דער טאַטע, ע״ה, האָט איבערגעלאָזן ירושה...

איך מוז איצט גיין אַהין, צו יענער גאַס, צו יענעם הויף, צום קוידענאָווער חסידים־שטיבל. אָבער ווי הייסט היינט די גאַס, וואָס האָט מיט צוואָנציק יאָר צוריק, געהייסן „אַלעקסאַנדראָווסקאַיאַ״? —

איך פרעג עס ביי דעם פּאָרטיער פון האָטעל, גיט ער אויף מיר אַ פאַרדעכטיקן בליק און ענטפערט איילִיק און אומצופרידן:

— ניע זנאַיו! — איך ווייס נישט.

גיי איך אַרויס אויף דער גאַס און פרעג נאָך ביי עטלעכע מענטשן. אַלע קוקן זיי מיך־אָן פאַרדעכטיק און ענטפערן איילִיק. אָפּפטורנדיק:

— ניע זנאַיו!

פרעג איך שוין מער נישט קיינעם און גיי מיר ווייטער. עס ציט מיך צום הויף פון מיין יתומדיקער, באָרוועסער און הונגעריקער קינדהייט. איך ווייס נישט, ווי מיין מאַרגן וועט אויסזען, אָבער איך וויל כאָטש נאָכאַמאָל אַ קוק־טון אויף מיין טרויעריקן נעכטן. איך בין גרייט די גאַנצע שטאָט אויסצושפּאַנען, ביז איך וועל מוזן גע־פינען מיין גאַס!

איך גיי און... עפּעס אַ פאַרשאָלטענע געוווינהייט האָב איך לעצטנס באַקומען: זינגען...

מיין ווייב, די זינגערין, זאָגט, אַז איך בין טויב ווי די וואַנט. און עס איז טאַקע אמת. איך זינג פאַלש ווי די עבודה־זרה. און די שוואַרצע קראָ אויפן ווייסן קוימען האָט אַ שענערע שטימע פאַר מיינער. און דאָך, זינגט זיך עס קעגן מיין ווילן:

וווּ איז דאָס געסעלע?

וווּ איז די שטיב?

וווּ איז דאָס מיידעלע,

וואָס איך האָב ליב? — — —

אָבער באַלד כאַפּ איך זיך: אידיאָט! וואָס פאַר אַ שייכות האָבן די לעצטע צוויי שורות מיט דיר? ווו האָסטו דאַן געליבט אַ מיי־דעלע? אַז מיט קיין מיידעלעך און מיט קיין קעץ האָבן זיך חדר־ייִנגלעך גאָר נישט געטאָרט שפּילן! אַ חדר־ייִנגל, וואָס שפּילט־זיך מיט מיידעלעך, אָדער מיט קעץ, קריגט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ און קאָן קיין תורה נישט לערנען! — האָבן מיר אויף די קעץ געוואָרפן שטיינער און אויף די מיידעלעך — שטעכעדיקע תשעה־באָב־בערע־לעך, וואָס פלעגן זיך פאַרפּלאָנטערן אין זייערע האָר... מיידעלעך גאָר! אָבער וווּ איז דאָס געסעלע? וווּ איז די שטיב? און וווּ איז דער בית־עולם מיט מיין טאַטנס קבר? — אַ פאַרוואָגלטער זון וויל גיין אויף קבר־אבות, נאָך צוואַנציק יאָר.

איך גיי איבער די גאַסן, ווי אין חלום. ווי אַ לונאַטיקער גיי איך. איך קוק אויף די טראַמוויי־שינעס, וואָס קירעווען זיך־אויס צו אַ הילצערנער בריק, איבער אַ טייכל. און מיר דאַכט־זיך, אַז די בריק און דאָס טייכל זענען מיר באַקאַנט, אַז דורך דעם וועג פלעג איך לויפן אין חדר־אַריין... און אפשר איז טאַקע איבער די זעלבע טראַמוויי־שינעס אַמאָל געפאָרן די „קאַנקע”? אפשר איז דאָ, רעכטס, באַרג־אַרויף, די אַלעקסאַנדראָווסקאַיאַ?...

זע נאָר, זע, וואָס פאַר אַ גרויס און שיין געעשפט! אַ פּראַכט וואָס שטייט דאָ אויף דער שילד? — „א־ו־נ־י־ו־ע־ר־מ־א־ג". אַהאַ,

אַן אוניווערסאַלער מאַגאַזין, הייסט עס. און עס איז דאָך דאָ טאַקע פאַרהאַן פון כל־טוב! גיב טאַקע אַ קוק: די שויפענצטער זענען שפעדיק אָנגעלייגט מיט פּראָדוקטן, קיין עין־הרע! און קיין קונים זענען גאָר נישטאָ! וואָס קען דאָס זיין? אפשר נעמען זיי דאָ צו־טייער? זע נאָר, אויף טשיקאַוועס, וואָס אין איין פענצטער בלויז טוט־זיך: טאָרטן און געפלאַכטענע חלות! פעסלעך פּוטער און הויכע שפּיציקע „היטלען" האַרטע צוקער. ריזיקע רעדער שווייצערקעז, ריזיקע געווענדזלטע פישן, רויטער לאַסאָש און ווייסע „ביעלאַרי־ביצאַ", הינער, גענדז, וווּרשט און שינקע. ממש די פּעטס קאַפּיעט פון זיי. פּליטקעס שאָקאָלאַד, שאַכטלעך סאַרדין, פּעקעלעך טיי, קאַ־ווע און קאַקאַאָ. און סיגאַרעטן פון כל־המינים: „קאַזבעק", „ביעלאָ־מאָרקאַנאַל", „סעווערנאַיאַ פּאַלמיראַ", „קראַסנאַיאַ זוויעזדאַ". און קיינער כאַפּט גאָרנישט! וואָס טוט זיך דאָ? נאָך וואָס־זשע האָבן מיר זיך עס נעכטן געמוזט שטופּן און הערן אַזאַ מיאוסע דרשה, ווען אַלץ ליגט דאָ אַזוי פראַנק־און־פריי? — אָט גיי אַריין און קויף וויפל דיין האַרץ גלוסט.

איך גיי טאַקע אַריין און מיין, אַז די פאַרקויפערין וועט זיך דערפרייען מיט מיר. ענדלעך זעט זי דאָך אַ קונה... אָבער זי קוקט גאָרנישט אין מיין זייט און גענעצט. אויסער איר איז, אין דעם ריזיקן מאַגאַזין, דאָ בלויז נאָך איין נפש: די קאַסירערין, וועלכע דרימלט ביי דער קאַסע.

— גראַזשדאַנעטשקאַ, — ווענד איך זיך צו דער פאַרקויפערין, אַ חנעוודיק יידיש מיידל — גיט מיר אַ פּידעלע פּאַפּיראָסן „קאַזבעק".

— נישטאָ, — זאָגט זי, נישט אומקערנדיק־זיך צו מיר.

— אין פענצטער ליגט דאָך...

— וווּ? — דרייט זי זיך שוין אויס און קוקט מיך־אָן נייגעריק.

איך ווייז איר אויף די צענדליקער פּידעלעך פּאַפּיראָסן אין פענצטער, לאַכט זי:

— איר זענט געוויס נישט קיין היגער...

— ניין.

— ניטאָ קען „קאַזבעק" — שמייכלט זי — דאָס איז בוטאַ־פאָריע...

— זאָל זיין „בוטאַפאָריע", אַבי פּאַפּיראָסן. איך וויל זייער רויכערן!

— אַז איר ווילט, נעמט... — לאַכט זי פון מיר.

גיי איך צו, טאַפּ־אָן און בלייב פאַרשעמט: דאָס זענען שטיק־לעך האָלץ! באַמאָלענע ברעטעלעך... און די חלה איז פּאָליטורט האָלץ

און די פוטער און די קעז, די סאַרדינען, פיש און ווורשט — אַלץ הילצערנע פּראָדוקטן, ווי קינסטלעריש־אויסגעאַרבעטע טעאַטער־רעקוויזיט.

איך ענטשולדיק־זיך, גיי אַרויס אַן אָפּגעגנאַרטער און קוק שוין אויף אַלץ מיט אַנדערע אויגן. אין אַלע מאַגאַזינען ליגן זיי, די באַ־מאָלענע, הילצערנע בוטאַפאָריעס און רייצן דעם אַפּעטיט פון די דורכגייער. אונדזער דירעקטאָר האָט שוין נעכטן יאָ געוווּסט, וואָס ער טוט!...

פון איין מאַגאַזין טראָגן איינצלנע מענטשן יאָ אַרויס פּעקלעך. איך פּרוּוו אַריינגיין, נאָר אַ מיליציאָנער ביי דער טיר לאָזט נישט. דאָס איז אַ געשעפט בלויז פאַר מיטאַרבעטער פון דער נ.ק.וו.ד.

גיי איך מיר ווייטער און ברום:

וווּ איז דאָס געסעלע?

וווּ איז די שטיב?

וווּ איז דאָס...

פּלוצלונג גיט זיך מיר אַ הוידע דאָס האַרץ און אַלע אינגעווייד. איך בלייב שטיין מיט ציטערנדיקע קניען אינמיטן פון אַ באַרג־אַרויפיקער גאַס, מיט טראַמוויי־שינעס ביי אַ האַלב־איינגעפאַלענעם מויער־פּלויט. אינווייניק שטייט אַ גרויס הויז מיט פאַרזשאַווערטע קראַטן!... נישט אַנדערש, דאָס איז מיין גאַס!...

עס גייט פאַרביי אַן אַלטער ייִד און איך פרעג אים:

— זייט מוחל, פּעטער...

— האַ? — מאַכט ער אַ דערכעלע איבערן לינקן אויער.

— פּעטער... דאָס הויז מיט די קראַטן, איז נישט געווען אַמאָל אַ באַלניצע?

— האַ? יע. עס איז היינט עיך אַ באַלניצע.

— און די גאַס, פּעטער... האָט זי נישט געהייסן אַמאָל אַלעק־סאַנדראָווסקאַיאַ?...

— האַ? דאַכט־זיך, אַז יע. טאַקע אַזוי געהייסן אַמאָל.

— און דאָ איז געפאָרן די „קאָנקע״?...

— יע, יע, דאָ איז זי געפאָרן אַמאָל.

— איז דאָך דאָ ערגעץ געווען אַמאָל אַ קוידענאָווער חסידים־שטיבל. אפשר ווייסט איר ווו.

— האַ? אָט דאָ וווּ איר שטייט... אויף דעם הויף טאַקע...

— אַ יישר־כּוח אייך פּעטער!...

— האַ? ניטאָ פאַרוואָס.

⁂

אַ חלום איז עס געווען. נישט אַנדערש, נאָר איך האָב אָפּגע־חלומט אַ לאַנגן און לאַנגווייליקן חלום פון אַרומוואַלגערן־זיך צוואַנציק יאָר איבער שטעט און שטעטלעך פון פוילן, פון לערנען אין ווילנער ראַמיילעס־ישיבה און עסן טעג, פון הונגערן איז וואַרשע און שרייבן לידער... אַ חלום פון ווערן דערוואַקסן, פון ווערן אַ מאַן, פון ווייניק ליבע און אַ סך עלנט, פון ווייניק פרייד און אָן אַ שיעור יסורים. און פאַרענדיקט האָט זיך דער קאָשמאַר מיט ווידער מלחמה, ווידער גרענעצן, ווידער פליטים־היימלאָזיקייט און נע־ונד.

און איצט האָב איך געעפנט די אויגן, ווי נאָך אַ לאַנגן און אומרואיקן שלאָף, נאָך וועלכן מען שטייט־אויף נישט־אויסגערוט, נאָר מיד און צעבראָכן. אַ וויסטער חלום איז דאָס אַלץ געווען! איך בין דאָך צריק אויף דער ערד... צריק אויפן הויף פון קוידע־נאָווער שטיבל אין מינסק, אויף דער אַלעקסאַנדראָווסקע גאַס!...

קען זיין, אַז דערפאַר, וואָס בעת מיין לאַנגן שלאָף בין איך גרעסער־געוואָרן, — זעט מיר איצט אויס דער הויף און דאָס שטיבל פיל קלענער... אָבער אַלץ איינס: עס איז דער זעלבער הויף און דאָס זעלבע שטיבל. עס האָט זיך דאָ גאָרנישט געענדערט פאַר דער צייט. אָבער טאַקע ממש גאָרנישט! די זעלבע גרוב, וווּ מען גיסט די פאָמעשאָפּן, דער זעלבער היימישער רינשטאָק מיט די גוט־באַקאַנטע ריחות, די זעלבע אָפּטריטן דאָרטן, אין סאַמע עק. פון איין זייט — „פיר מוזשטשינעס" און פון דער אַנדערער זייט — „פיר זשענשטשינעס", וואָרעם קיין טירן צום פאַרמאַכן זענען קיינמאָל נישט געווען און זיי זענען איצט אויך נישטאָ. דאָס זענען צונויפגע־קלאַפּטע ביידלעך האַלב פון בלעך און האַלב פון ברעטלעך באַ־שמירט מיט סמאָלע. און פון אויבן, אויף די שיפּע דעכלעך — לאַנ־גע קוימענס. דורות־לאַנג שטייען זיי שוין אַזוי, אַט־אַט־איינצופאַלן און, פאַלן נישט איין!... און אָט איז דאָך דער זעלבער באַרג פון געלן זאַמד, אין דער רעכטער זייט. אמת, דער הויכער באַרג איז מיר אויך עפּעס נידעריקער און קלענער געוואָרן אין מיינע אויגן, אָבער דאָך, — מיין אַלטער „אררט" אויף וועלכן מיר פלעגן אַרומ־זוכן רעשטלעך פון נחס תיבה און געפינען גאָר — מענטשלעכע ביינער!...

מען האָט דערציילט, אַז מיט אַ סך יאָרן און יאָרן צוריק, איז דאָ געווען אַ „קלאַדבישטשע" (קריסטלעך בית־הקברות). דער געדול־דיקער באַרג, וואָס האָט געטראָגן אויף זיין קאַרק די קונדסים פון

דער גאַנצער געגנט און געגעבן זיי אַ וועלט מיט פרייד, — האָט איך נוצן־געבראַכט די דערוואַקסענע: ער האָט געגעבן זאַמד צום שייערן טעפּ און צום באַשיטן די געוואַשענע פּאָדלאָגעס סיי אין די שטיבער און סיי אין שטיבל. ער האָט געגעבן זאַמד צום באַשיטן די טראָטוואַרן מיט שניי און אייז, אַז מען זאָל נישט אויסגליטשן־זיך און ברעכן האַלדז־און־נאַקן. ער האָט געגעבן זאַמד פאַרן עופות־שוחט און פאַר די קעסטלעך מיט יאָרצייט־ליכט, איבערהויפּט — ערב יום־כיפּור. זאַמד אַריינצושיטן צווישן די ווינטערדיקע טאָפּל־פענצטער, ווו מען פלעגט אָנשטעלן קאָלירטע צאַצקעס, אָדער חנוכּה־ליכטלעך און זאַמד פאַר די הילצערנע, דרייקאַנטיקע שפּיי־קעסט־לעך... און ווען נאָר מען האָט געגראָבן אין דעם באַרג, האָט מען געפונען מענטשלעכע שאַרבנס, סקעלעטן, קנאָכנס פון הענט און פיס. אָבער מיר, קינדער, זענען סיי־ווי זיכער געווען, אַז דאָס זע־נען די ביינער פון שם, חם ויפס, אָדער פון די דערטרונקענע בעתן מבול, מענטשן, בהמות און חיות...

יאָ, און איצט פאַרשטיי איך שוין, פאַרוואָס איך האָב באַלד נישט דערקענט דעם הויף און געדאַרפט פרעגן אַ פרעמדן יידן: די טויערן זענען דאָך נישטאָ! די אומגעהייער־גרויסע, אומגעהייער־שווערע, מאַסיוו־דעמבענע טויערן! ווו זענען זיי? —

איין טויער־פליגל אָזאַ האָבן צוויי געזונטע פויערים געמוזט עפענען, אָדער אַ האַלבער מנין יידן... און אַלע האָבן דאָ פאַרזשאַ־ווערט געקרעכצט, סיי די פויערים, סיי די יידן און סיי די טויערן. די פויערים האָבן געשפּיגן און געשאָלטן, די יידן האָבן געשריען אין כאָר „דאַוואַי יעשטשאָ, דאַוואַי!" און די טויערן האָבן גע־סקריפּעט און געגרילצט...

אויסער אַ שליטן האַלץ צום הייצן, אין די גרויסע פרעסט, געדענק איך נישט מער קיין איין פריילעכן פאַל, צוליב וועלכן מען זאָל האָבן די טויערן געעפנט. און געעפנט האָט מען דאָך זיי אַזוי אָפט, אוי, שוין צו־אָפט: פאַר די אַמבולאַנסן פון דעם טיפוס־שפּיטאָל, פאַר די שוואַרצע לוויה־וואָגנס, פאַר די פויערישע ווע־גענער מיט פריש־געבראַכטע פליטים, פאַר רייטער מיט ביקסן און שווערדן, וואָס פלעגן קומען אַרעסטירן צעשראָקענע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך באַהאַלטן אויפן בוידעם, און פאַר די „גאָלד"־פירער מיט די לאַנגע און שמאָלע פעסער.

און בלויז צוויי מאָל האָט מען די טויערן געעפנט פאַר אונדזערט־וועגן: פאַר מיין טאַטנס לוויה און פאַר אונדזער לוויה. יאָ, אונדזער

אָפּפאָרן איז אויך געווען אַ לוויה. דער גאַנצער הויף פּליטים־שכנים זענען נאָכגעגאַנגען אונדזער פורל מיט אַ יללה, ווי מען וואָלט אונדז געמאַכט אַ לעבעדיקע לוויה, ווי מען וואָלט אונדז אַרויס־באַגלייט צו אַ בית־עולם.

אָבער דאָס געהער דאָך שוין צום חלום... וואָרעם איך בין דאָך גאָר קיינמאָל פון דאַנען נישט אַוועקגעפאָרן. אָט נעכטן ערשט האָט דאָך ר׳ ברוך דער אויבער־שמש אַוועקגעשטעלט מיך מיט מיין ייִנ־גערן ברודערל, זייט־ביי־זייט, אויף אַ באַנק אין שטיבל און מיר האָבןביידע געזאָגט קדיש... מיין ברודערל האָט נאָך געקוקט אין סידורל אַריין און מען האָט אים קוים געהערט. אָבער איך האָב געוווּסט, אַז די מאַמע שטייט אין דער געעפנטער טיר, מיט אַ פּאַר־דעקטן קאָפּ, און הערט, — האָב איך געזונגען מיין קדיש הויך און דייטלעך. אַלע איבעריקע ייִדן האָבן געזאָגט מיט כוונה „אָמן!״ און מיין מאַמע האָט אַרויסגעלאָזן אַ קוויטש און אַ יאָמער. דאַכט־זיך, אַז איך האָב גאָרנישט שלעכט געזאָגט דעם קדיש, זיך קיין איין מאָל נישט פאַרהאַקט. געקענט אויסנווייניק, ווי אַ וואַסער! פון דעסטוועגן האָט זי געחלשט. ווייבער האָבן זי געלייגט אין בעט, געמינטערט און אָנגעגליט פייערדיק־רויטע שטאַרצן, אין שוואַרץ־פאַרסמאַליעטע שמאַטעס און זי געלייגט צום בויך, צו אי־רע גאַל־שטיינער. אין אירע יסורים, האָט זי נאָך אינזינען געהאַט צו בעטן אַ שכנה, אַז מען זאָל אונדז געבן עפּעס עסן. די מאַמע...

ווו איז זי איצט, די מאַמע? אפשר וועט זי באַלד אַ רוף־טון מיט איר קלינגענדיקער שטימע: „איצעלע, קום עסן!״? — עס ציט דאָך מיר טאַקע ביים האַרץ. און דער באַליבסטער מאכל, וואָס די מאַמע גיט אונדז, איז אַ לחמא ראַזעוואַנע ברויט, באַנעצט מיט טיי־סענץ און באַשאָטן מיט מעלעך־צוקער... מיט דער לחמאָ ברויט אין איין האַנט, לויף איך נאָך מיין חבר בערעלען און האַלט מיט דער צווייטער האַנט אַ שפּיץ פון זיין העמדל, וואָס שטעקט־אַרויס פון זיינע צעריסענע הויזלעך. מיר שפּילן־זיך אין „פערדלעך״ און לויפן איבערן „אררט״ באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ... „ניאָ־וויאָ!״...

אויפן הויף הערט מען גוט, ווען מען שטעלט זיך אין שטיבל מנחה דאַווענען און איך וועל מיין קדיש־זאָגן נישט פערשפּעטיקן.

אָבער ווו איז עפּעס בערעלע? ווו זענען אַלע קינדער? ווו איז מיין ברודערל, מיינע שוועסטערלעך? וואָס איז דאָ היינט אַזוי פּוסט און טרויעריק? איז דען ווידער געווען אַ לוויה? אָדער האָט דער־אַמבולאַנס ווידער אַוועקגענומען אַ משפחה טיפוס־קראַנקע? —

נישטאָ זיך מיט וועמען צו שפּילן. איך וועל גאָר אַריינגיין אין שטיבל, נעמען אַ סידור, זיך אַוועקזעצן ביים גרויסן, גרינעם, איי־זערנעם אויוון, וועל אויפמישן תהילים און זאָגן ביז מנחה. איך וועל אָפּדאַווענען מיטן ערשטן מנין און אָפּזאָגן קדיש.

— גראַזשדאַנין, קאַווֹאָ ווי אישטשיטיע? — בירגער, וועמען זוכט איר?

איך קוק־אָן דאָס יונגע ווייבעלע מיט די גרינע אַגרעס־אויגן און מיטן טיפן גריבעלע אינמיטן פון דער גאָמבע און איך קאָן נישט פאַרשטיין: פאַרוואָס האָט זי זיך איבערגעטון אין אַ מומעס אַ לאַנג קלייד און שיך מיט הויכע אָבצאַסן? ווי אַזוי האָט זי דאָס באַקו־מען אַזאַ פולן, רייפן בוזעם און אַזעלכע דאַמיש־פאַרשווירענע האָר? — אָט די גרינע אויגן און דאָס גריבעלע אין דער גאָמבע געהערן דאָך גאָר צו אַ קליין, פאַרראָצט מיידעלע, באַשעלע, מיט לאַנגע, טונקל־בלאָנדע צעפּלעך און לאַנגע באַרכאַנענע מייטקעלעך פון אונטער אַ קורצן קליידעלע אַרויס. בערעלעס יינגערע שוועסטערל איז דאָך עס! רויטע זעקלעך האָט זי געטראָגן און רויטע לענטעס אין די צעפּלעך...

— וועמען זוכט איר דאָ, בירגער? — פרעגט זי ווידער.

— דעם נעכטיקן טאָג, בירגערין...

— איר וועט אים נישט געפינען...

— איך האָב אים שוין געפונען, באַשעלע...

— וואָס? איר קענט מיך? פון וואַנען ווייסט איר ווי איך הייס? — וווּנדערט זי זיך.

און מיך וווּנדערט, פאַרוואָס זי וווּנדערט־זיך.

— ווער־זשע זענט איר אַזוינער?...

— וואָס? דו דערקענסט מיך טאַקע נישט, באַשעלע?...

— צום באַדויערן... ניין... פון וואַנען דען?

— פון דאַנען טאַקע... איך בין דאָך איצעלע... ווו איז דיין ברודערל?

— וועלכער?

— וואָס הייסט, וועלכער? מיין חבר בערעלע... מיט די גרינע סאַמעטענע הויזעלעך, מיט אַ שפּאַלט פון הינטן...

— איר זענט אַן אויסטערלישער מענטש!

— פאַרוואָס? הייסט דען נישט דיין ברודערל — בערעלע?

— יאָ. אָבער וואָס פאַר אַ סאַמעטענע הויזעלעך מיט אַ שפּאַלט?...

באַריס איז אַן אינזשיניער! ער אַרבעט אין אַ גרויסן זאַוואָד. ער דאַרף באַלד קומען.

— אַזוי... אַן אינזשיניער אין אַ גרויסן זאַוואָד? בערעלע? באַ־ריס... און איך האָב געמיינט, אַז מיר וועלן זיך דאָ באַלד שפּילן אין „פערדלעך”...

— איר זענט באמת אַ קאָמישער מענטש!...

— ניין, באַשעלע, שוין גאָרנישט קיין קאָמישער! אוי, ווי נישט קאָמיש! און דאָ, אין דעם באַרג „אררט” געפינט מען נאָך מענטש־לעכע ביינער פון נחס צייטן?...

— איך ווייס נישט, צי איר שפּאַסט, אָדער...

— ניין, איך שפּאַס נישט, באַשעלע... עס איז מיר אומעטיק און דאָס איז אַלץ... איך זע נישט קיינעם פון מיינע חברים, פון מיינע באַקאַנטע...

— איר זענט דען אַ היגער?... לויטן אויסזען, — אַן אויס־לענדער...

— צי איך בין אַ היגער? וואָס פרעגסטו, באַשעלע? אַוודאי אַ היגער! און פאַרוואָס אירצסטו מיך? זאָג מיר „דו”, ווי אַלעמאָל... אַן אויסלענדער, האָסטו געזאָגט? — אין חלום, באַשעלע, בין איך געווען צוואַנציק יאָר אין פּוילן. אָבער אַט בין איך דאָך צריק אינ־דערהיים...

— ווו איז אייער היים?

— נו, דאָ. עס איז דאָך אונדזער הויף...

— הערט, בירגער! ווען איר וואָלט נישט געוווּסט מיין נאָ־מען, וואָלט איך אייך אָנגענומען פאַר אַ צעדרייטן און איך וואָלט מער מיט אייך נישט גערעדט... איר זענט מיר אינגאַנצן פרעמד. איך ווייס אַבסאָלוט נישט, ווער איר זענט! פאַרוואָס רעדט איר נישט קלאָר...

— באַליידיקסט מיך, באַשעלע. דו ווייסט דאָך, אַז אַ יתום טאָר מען נישט באַליידיקן. געדענקסט, ווען מיין טאַטע איז דאָ גע־שטאָרבן? אברהם־אהרן האָט ער געהייסן, זכרונו לברכה. אברהם־אהרן...

— אברהם־אהרן?

— יאָ. איך דאַרף טאַקע באַלד אַריינגיין אין שטיבל, קדיש זאָגן. וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? דו דערקענסט מיך טאַקע נישט? איך בין דאָך איצעלע אברהם־אהרנס... אַטאָ דאָ־אָ האָבן מיר דאָך גע־

וווינט, אין דעם שמשס חדרל... מיין מאַמען רופט מען מאַטליע... ביעזשענצעס געווען, בשכנות מיט אייך...

— אוי, אברהם־אהרן און מאַטליע! איך דערמאָן־זיך, יאָ, איך דערמאָן־זיך!... איר זענט אַוועקגעפאָרן צוריק צו די פּאָליאַקעס... איך געדענק... אָבער איר האָט זיך אַזוי געענדערט... אַזוי אויסגע־וואַקסן!...

— זיך געענדערט? איך בין שלעכט געשלאָפן, באַשעלע. אַ שלעכטער חלום האָט מיין פּנים פאַרקרימט און פאַרענדערט... אָבער אין שלאָף וואַקסט מען... דו ווייסט דען נישט? פרעג ביי אַלע קינדער, ווען זיי דיר זאָגן: ווען מען לייגט זיך שלאָפן, טאָר מען נישט האַלטן איינגעקורטשעט די פיסלעך. ווי קאַלט עס זאָל נישט זיין, מוז מען האַלטן די פיסלעך גלייך, אויסגעצויגן, — וואַקסט מען... איך האָב תמיד אינזינען־געהאַט, באַשעלע, און תמיד גע־האַלטן די פיס אויסגעצויגן...

— כאַכאַכאַ...

— יאָ, גלויב עס מיר. צוואַנציק יאָר האָב איך כמעט גאָרנישט געטון מער, ווי נאָר געוואַקסן... און איצט בין איך אַ גרויס קינד...

— טאַקע אַ גרויס קינד, אַ קאָמישער מענטש, כאַכאַכאַ... אַלע פּאָליאַקעס זענען עפּעס אַזעלכע קאָמישע מענטשן... אלע זענט איר עפּעס צעדרייטע, נישט מיט אַלעמען...

— אמת, באַשעלע. אלע זענען מיר צעדרייטע. קיינער פון אונדז איז דאָ נישט מיט אַלעמען... אָבער דאָס וואָס איר מיינט, אַז איר זענט דאָ יאָ „מיט אַלעמען", מאַכט אונדז נאָך טרויעריקער. באַ־שעלע, איך בין געשלאָפן גייענדיק, פאָרנדיק, וואַנדערנדיק. און דו ביזט אָפּגעשלאָפן צוואַנציק יאָר אָט אויף דעם הויף... אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. וויכטיק איז, אַז דו האָסט אויך געמוזט שלאָפן מיט אויסגעצויגענע פיסלעך, וואָרעם דו ביזט אויך אויסגעוואַקסן... דו ביזט געוואָרן, קיין עין־הרע, אַ שיינע באַרישניע...

— אַ באַרישניע, כאַכאַכאַ... איך האָב שוין צוויי קינדער!...

— ווי אַזוי?! באַשעלע?! דו ביזט דאָך נאָך אַליין אַ קינד! דיין מאַמע האָט געלאָזן?

— איר זעט דאָך, כאַכאַכאַ... אוי, וועט זיך די מאַמע מיט אייך דערפרייען!... אוי, וועט עס זיין פאַר איר אַן איבעראַשונג!... מיר וווינען צוזאַמען. זי האָט אייך אַ סך מאָל דערמאָנט... אייער גאַנצער פאַמיליע... אָבער וואָס שטייען מיר אויף דער גאַס? זע נאָר, אַזאַ גאַסט און איך שטיי מיט אייך אינדרויסן... ווער זאָל זיך עס

ריכטן ?... מאַטליעס זון... קומט אַריין, וועט איר אָנקוקן מיינע קינדער...

— ניין, באַשעלע. אַז דו זאָגסט מיר „איר", וועל איך נישט אַריינגיין. איך בין נישט געקומען צו קיין באַרישניעס און צו קיין ווייבלעך. אַזוי שעם איך זיך אַריינצוגיין. איך קען נאָר אַריינגיין צו בערעלען מיט די געשפּאָלטענע הויזלעך און צו באַשעלען מיט די באַרכאַנענע מייטקעלעך, וואָס זאָגן מיר „דו" און שפּילן זיך מיט מיר אין באַהעלטעניש...

— נו, זאָל זיין „דו", אַבי קומט אַריין!... מיר וועלן דאָך ביי־דע געפּרווירן ווערן, כאַכאַכאַ...

— טאָקע יאָ, דאָ בלאָזן שטאַרקע ווינטן. אָ, ווייל די טויערן זענען נישטאָ. באַשעלע, ווו זענען די גרויסע דעמבענע טויערן?

— שוין לאַנג נישטאָ. זיי האָבן זיך אָפּגעריסן און פאַריכטן האָט מען נישט געקענט. עס איז געווען ביי אונדז אַזאַ צייט, אַז מען האָט נישט געקראָגן נישט קיין זאַוויעסעס און נישט קיין טשוועקעס... האָבן זיך די טויערן געוואַלגערט אַזוי לאַנג, ביז מען האָט זיי צעהאַקט אויף האָלץ. יעדער שכן האָט אָפּגעהאַקט אַ שטיק און געהייצט זיין אויוון... אָבער ווי דו געדענקסט דאָס אַלץ!... אַ זכרון, קיין עין־הרע... נו, קום שוין אַריין, איצעלע מאַטליעס... אברהם־אהרנס זון... אַזאַ גאַסט!...

—אוי, יאָ! איך מוז דאָך נאָך פריער אַריינגיין אין שטיבל. מען וועט זיך דאָך באַלד שטעלן מנחה דאַוונען און איך דאַרף קדיש זאָגן.

— דו ביזט דען געבליבן אַ פרומער?...

— איך ווייס נישט. אָבער קדיש... אין קוידענאָווער שטיבל...

— וואָס פאַר אַ שטיבל? דאָ איז שוין לאַנג נישט קיין שטיבל... דאָ איז היינט אַ פאַבריק, אַן אַרטעל. דו זעסט דען נישט? דו הערסט דען נישט?...

יאָ, ערשט איצט האָב איך באַנומען דעם גערויש פון מאַשינען און דעם געלויף פון טראַנסמיסיע־פּאַסן. אַ שוידער איז מיר אַדורך איבערן לייב.

— איז וווּ־זשע דאַוונען די קוידענאָווער חסידים? אפשר אין דעם נייעם שטיבל?

— אין דעם נייעם שטיבל איז אַ תבואה־מאַגאַזין און קיין חסידים זענען שוין ביי אונדז לאַנג נישטאָ...

— דאַוונט מען, הייסט עס, אין שול, מיט די מתנגדים?

— אין שול ?... אין שול איז היינט אַ טעאַטער... דער מינסקער יידישער מלוכה־טעאַטער... און היינט שפּילן דאָרטן טאַקע פּאַ־ליאַקעס... דאָס הייסט, יידישע אַרטיסטן פון ביעלאַסטאָק. אַ מינ־יאַטור־טעאַטער...

— אַזוי... דאָס אמתע טעאַטער!.. שוין איינמאָל אַ טעאַטער!...

— מען זאָגט, אַז דאָס איז אַ פריילעכע פאָרשטעלונג...

— יאָ־יאָ, איך וועל דאָרט שוין היינט לאַכן מיט יאַשטשערקעס...

אין לענינגראַד

מיין שוועסטער איז קינדווייז אַראָפּגעפאַלן פון איין טרעפּל און געבליבן אַ הינקענדיקער אויף זיין גאַנצן לעבן.

אָבער זיין דריי־יעריק שוועסטערל איז געהאַט אַראָפּגעפאַלן פון אַ פערטן שטאָק און האָט זיך אַפילו נישט צעקלאַפּט...

אין דער משפחה פלעגט מען זאָגן, אַז די פּעטערבורגער מומע (זי האָט שפּעטער געוווינט אין פּעטערבורג) איז די אַנטדעקערין פון דעם פאַל־שירעם און טאַקע די ערשטע פּאַראַשוטיסטין...

געשען איז עס אַזוי:

ווען די מאַמע אירע איז געווען פאַרנומען מיטן ראַמען די שטוב, האָט זי זיך געשפּילט מיט אַ פּילקע. די פּילקע איז אַרויפ־געפאַלן אויפן פענצטער־פּאַראַפּעט, האָט זי זיך אַרויפגעדראַפּעט, אַ כאַפּ צו־טון. די מאַמע האָט נאָך באַוויזן אַ געשריי צו טון „בויג זיך נישט אַרויס!”, אָבער זי האָט נישט געפאָלגט און אַרויסגעפלאַ־טערט, מיט דער פּילקע צוזאַמען, דורכן פענצטער פון פערטן שטאָק. דורך אַלע פענצטער האָבן שכנים געגלאָצט מיט אָקסיש־אויסגעצ־שטאַרצטע אויגן און מיט אָפּגענומענעם לשון, — קיין קול נישט אַרויסצוברענגען. אַנדערע ווידער האָבן נישט געגלויבט, אַז דאָס פליט אַ קינד. דאָס היפּש־געפּאַלדעוועטע קליידעלע האָט זיך ברייט צעשפּרייט, ווי אַ שירעם און דאָס לייכטע נפשל האָט זיך שרויפּענ־ציעריש געדרייט אינדערלופטן, ווי אַ ליאַלקע, וואָס איז געשטאָפּט מיט וואַטע, אָדער מיט פּוך... ערשט ווען דאָס קינד האָט דער־גרייכט דעם אַספאַלט פון הויף און איז אַפילו נישט אומגעפאַלן, נאָר שטיין געבליבן אויף די פּיסלעך נעבן דעם מיסט־קאַסטן, — האָט זיך דער הויף צעשריען מיט באַנומענע קולות. פאַר אָט די קולות האָט זיך דאָס קינד זייער דערשראָקן. זי האָט פאַרשטאַנען,

אַז זי האָט עפּעס אָפּגעטון אַ שרעקלעכע זאַך. נישט געפּאָלגט דער מאַמען און זיך אַרויסגעבויגן פון פענצטער אויפן פערטן שטאָק. די מאַמע וועט באַלד אַראָפּקומען, וועט זי איר שלאָגן! — איז זי גע־לאָפן נאָך טיפער: זי איז אַראָפּגעלאָפן און האָט זיך באַהאַלטן אין טונקעלן קעלער...

אַ צווייט מאָל איז זי שוין געשפּרונגען דורך אַ פענצטער באַ־וווסטזיניק. דאַן איז זי שוין געווען אַ דערוואַקסענע און איז גע־שפּרונגען דורכן פענצטער פון אַ צווייטן שטאָק, ווען צעווילדעוועטע קאָזאַקן האָבן שוין געבראָכן די טיר פון איר צימער. דאַן האָט זי זיך יאָ צעקלאָפּט, אָבער נאָך געהאַט גענוג כוח, זיך אַרויפצוכאַפּן אויף אַ קאָזאַקס פערד, אַדורכרייטן דורכן פייער פון די פּאָגראָמ־שטשיקעס און, אין גאַלאָפּ, אַנטלויפן און זיך ראַטעווען פון דער באַדראָטער געגנט.

און נאָך פלעגט מען אין שטוב דערציילן וועגן דער לעגענדאַ־רער „פּעטערבורגער מומע״: אַז זי איז אויסערגעוויינלעך שיין, אויסערגעוויינלעך געבילדעט און אויסערגעוויינלעך רייך. אַלץ איז ביי איר געווען אויסערגעוויינלעך: דער פּאַלאַץ, דאָס פּאַרמעגן, די קאָטשן, דינסטן און לאַקייען. אַפילו אַ בריוו אירער פון פּעטערבורג איז תמיד געווען אַן אויסערגעוויינלעך געשעהעניש אין דער משפּחה.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען, כל־זמן פּעטערבורג האָט געהייסן „פּעטערבורג״. ווי נאָר פּעטערבורג איז געוואָרן לענינגראַד, האָט מען שוין מער פון דער לעגענדאַרער מומען נישט געהערט.

און ווען מיר זענען איצט געקומען קיין לענינגראַד, האָבן מיר נישט נאָר נישט געהאָפט זי צו באַגעגענען, נאָר בכלל זי געהאַט פאַרגעסן.

אַז מען האָט שוין יאָרן נישט געוווּסט פון איר עקזיסטענץ!...

***

אומעטיקער פרילינג אין אומעטיקן לענינגראַד.

אַזאַ אומעט פילט מען אין הייזער פון יורדים, ווו מען האַלט זיך נאָך מיטן יחוס און מען האָט שוין לאַנג נישט קיין לייטישן בגד, אין גאַס אַרויסצוגיין... ווו עס בלייבט אומהיימלעך דאָס טיי־ער ירושה־געפּעס און געשיר, וואָס איז שוין פון לאַנג פאַר קיין מאָלצייט נישט גענוצט־געוואָרן. און ווו אַפּאַטישע הענט לייגן זיך נישט מער צו די קלאַווישן פון ברוגזן פּאַרטעפּיאַן. ווו מען רעדט געדעמפּט און,ביים מוטנעם שיין פון אַראָפּגעלאָזענע שטאָרן, ציילט מען די חובות, די גרויע האָר און די קנייטשן אויפן שטערן...

אומעטיקער פרילינג אין אומעטיקן לענינגראַד. —

עס איז נאָר־וואָס פאַרענדיקט געוואָרן די מלחמה מיט פינ־לאַנד, וואָס האָט אָפּגעקאָסט אומצאָליקע קרבנות, מערסטנס — גע־פרווירענע אין די דאָרטיקע פרעסט. לענינגראַד האָט איצט צענדליקער מיליטערישע שפּיטאָלן, ווו טויזנטער אינוואַלידן באַזינגען און באַ־קלאָגן, באַזויפן און באַוויינען זייערע אַמפּוטירטע הענט און פיס. זייערע כאָראַלע געזאַנגען וויגן אין זיך דעם אומעט נישט בלויז פון לענינגראַד, נאָר פון דעם גאַנצן רויטן זעקסט־חלק פון דער ערד.

שטיל איז אויף די גאַסן פון לענינגראַד. נאָך שטילער, ווי אין שטילסטן פוילישן פּראָווינץ־שטעטל.

דער מיליציאָנער מיטן ווייסן היטעלע, ווייסע אַרבל און ווייסן שטעקעלע, וועלכער שטייט אויף דער קרייצונג פון די רחבותדיקע הויפּט־גאַסן, — ער קוקט אויף די ווייטע, אויסגעליידיקטע אַספאַלטן און געגעצט. ער וואַרט אויף אַן אויטאָ, כדי אַ ווייז צו־טון מיטן שטעקעלע און „לייטן" מיט דער „באַוועגונג"...

די מאַסיווע הייזער מיט די ברייטע איינגאַנגס־טרעפּ, שטאָלצע זיילן און געשניצטע קארניזן, די פּאַלאַצן און פּאַלאַצעלעך, ווו עס האָט געררוישט אַמאָל אַן אימפּעטיק־סוחריש און פאַרשווענדעריש־הולטאַיש לעבן, — זיי שטייען איצט שטום און גרוי און אויסגע־לאָשן, ווי לוטס ווייב אין סדום, וואָס איז פאַרזאַלצן און פאַרשטיי־נערט־געוואָרן לעולם־ועד.

„יאַמשטשיק, ניע גאָני לאָשאַדיעי!"... ווו ביזטו, יאַמשטשיק? ווו זענען די לאָקייען, די קוטשערס, די קאַטשן, די „טראָיקאַ'ס", די איזוואָשטשיקעס און די שליטעלעך, וואָס פלעגן פירן צו די קאָ־באַרעטן מיט ציגיינער־מוזיק און ציגיינערינס־זינגערינס, טענצע־רינס און הייסע ליבהאָבערינס פון בורזשואַז־פאַרשווענדערישע הול־טייעס?... — בלויז אין דער ליטעראַטור זענט איר געבליבן, אין מעשיות און אין לידער...

שטיל איז אויף די גאַסן פון לענינגראַד. די מענטשן אויף די טראָטואַרן גייען אין לייוועגטענע שטיוול מיט גומענע זוילן, אין לעדערנע שטיוול אָן זוילן, אין סאַנדאַלן מיט אויסגעשניטענע זוילן פון צעריסענע אויטאָ־אָפּאָנעס, אין קאַלאָשן און אין געשטריקטע שטעקלאַטשן. דעריבער הערט מען כמעט נישט דעם שאָרך פון זייערע טריט. זעט עס אויס, ווי ערגעץ וואָלט געלעגן אַ מסוכן־

קראַנקער, ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט איין שפּיטאָל געווען און מען מוז דעריבער גיין אויף די שפּיץ־פינגער...

און נאָך אומעטיקער איז אין די אויסטערליש־העלע אָוונטן, אין די לענינגראַדער „ווייסע נעכט״.

נעכט? זענען דאָס נעכט? — מען צינדט דאָך גאָר קיין פייערן נישט אָן. ביז פאַרטאָג קענסטו זיצן אין פּאַרק, אָדער אין שטוב און לייענען אַ בוך, אָדער שרייבן בריוו, ביי דעם מילך־ווייסן, אומ־היימלעכן ליכט פון הימל.

די „ווייסע נעכט״ ציען־זיך ווי איין לאַנגע, זעקס־וואָכיקע ליקוי־חמה, וואָס נעמט־צו דעם שלאָף און די רו, נאָר נישט דעם חלום... — דו ווערסט אַליין אַ חלום, אָדער עפּעס אַ באַוועגלעכער סילועט אין מילכיקן נעפּל פון אומהיימלעכן חלום...

אין אַזעלכע נעכט קענסטו נישט איינזיצן אין דיין צימער. אַן אומהיימלעכקייט טרייבט דיך און אַן אומרו יאָגט דיך. דו וואָגלסט ווי אַ נאַכט־וואַנדלער און זוכסט און קאָנסט זיך אַליין נישט גע־פינען...

מעלאַנכאָליש זענען די רוסישע געזאַנגען פון די יונגע פּאָרלעך און אַזוי עלנט צאַפּלען־זיך זייערע פּאַרטלומעטע געלעכטערלעך אין די אומעטיק־שיינע לענינגראַדער, ווייסע נעכט — — — — — — —

אונדזער אַנסאַמבל שפּילט אין זומער־טעאַטער פון דעם „פּאַרק קולטורי אי אָטדיכאַ״.

דאָ ברענען יאָ עלעקטרישע לאָמפּן און רעפלעקטאָרן. אָבער זיי ברענען ווי אויף צו־להכעיס די ווייסע נעכט, ווי אויף חוזק, אויף לצנות. אָדער ווי אַ גאַסן־לאָמטער, וואָס מען האָט אָנגעצונדן אין אָוונט און פאַרגעסן אויסצולעשן אינדערפרי, — ברענט עס אַ גאַנצן ליכטיקן טאָג...

איך שטיי הינטער די קוליסן און קוק זיך־צו, פון דער זייט, צו דער פאָרשטעלונג. איך האָב אויך געפונען אַ לעכל אין אַ ברעט, דורך וועלכן איך זע דעם גאַנצן עולם אין זאַל און הער אַפילו די שמועסן פון די נאָענטע, ערשטע רייען.

אינדעם, קומט אַ בילעטן־קאָנטראָלער און גיט־איבער, אַז עמיץ וואַרט אינדרויסן אויף לאָלען.

לאָלאַ איז גרימירט און אָנגעטון אין איר בינע־קלייד. עס איז ערב איר אויפטריט און זי קאָן נישט אַרויסגיין. — גיי איך זיך דערוויסן, ווער דאָס איז און וועגן וואָס דאָ האַנדלט־זיך.

איך קום אַרויס אינדרויסן און דערזע, אין שאָטן פון געדיכטע

בוימער, לאָלעס פאָטער. ער איז אָן אַ היטל, מיט אַ צעפּאַטלטן ווייסן קאָפּ האָר!

עס גיט מיר אַ זעץ אין האַרצן: מיט אַזאַ אויסזען, מיט אַזאַ בלייכקייט און צעשויבערטקייט, אַנטלויפט מען פון אַ פּאָגראָם, פון אַ תפיסה, פון אַ דייטש־סאָוויעטישער גרענעץ!

אָבער ווי קומט מיין שווער פון וואַרשע, אַזש אַהער, קיין לע־נינגראַד? און וואָס טראָגט ער עפּעס אַזאַ משונהדיק־צעקנאָדערט קלייד? איז ער חלילה פון זינען אַראָפּ, וואָס?!

איך לויף־צו און איבערצייג זיך, אַז דאָס איז טאַקע אַ פרוי. אָבער אַ פרוי מיט אַ מענערישן פּנים, מיט מיין שווערס פּנים! ווי מיין שווער וואָלט זיך נאַריש געמאַכט לכבוד פּורים און זיך פאַר־שטעלט פאַר אַ נקבה... אָבער די דיקקייט אירע איז נישט פון קיין אונטערגעבעטע קישעלעך מיט האַנטוכער, נאָר טאַקע אַ ווייבערישע, קאָנוולסיוו זיך־צאַפּלענדיקע צעוּוירנקייט. און די שטימע איז אַ ווייב־ערישע, מיט אַ שטיקנדיק ספּאַזמאַטיש פלעגמעלע אין האַלדז.

— באַבושקאַ, דאָס האָט איר זיך געפרעגט אויף...

— איך, יונגערמאַן, איך. קען איך זי זען?

— יאָ, פאַרשטייט־זיך. נאָר עטוואָס שפּעטער. זי דאַרף באַלד אויפטרעטן אויף דער בינע. קען איך וויסן, וועגן וואָס עס האַנדלט־זיך?

— יאָ. מיר דאַכט־זיך, אַז איך בין אַ קרובה אירע, אַ מומע... אויב... אויב דאָס איז זי... שטאַמט זי נישט פון וואַרשע?

— יאָ, פון וואַרשע.

— און איר פאָטער? הייסט ער נישט שאול־נח? אַ ביסל אַ הינ־קענדיקער?

— יאָ, שאול־נח, אַ הינקענדיקער...

— ער לעבט?! — האָט זי אַ סקריפּ־געטון מיט אַן אָן־אָטעמ־דיקער הייזעריקייט, דורכשטעכנדיק מיך מיט איר שטאָלענעם בליק.

— יאָ. ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר...

— אוי! שאול־נח! אוי! ער לעבט! און דאָס איז טאַקע שפרה־לאָהלע, זיין טאָכטער!... אוי! אוי! אוי! — האָט זי זיך אַריינגע־שטעקט ביידע בלייכע הענט אין צעפּאַטלטן, ווייסן קאָפּ האָר, גע־אויקעט מיט אַ פאַרחלשטער שטים און, אַ צעטומלטע, אַ פאַרלוי־רענע, זיך גענומען אַרומדרייען אַרום זיך אַליין.

זי איז נאָך בלייכער געוואָרן. אירע גלאַנציקע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ גלעזערנער פאַרהויכטקייט. ווען איך כאַפּ זי נישט

אַרום, וואָלט זי זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד. זי האָט אַריבער־געוואָרפן אַ פּאָר שווערע, פאַרחלשטע הענט איבער מיינע אַקסלען און געבליבן הענגען אויף מיין האַלדז מיט איר גאַנצער צעיוירענער וואָגיקייט. איך האָב זי קוים דערשלעפּט צו אַ באַנק, באַשפּריצט מיט אַ גלאָז סאָדע־וואַסער, וואָס איך האָב אַרויסגעריסן ביי אַ קאָנסור־מענט נעבן אַ קיאָסק און זי אָפּגעמינטערט.

— שאול־נח לעבט... זיין טאָכטער... שפרה־לאָהלע... — האָט זי געלאַכט און געכליפּעט, געשליוכצט און געשנייצט די נאָז — איך בין דאָך זיין שוועסטער... איר מומע...

— וואָס איז געפלויגן אַמאָל פון אַ פערטן שטאָק ?...

— יאָ, יאָ... פון וואַנען ווייסט איר ?!...

— און אַנטלויפנדיק פון אַ קאָזאַקישן פּאָגראָם, געשפּרונגען פון אַ צווייטן שטאָק ?...

— יאָ, יאָ, יאָ... הלוואי וואָלט איך דאַן בעסער געהרגעט גע־וואָרן, וואָלט איך פאַרשפּאָרט איבערצולעבן אַזוי פיל צרות! צום אומגליק, האָט עס מיך נישט געשאַדט...

— און געוועזן זענט איר אויסערגעוויינלעך שיין... אויסערגע־וויינלעך יונג... אויסערגעוויינלעך רייך און אויסערגעוויינלעך ...

— יאָ, אָבער ווער זענט איר און פון וואַנען ווייסט איר ?!!

— לעגענדאַרע פּעטערבורגער מומע!... איך בין לאָלעס מאַן... און לאָלע האָט מיר אַלץ דערציילט וועגן אייך, אַלץ...

— לאָלעס מאַן? שפרה־לאָהלעס מאַן ?!... — האָט זי זיך ווידער אַ וואָרף־געטון אויף מיין ברוסט און געכאַפּט קושן מיינע הענט...

— וואָס טוט איר ?! לעגענדאַרע, שטאָלצע, פּעטערבורגער מו־מע, הערט אויף !! איך בין דאָך אַ מאַן...

— שפרה־לאָהלעס מאַן... איך בין אַזוי צעמישט, אַז איך ווייס נישט וואָס איך רעד און איך ווייס נישט וואָס איך טו... קאַנטור־זשעט בין איך פון דער גרויסער שמחה!... אַזאַ בשורה!! אַזאַ גוטע בשורה!... דרייסיק יאָר גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געוווסט. דרייסיק יאָר! ווי אין אַ תפיסה! און פּלוצלונג... איך קאָן נישט לענגער! איך מוז זי זען!— האָט זי זיך געגעבן אַ ריס פון דער באַנק, ווי צו שפּרינגען פון אַ שטאָק און גענומען לויפן.

איך בין איר פאַרלאָפן דעם וועג און זי צוריקגעבראַכט צו דער באַנק:

— נישט איצט! חלילה! פאַר אַן אויפטריט טאָר מען נישט!

סיידן איך וועל אייך אַריינפירן אין זאַל און איר וועט זי זען און הערן פון דער בינע...

די געוועזענע אַריסטאָקראַטקע האָט געגעבן אַ קוק אויף איר צעקנאָדערט קלייד, אויף איר גאַנצן קלאָגעדיקן אויסזען און זיך פאַרקרימט:

— אין זאַל? ניין! ווי קען איך? איך האָב אַזעלכע פּאַרוויינטע אויגן! איך בין צעשויבערט, נישט־אָנגעטון.

— מוזן מיר צוװאַרטן, מומעלע... לענינגראַדער, אויסערגעװײנלעכע...

— גוט, גוט. אָבער זאָגט איר כאָטש... גיט איר דערװײל צו וויסן, אַז איך...

— ניין, מומעלע, טייערע. מען טאָר נישט! אין טעאַטער, ביי אַקטיאָרן, פירט מען זיך אַזוי. עס איז כמעט אַ געזעץ: פאַר אַן אויפטריט, זאָגט מען נישט־אָן קיין שום בשורות. מען טאָר קיין בריוו און קיין טעלעגראַמען נישט איבערגעבן... מען מוז צוואַרטן, מומעלע. און לאָלע איז שוין אויף דער בינע. אָט, איר הערט?... דאָס איז איר שטימע... דאָס זינגט זי...

די זקנה האָט זיך אַ רגע איינגעהערט, אַ רגע ייִנגער געוואָרן און — ווידער זיך צעכליפּעט און ווידער געפאַלן אויף מיין ברוסט:

— שפרה־לאהלע איז אַן אַקטריסע... אַ זינגערין... אין לעני־גראַד....

— אָבער מומעלע טייערע! איר זענט דאָך עפּעס אַ העלדין! פון הויכע שטאָקן געשפּרונגען! אויף פערד געריטן!... איז שטאַרקט־זיך...

עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. איך האָב זי געמוזט האַלטן אין מיינע אָרעמס ביז איבער דער פאָרשטעלונג.

**

צומאָרגנס, ווען מיר זענען געגאַנגען באַזוכן דער „לעגענדאַרער מומע", איז לאָלע געווען גליקלעך און איך — טרויעריק: עס האָט זיך פאַר מיר אויסגעוועבט און אויסגעלאָשן אַ שיינע לעגענדע...

און פון יענעם אָוונט־אָן, איז מיר שוין בכלל און אויף אייביק, אָפּגענומען־געוואָרן דער חשק, צו באַגעגענען־זיך מיט באַרימטע, לעגענדאַרע העלדן... אפילו קיין העלדן פון אַ ראָמאַן, קיין לעבע־דיקע פּראָטאָטיפּן, ווייל איך מער נישט אָנקוקן!...

מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם פּאַלאַץ, ווו די לעגענדאַרע מומע האָט אַמאָל געוווינט, דאָס הויז, וואָס איז אַמאָל געווען אירס,

ווו זי האָט בעלער איינגעאָרדנט און לאָקייען אין ליווריעס האָבן באַדינט די הויכגעשטעלטע געסט און קאָטשן מיט קוטשערס האָבן געוואַרט אינדרויסן. איצט שטייען פאַרן אַריינגאַנג מיליציאָנערן און אינווייניק קלינגען טעלעפאָנען און עס קלאַפּן צענדליקער שרייב־מאַשינקעס... און די קלעפּעלעך פּויקן מיר אין די געהירן, ווי אַ בייי־זער האָגל, און גיבן צו־וויסן: אויס מיט די אַלטע לעגענדעס! אַ וועלט האָט זיך איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיטן הינטן אַרויף! צילינדערס זענען געגאַנגען אין דער ערד אַריין און אויפ־געקומען זענען לאַפּטשעס, לייוונטענע שטיוול מיט זוילן פון צע־ריסענע אויטאָ־אָפּאָנעס! — — — —

איצט וווינט די לעגענדאַרע מומע גאָרנישט לעגענדאַריש. די אָפּגעלאָזנקייט פון דעם הויז קלאָגט זיך אויף דעם, אַז שוין איבער דרייסיק יאָר איז עס נישט באַרירט־געוואָרן דורך די צערטלעכע הענט פון אַ מולער, אַ בלעכער, צי אַ סטאָליער. און די צענדליקער פאַריאָמערטע עין־הרע־פענצטער, פאַרשטאָפּטע מיט שמאַטעס און פּאַפּיר, בענקען נעבעך נאָך אַ גלעזער מיט קיט...

אינעווייניק איז נאָך ערגער פון אויסנווייניק: דער געשפּאָל־טענער סופיט האָט אויף זיך די פלעקן פון אַלע רעגנס, וואָס האָבן דאָ דורכגענעצט, זינט דער רעוואָלוציע. די צעלעכערטע ווענט, מיט גוואַלד־ריסן אין טינק, זענען פאַררויכערט, פאַרסאַדזעט, מיט אייב־געגעסענעם שמוץ פון פאַרשיידענע קאָלירן. די פּאָדלאָגע איז צע־פוילט און די ברעטער הוידען־זיך. אומבאַשטימטע גערוכן רייצן אין די נאָזלעכער און שטיקן אין שלונג.

פון וויפל צימערן די דירה באַשטייט, ווייס איך נישט. וואָרעם אין די אַנדערע צימערן וווינען אַנדערע משפחות, וועלכע זענען שותפים צום קאָרידאָרל און צו דער קיך.

שפּעטער האָבן מיר זיך נאָך דערוווּסט, אַז איר אייגן צימערל איז אויך נישט איר אייגנס און זי האָט דאָ נישט קיין מנוחה אויף די עלטערע יאָר.

ווען מיר זענען אַריינגעקומען, האָב איך, אויסער טיש מיט דריי טאַבורעטקעס אינמיטן שטוב, דערזען דריי בעטן ביי דריי ווענט און אַ שאַנק מיט אַ סאַמאָוואַר־טישל — ביי דער פערטער וואַנט. די באַפּעלקערונג פון דעם צימער איז געלעגן אויף די בעטן: די מומע — אויף איר בעט, אינמיטן און צוויי פּאָרלעך — אויף די אַנדערע צוויי בעטלעך, וואָס איינס קעגנאיבער דעם אַנדערן. די פּאָרלעך האָבן־זיך גאַנץ פויל און אומצופרידן אויפגעהערט

צו ליבן און, ווען מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש, זענען אַנדערהאַלבן פּאָרלעך אַוועק און די מומע מיט איר טאָכטער זענען געבליבן.

די טאָכטער, אַ בוכהאַלטערין, האָט זיך אינטעליגענט אַנטשולדיקט און איז אַוועק אין קיך, עפּעס צוגרייטן פאַר די געסט. די מומע האָט אונדז דערוויילע פאַרווײלט מיטן דערציילן איר לעבנס־געשיכטע, אין וועלכער די הויפּט־ראָל האָט געשפּילט די „טשעקאַ"... דאָס איז נישט געווען קיין מבול פון רייד, נאָר אַ מבול פון בלוט. איך האָב אויפגעהערט הערן, אָבער איינציקע ווערטער האָבן נישט אויפגעהערט צו פּויקן אין מיינע אויערן: „ראַסטריעל", „קסטיענקו", „טיורמאַ", „סיביר"!

און אַז איך האָב עס שוין מער נישט אויסגעהאַלטן און געבעטן, ענדערן די טעמע פון שמועס, האָט אונדז די מומע דערציילט איר איצטיקן נחת:

שוין דריי יאָר ווי איר טאָכטער האָט זיך געשיידט מיט איר מאַן. דאָס איז דער, וועלכער איז געזעסן מיט זיין ליובאָוניצע אויפן צווייטן בעטל. יאָ, ער איז דאָ געבליבן וווינען. ווּהין זאָל ער דען גיין? די טאָכטער האָט איצט אַ ווילן חתן, טאַקע דער, וועלכן מיר האָבן דאָ געזען. אָבער כל־זמן איין פּאָרל באַקומט נישט קיין באַזונדערן „זשיל־פּלאָשטשאַד" (וווין־פּלאַץ), קאָנעןביידע פּאָרלעך נישט חתונה האָבן. שוין דריי יאָר ווי מען זאָגט זיי צו און מען גיט נישט. און די יאָרן שטייען נישט און יונג איז מען און לעבן וויל מען... פון דעסטוועגן, וועט זיך די טאָכטער נישט דערלויבן דאָס, וואָס איר געשיידטער מאַן. איר חתן גייט זיך יעדע נאַכט אַהיים. אָבער יענער נעמט זיך אַרויף זיין געליבטער אויף גאַנצע נעכט און זיי פירן זיך אויף אַזוי אומפאַרשעמט, אַז דער טאָכטער ווערט דאָס בלוט געזעצט.

איך האָב זיך אַ ריס־געטון פון טיש, זיך אַריבערגעבויגן איבערן פענצטער און אַראָפּגעקוקט צום טראָטואַר.

איך האָב אַליין נישט געוווּסט, פאַרוואָס איך האָב עס געטון. אָבער די מומע, זעט־אויס, האָט עס פאַרשטאַנען. זי איז צוגעקומען און רואיק געזאָגט:

— ניין, היינט האָב איך שוין קיין כח נישט דערצו... מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק געדאַרפט... פון דעסטוועגן, ווען אונטן וואָלט געווען אַמעריקע, אָדער פּאַלעסטינע, וואָלט איך געשפּרונגען... איך וואָלט מיין טאָכטער ביי די האָר מיטגעשלעפּט און צוזאַמען מיט איר געשפּרונגען! — — — — — — — —

„כ׳האָב פאַרלאָזן אַלע ליבסטע״...

מיר האָבן פאַרגעסן אָן דער מלחמה אויף דער וועלט; פאַרגעסן אונדזערע פאַרלאָזענע היימען, קרובים און פריינט; פאַרגעסן אָן דער היטלעריסטישער אכזריות אין אָקופּירטן „גענעראַלגאָווערנאַמענט״ און אָן דעם עלנט פון די היימלאָזע פּליטים אין די „באַפרייטע געביטן פון מערב־ווייסרוסלאַנד און מערב־אוקראַינע״. — ווי האָבן מיר אָן דעם אַלעם געקאָנט געדענקען, אַז מיר האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ פּורפּורנעם חלום־וואָלקן און מיר שווימען?...

זעקס וואָכן זענען מיר געווען אין מאָסקווע. די טרופּע איז דאָ דורכגעגאַנגען אַ פרישן „פּראָסמאָטר״ אין יחוסדיקן „קאָלאָנני זאַל״ און נאָכדעם — גאַסטראָלירט אין „ערמיטאַזש״ און אין מיכאָעלסעס „גאָסיעט״.

קודם־כל זענען מיר דאָרט איינגעשטאַנען אין האָטעל „מאָסקוואַ״, וואָס קעגנאיבער דעם רויטן פּלאַץ און ווו דורך די פענצטער זעט מען די דרויסנדיקע זייט פון קרעמל, מיט די רויטע שטערן אויף די טורעם־שפּיצן. שפּעטער, אָבער, איז עמיצן נישט געפעלן געוואָרן אונדזערע פּעסער מיט די „עלפטלעך״, האָט מען אונדז געזאָגט, אַז דעלעגאַטן קומען, דעפּוטאַטן קומען און מען דאַרף פאַר זיי די צימערן. און מען האָט אונדז צעוואָרפן איבער צווייטראַנגיקע און דריטראַנגיקע האָטעלן פון די זייטן־גאַסן.

אָבער וואָס מאַכט עס אויס? — די טרופּע שפּילט ביי איבערפולטע זאַלן. באַגייסטערטע רעצענזיעס אין „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזיעטאַ״ און „סאָוויעטסקאָיע איסקוסטוואָ״. שרייבער און אַקטיאָרן גיבן אונדז פייערלעכע אויפנאַמס־באַנקעטן. מיר שפּאַצירן איבער דער שטאָט, איבער די גאַסן און מאַגאַזינען. מיר באַזוכן קינאָ, טעאַטער, מוזיי און די פּרעכטיקע דאָרפסווירטשאַפטלעכע אויסשטעלונג. מיר שליסן באַקאַנטשאַפט מיט שרייבער, אַקטיאָרן, מוזיקער, מאַלער. אָבער די איינציקע פּערזענלעכקייט, וועלכער מיר האָבן באַזוכט אין „דערהיים״, איז געווען לעניז. מיר זענען געווען אין זיין מאַוזאָליי און אַרומגעגאַנגען אַרום זיין גלעזערנעם אָרון.

ווי ער לעבט? — גערעדט האָבן מיר נישט מיט אים. מילייך האָט געפּילעוועט. און מאַוזאָליי־ווענט האָבן דאָך אויך אויערן און אויגן... אָבער „ווי די מתים עסן, אַזאַ פּנים האָבן זיי״... און אפשר „לעבט״ ער נישט ערגער, ווי מיליאָנען אַנדערע בירגער פון ראַטנפאַרבאַנד? מיטן אויסנאַם, וואָס ער האָט נישט מורא פאַר קיין

„רייניקונג", פאַר קיין מאָסקווער משפט, פאַר פאַרשיקונג און פאַרן טויט...

נאָך די זעקס וואָכן, האָבן מיר פאַרלאָזן מאָסקווע און אָנגעהויבן אונדזער גרויסן טורנעע. עס האָבן זיך גענומען בייטן אונדזערע סאָוויעטישע דירעקטאָרן און עס האָבן זיך גענומען בייטן פאַר אונדז די שטעט, די לאַנדשאַפטן און די קלימאַטן פון רחבותדיקן רוסלאַנד.

מיר זענען געפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע. מיר זענען געשווומען, זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזן איבער די ריזיקע וואַסער־טרעפּ פון דעם גיגאַנטישן דניעפּראָסטראָי. פון דאָרט, האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזן קיין קאַווקאַז: יערעוואַן, טיפליס, באַקו, קיסלאָוואָדסק, פּיאַטיגאָרסק, יעסענטוקי.

שיין און אומעטיק ביזטו, רוסלאַנד. געטריי און גרויזאַם ביזטו, מאַטושקאַ ראַסיאַ. וואָרעם עלנט און הונגעריק און קנעכטישרעכטלאָז איז דער מענטש אויף דיין זאַפטיקער און שפּעדיקער ערד.

אוקראַינע — זאָגט מען — איז דער שפּייכלער פון אייראָפּע. און אויפן כאַרקאָווער באַזאַר קאָסטן צען קליינינקע קאַרטאָפּעלעך — צוועלף רובל. און אַ מאָגער הינדעלע קאָסט ניינציק רובל. ווי קאָן אַ מענטש, מיט אַ 120־רובלדיקן חודש־געהאַלט, צוקומען דערצו?!

און אין באַקו, וווּ די ערד און דער ים זענען פעט פון נאַפטראָפּע, שטייט מען מעת־לעתן אין די רייען נאָכן ליטער „קיעראַסין".

— פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? — פרעג איך ביי אַ פרוי, וועלכע האָט ביי מיר געבעטן אַ ביסל טאַבאַק.

ענטפערט זי מיר:

— איך ווייס ניט... איך בין ניט קיין היגע... איך בין פון אַסטראַכאַן...

— אָ, אַסטראַכאַן!... די שטאָט פון פיש?... דאָס אַסטראַכאַן, וואָס האָט אַמאָל געשיקט פיש־טראַנספּאָרטן אַזש קיין וואַרשע?...

— יע, די זעלבע... — זאָגט זי — נאָר היינט שטייט מען דאָרט אין אָטשערעד נאָך אַ הערינג...

און פאַראייניוועגס דערציילט זי מיר, אַז זי איז אין טרויער. איר פאָטער איז געשטאָרבן מיט צוויי וואָכן צוריק. מען האָט זי טעלעגראַפיש אַרויסגערופן צו דער לוויה, אָבער דאָ האָט איר דער דירעקטאָר נישט באַפרייט פון דער אַרבעט און נישט געגעבן קיין

„קאָמאַנדיראָוואַטשנאַיע אודאָסטאָווערעניע" צום פאָרן. די מוטער אי־רע איז דאָרט געבליבן עלנט און קראַנק. נישטאָ ווער עס זאָל זי דאָרט באַדינען. און זי, די טאָכטער, מוז זיצן דאָ אויף געגליטע קוילן.

— און אַוועקפאָרן אָן אַ דערלויבעניש?

— דאָס הייסט ביי אונדז „פּראָגול". מען גייט „פּאָד סוד" און מען קריגט דערפאַר דריי יאָר.

— און ווו איז יושר?

— פרעגט ניט, יונגערמאַן. מיין מאַן האָט עס געפרעגט מיט פינף יאָר צוריק און פון דאַן אָן, ווייס איך ניט ווו ער איז אַהינגע־קומען. אַ דאַנק פאַרן טאַבאַק.

און פּלוצלונג גיט זי מיר האַסטיק אַ זאָג:

— מיר האָבן גערעדט וועגן אייער טעאַטער! געדענקט עס! איך האָב אייך געזאָגט, אַז עס איז אַ שיינע פאָרשטעלונג! אָבער ביי אונדז זענען דאָ בעסערע אַרטיסטן...

אין דער ערשטער רגע האָב איך נישט פאַרשטאַנען אָט די פּלוצלונגדיקע און האַסטיקע ווענדונג. אָבער אַ קוק־טוענדיק אין דער ריכטונג, וווהין אירע צעשראָקענע אויגן האָבן געקוקט, האָב איך באַמערקט צוויי נ.ק.וו.דיסטן, וועלכע גייען אַריבער פון יענעם טראָטואַר, צו אונדזערן. איך בין זיכער געווען, אַז זיי גייען טאַקע צו אונדז און דאָס האַרץ האָט מיר געגומען קלאַפּן. אָבער זיי זענען אונדז בלויז נאָענט פאַרבייגעגאַנגען, פאַרשנדיק אָנגעקוקט און ווייטער אַוועק.

— וואָס הייסט עס? — האָב איך דאַן אַ פרעג־געטון, אָפּכאַ־פנדיק דעם אָטעם.

— אַזוי פירט זיך ביי אונדז... מען האָט געקענט אייך אָפּרופן באַזונדער און מיך באַזונדער און פרעגן, וועגן וואָס מיר האָבן גע־רעדט... עס דאַרף שטימען יעדעס וואָרט... און אַלס דאַנק פאַרן טאַ־באַק, לאָמיר אייך געבן אַ גוטע עצה... איר זענט אַ פרעמדער, ווייסט ווייניק, וועט עס אייך צו־נוץ־קומען... איר זאָלט קיינמאָל ניט האַלטן ביי זיך קען אַדרעסן־ביכל מיט קען נעמען פון מענטשן. אויב איר האָט פריינט, געדענקט זיי בעסער אויסנווייניק. עס וועט זיין געזונטער פאַר אייך און פאַר זיי...

איך האָב איר געדאַנקט און אַ בהלהדיקער אַוועקגעאיילט אין מיין האָטעל־צימער.

דאָרט האָב איך אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער צו די שיינע

גאַסן און פּאַרקן פון שטאָט ,צו די גרינע, וואַלדיקע בערג מיט טע־ראַסן ווייַנטרויבן צופוסנס, צום בלויען, רחבותדיקן קאַספּישן ים, וואָס האָבן מיט זייער פּראַכט נישט געקאָנט באַרואיקן מיין צע־רודערט געמיט.

איך בין געשטאַנען און געטראַכט:

„שיין און אומעטיק ביזטו, רוסלאַנד. געטריי און גרויזאַם ביזטו, מאַטושקאַ ראַסיאַ, וואָרעם עלנט און הונגעריק און קנעכטיש־רעכט־לאָז איז דער מענטש אויף דיין זאַפּטיקער און שפּעדיקער ערד".

און איך האָב זיך דערמאָנט אָן די שורות פון אַ ליד פון אַ סאָ־וועטישן דיכטער:

ווינטער ביינאַכט אויף רוסישע פעלדער,
ווו קען מען זיין עלנטער?
ווו קען מען זיין עלנטער? — — — —

אָבער פאַרוואָס נאָר ווינטער ביינאַכט? — און זומער בייטאָג? און פרילינג באַגינען? — ווו קען מען זיין עלנטער? ווו קען מען זיין עלנטער?

***

דער פורפורנער חלום־וואָלקן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד און איז צערונען געוואָרן. עס האָט זיך געענדיקט אונדזער ערשטער טורנעע און מיר האָבן זיך אומגעקערט קיין ביאַליסטאָק, אויף אונדזער באַזע.

די טרופּע מוז איצט צוגרייטן און שטעלן אַ נייעם פּראָגראַם, מיט אַקטואַליען פון דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט. אַזוי פאָדערן די מאָסקווער און מינסקער פאַרוואַלטונגען איבער קונסט־ענינים.

אונדזער אַנסאַמבל האָט קיין נייעם פּראָגראַם נישט געמאַכט. פאַר די „אַקטואַליען פון דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט" האָבן מיר געציטערט אימת־מוות. אַז יעדע קריטיק שמעקט דאָ מיט טיור־מע און יעדער וויץ — מיט סיביר!...

האָט מען אויסגעטוישט אַ פּאָר אַלטע רעווי־נומערן אויף נאָך־עלטערע און צונויפגעשטוקעוועט אַ פּראָגראַם אויף דערווייל.

מיט דער נייער ווירקלעכקייט מוז מען זיך דאָך איינלעבן. מען מוז גוט קענען דאָס לאַנד און די באַדינגונגען. עס מוז נאָך גע־דויערן אַ געוויסע צייט... —

האָט דער דירעקטאָר ווידער געהייסן פּאַקן די טשעמאָדאַנעס און די דעקאָראַציעס און גרייטן־זיך אין וועג־אַריין. דאָסמאָל וועט מען שפּילן אַ חודש בלויז אין קיעוו, אָדעס און אומגעגנט.

די טרופּע איז אַוועקגעפאָרן און איך בין געבליבן אין ביאַליס־טאָק גרייטן נייעם רעפּערטואַר. אין אַ מאָנאַט אַרום קומען זיי דאָך צוריק. איך בין באַזאָרגט מיט אַ וואַרעמען און ליכטיקן צי־מער, מיט אַ פּאַס און מיט אַ כשר וווינרעכט־צעטל אין קעשענע. פון פּאַרדרוס, האָב איך אַפילו די פעדער נישט איינגעטונקען, נאָר גאַנ־צע טעג געזעסן ביים ראַדיאָ, געזוכט דעם לאָנדאָנער ספּיקער, כדי צו וויסן דעם אמת: ווו האַלטן מיר מיט דער מלחמה אויף דער וועלט.

דער לאָנדאָנער ספּיקער האָט געמאָלדן, אַז די דייטשן וואַרפן צענדליקער דיוויזיעס אויף דער סאָוויעטישער גרענעץ. שוין הונ־דערט דיוויזיעס! הונדערט און פופציק! הונדערט און זיבעציק! אַליאַדע טאָג, אַליאַדע שעה וועט אויסברעכן אַ דייטש־סאָוויעטישע מלחמה!

איך רעד מיט רויטאַרמייער, מיט אָפיצערן. זיי לאַכן דערפון:

— פּוסטיאַקי!... זאָלן זיי נאָר וואַגן אָנצוהויבן, וועלן מיר אין אַ וואָך אַרום זיין אין בערלין!...

און די פּליטים זאָגן:

— און וואָס איז אונדז שוין דער אונטערשייד: צי געסטאַפּאָ וועט קומען קיין מאָסקווע, אָדער ענקאַווּעדע — קיין בערלין? אַזוי צי אַזוי זענען מיר פאַרמשפּט. מיר האָבן פאַרלאָזן אַלע אונדזערע ליבסטע און מיר וועלן זיי שוין קיינמאָל מער נישט זען!

און איך האָב דאָך אויך פאַרלאָזן אַלע מיינע ליבסטע.

מיין מאַמע איז געבליבן אין מיין וואַרשעווער וווינונג, עלנט אַליין. ווי גיט זי זיך דאָרט אַן עצה? דריי שפּייז־פּעקלעך האָב איך איר געשיקט פון ביאַליסטאָק, צי האָט זי זיי דען דערהאַלטן?

איין שוועסטער האָב איך אין לוצק און איינע אין בריסק. אָבער דאָס זענען דאָך אויך גרענעץ־שטעט. וואָס וועט מיט זיי ווערן?

נאָך גוט, וואָס לאַלאַ איז מיט דער טרופּע טיף אין רוסלאַנד. אָבער ווי האָבן מיר דאָס געפּועלט ביי זיך, צו צעשיידן־זיך אין אַזעלכע גורלדיקע טעג?

פאַרוואָס האָב איך זי געלאָזן אַליין אַוועקפאָרן קיין קיעוו און אָדעס? פאַרוואָס בין איך געבליבן אין ביאַליסטאָק? בלויז אויף איין מאָנאַט זענען זיי געפאָרן? אין אַ מאָנאַט אַרום וועלן זיי צוריק קומען? — אין אַ מאָנאַט אַרום קענען זיי שוין נישט האָבן וווהין און צו וועמען צוריק צו קומען! די מלחמה קען דאָך אויסברעכן

היינט־מאָרגן! דער לאָנדאָנער ספּיקער רעדט שוין וועגן צוויי הונ־דערט דייטשע דיוויזיעס אויף דער סאָוועטישער גרענעץ!!!

וואָס וועט דאָ זיין? וואָס זאָל איך טון? קיין קאָמאַנדיראָווקע האָב איך נישט און האָב עס איצט נישט אַפילו ביי וועמען צו בעטן. אָן דעם, קאָן מען פון דער שטאָט נישט אַרויס. און אַז די מלחמה וועט אויסברעכן, צי וועל איך באַוויזן, מיט מיינע לאַנגע שטרויס־פויגל־פיס, צו אַנטלויפן?

איראָניע פון גורל: פריער איז לאָלע געבליבןביים דייטש און איך — ביי די סאָוועטן. איצט איז זי אין אָדעס און איך וועל אַריינפאַלן צום דייטש! און צוליב דעם בין איך פון וואַרשע אַנט־לאָפן? און איבערגעלאָזן מיין מאַמען אויף גאַטס באַראַט?

דערוויל גייען ראָטעס רויטאַרמייער, מיט פעקלעך וועש אונ־טער די אָרעמס, אין באָד און פון דער באָד. זיי גייען מונטער און זינגען:

יעסלי זאַווטראַ וואַינאַ,
יעסלי זאַווטראַ ופּאַכאָד, —
בוד סעוואָדניאַ
קפּאַכאָדו גאָטאָוו!...

וואָזשנע „גאָטאָוו" זענען זיי! — טראַכט איך — זיי זענען שוין באַלד גאָטאָוו מיטן ביסל פּליטים, וואָס מען האַלט אין איין פאַר־שיקן צו „די ווייסע בערן"!

אַן אָפיציר גייט פאַרביי און פרעגט מיך, וויפל עס איז דער זייגער.

— שוין שפּעט — זאָג איך אים — זייער שפּעט. נאָך אַ מינוט און סע קען שוין זיין נאָך אַלעמען...

ער קוקט מיך אָן פאַרדעכטיק און פרעגט כיטרע:

— אויף וואַרשעווער צייט, צי אויף מאָסקווער?...

— אויף דער יידישער...

— האָט ביטאָכן... — זאָגט ער מיר מיט אַ מינסקער יידיש — כל־זמן מען לעבט, איז קיינמאָל נישט שפּעט...

און ער בעט מיך, איך זאָל אים פאַרקויפן מיין זייגער.

— מאָרגן־איבערמאָרגן וועט איר דאָך זיין אין בערלין... דאָרט זענען דאָ בעסערע זייגערס...

— אָדער אין בערלין, אָדער אויף יענער וועלט... — שמייכלט ער אומעטיק — אָבער אַ זייגערל וויל איך נאָך איספּייען צו שיקן אַ מתנה אַהיים... איך האָב צוגעזאָגט...

פאַרקויף איך אים מיין זייגערל און איך גיי אַריין אין שטוב.

פון דרויסן הילכט דאָס זעלנער־געזאַנג:

יעסלי זאַווטראַ וואָינאַ,

יעסלי זאַווטראַ ווּפּאַכאָד — — — — —

און איך גיב זיך אַ וואָרף אויף מיין בעטל, וויש זיך די אויגן און זינג:

כהאָב פאַרלאָזן אַלע לי־י־יבסטע,

כהאָב פאַרלאָזט מיין אייגן הויז, — — — — —

⁂

די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן.

די ערשטע איז די ענקאַוועדע אַנטלאָפן פון ביאַליסטאָק, נאָכ־דעם — די גאַנצע אַרמיי, אין אומאָרדענונג.

די הויכע אָפיצירן האָבן אַפילו זייערע משפחות דאָ איבערגע־לאָזן אויף הפקר. איצט האָבן די פרויען זייערע מיט קינדער, מיט קאָסטנס און ליפּטן „רעקוויזירט״ האָב און גוטס, געזוכט לאַסט־מאַ־שינען, צום עוואַקואירן־זיך.

די פליטים האָבן נישט געוווּסט: צי וואַרטן אויפן דייטש, אָדער לויפן מיט די רוסן. וועלכער גיהנום וועט זיין אַ לייכטערער: דער ברוינער, צי דער רויטער?

פאַר מיר איז קיין אויסוואַל נישט געווען: לאָלאַ איז איצט אין וויטן רוסלאַנד און איך מוז זי געפינען!

האָב איך געכאַפּט אַ רוקזאַק אויף דער פּלייצע, אַ וואַליזע אין דער האַנט און געלאָפן צום וואָקזאַל.

דער הימל איז אַזוי געדיכט באַפּינטלט־געווען מיט באָמבאַר־דירער, ווי אַ קוכן מיט מאָן. עס האָט געדונערט און די ערד האָט זיך געוויגט. פלאַמען און רויכן האָבן זיך געהויבן איבער דער שטאָט. איך בין געגאַנגען אין אַ וואָלקן שטויב, אונטער אַ האָגל פון פאַלנ־דיקע שויבן, ציגל, טינק, בלעך און פענצטער־ראַמען.

די גיי־בריק צום וואָקזאַל איז געווען צעשמעטערט. וואַגאָנען זענען געלעגן איבערגעקערטע מיט די רעדער אַרויף. טייל האָבן געברענט און געררויכערט.

עס איז אָנגעקומען אַ צוג פון דער בריסקער ריכטונג, די וואַ־גאָנען — מיט אָפּגעריסענע דעכער און האַלבע ווענט, אָן טירן און אָן פענצטער.

איך האָב דערזען, ווי אַ משפחה פון אַ הויכן אָפיציר קלייבט

זיך אַריין אין אַזאַ וואַגאָן און סאָלדאַטן לאָדן־אַרויף קלאַווירן, מעבל, טעפּיכער, קאַסטנס און פּעק.

בין איך אויך אַריין און דער צוג האָט געריררט.

עסקאַדרעס האָבן אונדז כסדר באַשאָסן. דריי לעצטע וואַגאָנען זענען אָפּגעריסן געוואָרן, אָבער מיר זענען ווייטער געפאָרן.

אויפן וועג האָבן זיך מיטגעכאַפּט פּליטים און דער צוג איז איבערפולט געוואָרן, אַז קיין אָרט צום שטיין איז שוין נישט געווען.

מיר זענען פאַרבייגעפאָרן חרובע וואָקזאַלן און ברענענדיקע שטעט. באַראַנאָוויטש האָט געברענט, מינסק האָט געברענט און די וועגן זענען באַשאָטן געווען מיט פּליטים.

מיר זענען פאַרבייגעפאָרן טולאַ, שוין הינטער מאָסקווע. אויף די וואָקזאַלן לאָזט מען אונדז נישט אַראָפּ. מיר דערפילן, אַז מיר זענען אַרעסטירטע. מיר האָבן זיך אַליין פאַרשיקט!

טעג, מעת־לעתן פאָרן מיר שוין — וואָכן! וווהין פירט מען אונדז?!

און אָט איז שוין די וואָלגאַ. מיר פאָרן אַריבער און שלעפּן זיך ווייטער.

ענדלעך קומען מיר צום טייך אוזיען און בלייבן שטיין פאַר אַ קליין וואָקזאַלעכל מיט דער אויפשריפט „נאָוואָ־אוזיענסק". דאָרטן וואַרטן אונדז אָפּ גרויסע וועגענער מיט איין־האָרביקע קעמלען געשפּאַנט.

— זעט נאָר, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געמאַכט פון אַ פערד נעבעך!... — ווייזט איין פּליט אויפן הויקער פון אַ קעמל.

— ששששש... איר וועט בקרוב זען אונדזערע אייגענע הויקערס... — זאָג איך — און ווי מיר אַליין וועלן דאָ גיין אין שפּאַן!...

מיר שטייגן־איין אין די וועגענער און פאָרן, איבער אַ ליימיקן מדבר, צום שטעטל נאָוואָ־אוזיענסק.

די זון פאַרגייט אין מערב, פון וואַנען איך קום. צי וועל איך זיך נאָך אַמאָל אומקערן אַהין?

עס ווערט מיר ביטער אין דער נאָז און געזאַלצן אין די אויגן.

— אַ גוטע נאַכט, אייראָפּע! — טו איך אַ כליפּ און באַהאַלט דאָס פּנים אין ביידע הענט.

אין נאָוואָ-אוזיענסק

אין די קרעמלעך, אויפן נאָוואָ־אוזיענסקער מערקל, קריגט מען: סמ׳יק־געזאָלצענע ברינדזע, וואָס איז האַרט ווי שטיין; אַ זאַך, וואָס מען רופט דאָ „האָניק־לעקעך״, נאָר עס איז פלאַך, האַרט און טרוקן ווי אַ ברעט; איינגעטריקנטע פיש, ווי שייטלעך האָלץ מיט וועלכע מען קען קעפּ שפּאַלטן און פונדעסטוועגן, — שטינקען זיי; אַ געטראַנק, וואָס מען שעפּט פון אַ פאַס און וואָס האָט דעם טעם פון וואַרעמע אוגערקע־ראָסל געמישט מיט מולינעס פון שווייסיקע וועש; הילצערנע הויזן־קנעפּלעך, שוסטערשע שטיפטן, גומענע פינגער, קליזמעס, שוואַרץ־גרויע וואַטע, כירורגישע מכשירים, נאָטן־פּאַפּיר, נאָדלען צו „פּרימוסן״, הילצערנע סאַנדאַלן, גומענע און לייווענטענע כאַלעוועס פאַר שיך, ליאַקירטע דאַשיקעס צו היטלען, טיילן פון פליישׂ־מאַשינקעס, קאָרקעס צו פלעשער און טאָוולנע שיידן (פוטליאַרן) פאַר טערמאָסן.

די פרייזן זענען צוגעגנלעכע, מלוכהשע. און וואָלטן געווען מלוכהשע קונים, וואָלטן זיי אפשר געמוזט קויפן אויך. נאָר היות דאָס איז אפשר די איינציקע זאַך, וואָס מען צווינגט נישט, — קויפט מען טאַקע נישט.

דאָס מערקל איז אַ גאַנצע וואָך פּוסט און וויסט. אפילו קיין משוגענער הונט קומט נישט אַהין. בלויז זונטיק איז דאָרט אַ „טאָלטשאָק״, וואָס זעט־אויס ווי אַ פּאַראָדיע אויף אַ יאַריד, געשפּילט פון פּראָווינצער אַמאַטאָרן־דרענגער... אַלטע גויעס טראָגן־אַרויס זייער אַלטוואַרג, וואָס איז הונדערט מאָל געלאַטעט, צוזאַמען מיט אַלע טוכלע גערוכן פון פוילונג, שימל און זשאַווער. אָט דאָס קויפט מען און מען פּאַרקויפט, מען טוישט און מען האַנדלט...

ואני הקטן, איך— דער לאַנגער לאָקש, בין אויך אַרויסגעקומען אויפן ווייבערישן „טאָלטשאָק״. איך בין דאָ נישט געווען דער איינציקער מאַן, אָבער זיכער — דער איינציקער יונגער מאַן, צווישן קאַליקעס, זקנים און צעקנייטשטע ווייבער. דעריבער האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט אָן אַ זייט, אין סאַמע עק און אויסגעפּאַקט מיין סחורה: אַן אָנצוג, אַ פּאָר שיך און דריי פּאָר וועש.

באַלד איז דער גאַנצער יאַריד געוואָרן אַרום מיר. אַלע האָבן געגאַפּיעט אויף מיר, געגאַפט, נאָר קיינער האָט נישט געוואַגט אָנצוטאַפּן מיין סחורה און פרעגן אַ פּרייז.

איינער, מיט אַ הילצערנעם פוס, איז יאָ צוגעקומען נעענטער, אָנ־

געקוקט און אַוועקגעהונקען אין גרויס איילעניש, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן פאַר די פּאָר גאַנצע, גלאַנציקע שיך... ער איז אָבער באַלד צוריקגעקומען מיט נאָך אַ הויכן גוי, אַ שטייפן, ווי אַ תחיית־המתים־אויפגעשטאַנענעם קולאַק. ער האָט צו מיר אַ ווונק־געטון פון דער ווייטנס, איך זאָל צוגיין. דער ווונק איז געווען אַן ענקאַוועדיסטי־שער און עס איז געזעצט־געוואָרן אין מיר דער מאַמעס מילך. איך בין געגאַנגען ווי אין היפּנאָזע.

און כאָטש עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז ער איז טאַקע אַ נאַ־טשאַלניק אין ענקאַוועדע, האָט ער זיך געדונגען מיט מיר ווי אַ קונה. ער האָט אָפּגעקויפט ביי מיר דאָס גאַנצע פּעקל פאַר אַכט הונדערט רובל. ווערט געווען איז עס צוויי טויזנט, אָבער קיין בעסערן קונה וואָלט איך דאָ סייווי נישט געפונען. אַלע ווייבער צוזאַמענגענומען האָבן דאָ אפשר נישט פאַרמאָגט קיין אַכט הונדערט רובל...

עס איז מיר לייכטער געוואָרן דאָס האַרץ און דער טשעמאָדאַן. מיט דער שווער־געוואָרענער קעשענע בין איך אַוועק אויף פּאָטשט און צעשיקט, פאַר גאַנצע פינף הונדערט רובל, טעלעגראַמען צו די פילהאַרמאָניעס און טעאַטער־לייטונגען פון מאָסקווע און אַלע גרע־סערע שטעט פון אוקראַינע און קאַווקאַז, אַז איך זוך מיין פרוי און דעם ביאַליסטאָקער מיניאַטור־טעאַטער.

און איך האָב אָנגעהויבן צו קומען אויף דער פּאָטשט, צו דריי־פיר מאָל אַ טאָג, אָפּצוואַרטן אַן ענטפער.

די נאָוואָ־אוזיענסקער פּאָטשט האָט נאָך קיינמאָל אַזוי פיל טע־לעגראַמען נישט באַקומען. און מען האָט נאָך קיינמאָל נישט אָנ־געבראַכט אַהער אַזוי פיל זעק מיט בריוו, ווי אין די איצטיקע טעג פון דער פּליטים־פאַרפלייצונג. דאָס טעלעגראַפן־מאַשינדל קלאַפּט כסדר און עס קלינגען הינטערשטאָטישע טעלעפאָנען, דורך וועלכע מען גיט אויך איבער טעלעגראַמען. פון דעם מאַשינדל ציען־זיך און פּלאָנטערן־זיך אָן אַ שיעור, גאַנצע בערג לאַנגע פּאַפּירענע בענדער, באַדרוקטע מיט פּאַסיקלעך און פינטעלעך. עס אַרבעטן דאָ דריי שיקסלעך און אָנדערהאַלבן מענער. דער האַלבער מאַן איז מיט איין האַנט און מיט איין פוס. און אַלע צוזאַמען קאָנען זיך דאָ קיין עצה נישט געבן.

פאַרן פּענצטערל ווערן דריי מאָל טעגלעך אַרויסגעהאָנגען לאַנ־גע ליסטעס מיט נעמען, פאַר וועמען עס זענען דאָ טעלעגראַמען אָפּצונעמען. נאָר אַ מאָדנעם מזל האָבן אָט די ליסטעס: די מענטשן וואָס זענען דאָ, געפינען נישט אין זיי זייערע נעמען און די נעמען

וואָס זענען אָנגעשריבן ,זענען פּאָר מענטשן וואָס זענען נישטאָ.

איך ווייס שוין גענוי די צייט, ווען מען הענגט אַרויס די פריי־שע ליסטעס און איך קום פון די ערשטע, לייענען. איך ווייס דאָך שוין, אַז פרעגן ביים שיקסל אין פענצטערל, איז אַן איבעריקע זאַך. נישט־אויסדרייענדיק דאָס געשטופּלטע פּנימל מיטן פּאַריסענעם נעזל, גיט זי אַ ווייז אויף די ליסטעס און אַ וואָרטשע:

— אויגן זענען דאָ ביי אייך? — לייענט!

אַן אַלטיטשקע בעט זיך מיט אַ געבראָכן קול:

— טעכטערל, טייבעלע, מיינע אויגן טויגן שוין נישט. האָב גאָט אין האַרצן...

דער האַלבער מאַנצפּערשוין טוט אַ לאַך:

— גאָט אונטערן האַרצן האָט געהאַט גאָטס מוטער, באַבושקאַ!... און אַ יונג מיידל האָט נאָר אַ געליבטן אין האַרצן...

— זאָל זי האָבן וועמען זי וויל... אָבער לייענט איבער די ליסטע...

— נישטאָ קיין צייט, באַבושקאַ! דאָרט שטייט אַ ייד, אפשר האָט ער גאָט אין האַרצן... בעט אים, וועט ער דיר איבערלייענען.

איך האָב איבערגעלייענט. דער אַלטערס נאָמען איז אין דער ליסטע אויך נישט געווען.

— אַ דאַנק אייך — האָט זי געזאָגט — כאָטש איר זענט אַ ייד, האָט איר דאָך גאָט אין הארצן. נאָר אַ חיה האָט נישט קיין גאָט אין האַרצן. אוי, מענטשן, מענטשן!

אינדעם באַמערק איך, ווי אַ מיליציאָנער, וועלכער שטייט איבער־דרויסן מיט אַ ראָוווער, ווינקט צו מיר און רופט מיך. איך קוק זיך אַרום: אפשר ווינקט ער צו עמיצן אַנדערש? — ניין, קיין עמיץ אַנדערש איז נעבן מיר נישטאָ און יענער ווינקט איצט דייטלעכער דירעקט צו מיר.

„וואָס איז דאָס פאַר אַ ווינקעניש? — טראַכט איך מיר — סיי מיליץ, סיי ענקאַוועדע, נאָר מען ווינקט ווי די קאָקיעטקעס...

נאָר פון זייער ווינקען, ווערט הויל אונטערן האַרצן און קאַלט אין די קני...

איך האָב דאָ נאָך קיינמאָל נישט געהערט, אַז מען זאָל הויך רעדן ביים אַרעסטירן עמיצן, ביים כאַפּן און פאַרשיקן. אַלץ ווערט דאָ געטון שטיל, סודותדיק, העפלעך, אויפן ווונק...

— מיך מיינט איר? — פרעג איך אַרויסגייענדיק פון דער פּאָטשט.

— יאָ, קומט מיט מיר.

— וווּהין?

— וווּהין מען דאַרף. איר וועט שוין זען וווּהין.

ער זעצט־זיך אויפן ראָווער און איך גיי אים נאָך. מיר קומען־צו צו אַ געמויערטער געביידע און איך דערזע, אַז די בראַך איז פּאַרטיק: איך בין אין דער ענקאַווּעדע.

ער פירט מיך אַרויף אויף אַ צווייטן שטאָק, פירט מיך דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר, עפנט אַ טיר און לאָזט מיך אַריין אין אַ גרויסן און פּוסטן צימער. ער נעמט־צו מיינע דאָקומענטן, הייסט מיך וואַרטן און פאַרשווינדט.

וואַרט איך. איך שטיי אינמיטן צימער און ווייס נישט, צי מוז איך שטיין, אָדער מעג איך זיך צוזעצן. שטיי איך אָפּ אַ שעה, אַנ־דערהאַלבן און ווער מיד. איך ריזיקיר זיך אַוועקזעצן און טראַכט דערביי: וואָס האָב איך שוין צו פאַרלירן? איך בין דאָך אין ענ־קאַווּעדע. און דאָ, ווען מען שטייט אַפילו, זיצט מען דאָך אויך!... טאָ לאָמיר שוין בעסער זיצן אַ זיצנדיקער...

איך זיץ־אָפּ נאָך אַנדערהאַלבן שעה, ווער הונגעריק און שלעפעריק. מען האָט זיכער פאַרגעסן אָן מיר.

איך חלש רויכערן, אָבער די פּאַדלאָגע איז דאָ ציכטיק און קיין אַש־בעכער איז נישטאָ. איך וואָלט געקאָנט שיטן דעם אַש אין אַ קעשענע, אָבער איך ווייס בכלל נישט, צי דאָ איז דערלויבט צו רויכערן. איך געפין אַ האַרט שטיקל צוקער אין קעשענע, הויב איך עס אָן נאָגן און הויב־אָן דרימלען.

און פּונקט דאַן עפנט־זיך די טיר און מען רופט מיך.

מען פירט מיך אַריין אין אַ צווייטן זאַל, ווו פאַר אַ שרייב־טיש זיצט אַ הויכער נאַטשאַלניק.

— זיצט. — ווייזט ער מיר אַ שטול.

איך זעץ זיך און באַמערק מיינע דאָקומענטן אין זיינע הענט.

— ווי רופט מען אייך?

— איסאַק אַראָנאָוויטש פּערלאָוו.

— אַ פּאָלאַק?

— ניין, אַ פּוילישער ייד.

— אַלץ איינס. דאָס הייסט אַ פּאָלאַק.

איך שווייג און דערווידער נישט. אָבער יענער שווייגט אויך. ער שווייגט פינף מינוט, צען מינוט, אַ פערטל־שעה, אַ האַלבע!

— מעג איך פֿאַרויכערן אַ פּאַפּיראָס? — פֿרעג איך, נישט־אויסהאַלטנדיק מער דאָס שווייגן.

— יאָ, איר מעגט. ביטע. — לייגט ער מיר פֿאַר זיינעם אַ פּאַפּיראָס און איך פֿאַרויכער.

— וואָס טוט איר גאַנצע טעג אויף דער פּאָטשט? — פֿרעגט ער גאַנץ מילד.

און איך דערקען ערשט איצט, אַז דאָס איז דער זעלבער, וועלכער האָט אָפּגעקויפֿט מיין אַנצוג, שיך און וועש!

פֿאַרוואָס האָב איך אים באַלד נישט דערקענט? ווייל ער טראָגט איצט זיין מונדיר? — איך באַקום מוט און נעם שיטן מיט אַ מבול רייד:

— איך האָב געשיקט טעלעגראַמען. איך זוך מיין ווייב. זי אַרבעט אין אַ טעאַטער. אַן אַקטריסע איז זי. זי פֿאָרט־אַרום מיטן ביעלאָסטאָקער טעאַטער־מיניאַטור. געווען אין מאָסקווע, לענינגראַד און איצט זענען זיי אין אוקראַינע, אָדער אין קאַווקאַז. איך בין געווען אין ביעלאָסטאָק און זי ווייסט נישט, צי איך האָב זיך געראַטעוועט. און איך ווייס נישט, ווו זי איז. איך האָב צעשיקט טעלעגראַמען פֿאַר פֿינף הונדערט רובל. איך האָב קיין געלט נישט געהאָט, האָב איך פֿאַרקויפֿט מיינע זאַכן. פֿאַרקויפֿט אַלץ פֿאַר אַכט הונדערט רובל... און אויף טעלעגראַמען אויסגעגעבן פֿינף! איך זוך מיין פֿרוי. פֿינף הונדערט רובל! איך וואַרט אַן ענטפֿער אויף די פֿינף הונדערט רובל, אויף די טעלעגראַמען מיין איך, אַן ענטפֿער פֿון מיין ווייב. איך האָב דאָך שוין אַלץ פֿאַרקויפֿט. יעדע מינוט קען זיין אַן ענטפֿער. איך האָב דאָך טעלעגראַפֿירט צו די מלוכהשע פֿילהאַרמאָניעס און לייטונגען מיט טעאַטער־ענינים. מיין פֿרוי איז באַקאַנט. איינע פֿון די טעלעגראַמען וועט זי דאָך זיכער דערהאַלטן. פֿאַר פֿינף הונדערט רובל טעלעגראַמען! אַ ווייב! איך מוז דאָך קומען אין פּאָטשט נאָך אַן ענטפֿער! אַזויפֿיל...

— גייט נישט מער אויף דער פּאָטשט — זאָגט ער מיר פּלוצלונג רואיק.

און איך באַנעם באַלד, אַז איך בין פֿריי. ווען ער זאָל מיך בדעה האָבן צו אַרעסטירן, דאַרף ער דאָך מיר אַזאַ אַנזאָג נישט געבן...

פֿון דעסטוועגן וואַרט מיר קאַלעמוטנע:

— וואָס הייסט, נישט גיין אויף דער פּאָטשט? און אַן ענטפֿער פֿון מיין ווייב? אַן ענטפֿער אויף די טעלעגראַמען פֿאַר פֿינף הונדערט רובל?!

— איר גלויבט אין גאָט, יאָ?... — פרעגט ער מיט אַ שמייכל.

— יאָ. איך בין אַזוי דערצויגן געוואָרן.

— טאָ פאַרלאָזט זיך אויף גאָט...

— איך פאַרלאָז זיך טאַקע. אָבער גאָט איז נישט קיין פּאָטשט־טרעגער און די פינף הונדערט רובל האָב איך אים נישט געגעבן... און אַז עס וועט אָנקומען אַ טעלעגראַמע, וועט די פּאָטשט נישט וויסן, ווו מיך צו זוכן.

— דערלויב איך אייך, נאָך איין מאָל אַריינגיין אין דער פּאָטשט און אָנגעבן אַן אַדרעס, וווהין מען זאָל אייך די טעלעגראַמע ברענגען. און מער זאָלט איר אויף דער פּאָטשט נישט קומען. ביטע, דאָ האָט איר אייער דאָקומענט.

איך בין געגאַנגען דורך די קאָרידאָרן, דורך די טרעפּ, דורכן באַוואַכטן אַריינגאַנג און קיינער האָט מיך נישט פאַרהאַלטן. מען האָט זיך אַפילו רעכט נישט אומגעקוקט אויף מיר.

אויף דער גאַס האָב איך פריי אָפּגעאָטעמט און געטראַכט, אַז די ענקאַווועדע איז גאָר נישט אַזוי שרעקלעך, ווי מען מאָלט איר.

און איך בין אַוועק אויף דער פּאָטשט, טון ווי דער נאַטשאַלניק האָט געהייסן.

**

אויף דער פּאָטשט האָב איך אָנגעגעבן מיין נייעם אַדרעס, ווו איך האָב שוין איצט געוווינט.

מיט אַ טאָג פריער האָט מען אונדז אַלעמען רעגיסטרירט. פּאַכלייט זענען צוגעטיילט געוואָרן צו פאַרשיידענע וואַרשטאַטן און אַרטעלן. פּאַכלאָזע זענען געשיקט־געוואָרן אין קאָלכאָז, אַרבעטן אויף די טאַבאַק־פעלדער. אויך איך געהער צו דער בריגאַדע, וואָס וועט אין אַ דריי־פיר טעג אַרום אַרויסגיין אויף די טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס.

גלייכצייטיק האָט מען אונדז פונאַנדערגעפירט איבער גאַנץ נאָוואָ־אוזיענסק און איינגעטיילט, ווי אורחים, אין יעדער כאַטע.

די דירות, וואָס מען האָט אונדז געגעבן, האָבן שוין ביליקער נישט געקאָנט קאָסטן: מען האָט עס אונדז געגעבן אומזיסט. פון דעסטוועגן איז מיין דירה אַפילו אָט דעם „פרייז" אויך נישט ווערט געווען: איך בין געשלאָפן אויף דער ערד, אויף אַ ריזיקן פעלץ, גע־דיכט־באַפעלקערט מיט פליי. באַלד די ערשטע נאַכט האָב איך זיך איבערצייגט, אַז מיין שלאַכט מיט זיי איז אַ פאַרשפּילטע און איך האָב זיך אונטערגעגעבן. אַ האַלבע נאַכט בין איך געשטאַנען און אַ האַלבע נאַכט אָפּגעזעסן אויף אַ טאַבורעטקע אינמיטן צימער.

אַוודאי וואָלט באַקוועמער געווען, ווען איך קען זיך אָנשפּאַרן אָן דער וואַנט, אָבער די ווענט האָבן דאָ געשמעקט מיט מער געפּאַר, ווי דער פּעלץ. פאַרטאָג בין איך אַוועקגעלאָפן צום טייכל אוזיען, האָב זיך אויסגעבאָדן אין קילן וואַסער, אויסגעוואַשן מיינע וועש און געכאַפּט אַ לייטישן דרימל ביים ברעג. ווען איך האָב זיך אויפגע־כאַפּט, איז שוין אַלץ געווען טרוקן און איך בין אַוועק אַ „היים".

— ווי איז זיך געשלאָפן? — פרעגט מיך די באַלעבאָסטע, אַ גע־זונטע פויערטע, פון אַ יאָר זעקס און פערציק, מיט אַלע אייגענע, געזונטע ציין.

— אַזוי זיך... עס האָט אַביסל געביסן...

— געביסן? פאַרשטייט־זיך, אַז עס בייסט. און נישט קיין ביסל.

— אין מיין באַלעבאָסטע נישט איבעראַשט — די איינציקע זאַך, וואָס עס פעלט נישט ביי אונדז, איז פליי. עס איז די אמתע פּלאָג. אָבער מען געוווינט זיך־צו...

— און איר, באַלעבאָסטינקע, זענט שוין געוווינט מיט זיי?

— איך פיל זיי שוין נישט. זיי בייסן און איך שלאָף. קומט טיי טרינקען. דער סאַמאָוואַר זידט.

איך בין איר נאָכגעגאַנגען אין צווייטן צימער, וווּ דער סאַ־מאָוואַר האָט געזאָטן אויפן טיש און אַרום זענען געזעסן אַ יינגעלע פון אַ יאָר צען און אַ מיידעלע פון אַ יאָר זעקס.

— דאָס זענען מיינע אייניקלעך. ער הייסט וואַניאַ און זי הייסט קלאַוודיאַ — שטעלט זי מיר פאָר — דער טאַטע איז אויפן פראָנט און די מאַמע זיצט. דריי יאָר באַקומען — זאָגט זי רואיק, ווי זי וואָלט גערעדט וועגן וועטער — אַז עס וועט גוט גיין, וועט זי אין אַכצן חדשים אַרום אַהיים קומען.

— פאַרוואָס זיצט זי?

— נישט פאַר קיין פּאָליטיק! מיין טאָכטער איז אַן אָרנטלעך מיידל! פאַר גניבה זיצט זי. זי האָט גענומען אַ שטיקל לייוונט אויף אַ העמדל פאַר די קינדער. אַלע אַרבעטנדיקע אין אַרטעל נעמען, נאָר איר האָט מען געפּאַקט, איז זי געפאַלן אַ קרבן.

— און פאַר אַ שטיקל לייוונט — דריי יאָר?!

— דאָס איז ביי אונדז אַ דיעטסקי סראָק (קינדערשער טערמין). דערווייל האָדעווען־זיך די קינד'ער ביי מיר.

און פאַר די קינדער, וואָס „האָדעווען־זיך ביי איר", ליגן צוויי שטיקעלעך ברויט, די גרויס און קאָליר פון אַן אַבצאַס. די באָבע דערלאַנגט זיי, אפשר לכבוד דעם גאַסט, דינע פּענעצלעך רעטעך,

אויף וואָס זיי קוקן גיריק. זיי זיצן אָבער בלייכע, פון פליי צעביסע־נע, נידערגעשלאָגענע און שווייגנדיקע, וואַרטנדיק אויף דער דער־לויבעניש צו עסן. פון גרויס אַפּעטיט, זופּן זיי דערווייל די פּייכטע בעזלעך.

וואָס מיך האָט נאָך איבעראַשט אין אָט דעם צימער, איז געווען דער שאַרפער קאָנטראַסט פון ערשטן צימער. דאָרט הענגען אויף די ווענט לענין, סטאַלין, פאַרשידענע גראַמאָטעס און אָנערקענונגס־בריוו. דערקעגן, הענגען דאָ איקאָנעס, הייליקע בילדער.

יענער צימער — זאָגט זי מיר — געהער צו איר מאַן, וועלכער איז אַ הייסער קאָמוניסט און אַ נאַטשאַלניק אין אַ קאָלכאָז. ער איז גאַנצע חדשים נישטאָ אינדערהיים. ביידע לעבן זיי זיך זייער באַ־זונדערן לעבן און איינער שטערט נישט דעם צווייטן. קען זיין, אַז היינט־מאָרגן וועט ער קומען צורייטן. ער פאַרמאָגט דעם בעסטן פערד און איז אַ העלדישער רייטער. אין קאָלכאָז האָט ער אַ ליובאָוו־ניצע, זייער אַ ווילע פרוי. זי היט אים דאָרט אָפּ. און אָט דער צי־מער איז אירער, דער באַלעבאָסטעס. צו אירע איקאָנעס מישט ער זיך נישט. פון זיינעטוועגן, זאָגט ער, מעג זי אויפהענגען אויף דער וואַנט אַ נאַכט־טאָפּ אויך.

— דאָס חכמעט ער זיך אַזוי. אינדעראמתן איז ער אַ ווילער און גוטמוטיקער מענטש. אַן ערלעכער און געטרייער קאָמוניסט.

זי גיסט־אָן „טיי”, וואָס איז פאַרבריט מיט צוגעברענטע סקאָ־רינקעס פון ראַזעוואַנעם ברויט. עס וואָלט גוט געווען, זאָגט זי. אַ שטיקעלע ציקאָריע, קריגט מען עס נישט לעצטנס.

— ביטע, טרינקט טיי.

זופּ איך און האַלט זיך־איין, זיך נישט צו פאַרקרימען. און איך זוך שוין באַצייטנס אַ תירוץ, זיך אַרויסצודרייען פון אירע ווייטער־דיקע „געשמאַקע” טיי־כיבודים.

— פאַרוואָס מאַכט איר נישט זיס?

איך קוק פאַרוואונדערט: מיט וואָס זאָל איך דאָ זיס מאַכן, אַז אויסער אַ סענקעוואַטן שטעקל, ליגט גאָרנישט מער אויפן טיש?

אָבער מיין באַלעבאָסטע נעמט טאַקע דעם שטעקל, שניידט־אָפּ אַ שטיקל און דערלאַנגט מיר.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— איר ווייסט עס נישט? דאָס איז אַ לאַקריץ־וואָרצל. אַ כריין־וואָרצל איז ביטער און אַ לאַקריץ־וואָרצל איז נאָך זיסער פון סאַ־כאַרין. פאַרזוכט.

איך האָב עס פאַרזוכט און באַלד געמוזט נאָכטרינקען צוויי גלעזער ביטערע „טיי", אַראָפּצושווענקען די איבלדיקע זיסקייט.

— נישט ווייט פון דאַנען, אין קירגיזיע און אין קאַזאַכסטאַן, דערציילט מען, טרינקט מען אמתע טיי מיט פרוכטן, מיט ראָזשינ־קעס, פייגן, אוריוק... — באַלעקט זי זיך — אָבער דאָ קריגט מען עס נישט. דאָ טרינקט מען טיי מיט זאַלץ, אָדער מיט לאַקריץ־וואָרצלען. מען באַקט דערמיט לעקאַך אויך. אוודאי, נישט אַלע קע־נען דאָס פאַרטראָגן, אָבער מען געוווינט זיך צו. בעסער ווי גאָרנישט איז עס.

— און פון אַזאַ זאַך ווי צוקער, באַלעבאָסטינקע, האָט איר גע־הערט?

— געהערט. ווי דען? אוודאַי געהערט! ווען איך בין אַמאָל געלעגן אין סאַראַטאָווער שפּיטאָל, האָב איך עס פאַרזוכט אויך... מיין מאַמע פלעגט דערציילן, אַז אַמאָל איז צוקער געווען אין גאַנץ רוסלאַנד לרוב. איך אַליין פלעג עס קינדוויז גריזשען גאַנצע טעג. אָבער איך געדענק שוין נישט דעם טעם...

איך האָב צופעליק אַריינגערוקט די האַנט אין קעשענע און דערטאַפּט דאָרט אַ שטיקל צוקער.

— האָקוס־פּאָקוס!... — האָב איך אויסגערופן און אַרויסגע־לייגט דאָס שטיקל צוקער אויפן טיש.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָבן די קינדערלעך געגאַפט.

— צוקער, קינדערלעך!... פאַרזוכט!... — האָב איך עס צע־האַקט אויף דריי שטיקלעך און איינגעטיילט דער משפחה.

די באַלעבאָסטע האָט זיך נישט געקאָנט אָפּלויבן:

— נאַסטאָיאַשטשי סאַכאַר!... אמתער צוקער!... יעי באָגו!... — און זי האָט זיך אַזש איבערגעצלמט...

אפשר אַ האַלבן סאַמאָוואַר האָט זי, מיט אַט דעם שטיקעלע צו־קער אויסגעטרונקען. און אויך די קינדערשע אויגעלעך האָבן גע־פינקלט, ווי זיי וואָלטן זיך ערשט איצט דערוווסט דעם טעם פון לעבן אויף דער וועלט, דעם טעם פון גן־עדן התחתון...

— און ווי לעבט זיך עס ביי אייך אין פוילן, האַ? ווי לעבט מען אין דער גרויסער וועלט? — פרעגט זי אַ פאַרוויטלטע און פאַר־שוויצטע פון טיי־טרינקען.

— עס איז אומעטום איין וועלט — בלאָף איך — עס איז היינט אומעטום שלעכט!

— אָבער צוקער קריגט מען ביי אייך? און שיינע קאָסטיומטשי־קעס אויך?... און אין צערקווע אַריין גייט מען?...
— באַלעבאָסטע, עס איז מלחמה אויף דער וועלט! עס גיסט זיך בלוט!
— אוודאי, מלחמה איז נישט גוט.
— אַ דאַנק פאַר טיי, פאַר כיבוד, באַלעבאָסטע, צום ווידערזען.
דורכגייענדיק איר מאַנס צימער, ווו איך שלאָף, האָב איך נאָכ־אַמאָל איבערגעלייענט דעם פלאַקאַט אויף דער וואַנט:
„אַ דאַנק דעם חבר סטאַלין פאַר אונדזער גליקלעך לעבן!"
„אַ דאַנק דעם חבר סטאַלין פאַר אונדזער גליקלעכער קינד־הייט!"
און אין מיין גאָרגל האָט זיך אויסגעביילט אַ האַרטע פויסט, וואָס האָט מיך גענומען שטיקן און ווערגן.

דרייצן — ער און דרייסיק — זי...

דריי טעג האָב איך אָפּגעאַרבעט אויף די טאַבאַק־פעלדער און אַ נס איז מיר געשען, וואָס היינט, דער פערטער טאָג, איז זונטיק. מיר האָבן היינט וויכאָדנאָי" און איך קען מיר אויסרוען מיינע צע־ווייטיקטע ביינער.
אַלע גלידער ברעכן מיר, איבערהויפּט — דער נאַקן, דער רוקן. עס ווייטיקט דאָס דיקע פלייש פון די פּיס. דאָס נעמט זיך דער־פון, וואָס איך בין די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף די קני געבויגן און געציפּט די ווילדגראָזן אַרום די יונגע טאַבאַק־פלאַנצן.
יונגע שיקסלעך האָבן עס אונדז געלערנט צו טון און איך האָב זיי דווקא געוואָלט איבערשטייגן. פאַר די שיקסלעך איז די אַר־בעט אַ שפּילכל, אַ פאַרווייַלונג. אָבער פאַר אונדזערע שטאָטישע מיט די „איידעלע" הענט, איז עס ממש אינקוויזיציע. באַלד דעם ערשטן האַלבן טאָג האָבן זיי שוין געקרעכצט, צום געלעכטער און שפּאָט פון די שיקסלעך.
איך האָב זיך געשעמט מיט אונדזער נעבעכדיקייט און אומבאַ־האָלפנקייט. עס איז מיר אין לעבן געגאַנגען צו דערווייזן די פּוי־ערטעס, אַז איך, דער פּוילישער ייד, וועל נישט נאָר נישט בלייבן הינטערשטעליק, נאָר איך וועל די פלינקע שיקסלעך איבעריאָגן...
און איך האָב זיי טאַקע איבערגעיאָגט!... אַ פאַרשמאַכטער פון

היץ און פון פײַנלעכן דורשט, האָב איך געאַרבעט מיט אַלע כוחות. צוזאַמען מיטן שווייס, האָט די זון אַרויסגעפּאַרעט דעם קליי פון מײַנע ביינער.

די שיקסלעך, וועלכע האָבן באַוווּנדערט און געלויבט מײַן פלייס, האָבן מיר אַרויסגעוויזן געטריישאַפט דערמיט, וואָס זיי האָבן מיך נישט געלאָזן טרינקען קיין וואַסער. אין דעם צעגליטן סטעפּ, אַ באַגאָסענער מיט שווייס, טאָר מען נישט טרינקען. אין דעם ביסל מים־חיים טובלט־זיך דער מלאך־המוות.

ווער האָט עס אונדז אײַנגערעדט, אַז אײַין זון שײַנט אויף אונדזער ערד? — ניין! בשום־אופן נישט! די זון איבער די נאָוואָ־אוזיענסקער סטעפּעס איז ניטש די זעלבע, וואָס איבער די זאַפּטיקע פּוילישע פעלדער און וועלדער. דער צאָרן פון גאָט ברענט דאָ! די אכזריות פון הימל! און ווו זיך צו באַהאַלטן אַ ווײַלע, איז אין אָפענעם סטעפּ נישטאָ. דער סטעפּ אַליין אָטעמט מיט אַ בריאיקן אָטעם און די זון האָט אונדז אַ פּאַק־געטון און אָפּגעסמאַליעט, ווי יונגע קאַרטאָפעלעך, פון וועלכע די הויט נעמט זיך באַלד שיילן.

אַ פּאָר פרויען זענען פּאַרחלשט־געוואָרן. אַ יונגערמאַן האָט באַקומען אַ זון־שלאַק. אָבער איך האָב אויסגעהאַלטן דריי טעג. אויסגעהאַלטן מיטן ביסל „קאַווע" און צוויי הונדערט גראַם ברויט צום פרישטיק און מיטן קאָכלעפל „זופּ" און צוויי הונדערט גראַם ברויט צום מיטיק. און קיין אָוונטברויט האָבן מיר שוין נישט באַקומען, ווײַל בײַנאַכט אַרבעט מען נישט...

בײַ די היגע איז עס נאָר געווען אַ צוגאָב צו דעם עסן, וואָס זיי האָבן אינדערהיים. בײַ אונדז איז עס געווען אַלץ. און געפילט האָב איך, אַז בײַ אַזאַ אַרבעט און בײַ אַזאַ דערנערונג, וועל איך דאָ בקרוב אויסציען מײַנע קאָפּעטעס...

נאָך ערגער ווי דער דורשט נאָכן ביסל וואַסער, האָט מיך געמאַטערט אויף די טאַבאַק־פעלדער דער דורשט נאָך אַ ביסל רויך פון אַ פּאַפּיראָס. די יונגע פלאַנצן זענען נאָך נישט צום רויכערן. זיי קענען נאָר רייצן און משוגע־מאַכן, ווי ים־וואַסער — דעם דורשטיקן אויף אַ שיף...

אָבער היינט איז זונטיק. איך ליג „אינדערהיים" און רו מיר אויס מײַנע ביינער, וועלכע וועלן אַפילו ביז דינסטיק נישט זײַן אויסגערוט. ווי וועל איך נאָך קענען גיין צו דער אַרבעט? ניין, איך מוז געפינען אַן אויסוועג פון מײַן ביטערער לאַגע. איך מוז די טאַבאַק־פעלדער פּטור־ווערן!

דער הונגער ווערט דאָ גרעסער פון טאָג, צו טאָג, מיט יעדן פרישן עשאַלאָן פּליטים. איך האָב שוין באַלד אַלץ אַראָפּפאַרקויפט פון זיך און וועל בלייבן נאַקעט פאַרן ווינטער. און מיין באַלעבאָס־טע זאָגט מיר, אַז מען דאַרף זיך באַצייטנס פאַרזאָרגן מיט הייץ־מאַטעריאַל. וואָרעם ווי גרויס עס זענען איצט די היצן אין נאָוואָ־אוזיענסק, זענען דאָ נאָך שטאַרקער די פרעסט און שניי־זאַוויע־רוכעס.

אפשר זאָל איך אַנטלויפן קיין מיטל־אַזיע? — אַפילו גיין צו־פוס איז דאָך לייכטער, ווי אַרבעטן אויף די טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס. מען שטייט דאָך נישט אויף די קני געבויגן, נאָר מען גייט זיך גלייך... און אַז מען קומט צו אַ וועלדל, אָדער אַ כאַטע, קען מען זיך אָפּרוען אין שאָטן און טרינקען וואַסער... ווי לאַנג וואָלט איך דען געדאַרפט גיין צופוס ביז טאַשקענט? — אַ צוויי־דריי חדשים! אויף ווינטער וואָלט איך דאָרט געווען... טאַשקענט „די שטאָט פון ברויט״... אין מיטל־אַזיע איז אַ וואַרעמער ווינטער. מען זאָגט, אַז מען קריגט דאָרטן טאַבאַק, מאַכאָרקע און פּרוכטן לרוב. אַז ווייַנטרויבן און אוריוק עסן דאָרט די ציגן...

אָבער ניין! נישט מען מעג אַנטלויפן און נישט איך האָב רעכט צו אַנטלויפן! — איך דערוואַרט דאָך אַן ענטפער אויף מיינע טעלע־גראַמען פאַר גאַנצע פינף הונדערט רובל! יעדן טאָג שלייך איך זיך פאַרביי דער פּאָטשט און קוק־אַריין אינווייניק אַ פאַרבענקטער. אפשר ליגט שוין דאָרט לאַלעס אַ טעלעגראַמע פאַר מיר?

און אפשר האָט דאָס שיקסל פאַרוואָרפן מיין אַדרעס, וואָס איך האָב איר איבערגעלאָזן און זי ווייסט נישט, וווהין מיר די טעלע־גראַמע איבערצושיקן?

קען זיין, אַז די טעלעגראַמע וואַרט אויף מיר און איך וואַרט אויף דער טעלעגראַמע.

אָבער אַריינגיין אין פּאָטשט, ריזיקיר איך נישט. עס שמעקט מיט ענקאַווועדע. דער נאַטשאַלניק האָט דאָך מיר פאַרבאָטן!

איז ווי לאַנג זאָל איך אַזוי וואַרטן?

מען האָט מיר געזאָגט, אַז בלעטער פון קאַרשנבוימער, נוסבוי־מער און קאַשטאַנבוימער זענען גוט צום רויכערן. איך האָב זיי אָנ־געריסן, אָנגעצויגן אויף אַ דראָט און טריקן זיי אויף דער זון. שפּע־טער וועל איך זיי צערייבן אויף טאַבאַק און פאַרזוכן. נאָר ביז זיי וועלן טרוקן ווערן, האָב איך דערווייל אָנגעשניצט דינינקע שטי־קעלעך פון בעזעם־ריטלעך, פאַרוויקלט אין צייטונגס־פּאַפּיר און

איך רויכער ווי אַ ליאָרד!... ביי יעדן צי, צינדט זיך־אָן אַ פייער און עס ברענט מיין „סיגאַרעט“. לעש איך אים אויס און איך צי ווייטער.

איך הוסט און שפיי די לונגען אויס און מיין באַלעבאָסטע פאַר־זיכערט מיך, אַז איך וועל זיך צו אַלץ צוגעוווינען. אָט האָב איך זיך שוין באַלד צוגעוווינט צו די פליי און צו די לאַקריץ־וואָרצלען. איך דאַרף זיך נאָר נאָך צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז איך בלייב שוין אַ היגער און זיך אָפּזוכן אַ צוגעפּאַסט ווייב. די יאָרן שטייען נישט און לעבן דאַרף מען. קיין מוידן, זאָגט זי, פעלן דאָ נישט! בלוט און מילך! עס איז אַן עבירה, צו לאָזן זיי סתם זיך־אַרומדרייען און אַליין — וואַלגערן־זיך אויפן פעלץ און טשטירען מיט די ציין.

— וואָס דערלייגט דען דערצו אַ מאַנצפּערשוין? — פרעגט זי מיר — עס איז דאָך אַ רחמנות אויף די מיידלעך. גאַנץ נאָוואָ־אָר־זיענסק איז אַ ווייבערישע שטאָט. אויסער די פּאָר נאַטשאַלניקעס און דער ענקאַוועדע, זענען כמעט קיין לייטישע, געזונטע מענער נישטאָ. טייל זיצן, טייל זענען פאַרשיקט און טייל שלאָגן־זיך אויף די פראָנטן. בילד־שיינע פרויען שלאָגן זיך דאָ איבער קאַליקעס, איבער הויקערס. אויף זאַבאַוועס טאַנצן מיידלעך מיט מיידלעך. און אייערע פּוילישע מענער זענען נאַראָנים! בעלי־גאווה! וואָס האַלטן זיי זיך פון דער ווייטנס? וואָס שטייען זיי אין גרויסן? זיי פאָרן שוין מאָרגן צוריק אַהיים?...

פון הינטער די שטאַלן דערהערט־זיך אַ קוויטש און עס שפּרינגט־אַרויס אַ צעשויבערט שיקסל, פון אַ יאָר זעכצן, מיט אַ צעשפּילע־טער בלוזקע.

מיין באַלעבאָסטע קוקט זי אָן גוטמוטיק און מאַכט איר אַ מו־טערלעכן פאָרוואָרף:

— וואָס קוויטשעסטו? וואָס שרייסטו?

— אַזאַ נאַכאַל! — סאָפּעט דאָס שיקסל — מיט ביידע הענט האָט ער מיך גע...

— איז וואָס־זשע שרייסטו, דו נאַר?... זיי צופרידן, אַז מען טשעפּעט דיך!...

— איך וויל נישט. איך נויטיק זיך נישט! — זאָגט דאָס שיקסל פאַרשעמט און זי גייט אַוועק מיט וואַקלענדיקע טריטלעך, ווי זי וואָלט שוין חרטה געהאַט אויף איר קוויטש און אויף איר אַנטלויפן.

— דאָס האָט זי געקוויטשעט צוליב אייך... — זאָגט מיר די באַלעבאָסטע — געוואָלט באַווייזן, אַז זי איז אינטעליגענט און לאָזט

זיך נישט פון אַבי װעמען... אָבער פּרוּװט איר נאָר געבן אַ װוּנק מיט איין אויג, װעט זי אייך באַלד נאָכלויפן, דאָס ציײגל!...

און איך פיל, אַז איך װעל טאַקע באַלד נעמען װינקען.

ביז איצט, האָב איך זיך קוים אָפּגעטריבן פון די שיקסלעך אויף די טאַבאַק־פעלדער, װאָס האָבן געקלעבט צו מיר, װי זלידנע פליגן. אַלע האָבן זיי מיך באַשװוירן, אַז איך זאָל זיך טרעפן מיט זיי אין אָװנט ביים טייך, אין סקװער, אָדער הינטערן שײער. אָבער איך בין געװען מיד פון דער אַרבעט, צעבראָכן, פאַרביטערט און פאַר־צרהט. איך האָב געװוּסט, אַז זיי װאַרטן אויף מיר און איך בין נישט געגאַנגען. איצט זענען זיי אַלע בייז אויף מיר. בלוטיקע שונאים... אמת, מיט איין װוּנק קען איך זיי אַלע איבערבעטן. און סוף־כל־סוף, װאָס בין איך? אַ נזיר? שוין חדשים װי איך װאַלגער זיך אַליין און, װי די באַלעבאָסטע זאָגט: איך ליג אויפן פעלץ און שטשירע מיט די ציין.

איצט, נאָך אַ האַלבן זונטיקדיקן אָפּרו־טאָג, אַן אָנגעטרונקענער מיט װאַסער און אַן אָנגערױכערטער מיט בעזעם־ריטלעך, דערפיל איך װידער מײנע כוחות.

קיין טעלעגראַמע איז נישטאָ. פאַרװאָרפן בין איך אין אַ העק. עלנט װי אַ שטיין. צעביסן פון פליי, פאַרנודזשעט פון לאַקריץ. פאַרװאָס זאָל איך טאַקע נישט געבן אַ װוּנק צו אַ שיקסל, פאַר־װאָס?!

***

איך האָב זיך היינט באַקענט מיט מיין באַלעבאָס, איװאַן סער־געיעװיטש. ער איז געקומען צורייטן אויף אַ װילדן סטעפּ־פערד, אַן אַ זאָטל, האַלטנדיק־זיך מיט איין האַנט אַן דער װילדער גריװע און קלאַפּנדיק מיט די פיס אין פערדס בויך אַריין.

אַ מינוט פריער האָב איך נאָר געזען אַ זייל שטויב אויפגיין, אַ הוראַגאַן. אָבער באַלד האָט זיך פון דעם שטורעם אויסגעשײלט אַ משוגענער פערד מיט אַ משוגענעם רײטער, װאָס װעלן באַלד ביידע אַרויף אויף אַ בוים, אויף אַ פּלויט, אויף אַ הויז און געניזוקט װערן.

איך האָב געװאָלט אַריינלויפן אין טויער, נישט־צעטראָטן צו װערן און באַמערקט, אַז מיין באַלעבאָסטע שטייט און אַנטלויפט נישט. זי שטייט רויִק און שמייכלט אַפילו אַ פאַררויטלטע:

— מאַי אַריאָל!... מיין אָדלער פליט!...

און דער פערד איז נישט שטיין געבליבן פאַרן טויער, נאָר זיך

עפּעס קונציק אַפּירגעגליטשט פון אונטער דעם רייטערס פיס און אליין אַוועקגעגאַלאָפּירט אין אָפענעם פעלד אַריין.

ווו איז דער רייטער אַהינגעקומען?! צי ליגט ער נישט מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ און צעבראָכענע ביינער? —

ווען דער שטויב איז שיטערער געוואָרן, האָב איך אים דערזען. ער איז זיך רוהיק געשטאַנען און געוויקלט אַ מאַכאָרקע־סיגאַרעט...

איוואַן סערגעיאיטש, מיין באַלעבאָסטעס אָדלער, וועלכער האָט אין וויטלעכן קאָלכאָז נאָך אַן אָדלער־נעסט מיט נאָך אַן אָדלעריכע און עטלעכע אָדלערלעך, איז אַ מיטלוועקסיקער און פעסטגעבויטער פויער. זיינע וואַסערדיק־בלויע אויגן הערן נישט אויף צו שמייכלען און דערציילן, אַז זיין פלאַקסענע קוטשמע האָר האָט נאָך קיינמאָל נישט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ קאַם... ער איז אַ גוטמוטיקער, אַ שווייגנדיקער און אַ שמייכלענדיקער. די אויגן רעדן, נאָר ביים מויל איז אַ וואָרט — אַ רענדל... דאָס איינציקע וואָרט, וואָס ער זשאַלעוועט נישט כסדר איבערצוחזרן, איז:

— דאַ... דאַ־דאַ, דאַ...

ער האָט דאָ עפּעס צו דערליידיקן אין אָרט־קאָם און ער איז אַהערגעקומען בלויז אויף אַ האַלבן טאָג.

דערהערנדיק עס, האָט זיך מיין באַלעבאָסטע באַלד גענומען וואַשן און צוואָגן. זי איז שפּעטער געווען רויט, ווי פון אַ באָד אַרויס און עס האָט פון איר שטאַרק און אָנגענעם געשמעקט מיט רומיאַנעק... אין מיינע אויגן איז זי פּלוצלונג יינגער געוואָרן מיט אַ פופצן יאָר!...

נאָכדעם האָט זי סערווירט אַ טיש, מיט אַ פרישן ווייסרוסיש־געהאַפּטענעם טישטוך.

לכבוד איר אָדלער האָט זי אָפּגעקאָכט אַ יום־טובדיק מיטיק, צו וועלכן זי האָט שוין מיך אויך פאַרבעטן.

דאָס מיטיק איז באַשטאַנען פון אַ זופּ, וואָס הייסט „אוכאַ" און איז געקאָכט מיט דעם געטריקנטן פיש, מיט וועלכן מען קען קעפּ שפּאַלטן און פונדעסטוועגן שטינקט ער. געקאָכטערהייט שטינקט ער נאָכמער.

אפשר איז עס אַן אָדלערישער מאכל? — איך וואָלט גיכער געגעסן וואַטע געטונקען אין ריצנאייל, איידער אָט די „אוכאַ".

אָבער אַז אַלע האָבן געשלונגען און זיך פאַסמאַקעוועט, האָב איך אויך נישט געטאָרט זיין קיין פּוילישער אינטעליגענט און געמוזט עסן און לויבן דער באַלעבאָסטע.

פֿאַר אָט דעם ליגן, בין איך באַלד אויפֿן אָרט באַשטראָפֿט־גע־וואָרן: די באַלעבאָסטע האָט מיר, מיט איר גאַנצער ברייטהאַרצי־קער גאַסטפֿריינטלעכקייט, דערגאָסן נאָך אַ שעפּלעפּל „אוכאַ"...

נאָכן עסן איז דער אַדלער אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן בוידעם פֿון דער שטאַל און האָט פֿון דאָרט אַראָפּגענומען אַ היפּשן קראַנץ גע־טריקנטע טאַבאַק־בלעטער. אמתער טאַבאַק!

— נעמט עס, איסאַק אַראָנאָוויטש, עס איז פֿאַר אייך... — דער־לאַנגט ער עס מיר שמייכלענדיק.

— פֿאַר מיר? איוואַן סערגעיאיטש? אַזוי פֿיל? איך...

— איך האָב גענוג... דאַדאַ... רויכערט געזונטערהייד.

— אַ גרויסן דאַנק אייך, איוואַן סערגעיאיטש! אַ גרויסן דאַנק!

— מען דאַרף נישט, מען דאַרף נישט. נאַרעשקייטן. — האָט ער אַ ווונק געטון מיט די וואַסערדיק־בלויע אויגן און איז אַוועק זיך צושפּאַרן אין זיין ווייבס צימער.

איך האָב געהערט, ווי עמיץ האָט דאָרט פֿאַרלייגט דאָס קייטל, פֿאַרשפּאַרט די טיר. די באַלעבאָסטע האָט דאָרט אַ ביסעלע געלאַכט, גערעדט מיט עפּעס גאָר אַן אַנדער, קלינגענדיקער שטימעלע און עס איז שטיל געוואָרן.

איך בין אַרויס אויף דער גאַס, הינטערן פֿאַרקאַן פֿון הויף, זיך אויסגעצויגן אין הויכן גראָז און הנאה׳דיק געריכערט. נישט ווייט פֿון מיר האָט זיך געפּאַשעט אַ קו און נישט ווייט פֿון מיר, אַן אי־בערגעדעקטע מיטן הויכן גראָז, איז געלעגן אַ פֿרוי און אומעטיק־צעצויגן געזונגען אַ בענקשאַפֿט־ליד:

וו׳דוויער סטוטשיצאַ זימני וויעטיער
אַ נאַ סערדצע זימני כלאַד:
אַן אויעכאַל ניע נאַגליאַדני,
ניע וויערניאַטסאַ אַן נאַזאַד.

דאָס האַרציק געזאַנג האָט אַזוי געקלאָגט, אַז איך אַליין בין פֿאַרוואַנדלט־געוואָרן אין אַ בלויען וואָלקן פֿון בענקשאַפֿט, — כאָטש הויב זיך אויף און שוועב איבער מרחקים, צו אַ פֿרייער וועלט, אַן „אוכאַ", אַן פֿליי און אַן לאַקריץ־וואָרצלען; צו אַ וועלט, וווּ מענטשן קענען לעבן לויט זייער אייגענעם ווילן.

עס איז דאָך נאָך פֿאָרט פֿאַראַן אַ שיינע, גרויסע וועלט, אויף וועלכער מען קען לעבן.

און לעבן ווילט־זיך, אוי, ווילט־זיך! — — — — —

מיטן שטעגל, וואָס שלענגלט־זיך באַרג־אַרויף פֿון טאָל, קומט־

אָן אַ ייִנגל פון אַ יאָר דרייצן. ער טראָגט אין איין האַנט אַ װענדקע און אין דער צװייטער — אַ האַלב טוץ זיך־צאַפּלענדיקע פישלעך, אויף אַ דראָטל אָנגעהאָנגען.

— פּעטיאַ! פון װאַנען גייסטו, פּעטיאַ? — דערהער איך די זעל־בע פרויען־שטימע, װאָס האָט פריער געזונגען.

איך קוק זיך אום און זע, אַז זי ליגט שוין נישט. זי זיצט און פאַריכט־זיך אירע קאַשטאַן־קרויזן און פוצט־אָראָפּ דעם שטרוי און די װאַטע־בלימעלעך פון איר בלוזע. דאָס איז אַ פרוי פון אַ יאָר דרײַסיק, נישט קיין מיאוסע און אַ װײַבלעך־אויסגעפּילטע. זי זעט־אויס צו זײַן דעם ייִנגלס מוטער, אָבער זי איז עס נישט, װאָרעם ער רופט זי „טיאָטיאַ, „טיאָטיאַ זינאַ" און ער זאָגט:

— פון טײַכל גלײַ איך. זיך געבאָדן און פיש געכאַפּט!... — באַ־װײַזט ער מיט שטאָלץ זײַן פאַנג.

— װאָס גיעראַי!... אַליין געכאַפּט?

— יעי באָגו, אַליין. טיאָטיאַ זינאַ גלויבט נישט?

— איך גלויב דיר, פּעטיאַ, איך גלויב... אַ קאָנפּיעט (צוקערקע) װילסטו?...

— איך װיל.

— טאָ קום אַהער, װעל איך דיר געבן...

דאָס ייִנגל קומט־צו.

— נו, נעגטער, דו שעמעװדיקער, דו... — נעמט זי אַרויס פון בוזעם אַ צוקערקע, אין אַ קאָלירט פּאַפּירל אײַנגעװיקלט, און שפּילט זיך דערמיט פאַר זײַן נעזל...

— יעי באָגו! אַן אמתער קאָנפּיעט!... — קאָן פּעטיאַ נישט צוי־מען זײַן איבעראַשונג — פון װאַנען האָט איר עס, טיאָטיאַ זינאַ?

— אַ פּאַסילקעלע באַקומען... פון קיבישעװ... און נאָך גוטע זאַכן... נאַ, פאַרזוך.

— אַ דאַנק, טיאָטיאַ זינאַ!

— „אַ דאַנק"! — קרימט זי אים נאָך — אַזוי זאָגט מען אַ דאַנק פאַר אַ קאָנפּיעט? גיב אַ קוש דער טיאָטיאַ זינאַ!

דאָס ייִנגל װיל אַ קוש־טון אין דער האַנט, אָבער זי שטעלט אים אויס די באַק און ער טוט אַ סמאָטשקע.

— אָהאָ!... דו קושט װי אַן אמתער מאַנצפּערשוין!... זאָג מיר דעם אמת, פּעטיאַ: דו האָסט שוין געקושט אַ סך מיידלעך?...

— ניין, טיאָטיאַ זינאַ! איך קוש נישט קיין מיידלעך!

— פאַרװאָס?!

— איך האָב נישט ליב!
— און מיך האָסטו ליב?...
— יאָ.
— און נאָך אַ קאָנפּיעט ווילסטו?
— יאָ, זיכער!
— נאָ, נעם אַרויס... — ציט זי עטוואָס נידעריקער אַראָפּ די בלוזקע און שטרעקט אים אַנטקעגן איר פולן בוזעם — נו, שטעק אַריין אַ האַנט און נעם־אַרויס, אַז דו ווילסט...
דאָס יינגל ווערט רויט און רירט זיך נישט.
— נאָ, קום אַהער, דו שעמעוודיקער, דו... וועל איך דיר געבן... — נעמט זי אַליין אַרויס נאָך אַ צוקערקע און שפּילט זיך דערמיט פאַר זיין נעזל — ווילסט?... ווילסט?... טאָ נעם מיך אַרום און גיב אַ פּעסטן קוש...
דאָס יינגל ציט מיט דער נאָז, ציט מיט די אַקסלען, צעגערט און האַלט פאָרט נישט אויס דעם יצר־הרע. ער נעמט זי אַרום, גיט אַ סמאָטשקע און כאַפּט דאָס צוקערל. און ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז זי וועט עס באַלד צוריק וועלן, — כאַפּט ער עס אַריין מיטן פּאַפּירל אין מויל און נעמט קייען.
— פּעטיאַ... און קיעלבאַסע האָסטו ליב?...
— אָהאָ! נאָך ווי!...
— אַז דו וועסט זיין אַ גוטער און אַ קלוגער, וועל איך דיר אין אָוונט ברענגען...
— טיאָטיאַ זינאַ! קיין דוראַק בין איך נישט און אַ גוטער וועל איך אויך זיין. יעי באָגו, איך וועל זיין!
— איז גוט... וועסטו באַקומען קיעלבאַסע... זאָג מיר, פּעטיאַ, איך בין עפּעס אַ שיינע?... — קאָקיעטירט זי אים מיט דער גאַנצער טאַליע.
— זייער אַ שיינע, טיאָטיאַ זינאַ!
— און דו וואָלסט געוואָלט אַזאַ כלה, ווי איך?...
— יאָ.
— דו נאַרעלע!... דו ווייסטאָך נאָך אַפילו נישט, צו וואָס מען דאַרף אַ כלה!...
— ווייסן, ווייס איך שוין יאָ... — לאָזט פּעטיאַ אַראָפּ די אויגן.
— נאָר דו שעמסט זיך?...
— אַ ביסל...
— דו ביזטאָך שוין אַ פאָלנער מאַנצפערשוין! דאַרפסט זיך נישט

שעמען... פּעטיאַ, עס זענען עפּעס שיינע קני ביי מיר? — פֿאַר־שאַרצט זי דאָס קליידל.

— שיינע! — ענטפֿערט ער, נישט־אויפֿהויבנדיק זיינע אויגן פֿון דער ערד.

— „שיינע!״ — קרימט זי אים נאָך — דו קוקסט דאָך אַפֿילו נישט! און דו ווילסט עס קיעלבאַסע, האַ?... פֿאַרוואָס קומט דיר קיעלבאַסע, אַז דו ביזט נאָך אַזאַ דוראַטשאָק? אַז דו ווילסט מיך נישט אַרומנעמען ווי געהעריק און געבן אַ קוש... איך האָב ראָזשינקעס אויך און זיסע קיכעלעך אויך... אָבער איך וועל עס געבן אַן אַנדערן, אַ קליגערן...

— טיאָטיאַ זינאַ! יעי באָגו!

— נאָ וואָס, יעי באָגו? ביזט אַ נאַרעלע, אַ שעמעוודיקער. די נאָז דאַרף מען דיר נאָך אָפּווישן! ...

— נאָר בייטאָג, אין דער ליכטיק שעם איך זיך אַ ביסל... — פֿאַרענטפֿערט זיך פּעטיאַ.

— און אין אָוונט? אין דער פֿינצטער? וועסטו זיך נישט שעמען?...

— ניין. יעי באָגו, ניין! וועסטו ברענגען קיעלבאַסע מיט ראָ־זשינקעס?

— ברענגען... און דו וועסט זיך אויפֿפֿירן ווי אַ דערוואַקסענער? ווי אַ מאַנצפּערשוין?...

— יאָ.

און פֿאָלגן אַלץ, וואָס איך וועל פֿאַרלאַנגען?...

— אַלץ! יעי באָגו, אַלץ!

— פּעטיאַ... און ברויט מיט סאַלאָ (חזיר־שמאלץ) האָסטו ליב?...

— זייער! נאָך ווי!...

— איז וועל איך דאָס אַלץ מיטברענגען אין אָוונט, אָט דאָרטן אַהין... הינטער יענעם שייער... אָבער דו שוויג און דערצייל קיינעם גאָרנישט.

— איך וועל שווייגן ווי אַ פֿיש! און ווי נאָר עס וועט טונקל ווערן, וועל איך זיין הינטערן שייער. טיאָטיאַ זינאַ... גיב נאָך אַ קאָנפֿיעט...

— נאַ, נעם אַרויס און אַנטלויף...

פּעטיאַ האָט זיך אָנגענומען מיט קוראַזש, אַ שטעק אַריין גע־געבן דאָס הענטל טיף אין זינאַס בוזעם, אַרויסגענומען דעם קאָנפֿיעט און איז שנעל אַנטלאָפֿן.

— מאַלאַדיעץ!... — האָט זי אים נאָכגערופן — ווערסט אַ מענטש!...

און באַלד נאָכדעם, האָט זי אַריינגענומען דעם קאָפּ אין ביידע הענט און איז זיצן־געבליבן אַן אומעטיקע, אַן עלנטע. אירע אָקס־לען האָבן געצוקט און עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געוויינט.

די בהמה, וואָס האָט זיך דאָ געפּאַשעט, האָט עס ווי באַמערקט און מיטפילנדיק, זיך צעמעקעט מיט אַ צעצויגענעם מממההההוווו!

זינאַ האָט אויפגעהויבן אַ פאַרטרערט פנים און אַ הייזעריקן בורטשע־געטון:

— שווייג, דו פאַרשאָלטענע! ווי לאַנג איז, אַז דו האָסט זיך אָפּגעקעלבט?!

די קו האָט זיך נאָך שטאַרקער צעמעקעט מיט אַ שטום־צונגיקער בענקשאַפט און זינאַ האָט זיך שוין איצט אַ ריס געטון פון אָרט אַ בייזע, מיט אַ ספּאַזמאַטיש טענדעלע:

— שווייג, דו צעלאָזענע! איך בין טויזנט מאָל אומגליקלעכער פאַר דיר!

איך אנטלויף

מאָנטיק אינדערפרי, איידער איך בין אַרויס צו דער אַרבעט אויף די טאַבאַק־פעלדער, האָב איך ריזיקירט זיך אַריינצוכאַפּן אין דער פּאָטשט־געביידע. איך ווייס נישט, צי ביי אַ קאָסע־ברעכער קלאַפּט אַזוי דאָס האַרץ, ווען ער גייט אויף אַ געפערלעך „שטיקל אַרבעט"... איך האָב נאָר געזען הונדערטער פּאָר שפּיציקע אויגע־לעך, וואָס ווינקען צו מיר, פינגער וואָס רופן מיך און אין די אויערן האָט עס געקלונגען און געררישט: „בירגער, דערלויבט מיט מיר!"...

עס איז געווען אַ ליכטיקער, זוניקער טאָג און מיר איז געווען טונקל פאַר די אויגן. צוועלף ליסטעס מיט נייע נעמען זענען גע־האָנגען פאַרן פענצטערל און זיי האָבן זיך געהוידעט, געוויגט, גע־קרימט. די שורהלעך האָבן זיך געצאַפּלט און זיך געראַיעט, ווי בלויע ווערים, וואָס קריכן איינער איבערן אַנדערן.

ניין, מיין נאָמען איז אין קיין איינער פון די צוועלף ליסטעס נישט געווען.

און דאָך, האָט מיך איין שורהלע פאַרהאַלטן.

דאָס איז געווען אַ שורהלע, וואָס האָט איבערגעקרימט מיין

נאָמען, ווי צו מאַכן מיט מיר שפּאַס. געלייענט האָט זיך עס: „פּער־וואָלויסאַק״. און דער „פּערוואָלויסאַק״ האָט קרום־שפּיגלדיק גע־לאַכט: דאָס ביזטו, גוטער ברודער... דאָס מיינט מען דיך... אַזוי זעסטו אויס...

יעדער נאָמען האָט געהאַט ביי דער זייט אַ נומער. האָב איך זיך געווענדעט צום געשטופּלטן שיקסל מיטן פּאַריסענעם נעזל און געזאָגט דעם נומער. זי האָט אויסגעזוכט די טעלעגראַמע, פאַרגליכן מיטן נאָמען וואָס אין מיין פּאַספּאָרט און אַ זאָג־געטון:

— ניין, בירגער. עס איז נישט פאַר אייך.

— בירגערקע, טייערע! — בעט איך זיך ביי איר — איך בין איבערצייגט, אַז די טעלעגראַמע איז יאָ פאַר מיר. דער נאָמען איז נאָר צעדרייט־געוואָרן. דער „ל״ האָט געדאַרפט זיין פריער פאַרן „וו״... אָט, אדרבא, קאָנטראָלירט, ביטע, די אונטערשריפט, צי דאָס איז נישט אַ פרוי מיטן נאָמען לאָלאַ...

דאָס שיקסל איז היינט געווען אין אַ גוטער שטימונג און זי האָט איינגעוויליגט אַ קוק צו טון די אונטערשריפט. זי האָט אַ שמייכל געטון:

— און פון וואַנען דערוואַרט איר אַ טעלעגראַמע?

— פון אוקראַינע, אָדער פון קאַווקאַז. עס קען אויך זיין פון מאָסקווע.

— איר קענט אַזוי אויסרעכענען אַלע רעפּובליקן.. זאָגט גענוי: פון וועלכער שטאָט?

— איך ווייס נישט. מיין פרוי איז אַן אַקטריסע. זי פאָרט־אַרום מיט אַ טעאַטער. די בירגערין געדענקט דאָך, אַז איך האָב צעשיקט טעלעגראַמען אין פאַרשיידענע שטעט, פאַר פינף הונדערט רובל!... איז אָט, קען זיין, אַז מיין פרוי האָט זיך אָפּגעזוכט...

— קען זיין... — זאָגט זי אַ שמייכלענדיק־פאַרטראַכטע — מאָדנע מענער זענט איר, די פּוילישע... וואָס יאָגט איר זיך אַזוי אַרום נאָך אַ פרוי?! עס פעלן אייך דען פרויען אין נאָוואָ־אוזיענסק?..

— בירגערקע, טייערע, נישט נאָר די פּוילישע. אַלע מענער זענען אַזוי. געטרייע באַשעפענישן... מיר זענען ווי די היימישע חיות, וואָס געוווינען זיך־צו צו זייער שטאַל, אָדער צו זייער היי־מישער בודע... אייערע נאָוואָ־אוזיענסקער זענען אויך אַזוי. די טאַ־טעס, די מענער, די חתנים, די זין... אַלע וועלן זיי אַהיימקומען, צו־ריק צו זייערע...

— איר מיינט אַזוי?

— איך בין זיכער, בירגערין!...

דאָס שיקסל איז רויט געוואָרן און באַקומען פייכטע אויגן. זי האָט מיר דערלאַנגט די טעלעגראַמע:

— פּאַזשאַלויסטאַ, נעמט און זעט אַליין, צי דאָס איז פאַר אייך, אָדער נישט פאַר אייך...

איך האָב גענומען און באַלד דערזען, אַז יאָ און נישט — נישט!... פון לאָלען איז עס... פון באַקו... זי שרייבט:

„גליקלעך איבעראַשט כבאַגריס מיר פאָרן טאַשקענט דער־וואַרט ידיעה כקוש פלאַמיק

דיין לאָלאַ".

בין איך מיט דער טעלעגראַמע אַרויסגעפלויגן אינדרויסן אַ צע־כראַסטעטער, אַ צעפּאַרעטער, ווי אַ ראַזער וואָלקן, און גענומען אַרומשוועבן איבער די פוסטע געסלעך פון ישוב.

וועמען זאָגט מען? וועמען פּאַרטרויט מען? — כאָטש שטעל־אָפּ אַ קו, אַ קעמל, אָדער אַ קאָזע און דערצייל איר פון מיין גליק און לייען איר די טעלעגראַמע פון באַקו...

— העי! פּאַסטאַי! כאַווער אייזל! דו זעסט, איך האָב אַ טעלע־גראַמע באַקומען... פון באַקו... פון לאָלען... זי וויגט זיך שוין אוודאי מיט אַ שיף איבערן קאַספּישן ים און פאָרט קיין טאַשקענט... און איך, כאַווער אייזל, און איך...

דער אייזל האָט געגעבן אַזאַ גרילץ, אַז איך בין אָפּגעטראָטן אַן אויסגעזידלטער. און באַלד האָב איך זיך אַליין גענומען זידלען: אַזוי רעדט מען עס צו אַ כאַווער אייזל?! ווו איז העפלעכקייט? „איך", „איך", „איך"! יעדער האַנאַראָווער אייזל איז דאָך זיכער, אַז נאָר ער איז אַן „איך" און אויסער אים, איז מער קיין „איך" נישטאָ! און איך אַליין בין דאָך נישט בעסער פון מיין כאַווער אייזל. אויך איך זע נאָר זיך און מיינע פּערזענלעכע אינטערעסן. פאַר די אינטערעסן פון מיין עגאָאיסטישן מאָגן, קען איך דאָך לאָזן אָט דעם חבר אייזל שעכטן!

— ענטשולדיק מיר, בירגער אייזל! געוואָלט זיך מיט דיר באַ־ראַטן... אָבער איך וועל שוין אַליין עפּעס פאַסן אַ באַשלוס...

און איך האָב באַשלאָסן: קודם־כל גיי איך נישט מער צו דער אַרבעט! אַדיע מיינע טאַבאַק־פעלדער! אַדיע טייערע שיקסעלעך! אַדיע „אוכאַ", לאַקריץ און פליי! איך גיי אין „אַרטקאָם" בעטן אַ באַפרייאונג פון דער אַרבעט און אַ קאָמאַנדיראָווקע, צו פאָרן קיין טאַשקענט, דער שטאָט פון ברויט און ליבע...

דער נאַטשאַלניק פון „אַרטקאָם" האָט לאַנג שטודירט מיין טע־לעגראַמע און דאַן געפּסקנט:

— איר דאַרפט גיין צו דער אַרבעט. עס פעלן הענט. אַלע אונ־דזערע זענען אויפן פראָנט. איר זענט אין אַ רואיקן הינטערלאַנד, אַ געשיצטער. דאַרפט איר כאָטש העלפן מיט אַרבעט. דער טאַבאַק איז באַשטימט פאַר אונדזערע קעמפער אויף די פראָנטן.

— כאַווער נאַטשאַלניק! — בעט איך זיך — טאַשקענט איז דאָך אויך ראַטנפאַרבאַנד און נויטיקט־זיך אין אַרבעטס־הענט פאַרן פראָנט און פאַרן לאַנד! און אין נאַוואָ־אוזיענסק זענען דאָך שוין דאָ צופיל הענט! אַזויפיל פליטים אַנגעקומען! אַלע ווילן אַרבעטן. און איך האָב קוים געפונען מיין פרוי, וויל איך זיין צוזאַמען. פאַרוואָס זאָלן משפחות דאַרפן זיין צעריסן, אָפּגעשיידט, ווען מען קען נוצלעך זיין דעם לאַנד צוזאַמען? מיר וועלן דאָרט נוצלעך זיין אין טאַשקענט.

— איצט, אינמיטן אַרבעטס־סעזאָן, קאָנען מיר נישט מאַכן מיט אייך קיין חשבון און באַצאָלן פאַר אייערע אַרבעטס־טעג.

— חבר נאַטשאַלניק, איך פאָדער נישט קיין חשבון און קיין לוין. איך שענק מיינע אַרבעטס־טעג פאַר מלחמה־צוועקן. איך בעט נאָר אַ קאָמאַנדיראָווקע.

— אויף וועלכן סמך?...

— אויפן סמך פון דער טעלעגראַמע.

— ניין!

בין איך אַרויס פון „אַרטקאָם" אַן אויסגעלאָשענער און זיך גע־לאָזן אין דער ריכטונג, צו די טאַבאַק־פעלדער. אין מיין געמיט האָט זיך געדרייט אַ זוניקער שטויב, וואָס האָט אויך געקנאַקט צווישן מיינע ציינער. איך האָב געפילט אין מויל אַ טערפּקע־זיסן טעם און אין דער נאָז — אַ שטאַרקן מענטאָל.

צו דער אַרבעט גיי איך. דער אָקס גייט צוריק אין שפּאַן!

איך בין נאָך מיד און צעבראָכן. ביים בויגן־זיך טוען מיר גע־וויסע ערטער באַזונדערס וויי. און אין פעלד מוז מען זיך דאָך כסדר בויגן! איך קען זיך אַמאָל איינבויגן און זיך שוין צוריק נישט אויסגלייכן!

עס האָט אַ שפּיגל־געטון פאַר מיר דער טייך אוזיען מיט זיינע פרישע, קילע וואַסערן. די קוועלנדיקע כוואַליעס האָבן מיך אַ רוף־געטון און, אָנשטאָט אַריבערצוגיין די בריק, בין איך אַראָפּ צום ברעג. איך האָב זיך אויסגעטון און בין אַריינגעשפּרונגען אין וואַ־סער, זיך געטונקען, געפּליעסקעט, געשווומען און געטראַכט ייִנגלש־

באַרעשע פאַנטאַזיעס: דער טייך אוזיען פאַלט דאָך אַריין אין קאַס־פּישן ים... ווען איך לאָז זיך אַזוי אַוועק שווימען ביז אַהין... איך שווים און שווים און טרעף־אָן אַ שיף, וואָס קורסירט פון באַקו, קיין קראַסנאָוואָדסק... איך שריי־אַרויף „לאָלאַ!” און באַלד באַ־וויזט־זיך — — — —.

אַ גרופּע אַרבעטער האָבן זיך באַוויזן... זיי זענען געגאַנגען פּאַזע ברעג, מיט די אַרבעטס־כּלים איבער די אַקסלען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי קוקן אויף מיר מיט כּעס און מיט ביטול: ער באָדט־זיך, דער פּוילישער פּאַן! אין אַ מיטן העלן אַרבעטס־טאָג באָדט ער זיך! אין מלחמה־צייט, ווען עס פעלן אַרבעטס־הענט!

בין איך אַרויס פון וואַסער און זיך שנעל אָנגעטון. דער קי־לער טייך האָט אַרויסגעצויגן די מידקייט און אַלע ווייטיקן פון מיין לייב. איך האָב זיך דערפילט פריש און מוטיק. איך בין אַריבער די בריק און זיך געלאָזן צו די פּלאַנטאַציעס.

די זון האָט מיך אַ ברי־געטון און איך האָב באַלד ווידער באַ־שלאָסן: ניין! נישט צו די פּלאַנטאַציעס! קיין טאַשקענט גיי איך!

עס איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַ באַן־אַרבעטער און איך האָב אים געפרעגט, ווען עס גייט־אָפּ אַ צוג קיין סאַראַטאָוו.

— אין אַנדערהאַלבן שעה אַרום.

— דאַוואַי נאַזאַד! — האָב איך זיך אַ זאָג געטון און געלאָפן אַ „היים”, נאָך מיין וואַליזע מיטן רוקזאַק.

— באַלעבאָסטע טייערע!... מיר געזעגענען־זיך... איך פאָר אַוועק...

— וווהין דען אַזוי פּלוצלונג?

— קיין טאַשקענט. איך האָב געפונען מיין ווייב. אָט איז אַ טע־לעגראַמע...

— און אין „אַרטקאָם” זענט איר שוין געוועזן?

— געוועזן, מומעלע...

— און אַלץ דערליידיקט אין בעסטן אָרדענונג?

— אין אָרדענונג. אין „אַרטקאָם” איז אין אָרדענונג... איך דאַנק אייך האַרציק פאַר אייער גאַסטפריינטלעכקייט, פאַר אַלץ וואָס איר האָט געטון פאַר מיר. איך וועל אייך לאַנג געדענקען!...

— וואַרט אַ ווייל, איסאַק אַראַנאָוויטש... — איז מיין באַלע־באָסטע ערגעץ אַנטלאָפן און צוריקגעקומען מיט צוויי קרענצלעך: אַ קרענצל טאַבאַק־בלעטער און אַ קרענצל קנאָבל. — טשעם כאַ־טאַ באַגאַטאַ... נעמט אַ האַלבן לעבל ברויט אויפן וועג, טאַבאַק צום

רויכערן און... די קנאַבל... פּאַר אַ יונגנמאַן, וועלכער איז לאַנג געוועזן אַליין און ער פאַרט צו זיין ווייב, איז זייער געזונט צו עסן קנאַבל... די ליבע וועט גאַר אַנדערש ברענען...

— באַלעבאָסטינקע, טייערע! ווי גוט איר זענט!... מיט וואָס וועל איך אייך אָפּדינען?

— אַז עס וועט אייך זיין גוט און איר וועט געדענקען... וועט איר מיר שיקן אַ פּאָסילקעלע... אַ ביסל ראָזשינקעס און רייז...

— גוט, באַלעבאָסטינקע. זייט געזונט און גליקלעך!

איך האָב זי אַ קוש געטון. זי איז רויט געוואָרן און מיך אַרויסבאַגלייט פון הויף. איך האָב זיך אומגעקוקט, צי עס גייט נישט קיינער פון "אַרטקאָם" און זעט מיך נישט מיט מיין רוקזאַק און וואַליזע...

ניין, די גאַס איז פּוסט. דער כאַוועך אייזל מיט דער כאַווערטע קאָזע שפּאַצירן נאָר אַרום.

— העלף מיר, טאַטע זיסער! — האָב איך אַ הויב־געטון די אויגן צום צעגליטן הימל, וואָס האָט געהאַט דעם מוטנעם קאָליר פון צעשמאָלצענעם חלב. און איך האָב אַ הויב־געטון מיינע לאַנגע פיס איבער דער שטויביקער גאַס. איך האָב זיך געשאַרט דורך די זייטיקע געסלעך, הינטער די פּלויטן, אַראָפּ צום טייך, אַריבערגעאיילט די בריק און איך שפּאַן שוין איבערן האַרט־ליימיקן מדבר...

געלט האָב איך פאַרמאָגט אויף אַ באַן־בילעט בלויז ביז דער ערשטער סטאַציע, אַ פּאָר קילאָמעטער פון דאַנען. אָבער עס איז גענוג געווען. דעם בילעט האָב איך דאָך געדאַרפט נאָר כדי צו קענען איינשטייגן אין וואַגאָן. און צו קיין ווייטערע סטאַציעס, וואָלט מען מיר דאָך סיי־ווי נישט פאַרקויפט קיין בילעט, אָן אַ קאָמאַנדיראָווקע... מיט איין פּוס — וואָס דינגסטו זיך, דו מוזשיק איינער, אויף אַ לוויה.

עס האָט קיין שעה נישט געדויערט און איך שטיי שוין, אַן אויסגעווייקטער אין זיבעציק שווייסן, אויפן עלנטן וואָקזאַלעכל און איך סאָפּע שטאַרקער פאַרן פאַראָוואָז...

דער צוג איז אַן אָרטיקער. ער קורסירט נאָר אַ קורצע, באַגרעניצטע שטרעקע, איבער אַ צענדליק קליינע סטאַציעלעך, ביז סאַראַטאָוו און צוריק.

דערפאַר איז דאָ אַזוי גראַם און באַקוועם איינצושטייגן. אין סאַראַטאָוו, איינצושטייגן אין טאַשקענטער צוג, וועט זיכער זיין שווערער, אויב נישט אוממעגלעך. בפרט נאָך — אָן אַ בילעט און אָן אַ קאָמאַנדיראָווקע. אָבער איך וויל זיך איצט נישט אָפּעסן דאָס האַרץ, פאַרן עגמת־נפש וואָס איך וועל האָבן אין סאַראַטאָוו. לאָמיר נאָר

אָפּפאָרן בשלום פון נאָוואָ־אוזיעןסק!... ווי דערלעבט מען שוין צו הערן אַ פייף! דער צוג זאָל זיך שוין געבן אַ ריר!... עס קען דאָך נאָך אָנקומען דער נאַטשאַלניק פון „אַרטקאָם״ און הייסן מיך פאַרהאַלטן! רבונו של עולם! איך בעט דיך, זאָל שוין...

עס האָט זיך דערהערט דער פייף, ווי מיין תפילה וואָלט דער־הערט־געוואָרן, און דער צוג האָט לאַנגזאַם גערירט פון אָרט...

— דאָסווידאַניאַ, נאָוואָ־אוזיענסק!... פּראָשטשאַי „אַרטקאָם״־נאַטשאַלניק! זייט מיר מוחל. איך האָב אַנדערש נישט געקאָנט...

דער צוג איז געפאָרן צוריק אין יענער ריכטונג, פון וואַנען איך בין אַהערגעקומען. איך האָב דעריבער געהאַט דאָס געפיל, ווי איך וואָלט אַנטלאָפן פון פאַרשיקונג...

איך האָב געררויכערט איין סיגאַרעט נאָכן אַנדערן און דאָס ריט־מישע קלאַפּן פון די רעדער האָט נישט געקאָנט פאַרהילכן דאָס קלאַפּן פון מיין האַרץ און די שלייפן. און אַז דאָס אומרעגלמעסיקע קלאַפּן האָט זיך גענומען איינשטילן, איז עס נישט געווען דערפאַר, ווייל דאָס האַרץ האָט זיך באַרואיקט, נאָר דערפאַר, ווייל עס איז שוין געווען פאַרחלשט, פאַרשמאַכט.

עפּעס אַ פאַסקודנע האַרץ האָב איך לעצטנס באַקומען. ווען מיר ווילט זיך זאָגן „אַ גוטע נאַכט״, זאָגט זי מיר גאָר „גוטמאָרגן! איך בין דאָ!״ און טו איר עפּעס! און וואָס פאַרלאַנגט זי? — כאָטש אַ ליי־טער וואַלעריאַן, אָדער חלשות־טראָפּנס! און איך האָב נאָר קנאָבל.

איך ברעקל־אָפּ אַ פּאָר ציינדעלעך קנאָבל און איך קיי. איך קיי, נישט אַזוי כדי מקיים צו זיין די מצוות ברענענדיקע ליבע, וואָס די באַלעבאָסטע האָט מיר אָנגעזאָגט, נאָר איך קיי כדי מקיים צו זיין די מצווה פון לעבן. דאָס האַרץ אויפצומונטערן...

אויף דער ערשטער סטאַציע זענען אַראָפּ צוויי פויערים און אַ יונג שיקסל. קען זיין, אַז דער קאָנדוקטאָר זוכט דעם פּערטן, וואָס דאַרף דאָ אַראָפּגיין... — זאָל ער זוכן. איך פאַרוק זיך אין אַ ווינקל און מאַך־זיך שלאָפנדיק. עס געדויערט אָבער לאַנג און דער צוג רירט זיך נישט פון אָרט. צי האָט ער פאַרגעסן, אַז ער דאַרף אַמאָל אויך פאָרטזעצן זיין נסיעה? —

דאָס איז אַ לאָקאַלער שלעפּ־צוג. ער שטייט אָבער מער ווי ער שלעפּט־זיך. מען לאָדט דאָרט אויס די פּאָטשט און די פראַכט־וואַ־גאָנען און מען לאָדט זיי צוריק אָן. מען טשעפּעט אָפּ וואַגאָנען און מען טשעפּעט צו אַנדערע.

ענדלעך גיט דער פּאַראָוואָז אַ פייף און מיר פאָרן ווייטער.

אַ מידער פון נערוון, שלאָף איך איין אויף אַן אמת. מיין וואַ־ליזקעלע שטייט אויבן, אויף דער פּאָליצע. פילעוועז דאַרף איך עס נישט ספּעציעל, ווייל איך האָב דאָרט קדחת: ברודיקע וועש און צעריסענע שקאַרפּעטן, אַ פּאָר ביכלעך, העפטן און בלייפעדערס. אָבער דעם רוק־זאַק האַלט איך צוקאָפּנס, וואָרעם אין רוקזאַק ליגן דאָך אוצרות: לאָלעס פּוטער און בינע־קלייד!... אָט דאָס וועלן זיין מתנות!... און אַ בוך נאָטן מיט איר רעפּערטואַר און אַ פלעשעלע פּערפיום...

און פאַר זיך: אַ האַלבן ברויט, טאַבאַק און קנאָבל — די מתנות פון מיין טייערער באַלעבאָסטע... איז מיר טאַקע דער רוקזאַק ווייַ־כער צוקאָפּנס, ווי אַ פוכן קישעלע...

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, ווען דער פּאַראַוואָז האָט אַ גרילציקן פייף־געטון און אַ שלעפּ־געטון די וואַגאָנען. מיין שכנה, אַ פאַר־שמאָדערטע שיקסע אין פאַרשמאָלצענע וואַטאָווע הויזן, וואָס איר שיינקייט שיינט־אַרויס פון הינטער סאַדזע און סמאָלע, זאָגט מיר, אַז איך בין געשמאַק געשלאָפן, אַז איך האָב געכראָפּעט ווי נאָך אַ שווערער קימפּעט...

— ווי לאַנג בין איך דען געשלאָפן?

— פיר שעה מיט אַ האָטשיק!...

לויטן הונגער, וואָס האָט מיך אַ נאָג־געטון ביים האַרץ, האָב איך געפילט אַז דאָס איז אמת אויך. איך האָב געעפנט מיין רוקזאַק, אָפּגעשניטן אַ לחמא ברויט, אָפּגעבערעקלט עטלעכע ציינדלעך קנאָבל און... אַ גרויס גליק האָט מיך געטראָפן: איך האָב דאָרט אויך גע־פונען אַ נאָך נישט געעפנטע פלאַש בראָנפן, וואָס איך שלעפּ נאָך פון ביאַליסטאָק!...

— לחיים!... — איך האָב אַ זשליאָקע־געטון און מיט איין צי, — אַריינגעצויגן אפשר אַ דריטל פלאַש.

איך האָב אויך מכבד־געווען מיין שכנה און זי האָט, מיט איין קליינעם זופּעלע, אַריינגעצויגן מער ווי איך...

דעם ברויט מיטן קנאָבל האָב איך שוין איצט געפרעסן מיט אַ ווילדן אַפּעטיט. איך האָב פאַרטרונקען מיט אַ פויסט וואַסער פון טואַלעט־קראַן און פאַרויכערט אַ געשמאַקן סיגאַרעט.

ניין, דאָס האַרץ האָט מיר שוין מער נישט קאַפּריזעוועט!...

און ווען עס קאַפּריזעוועט אפילו יאָ, איצט, נאָכן שנאַפּס, — הער איך עס ווי דעם קאָטער... איך בין געוואָרן צעוואַרעמט, אויפגערוימט און הפקרדיק־זאַרגלאָז. עס איז מיר ווידער באַפאַלן די ציגיינערישע מונ־

טערקייט, וואָס איז ראָווגע, ווען איך האָב געשפּאַנט מיט די הענט פאַרשטעקט אין די הויזן־קעשענעס און זיך אונטערגעפּייפט טעאַטער־קופּלעטן...

און דערפאַר טאַקע בין איך שוין גאָרנישט דערשראָקן געוואָרן און זיך גאָרנישט געפילט אומגליקלעך, ווען דער קאָנדוקטאָר האָט גערופן מיליץ און אָנגעוויזן אויף מיר, אַז איך האָב נישט קיין בילעט און מסתמא אויך נישט קיין דאָקומענטן...

ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער נעכסטער סטאַ־ציע, האָט מען מיך אַראָפּגענומען. איך בין געגאַנגען און געלאַכט. דער זשליאָק בראָנפן האָט אין מיר געלאַכט...

מען האָט מיך אַריינגעפירט אין דער בודע פון דער באַן־מיליץ און געהייסן זיצן. האָב איך געזאָגט „אַ דאַנק" און איך האָב זיך געזעצט.

— פאַרוואָס דאַנקסטו?

— פאַרן בעטן מיך זיצן...

— אָט אַזאַ פויגל ביזטו?!

— ניין. איך בין נישט קיין פויגל. ווען איך וואָלט געווען אַ פויגל, וואָלט איך בעסער געפלויגן, איידער געפאָרן אָן אַ בי־לעט...

— שווייגן! אין אַרעסט חכמעט מען זיך נישט!

שווייג איך. וואָס אַרט עס מיך?... עס זיצן דאָ נאָך עטלעכע פוי־ערים און שווייגן. צוזאַמען שווייגט־זיך פריילעכער...

די מיליץ איז כסדר אַוועקגעגאַנגען ברענגען פרישע אַרעסטאַנטן און אונדז געלאָזן אָן אַ וואַך. מיינע אַרעסטירטע פויערימלעך, זע איך, גייען זיך דערוויילע שפּאַצירן. זיי אַנטלויפן נישט, נאָר גייען זיך אין אָפּטריט און קומען אַליין צוריק!..

גיי איך מיר אויך אַ ביסעלע שפּאַצירן און גיי מיר אויך אַריין אין אָפּטריט. אָבער דער לייטישער טרונק בראָנפן זאָגט מיר: זיי נישט קיין פויער און גיי נישט צוריק!... דיין צוג שטייט נאָך! און דו ביזט נישט אַהערגעקומען זיצן, נאָר פאָרן! איז הויב די רגלים!...

און ווי אונטערצוגעבן מיר קוראַזש, האָט זיך דער פאַראָוואָז צעפּייפט מיט דער גאַנצער פאַרע.

איך האָב נישט געקוקט, צי עס קוקט די מיליץ, און האָב זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ וואַגאָן.

דער צוג האָט באַלד גערירט פון אָרט.

איך האָב נאָך געזען דורכן פענצטער, ווי די מיליץ גייט שוין

צוריק צו דער בודע און זיי שלעפּן מיט זיך נאָך אַ פּאָר אַרעסטאַנטן.

אַנשאַט רחמנות צו האָבן אויף דער מיליץ, וואָס זיי וועלן איצט האָבן מיט איין אַרעסטאַנט ווינציקער, האָב איך גאָר אַריינגע־רוקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס און זיי דאָרט אויסגעשטעקט צוויי פייגן...

דער בייער וואַגאָן איז מיר נישט געפעלן און איך בין צוריק אַריין אין מיינעם און זיך געזעצט אויף מיין פּלאַץ. דער קאָנדוקטאָר האָט מיך דערזען און זיינע אויגן נישט געגלויבט:

— וואָס? מען האָט אייך באַפרייט?

— איר זעט דאָך!...

— אָן אַ בילעט?! און די דאָקומענטן זענען אין אָרדענונג?

— פאַרשטייט־זיך...

— מען האָט איבערגעקוקט?

— מענטש! וואָס פרעגסטו אַזוי פיל! — בין איך אויפגעשטאַנען קעגן אים אַ בייזער — אַז מיליץ האָט מיך צוריק געשיקט, הייסט עס, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג!

— ריכטיק! — האָט מיין שכנה זיך אויך אָנגערופן — וואָס שטייסטו־צו? לאָז געמאַך!

דער קאָנדוקטאָר האָט זיך עפּעס דערשראָקן און מיט גרויס דרך־ארץ אַ זאָג־געטון:

— ענטשולדיקט.

— זאָגט מיר בעסער, ווען קומען מיר אָן קיין סאַראַטאָוו?

— אין אַ דרייפערטל שעה אַרום.

— אַ דאַנק.

דער קאָנדוקטאָר איז אַוועק און מיין שכנה, מיטן פאַרסאַדזעטן פּנים און פאַרשמאַלצענע הויזן, האָט מיך מכבד געווען מיט „אייגן געבעקס", פון וועלכן עס האָט זיך געפילט נאַפט און זי האָט זיך גענומען צו מיר „חנדלען"...

איך האָב געגריזשעט אירע קיכעלעך און געטראַכט: חנדל־זיך, חנדל־זיך, שיקסעלע... מיט אַזאַ פאַרסאַדזעט פּנימל און מיט אַזעלכע פאַרסמאָליעטע הויזעלעך, קען עס דיר העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס...

די שויבן האָבן אָנגעהויבן צו בלויען און עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. אויפן סאַראַטאָווער וואָקזאַל האָבן שוין געברענט די עלעק־טרישע לאָמפּן.

א פּאָר שטיוול

אין סאַראַטאָוו האָב איך אַריינגעגעבן מיין רוקזאַק מיט דער וואַליזע אין דער „קאַמערא כראַניעניאַ", וווּ מען היט־אָפּ דאָס האַנט־געפּעק. אַליין האָב איך מיר געפונען אַ נאַכטלעגער אין סקווער, אונטער אַ באַנק. אויף דער באַנק איז שוין געלעגן אַן אַנדערער. דער גאַנצער סקווער איז באַלייגט אויף די בענק און אונטער די בענק און אַרום די בענק.

די נאַכט איז אַ קאַלטע, אַ פייכטע. עס רעגנט נישט, נאָר עס פאַלט אַ געדיכטע, פעטע ראָסע. און דעריבער טאַקע, איז אונטער דער באַנק פאַרט אַ בעסערער פּלאַץ: איך האָב מיר, הייסט עס, אַ דאַך איבערן קאָפּ.

און ווייל איך האָב פריער שכל געהאַט, צו געבן נאָך אַ לייטישן זשליאָק בראַנפן, איידער איך האָב אַוועקגעגעבן דעם רוקזאַק, — איז מיר וואַרעמער אויך...

ווייבער הוסטן מיט אַ סקריפּ, קינדער קייכן מיט אַ הייזעריקן כריפּ און מענער קרעכצן מיט אַ קללה אין דער זיבעטער ריפּ... עס איז אַן אַלגעמיינער שלאָף־זאַל און יעדער פירט זיך דאָ אינטים, ווי ביי זיך אינדערהיים. איך קאָן צו זיי קיין טענות נישט האָבן. ווען עס גייט אַראָפּ אַ פרוי, אָדער אַ מאַמע מיט אַ קינד, צו טון עפּעס אַ באַדערפעניש, בעט איך נאָר זייער העפלעך:

— אַ ביסעלע אָן אַ זייט, בירגערין... אַ ביסעלע אָן אַ זייט... — און איך פאַרשטעל מיר די אויגן.

איך רויכער און דרימל, דרימל און רויכער און דריי מיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער.

— וואָס דרייסטו זיך דאָרטן?! — בייזערט־זיך דער, וועלכער שלאָפט איבער מיר.

— וואָס איז, שכן? דער מאַטראַץ סקריפּעט?... עס שטערט דיר צום שלאָף?

— יאָ, עס שטערט! ליג־איין, אַז דו ליגסט! און דריי זיך נישט!

— און אַז עס איז פאַרט האַרט? אַז די „ספּראַנזשינעס" קוועטשן מיר אָפּ די ביינער? אַ מאָגערע איבערבעט ביי מיר! אַ לייטישע פּערענע וואָלט נישט אויסגעמאַכט!...

— טאָ פאָר צו דיין באַבע, וועט דיר זיין ווייכער! דרייט־זיך!

— איך פאָר טאַקע, איך פאָר...

— און דריי זיך נישט מער! — דרייט ער זיך אַליין איבער

אויף דער אַנדערער זייט...

— דיר, פּעטערל, איז אויך נישט צו־ווייך, האַ?

— ניין... מען קאָן נישט זאָגן!... און טאָג וויל נאָך אַלץ נישט ווערן! אַט, אַ נעכטעלע!

די נאַכט ציט־זיך און ציט־זיך. אַנשטאָט די נאָוואָ־אוזיענסקער פליי, בייסן מיך סאַראַטאָווער קאָמאַרעס און מאָסקיטן. זיי פייפן מיר אין די אויערן־אריין מיט אַ דינעם, מעטאַלענעם קלאַנג.

איבער מיר פלאַטערן פלעדערמייז גאַנצע טשאַטעס און אַרום מיר גרילצן גרילן און עס קוואַקען זשאַבעס. פון דעסטוועגן ליג איך און טראַכט, אַז עס איז נאָך אַלץ גוט צו לעבן אויף דער וועלט. אַז אַ לעבעדיקער זשאַבע איז נאָך אַלץ בעסער פון אַ טויטן מענטש... און מיט וואָס זענען מיר דאָס חשובער פון אַנדערע גאָטס באַשע־פענישן?

איך האָב געכאַפּט אַ דרימל און זיך אויפגעכאַפּט אין גרויען באַ־גינען. איך בין געווען דער ערשטער ביים קראַן, זיך אַרומצווואַשן און דער זעקס־און־פופציקסטער — צום קעסל „קיפּיאַטאָק”, נאָכן ביסל געקאָכטן וואַסער, וואָס דערוואַרעמט די געדערים נאָך אַזאַ קאַלטער, פייכטער און שלאָפלאָזער נאַכט.

דער הילכער מעלדעט, אַז דער צוג קיין טאַשקענט פאַרשפּע־טיקט אויף דריטהאַלבן שעה. איך האָב נאָך גאַנצע פינף שעה צו וואַרטן. לאָז איך זיך אַוועק אין שטאָט־אַריין, באַטראַכטן די גאַסן פון סאַראַטאָוו.

די שטאָט האָט ערשט געגומען אויפוואַכן און עפענען טירן־פענצטער. אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון גייען שוין מענטשן צו דער אַרבעט. אַ ראָטע רויטאַרמייער מאַרשירט מיט געזאַנג צו פעלד־איבונגען און ענקאַווערע מיט בלאַנקע באַגנעטן, טרייבט אַ גרויסע מחנה אַרעסטאַנטן.

איך גיי פאַרביי אַ שפּיטאָל, פון וועלכן מען טראָגט אַרויס אַ מת און מען לייגט אים אין אַ פּראָסטן, פויערישן וואָגן. איך דערהער אַ יידיש געוויין:

— ווו האָסטו מיך דאָ איבערגעלאָזן?! און וואָס וועט דאָ פון מיר ווערן?!

דער וואָגן ריירט־זיך פון אָרט און נאָך אים גייט־נאָך בלויז איין־איינציקע פרוי, אָט די וואָס קלאָגט און יאָמערט מיט אַ ווילנער אַק־צענט. זי טראָגט אַ פּעקל אונטערן אָרעם און אַ פּאָר שטיוול איבערן אַקסל פאַרוואָרפן — מן־הסתם דעם מאַן'ס שטיוול און דעם מאַן'ס

מלבושים, וואָס מען האָט איר פון שפּיטאָל אַרויסגעגעבן.

— כאָטש וואַרף זיך אין דער ווילע־אַריין! — שרייט זי, פאַר־געסנדיק אַז אין סאַראַטאָוו פליסט די וואָלגאַ און נישט די ווילע.

דער פורמאַן טרייבט דאָס פערדל און די אומגליקלעכע פרוי פלאָנטערט מיט אַ פּאָר דאַרע, פאַרחלשטע פיס און קען קוים דער־יאָגן. גיי איך צו און בעט זיך ביי אים:

— פאָטערל, יאָג נישט אַזוי. דער קבר וועט וואַרטן. און די פרוי, זעסטו דאָך, האַלט זיך קוים אויף די פיס.

לויט מיין רוסיש, דערקענט די אלמנה אַז איך בין אַ פּוילישער...

— אוי! — טוט זי אַ כליפּ — אַ פּוילישער?

— יאָ, שוועסטערל, אַ פּוילישער.

— זעט דעם אומגליק, וואָס האָט מיך געטראָפן, זעט! — ווייזט זי מיר אויפן מת און הויבט־אָן אויפסניי צו קלאָגן — אַזאַ ליכטיקער יונג! אַזאַ טייערער מאַן! אַזעלכע גאָלדענע צוויי הענט! אין צוויי וואָכן איז ער פאַרברענט־געוואָרן פון טיפוס־היץ, אין צוויי וואָכן! און איך בין געבליבן אויפן וואַסער, אָן אַ רובל און אָן אַ שטיקל ברויט! אָט דאָס־אָ — ווייזט זי מיר די בלבושים און די שטיוול — איז מיין גאַנצע ירושה. ווו קערט מען זיך און ווו ווענדט מען זיך? גאָט, ווי עלנט איך בין! ווי גיט מען זיך איצט אַן עצה? אויסער אַ ברודער אין טאַשקענט, האָב איך מער קיינעם נישט אויף דער גרויסער פינצטערער וועלט! אַזאַ געטרייער מאַן געווען! דעם ביסן פון מויל האָט ער מיר אָפּגעגעבן. אויף די הענט מיך געטראָגן! ווי קומט מען קיין טאַשקענט, ווי קומט מען? איך בין דאָך אַ פאַרלוי־רענע, אַ פאַרלוירענע! כאָטש לייג זיך אַוועק נעבן אים און שטאַרב־מיט! אַ סוף, אַן עק זאָל עס נעמען!

— מען דאַרף נישט מיטשטאַרבן, דאַרף מען נישט! — זוך איך ווערטער זי צו טרייסטן — די טויטע זענען טויט און די לעבעדיקע דאַרפן לעבן. בפרט נאָך איר, וואָס איר זענט נאָך אַזוי יונג... ארום זיבן־און־צוואַנציק יאָר מסתמא...

— נאָך קיין זעקסאונצוואַנציק אויך נישט! קוים פינפאונצוואַנ־ציק מיט אַ האַלב יאָר! — יאָמערט זי — און ער איז נאָך קיין דריי־סיק נישט אַלט געווען! וויי איז מיר, וויי!! ווי וועל איך זיך אַן עצה געבן אָן אים? ווי קומט מען קיין טאַשקענט?

— אויב איר קענט אַוועקפאָרן באַלד נאָך דער קבורה, וועל איך אייך מיטנעמען.

— ווי אַזוי?

— איך ווייס אַליין נישט, אָבער איך פאַר אויך קיין טאַשקענט. ווּעט איר פאָרן אַזוי ווי איך. איך האָב נישט קיין געלט און קיין קאָמאַנדיראָווקע, וועט מען זיך מוזן עצהנען אָן דעם. דער עיקר איז: אַרויפקריגן זיך אויפן צוג און פאָרן!

— יונגערמאַן! האַרציקער! טייערער! זייט מיר אַ ברודער! ראַטעוועט מיך אַרויס פון דאַנען! איך בעט אייך, מלאך מיינער! איר זענט מיר פון הימל צוגעשיקט. לאָזט מיך נישט דאָ אַליין! איך בין דאָ אַ פאַרלוירענע, אַ פאַרלוירענע! כאָטש וואַרף זיך אין דער ווּליע אַריין!

— אין דער וואָלגאַ, מיינט איר. ס'הייסט, ניין! מען דאַרף נישט! צו וואָס זיך טרינקען? איך וועל אייך מיטנעמען! וואָס עס וועט זיין מיט מיר, דאָס וועט זיין מיט אייך. אין פיר שעה אַרום גייט־אָפּ אַ צוג. נאָך דער קבורה וועלן מיר זיך צעשיידן. מירן זען, פּרובירן מזל.

— אוי! האָט נישט קיין פאַריבל! נעמט ביי מיר די שטיוול. איך האָב שוין נישט קיין כוח זיי צו שלעפּן!

נעם איך די שטיוול און פאַרוואַרף זיי מיר איבערן אַקסל. באַלד יאָגט מיך־אָן אַ פּויער און טשעפּעט זיך־צו:

— פּראָדאַיאָש? דו פאַרקויפסט די שטיוול?

— איך ווייס נישט! זאָל איך פאַרקויפן? — פרעג איך דער אלמנה, וואָס שלעפּט־זיך נאָכן מת.

— וואָס טויג אים שוין שטיוול? און וואָס וועל איך טון מיט אַזעלכע שטיוול? וויפל גיט ער? אוי, וואָס רעד איך?! אָט ליגט נאָך דער מת און איך פאַרקויף שוין זיינע שטיוול! ווי איז מיר! ווי איז מיר! זיי מיר מוחל, חיים! איך ווייס דען וואָס איך רעד? איך ווייס דען וואָס איך טו? אַז דער גאַנצער שכל איז מיר אָפּגענומען־געוואָרן פון דעם גרויסן אומגליק! חיים, חיים! וואָס האָסטו געטון? האָסטאָך מיך געקוילעט אָן אַ מעסער!!

און דער פּויער טרעט אַלץ נישט אָפּ:

— איך פרעג דאָך דיר: פאַרקויפסט די שטיוול?

— איך קען פאַרקויפן. וויפל גיסטו?

— וויפל ווילסטו?

— צוויי הונדערט רובל.

— אָהאָ! ביזט פון זינען אַראָפּ! צוויי הונדערט רובל! און נאָך פון אַ מת דערצו! הונדערט מיט צען גיב איך!

— דאַרף מען נישט!

— הונדערט מיט צוואַנציק! פּאַטש־צו!

— דינג זיך נישט, בירגער! דו זעסטאָך, עס איז אַ לוויה! עס פּאַסט נישט פאַרן מת! ער ליגט אויפן וואָגן און דו דינגסט־זיך איי־בער זיינע שטיוול!

— אָבער צוויי הונדערט רובל? ער אַליין וואָלט עס נישט פאַר־לאַנגט!

— טאָ פרעג אים!

— הונדערט מיט דרייסיק רובל! דאָס האָסטו געלט!

— ניין, בירגער! איך קאָן נישט! קוק־אָן, אַזאַ טייערער מת! מיין איך, אַזעלכע טייערע שטיוול! אויסלענדישע! דער מת איז נאָך וואַרעם! ווייכע כראָם. ער האָט זיי אפשר דריי מאָל אָנגעטון. קוק־אָן זוילן! זע ווי געבניים! אין אַזעלכע שטיוול קען מען לעבן אייביק! ווען ער טוט זיי נישט אויס, לעבט ער ביז־איצט! צוויי הונדערט רובל, וואָס איז דאָס היינט! בלאָטע! און דו דינגסט־זיך! ווי מעג מען זיך דינגען אויף אַ לוויה? אַ קאָפּיקע נישט ווינציקער! פרעג ביי אים! סהייסט, ביי איר, ביי דער אלמנה.

— הונדערט מיט פערציק! בירגער פאַרקויף!

— ניין! שטער נישט די לוויה! דאָ איז נישט קיין טאָלטשאָק! אַ מת פירט מען!

— ריכטיק! ריכטיק! — איז אונטערגעהונקען אַן אינוואַליד ווען עס האָצקעט־זיך דער מת?!

— צוויי הונדערט רובל בעט ער!!!

— דינגסטו זיך נאָך?! שפּעקולאַנט! אין דיין גאָטס הינטישער פראַנצעוואָטער מאַמעס מאַמען אַריין! — צעשרייט זיך דער אינוואַ־ליד מיט ווילדע קולות — צוויי הונדערט רובל איז אַ ווילדע מציאה! און ער, דער סוואָלאָטש, דער פאַרשאָלטענער דינגט זיך נאָך! פאַר־קויף אים נישט, בירגער! דאָס איז אַ פינצטערער שפּעקולאַנט! די שטיוול זענען ווערט מער! איך אַליין וועל דיר געבן צוויי הונדערט מיט צען רובל! איך האָב נישט מער, אַנישט וואָלט איך דיר געגעבן מער. יעי באָגו, איך וואָלט געגעבן מער! זיי זענען ווערט! אָט לאָ־מיר נאָר אָנמעסטן.

— אָבער איך בין דאָך געווען דער ערשטער! — פּראָטעסטירט דער פויער.

— פאַשאָל וואָן, ספּעקוליאַנט פּראָקליאַטי! איך פּלעט דיר באַלד דיין הינטישן קאָפּ! — האָט דער אינוואַליד אַ הויב־געטון זיין קוליע איבער אונדזערע קעפּ — אויף אַ לוויה דינגט ער זיך! דער מת

האָצקעט־זיך, די אלמנה וויינט און ער, דער פאַרשאָלטענער! פאַר־שאָל וואָן, מיערזאָוויעץ! אין זיין גאָטס זונהשער מאַמעס מאַמע אַריין! גיב אָנמעסטן, גיב!

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג טראָטואַר, מיטן פוס אין רינשטאָק אַריין, אויסגעטון זיין פּאָסטעלע און אַרויפגעשלעפּט דעם שטיוול אויפן איינציקן, רעכטן פוס.

— עס פּאַסט... — האָט ער זיך גליקלעך צעשמייכלט — ווי אויף מיר גענייט, יעזי באָגו!...

איך קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס וועט ער טון מיטן צווייטן שטיוול? צו וואָס טויג אים אַ פּאָר? ער וועט דאָך דעם לינקן שטיוול אויפן רעכטן פוס נישט טראָגן?!

דער לוויה־וואָגן איז שוין אַ הונדערט מעטער ווייט פון אונדז. מיין אינוואַליד טאַנצט אַלץ אַרום מיט זיין באַשטיוולטן פוס, פריידט זיך וואָס עס פּאַסט אויף אים און זידלט נאָך אַלץ יענעם ספּעקו־ליאַנט, וועלכער האָט געוואַגט זיך צו דינגען אויף אַ לוויה.

— אַזעלכע טייערע שטיוול און ער דינגט־זיך! אויסלענדישע!... אָט, אַרבעט!... אַזאַ כאַם! דער מת האָצקעט־זיך און ער...

— בירגער, טייערער! — בעט איך זיך — דער לוויה־וואָגן איז שוין ווייט! איך מוז אָניאָגן! זיין ביי דער קבורה. אָדער קויף, אָדער טו אויס דעם שטיוול, איך בעט דיך...

— פאַרוואָס אויסטון, פאַרוואָס?! איך האָב געזאָגט, אַז איך קויף, קויף איך! אויף אַ לוויה מאַך איך נישט קיין שפּאַס! איך בין נישט יענער שפּעקולאַנט! אין זיין מאַמען אַריין! אָט האָסטו געלט! צייל: צען, צוואַנציק, דרייסיק. פון וואָס איז ער געשטאָרבן? האַ?

— פון אַ נאָדל — כאַפּ איך זיך אַרויס.

— פון אַ נאָדל?! ווי אַזוי?!

— ער איז געווען אַ געזונטער מענטש! אינגאַנצן נישט גע־קרענקט! מיט אַ טאָג פריער האָט ער נאָך געטרונקען ביר און גע־טאַנצט! נישט־ווילנדיק האָט ער זיך געזעצט אויף אַ נאָדל און זי איז אים אַריין אין לייב!

— שטאַרבט מען דערפון?!

— די נאָדל איז אַרומגעלאָפן אין בלוט און איז צוגעקומען ביז צום האַרץ! — קריך איך ווייטער אין דער בלאָטע.

— אַזוי! ביז צום האַרץ?! אומגליקלעכער! זעכציק, זיבעציק, אַכציק, ניינציק. נישט געקרענקט אַפילו? אָט דאָס איז גוט! הונ־דערט, צען, צוואַנציק. אַבי נישט פון קיין טיפוס אָדער פון אַן אַנ־

דערער אַנשטעקנדיקער קרענק. דרייסיק, פערציק, פופציק. אַ שאָד אַ מענטש! און די אלמנה אַ שאָד! אַן עלנטע נעבעך! עך, דאַליאַ! זעכציק, זיבעציק, אַכציק...

ער האָט מיר אויסגעצאָלט די צוויי הונדערט רובל, מיטן צענערל וואָס ער אַליין האָט דערלייגט. נאָך אַלץ געזידלט און געשאָלטן יענעם ספעקולאַנט, און געוואָלט, נישט אַנדערש, נאָר איך זאָל גיין מיט אים באַגיסן די שטיוול. כאָטש איין קרוזשקע ביר אויסטרינקען!

— בירגער! ווי קען איך איצט? די לוויה! די קבורה! איך מוז לויפן!

— אַזוי? ריכטיק, ריכטיק. נו, לויף, לויף. און ענטשולדיקט אונדז פאַר דער אלמנה, וואָס מען האָט געהאַנדלט אויף איר מאַנס לוויה! — האָט ער מיר נאָכגעשריען — אַזאַ ספעקוליאַנט! טייערע שטיול! דער מת האָצקעט־זיך און ער! אין זיין מאַמעס!...

איך בין געלאָפן אינמיטן דער גאַס, צווישן פורן, אויטאָס און טראַמווייען און דעריאָגט דעם לוויה־וואָגן שוין האַרט ביים בית־עולם.

אַז די פאַרצווייפלטע אלמנהלע האָט מיך דערזען, האָט זי זיך ערשט רעכט צעכליפעט:

— געמיינט, אַז איך האָב אייך שוין פאַרלוירן! דער פורמאַן האָט מיך געזידלט פאַר מיין לייכטזיניקייט, וואָס איך האָב אייך אָנגעטרויט די שטיוול. ער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז איר זענט שוין אַנטלאָפן מיטן געלט. איך האָב געוווסט, אַז אַ פוילישער ייד וועט עס נישט טון, נישט אויסנוצן מיין אומגליק! ער האָט טאַקע געקויפט?

— יאָ. פאַר צוויי מיט צען! — האָב איך געסאָפעט און זיך געווישט דעם שווייס — אַן איידעלער מענטש! געבעטן, איר זאָלט אים מוחל זיין, וואָס ער האָט געהאַנדלט בעת דער לוויה, ווען ער האָצקעט־זיך.

— ווער האָצקעט־זיך?

— איך ווייס נישט. אַזוי האָט ער געזאָגט און שוין! נעמט דאָס געלט. ווער איז דער פורמאַן?

— פון אַרטעל, וווּ מיין מאַן האָט געאַרבעט. דער דירעקטאָר האָט אים געשיקט. ער וועט טון אַלץ אומזיסט.

מיר האָבן געטון צוזאַמען: געגראָבן דעם קבר, געשלעפט דעם מת, אַראָפּגעלאָזן אים און פאַרשאָטן.

שפעטער זענען מיר, מיטן זעלבן פורל, צוריקגעפאָרן אין שטאָט־אַריין. אין אַ ראָג האָט אונדז דער פורמאַן אַראָפּגעלאָזן. ער האָט אַוועקגעאײַלט אין אַרטעל און מיר זענען אַראָפּ צום באַזאַר.

דאָס אַלמנהלע, זיסעלע זאָגט זי מיר, הייסט זי, איז פאַרחלשט פון הונגער. זי האָט שוין צוויי טעג אין מויל נישט געהאַט. איך האָב איר געקויפט אַ ליעפּיאָשקע־פּלעצל און אַ גלאָז מאַצאָני. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און עס געשלונגען צוזאַמען מיט די טרערן.

— מאַצאָני עס איך און ער ליגט שוין אין דער ערד! נאָך קיין דרייסיק יאָר נישט אַלט געווען! אַזאַ יונגער בוים! אַ טיפוס, ווײ איז מיר! במשך עטלעכע טעג איז ער פאַרברענט געוואָרן! חיים, חיים! ליגסט אין דרערד, האַ? און אויף וועמען האָסטו מיך איבער־געלאָזן?!

— שטאַרקט־זיך! איר מוזט איצט זײַן שטאַרק! איר מוזט האָבן כוחות צו דערפירן ביז טאַשקענט, צו אײַער ברודער!... עסט, עסט...

— איך עס, ווײ איז מיר! איך ווייס אַפילו נישט וואָס איך עס.

איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז זי גריזשעט אַן אָבצאַס פון איר מאַנס שטיוול, אָבער געזאָגט האָב איך:

— אַ פרישע ליעפּיאָשקע! און גוטע מאַצאָני. עסט. איר האָט נאָך עפּעס זאַכן מיטצונעמען? קיין סך צייט האָבן מיר נישט. אין אָנדערהאַלבן שעה אַרום גייט אָפּ דער צוג.

— וואָס האָב איך? אָט דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב! — ווייזט זי מיר איר אָנטון און דאָס פּעקעלע, וואָס זי טראָגט מיט זיך. — געהאַט אַ ביסל וועש, האָט מען מיך נעכטן באַגנבעט. מײַן באַלע־באָסטע אַליין האָט עס געטון. איך ווייס.

— מילא! זאָל זי זײַן אײַער כפרה! קויפט אַ ברויט אויפן וועג און לאָמיר גיין צום וואָקזאַל.

ביים אַרויסגיין פון באַזאַר האָב איך ווידער דערזען מײַן אינ־וואַליד מיט די שטיוול. איין שטיוול אָנגעטון אויף זײַן רעכטן פוס און דעם צווייטן — אויף דער לינקער האַנט. נעבן אים איז געשטאַ־נען אַ צווייטער אינוואַליד, מיט אַ לינקן פוס און געדונגען ביי אים דעם שטיוול, וואָס אויף דער האַנט. מײַן אינוואַליד האָט געפאָדערט פאַר אים צוויי הונדערט מיט זעכציק רובל און יענער האָט שוין גע־געבן הונדערט מיט אַכציק.

— אַ טייערער שטיוול! אַן אויסלענדישער! — טענהט ער — צוויי הונדערט און פופציק רובל. קיין קאָפּיקע נישט ווייניקער.

איך שלעפּ אַוועק דאָס אַלמנהלע און מיר איילן צו דער באַן.

— זייער גוט, וואָס איר האָט נישט קיין געפּעק. וועט זיין לייכ־טער, זיך אַריינצוקריגן אין אַ וואַגאָן...

— איז אפשר געדאַרפט זיין אַנצוג אויך פאַרקויפן?

— ניין, נישט געדאַרפט! צוויי הונדערט רובל האָט איר דער־ווייל. און דעם אַנצוג וועט איר קענען אין טאַשקענט אויך פאַר־קויפן און טאַקע נעמען מער! איר זאָלט נאָר געפינען אייער ברודער!...

פאַרן וואָקזאַל איז אַ שוואַרצע ראַיעניש פון מענטשן מיט געפּעק, ווי צופוסנס פון באַרג סיני. און איבער אַלעמענס קעפּ הילכן די הילכערס וועגן צוגן, וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט צו עטלעכע שעה.

דער צוג קיין טאַשקענט וועט אָפּגיין פּינקטלעך, מיט דער פריי־ער־געמאָלדענער פאַרשפּעטיקונג פון דריטהאַלבן שעה. דאָס הייסט, אין פערציק מינוט אַרום.

אָבער ווי קריגט מען זיך־צו צום וואָקזאַל? און ווי קריגט מען זיך אַרויף אויפן פּעראָן?

אין דעם מענטשן־ים זענען דאָ באַזונדערע אינדזעלעך, וואָס ווערן אָפּגעהיט, אַז זיי זאָלן נישט פאַרפּלייצט און אויסגעמישט־ווערן מיט אַנדערע. דאָס זענען גרופּעס אַרעסטאַנטן וואָס מוזן זיצן און זענען אַרומגערינגלט מיט ענקאַוועדע־מיליץ; מאָביליזירטע צו די פראָנטן אין אַרבעטס־באַטאַליאָנען, אַרומגערינגלטע מיט אָפיצירן, וויינענדיקע ווייבער און קלאָגנדיקע מאַמעס; און נישט־אָרגאַניזיר־טע גרופּעס קאַטאָרזשניקעס מיט היימישע פּנימער. דאָס זענען פּוי־לישע פאַרשיקטע, באַפרייטע פון זייערע פאַרשיקונגס־לאַגערן.

נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך געהערט דורך ראַדיאָ, וועגן דעם אָפּמאַך פון גענעראַל שיקאָרסקי מיט דער ראַטנמאַכט, וועגן באַפרייען די פּוילישע בירגער און אויפשטעלן אַ פּוילישע אַר־מיי אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע. איז אָט, הייסט עס, האָט מען זיי שוין טאַקע באַפרייט, די לאַגערניקעס!...

ווײ־ווײ! מיר קלינגען נאָך אין אויערן די גרויליקע קולות, ווען מען האָט זיי געכאַפּט אין די נעכט און פאַרשיקט. דאַן זענען זיי נאָך געוועזן מענטשן, משפחות. און איצט — רוסישע קאַטאָרזשניקעס, אָפּ־געריסענע, אָפּגעשליסענע, וואָס אַז מען שטייט נעבן זיי, מוז מען זיך צוהאַלטן די נאָז...

די באַפרייטע פּוילן דאָך אין זייערע קליידער! עס איז אַ באַ־פרייטע פּוילונג און אַ פאַרפוילטע באַפרייאונג.

קיין וועש נישט געגעבן? אין באָד נישט געפירט? — זיי וועלן דאָך פאַרפעסטן מיט טיפוס גאַנצע עשאַלאָנען!

איך קריג זיך־צו צו דער „קאַמערא כראַניעניאַ" און נעם אַרויס מיין רוקזאַק מיט דער וואַליזע. דאָס אַלמנהלע שלעפּט זיך מיר נאָך, האַלטנדיק פעסט אַ רימען פון מיין רוקזאַק, אַז זי זאָל מיך אין געדראַנג נישט פאַרלירן. אָבער איך אַליין קוק אַ פאַרלוירענער און ווייס נישט, דורך וועלכן נאָדל־לעכל מען קריגט זיך דאָ אַדורך...

פּלוצלונג דערזע איך מיין שכנה פון דעם נעכטיקן וואַגאָן, די מיטן פאַרסאַדזעטן פּנימל און פאַרסמאָליעטע הויזן. די, וועלכע האָט מיך מכבד געווען מיט קיכעלעך, פון וועלכע עס האָט זיך געפילט נאַפט. זי איז דאָך דאָ אַ באַן־אַרבעטערין!...

איך פאַרלויף איר דעם וועג. זי דערקענט מיך און איך דערצייל איר אונדזער לאַגע.

— וואָס קען איך דען טון פאַר אייך?

— אויף וועלכן עס איז אופן, אַרויסלאָזן אונדז אויפן פּעראָן. מער גאָרנישט. דאָרט וועלן מיר זיך שוין עצהנען.

— דאָס קען איך. קומט.

זי פירט אונדז אַוועק ווייט פון וואָקזאַל, צו אַ טירעלע אין פּלויט, שליסט עס אויף און לאָזט אונדז אַריין.

מיר זענען אויפן פּעראָן!...

און איצט גיט זי אונדז נאָך צוויי פּראַקטישע עצות: ערשטנס, זאָלן מיר זיך דאָ נישט אַרומדרייען. מען וועט אונדז כאַפּן און אַרויסוואַרפן. בעסער זיך באַהאַלטן אין אַפּטריט. צווייטנס, זאָלן מיר אַפילו נישט פּרובירן אַרויפגיין אויפן צוג פון דער פאָדערשטער זייט, נאָר פון דער הינטערשטער. מיר זאָלן אַריבערגיין די שינעס און גיין אַרום־און־אַרום... און איינשטייגן זאָלן מיר אין דער סאַמע לעצטער מינוט, ווען דער צוג וועט שוין רירן. אינמיטן פאָרן וואַרפט מען נישט אַרויס...

פון גרויס דאַנקבאַרקייט, כאַפּ איך זי אַרום און גיב זי אַ קוש אין פאַרסאַדזעטן פּיסקל און איןביידע פאַרסמאָליעטע בעקלעך.

דעם טעם פון נאַפט און סמאָלע האָב איך נאָכדעם געפילט אַ האַלבן וועג...

טאשקענט — די שטאָט פון נויט

דער צוג איז געפּאַקט. מען ליגט אין די דורכגענג. מען זיצט אויף וואַליזן, אויף פּעק. אויף אויבערשטע פּריטשעס ליגן גאַנצע משפּחות. ביי יעדער סטאַציע לויפט מען, מיט טשייניקעס, עמערס, טעפּ און פלעשער, נאָך וואַסער און „קיפּיאַטאָק".

דער דורכגאַנג איז דעריבער נאַס און בלאָטיק און די מענטשן איז דאָרט ווייכער צום ליגן.

מען עס און מען טרינקט און מען לויפט נאָך וואַסער. מען רויכערט, מען זוכט אין די העמדער, מען קעמט זיך מיט געדיכטע קאַמען און מען לויפט נאָך וואַסער.

מען שיכורט, מען קושט זיך און מען לויפט נאָך וואַסער. דאָ וויינט מען, דאָ לאַכט מען, דאָ שפּילט מען אין קאָרטן און מען לויפט נאָך וואַסער. אָפּגעקושט־זיך, גיט מען זיך פּעטש. מען שפּאַלט זיך קעפּ און מען לויפט נאָך וואַסער.

מאַמעס טוישן קינדער־ווינדעלעך. פּויערים וויקלען־אָפּ די פייכטע אָניצעס פון די פיס און הענגען עס צום טריקענען. אַן אינטעליגענט קאָן נישט פאַרטראַגן דעם געדוך און וויל עפענען אַ פענצטער. טאַטעס ווילן אים דערפאַר עפענען דעם קאָפּ. מאַמעס קוויטשען, אַז פון צוגווינט קענען נאָך די קינדער אַ לונגען־אָנצינדונג קריגן. מען שילט דעם אינטעליגענט און מען לויפט נאָך וואַסער.

איינע זינגט און איינער גרימפּלט אויף אַ מאַנדאָלינע. אַ מויל־האַרמאָשקע שרייט אים איבער. שפּייט איינער אויפן אַנדערן, איז מזכיר־נשמות זיין מאַמען און מען לויפט נאָך וואַסער.

אין די שוואַרצע שויבן שפּריצן בעזעמער פונקען. דער פּאַראָוואָז שפּייט זיינע לונגען־אויס און פּאָכעט מיט דער נשמה.

— אָט־אָט, אָט־אָט, אָט! אָט־אָט. אָט־אָט, אָט־אָט־אָט, אָט!

און פונדעסטוועגן לויפט ער. ער פּייפט און ער סאָפּעט, ער קרעצט און ער לויפט. ער שלינגט די קילאָמעטערן, ווי אַספּירין־טאַבלעטן און שוויצט מיט וואָלקנס פּאַרע. ער שלינגט באַרג־לופט און ים־לופט. וועלדער און פעלדער שווינדלען אים פאַר די „אויגן". ער דערקענט שוין מער קיין סטאַציעס נישט און כריפּעט און פּייפט און כאָרכלט:

— אוי! או! או־או־או!...

פון דעם אלמנהלע בין איך שוין פּטור.

דריי טעג בין איך פאַר איר געלאָפן נאָך וואַסער. איך בין גע־

שטאַנען כסדר ביי דער טיר, כדי צו זיין פון די ערשטע. אין האַלדז האָט מיך געברענט אַ דורשט, אָבער געלאָפן בין איך פאַר אירט־ וועגן נאָך וואַסער.

איך בין געשלאָפן שטייענדיק, געלאָפן שלאָפנדיק און באַקומען אַ פולן קאָפּ מיט וואַסער.

איצט בין איך פריי: צווישן די באַפרייטע פוילישע קאַטאָרזש־ניקעס האָט זי געפונען עטלעכע היימישע, ווילנער. זיי האָבן זיך אַרומגעכאַפּט און זיי האַלטן זיך שוין צוזאַמען. קאָלעקטיוו טראָגן זיי שוין פאַר איר די אַחריות און זיי לויפן פאַר איר נאָך וואַסער.

זי איז נאָך אומעטיק, אָבער שוין נישט אַזוי פאַרצאָרנט און פאַרקלאָגט. אין דער היימישער חברה איז זי שוין נישט עלנט. מיין אַפּוטרופּסות איז געוואָרן איבעריק און איך האָב מיך אַליין באַ־זייטיקט.

אויפן אַנדערן טאָג האָט זי שוין געשמייכלט צו אַלע, אָבער מיך האָט זי שוין קוים דערקענט...

בין איך פריי געוואָרן צו פאַרלאָזן דעם עיפּושדיקן וואַגאָן. איך האָב זיך געפונען אַ פּלאַץ אינדרויסן, אויף דער אייזערנער פּלאַט־פאָרמעלע, וואָס צווישן די וואַגאָנען. דאָ איז טאַקע שטויביק, אָבער דערפאַר — לופטיק. ביינאַכט זעט מען אַ הימל מיט שטערן און בייטאָג — אַ ליכטיקע וועלט.

ויהי ערב, ויהי בוקר. מעת־לעתן גייען און מעת־לעתן קומען. עס טוישן־זיך פּייזאַזשן, עס ענדערן־זיך קלימאַטן. מיר פאָרן שוין איבער די ליימיקע מדבריות פון קאַזאַכסטאַן. אָט ווינקט שוין פון דער וויטנס, ווי אַ הימל־בלוי אויג, דער שפּיגל פון דער אַראַלס־קער אָזיערע...

איך שלינג די פרישע מדבר־לופט צוזאַמען מיטן רויך פון פּאַ־ראָוואָז, מיט סאַזע, פונקען און שטיקלעך שטיינקוילן. איך שלינג און איך שפּיי און איך פריי־זיך, וואָס איך לעב אויף דער וועלט, וואָס איך האָב געראַטעוועט מיין פעל און בין ווייט פון דייטשישן פראָנט. איך בין פריי פון אַלע יאָכן. איך מאַך מיר אַ לוסט־רייזע און פאָר צו לאַלען...

ביז איצט האָט מיך אַלץ אָפּגעגליקט. עס איז שוין דער צוועלפ־טער טאָג און מען פרעגט מיך אַפילו נישט קיין בילעט...

אמת, דאָס האָב איך צו פאַרדאַנקען די טויזנטער פּליטים און באַפרייטע לאַגערניקעס. כמעט אַלע פאָרן אָן בילעטן. די קאָנדוק־

טאָרן און די מיליץ זענען שוין מיד פון פאַרהאַלטן בלינדע פּאַסאַ־זשירן און שלעפּן זיי פון די צוגן.

דערקעגן איז שוין נישט מקנא צו זיין די, וועלכע פאָרן מיט באַגאַזש, מיט בילעטן און קאָמאַנדיראָווקעס. — מען רייסט פון זיי ממש שטיקער. מען שניידט זיי אויס די קעשענעס, מען טוט זיי אויס די שטיוול, מען שלעפּט־אַוועק זייערע רענצלעך און זיי כאַרכ־לען ווי נישט־דערקוילעטע.

איך האַלט מיר מיין וואַליזע און רוקזאַק מיט זיך און פּילעווע זיי, ווי די אויגן אין קאָפּ. איבערמאָרגן וועל איך דאָך שוין זיין אין טאַשקענט — דער שטאָט פון ברויט... זיך טרעפן מיט לאָלען... טייערע מתנות פיר איך דאָך פאַר איר: אַ פוטער־מאַנטל, אַ בינע־קלייד פון סאַמעט און אַ בוך נאָטן פון איר רעפּערטואַר...

זי וועט שטוינען: פון דער ברענענדיקער ביאַליסטאָק אַרויס, ווי אַ סאַלאַמאַנדראַ — פון פלאַם... מיט די צוויי לאַנגע פיס, פון ביאַליסטאָק ביז טאַשקענט דערלאָפן און נאָך געבראַכט מתנות!...

און אַלס ענטפער, וועל איך איר אַ דעקלאַמיר־טון דעם סטראָף פון מיין אויטאָפּאָרטרעט:

צי האָט איר אַמאָל געזען, ליבע פרוי,
ווי אַ שטרויס־פויגל לויפט
מיט אַ תהילים אין האַנט
און זאָגט פון דאָרט פּסוקים אַרויס?...
— ניין?
— אַ שאָד!
אַזוי זע איך אויס...

⁂

איך בין אָנגעקומען אין טאַשקענט נאָך האַלבער נאַכט.

אויפן פּלאַץ, וואָס פאַרן וואָקזאַל, האָט זיך געכוואַליעט אַ צע־בושעוועטער מענטשן־ים. האַלב רוסלאַנד האָט זיך עוואַקואירט אין מיטל־אַזיע. און אויסער רוסלאַנד — הונדערטער טויזנטער פון פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, פינלאַנד, עסטאָניע, רומעניע.

נישט אַלע ווילן בלייבן אין טאַשקענט. פיל וואַרטן אויף צוגן, איבערצוזיצן און פאָרטזעצן זייער נסיעה צו אַנדערע שטעט פון מיטל־אַזיע. מעת־לעתן און וואָכן וואַרט מען דאָ אַזוי איבערצוזיצן, אויף דער מעגלעכקייט פון אַריינקריגן־זיך אין אַ צוג. מען וואַלגערט זיך דאָ אויפן פּלאַץ און אין גערטנדל, אונטערן פרייען הימל. מען

לעבט מיט אַ ביסל „קיפּיאַטאָק״ (געקאָכט וואַסער) און טרוקן ברויט. פּאָר זויגלינגען קאָכט מען דאָ אַ קאַשקע, אויף שפּענדלעך און צווייג־לעך. די פּאַרויכערטע קאַשקע איז דאַן סמאַליק־שוואַרץ. מען שטייט דאָ אין די רייען נאָך ברויט און נאָך וואַסער, מען קרענקט דאָ, מען ליבט־זיך און מען רייניקט די העמדער.

ווי די פּליטים פון אַלע עקן וועלט, זענען זיך אַהער אויך צונויפ־געקומען די אונטערוועלטניקעס, מיט די אַדעסער ווילדע יונגען אין דער שפּיץ. דאָ גנבעט מען נישט, נאָר מען רייסט פון די הענט, מען נעמט בגראַנדע. בלויז קלענערע מאַרוויכער דרייען זיך דאָ אַרום אין די נעכט, ווי די טכוירן אין די הינער־שטייגן. און אין די פאַרטאָגן הערט מען פאַרשטיקטע יללות פון די באַרויבטע און באַ־גנבעטע.

איך האָב געגעבן דעם לעצטן זשליאַק בראַנפן, אויפגעגעסן דאָס לעצטע, דאַרע רייפטל ברויט, אַריינגעשאָטן אין קעשענע די לעצטע זשמיעניע טאַבאַק און אָפּגעגעבן מיין רוקזאַק מיט דער וואַליזע אין דער „קאַמערע כראַניעניאַ״. איצט בין איך מיר שוין ווידער אַ פריי־ער פויגל און שפּאַן מיר שוין אַרום מיט די הענט אין די קעשענעס, ווי אַ היגער, אַ טאַשקענטער פון געבוירן־אָן...

איך זעץ זיך אַוועק אויף אַ טרעפּל, וואָס פאַר אַ קיאָסק, אי־בערצודרימלען די שעה־אַנדערהאַלבן, ביז עס וועט נעמען טאָגן. אינדערפרי, וועל איך מיר אַ גיי־טון אין שטאָט־אַריין, צו דער פּיל־האַרמאָניע, זיך דערוויסן וועגן דעם „מיניאַטור־טעאַטער״ און לאַלען.

נעבן מיר, פּיל איך, זעצט זיך אַוועק אַ צווייטער. איך הויב שוין אָן צו דרימלען און בין פויל אַ קוק צו טון אין זיין זייט און זען, ווער דאָס איז. אָבער יענער זעצט זיך שווערלעך און טוט אַ קרעכץ:

„אוי־וויי!״

און דער „אוי־וויי״ איז אַזאַ היימישער, אַז איך מוז אויפרייסן מיינע אויגן און זיך אומקוקן. יאָ, דאָס איז אַ פּוילישער. אַ באַ־פרייטער לאַגערניק. לויט זיין הולך, האָט ער געמוזט דורכמאַכן אַ גאָר וויטן וועג פון זיין פאַרשיקונג, דאָ אַהער.

אָבער... איך וואָלט געשוואָרן, אַז זיין פּנים איז מיר באַקאַנט! ווער זאָל דאָס זיין? פון וואַנען קען איך אים? — קוק איך אים שטאַר־אָן און צי אויך זיין אויפמערקזאַמקייט.

אויך ער קוקט מיך אָן אַ ווילע, מיט אַ פּאָר פאַרחידושטע און דורכדרינגענדע אויגן און גיט באַלד אומדרייסט אַ פרעג:

— יצחק?

— יאָ... און דו ביזט?... דו ביזט...

— נו... נו... נו...

— דוב!....

און מיר כאַפּן זיך אין די אָרעמס, קושן־זיך אין די פּיסקעס און זבענקען־זיך אין די פּלייצעס־אַריין, ווי מיר וואָלטן־זיך אַריינגעלאָזן אין אַ קאַמף... און ווען מיר רייסן זיך־אָפּ איינער פון אַנדערן, האָבן מיר ביידע פאַרלאָפענע אויגן און געזאַלצן־נאַסע פּנימער...

— דוב!... דו לעבסט, דוב?!...

— און דו, יצחק?...

— דאַכט זיך, אַז איך לעב נאָך!...

— זיכער לעבן מיר!... אַנדערש קאָן מען דאָך נישט חלומען אַזאַ חלום!...

— פאַרוואָרפענע הינטער די הרי־חושך!...

— אין טאַשקענט — דער שטאָט פון נויט!...

און כדי זיך איבערצוצייגן, אַז מיר לעבן נאָך טאַקע, אַז מיר חלומען נישט, נאָר עס איז ווירקלעכקייט, — כאַפּן מיר זיך ווידער אַרום און מיר זבענקען זיך ווידער מיט די קולאַקעס אין די פּלייצעס־אַריין...

דוב איז געווען מיין קינדהייטס־חבר, מיין שול־חבר פון ערשטן קלאַס־אָן. מיר האָבן זיך אַרומגעיאָגט איבער די בריסקער גאַסן, אַרומגעשטיפט אין די חורבות, ווי אין פאַרלאָזענע פּאַלאַצן, גע־שפּרונגען איבער פּאַרקאַנעס, זיך געבאָדן אין מוכאַוויעץ, אַרומגע־טראָגן־זיך מיט יינגלשע פאַנטאַזיעס און דערציילט־זיך אויסטערלי־שע געשיכטעס. דוב האָט געהאַט אַ וועלט מיט מעשיות און ער איז געווען אַ געשמאַקער דערציילער. און איך בין געווען נאָך אַ געשמאַ־קערער צוהערער... ער איז געווען אַ פאַרמעגלעך יינגל פון עלטערן — מאַנופאַקטור־סוחרים. זיי האָבן געהאַט אַ גרויס געשעפט אויף דער הויפּט־גאַס. איך בין געווען אַן אָרעמער יתום מיט אַ פּאָר צע־פליקטע תחתונים און פון דעסטוועגן, האָט ער געקלעבט צו מיר.

אונדזער פריינטשאַפט איז איבערגעריסן־געוואָרן, ווען איך בין אַוועק פון מיין הונגעריקער היים און זיך גענומען אַרומוואַלגערן אין דער פרעמד. אַלס יינגלעך נאָך האָבן מיר זיך צעשיידט, אַלס צוועלף־יעריקע. אַכצן יאָר איז שוין, אַז מיר האָבן זיך נישט געזען. איז עס דען מעגלעך, אַז נאָך אַזוי פיל יאָרן און נאָך אַזעלכע איבערלעבונגען, זאָלן זיך געזיכטער אַזוי ווייניק ענדערן?!

רעדן מיר שוין ביז פאַרטאָג און דערציילן זיך אויס די איבערלעבונגען פון דעם טאָג פון אונדזער צעשיידונג, ביז דער איצטיקער נאַכט. דוב קען נאָך אַלץ געשמאַק דערציילן און זיינע געשיכטעס זענען נאָך אַלץ אויסטערלישע, כאָטש איצט שוין — פון לעבן, פון זיינע אייגענע טראַגישע דערפאַרונגען.

ניין, איך בין נישט בכוח איבערצודערציילן זיינע הערלעכע און גרויליקע געשיכטן, אַנטקעגן וועלכע עס זענען בלייך און לאַנגווייליק די שפּאַנענדסטע שונד־פילמען. איך מוז אָבער איבערגעבן, בקיצור, זיין געשיכטע פון די לעצטע פּאָר יאָר:

אַ פּאָר יאָר פאַר דער מלחמה האָט דוב חתונה געהאַט, קעגן דעם ווילן פון זיינע עלטערן, מיט אַן אָרעם מיידל פון קיטעלנע. זי איז געווען אַ לינקע און ער — אַ גביר. פון דעסטוועגן האָבן זיי געהאַט אַ קינד און געלעבט גליקלעך ביזן אָנקומען פון די באָלשעוויקעס. דאַן איז פּלוצלונג דאָס לעמעלע אויפגעשטאַנען ווי אַ לעמפּערט. קודם־כל האָט זי זיך נוקם־געווען אין דובס מוטער, וועלכע האָט נישט געוואָלט דעם שידוך. זי האָט איר אַרויסגעוואָרפן פון איר איינגעפונדעוועטער היים און געמסורט די באַהאַלטענע סחורה פון געשעפט, וואָס מען האָט שוין געוואָלט נאַציאָנאַליזירן. דאַן האָט זי אָנגעהויבן אַרומלויפן מיט די סאָוויעטישע קאָמאַנדירן און זיי אויך אויפנעמען ביי זיך אין שטוב. דוב האָט פּראָטעסטירט, האָט זי אים געמסורט און געלאָזן אַרעסטירן אַלס שונא פון ראַטנפאַרבאַנד. אַרעסטירט איר מאַן און דעם פאָטער פון איר קינד.

עס איז אַוועק אַ סדרה תפיסות, אויספאַרשונגען, הונגער, קלעפּ און וואַנדערונגען מיטן עטאַפּ, ביז דער פאַרשיקונג אין וויטן סיבירער קאַטאָרגע־לאַגער, פון וואַנען מען האָט אים איצט באַפרייט.

אַרויסקומענדיק פון לאַגער, האָט ער זיך דערוווסט, אַז דאָס ווייב מיטן קינד געפינען זיך דאָ ערגעץ, אין אַ שטעטעלע אין מיטלאַזיע. אַז זי האָט זיך עוואַקואירט אַהער מיט אירער אַ שוועסטער. ער האָט אויך דעם אַדרעס באַקומען און עס האָט אים אַ ציי־געטון צו זיי. ערשטנס, האָט ער געוואָלט אָנקוקן זיין קינד, זיין בלוט און פלייש. צווייטנס, האָט ער געוואָלט אַריינקוקן אין די אויגן פון זיין פרוי און זי פרעגן: „וואָס האָסטו געהאַט צו מיר? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך דיר געטון און פאַרוואָס איז דאָס מיר געקומען?"

קנאַפּע דריי וואָכן האָט ער זיך געוואַלגערט אין וועג, ביז ער איז אָנגעקומען אין יענעם שטעטעלע. ער איז צוגעקומען צום הויז, אַריינגעקוקט דורכן לאָדן און זיי דערזען, זיין ווייב מיט דער שווע־

גערין. זיי האָבן געגעסן אָוונטברויט. אַ קינד איז געלעגן אין בעטל. ער איז לאַנג געשטאַנען אינדרויסן, וואָרעם דאָס האַרץ האָט אים פאַרקלעמט און די טרערן זענען געפלאָסן. ער האָט נישט געוואָלט אַריינקומען מיט קיין פאַרוויינט געזיכט. אָן דעם איז זיין הולך אויך געווען קלאָגעדיק. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט, זיך באַרואיקט, אָנגעקלאַפּט און איז אַריין. ער איז שטיין געבליבן אויף דער שוועל אַ שטומער. זיי האָבן אים אָבער באַלד דערקענט און די שוועגערין האָט אויסגערופן:

— זע נאָר! פון יענער וועלט געקומען! געמיינט, ער איז שוין פאַרפוילט־געוואָרן, דער פאַשיסט! צום סוף לעבט ער נאָך!

די פרוי האָט געשוויגן. געקוקט אויף אים און געשוויגן. אָבער די שוועגערין האָט נישט פאַרלוירן דאָס לשון:

— פרעג אים, וואָס וויל ער דאָ?! נאַכוואָס איז ער געקומען?! און זאָל ער זיך שוין אָפּטראָגן!

דוב האָט זיך נישט אָפּגעטראָגן, נאָר זיך דווקא צוגעזעצט אַנטקעגן זיין ווייב און איר געקוקט שטום גלייך אין די אויגן אַריין. דאָס זענען געווען אויגן פון אַ ווילדער קאַץ. די שוועגערין איז צוגעקומען צו איר, זי איינגערוימט עפּעס אין אויער־אַריין און איז שנעל אַנטלאָפן. דאַן ערשט, האָט זיך דאָס ווייב אָנגערופן:

— זי איז געלאָפן אין ענקאַוועדע. וואָס ווילסטו? זאָג שנעלער און אַנטלויף!

— איך וויל זען מיין קינד!

— דאָרט ליגט זי. גיב אַ קוק און אַנטלויף!

האָט ער אָנגעקוקט זיין שלאָפנדיק קינד, עס אַ קוש־געטון אין קעפּל און איז אַנטלאָפן.

— אייערנעכטן איז עס געווען. און איך קאָן נאָך צו זיך נישט קומען. אַ טאַטע, פאַרשטייסט... אַ טאַטע... פון קאַטאָרגע, פון סיביר... אַפילו די אויגעלעך אירע נישט געזען.. געשלאָפן... עך! — — — —

אין טיף־גרויען פאַרטאָג האָט זיך דער פאַרגליווערטער פּליטים־באַרג אַ צעראָיע־געטון. דאָס האָט דער געדיכטער, קאַלטער נעפּל, אַדורכגענומען יעדן ביזן ביין און געמאַכט שוידערן פון קעלט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ רויכערן, אַ הוסטן, אַ קרעכצן און אַ שפּייען. קינדער האָבן זיך צעוויינט און מאַמעס האָבן זיך צעשאָלטן. מענער זענען זיך צעקראָכן אין אַלע עקן פון גערטנדל און פּלאַץ וואָס פאַרן וואָקזאַל. עס האָבן זיך צעקלונגען כלים, טשייני־

קעס, עמערס, פלעשער און טעפּ. מען האָט זיך צעשטעלט אין די רייען נאָך קאַלטן וואַסער און הייסן „קיפּיאַטאָק״, נאָך ברויט און נאָך באַן־בילעטן.

די הילכער האָבן שוין אָנגעהויבן פּאַרטויבן די אויערן מיטן אויסרעכענען די פּאַרשפּעקטיקטע צוגן. אין אגב, איז נעכטן פאַר־נאַכט געשען אַן אויסערגעוויינלעכער פאַל: אַ צוג איז אָנגעקומען פּינקטלעך צו דער מינוט!... טאַשקענטער רייזנדע האָבן זיך עס נישט צוגעגלויבט און זיך נישט גערירט פון די ערטער. זענען זיי טאַקע געבליבן מיט די בילעטן אין די קעשענעס. דערפאַר האָבן געכאַפּט אַ שאַנס די פּליטים, וועלכע באַלאַגערן דאָ טאָג און נאַכט און הונ־דערטער האָבן זיך מיטגעכאַפּט מיט יענעם צוג, אָן באַן־בילעטן...
„אָט, אַ גליק פון מענטשן!״ — קאָנען זיך עס די געבליבענע נישט שענקען.

איצט הערט מען זיך שוין־צו צו די הילכער, וואָס ברומען אומ־דייטלעך אין גרויען נעפּל אַריין. דאָ און דאָרט יאָמערן שוין און רעווען באַגנבעטע און באַרויבטע. מיליץ פייפט. אַ שפּיטאָל־קעטשל איז אָנגעקומען מיט עטלעכע שלעפּעריקע סאַניטאַרן. געקומען זע־נען זיי צונעמען אַ קראַנקע משפחה, אָבער איינער פון זיי איז שוין טויט. ווייסן זיי נישט, צי זאָלן זיי נעמען דעם מת צוזאַמען מיט די גוססע און זענען זיך מיישב.

מיט אַ שאַרפן געוואַי און האַסטיקן רעדער־געטראַסק איז אָנ־געקומען אַ שנעל־צוג. דער עולם האָט זיך אַ הויב־געטון צום פּעראָן. אָבער מען לאָזט קיינעם נישט־צו, נישט צום אַריינגאַנג און נישט צום אַרויסגאַנג. ביים אַריינגאַנג זיצן הונדערטער אַרעסטאַנטן, מיט די הענט — איבער די געשוירענע קעפּ. אַרום זיי — אַ קייט פון מיליץ. און דורכן אַרויסגאַנג האַלט מען איצט אין איין טראָגן פּראָנט־פּאַרוואונדעטע מיט פריש־פּאַררויטלטע באַנדאַזשן.

דער נעפּל ווערט שיטערער און שיטערער, ביז ער צערינט. אָנ־שטאָט דעם קרייען פון אַ האָן, צעגרילצט־זיך אַ פּאַרעקשנטער אייזל מיט פּאַרזשאַווערטע קולות און עס שיינט־אויף די זון. און באַלד ווי זי שיינט־אויף, פּאַרבלענדט זי שוין די שטאָט און עס ווערט אַ חמימה, ווי נאָך האַלבן טאָג.

מאָדנע: נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט, פיל איך זיך איגאַנצן אויסגערוט, פריש און מונטער. אויסער די פיס, וואָס זענען מיר שווער און פויל (ווייל איך האָב שוין אַ פּאָר מעת־לעת די שיך נישט אויסגעטון), פיל איך נישט קיין שום מידקייט. איך האָב זיך אַרומ־

געוואַשן, אָפּגעווישט־זיך מיטן נאָז־טיכל, וואָס איז אַמאָל ווייס גע־
ווען, אָנגעטרונקען־זיך מיט וואַסער און פאַרויכערט אַ סיגאַרעט. דער־
ווייל לעב איך און האָב נאָך צום רויכערן. און וואָס וועט מאָרגן זיין?

אַ ראַדיאָ־הילכער, וואָס האָט געשטומט אַ גאַנצע נאַכט, האָט זיך פלוצלונג אָנגעהויבן צו קרעקן. דאָס גיט ער איבער דעם נייעס־באַריכט אונטערן נאָמען: באַפעל פון דעם אויבערשטן הויפט־קאָ־מאַנדיר. און די נייעס באַשטייט אין אויסרעכענען אַ לאַנגע רשימה פון שטעט און געגנטן, פון וועלכע די רויטע אַרמיי איז אָפּגעטראָטן.

ווי לאַנג דויערט שוין די מלחמה? און ווי לאַנג נאָך וועט מען עס האַלטן אַזוי אין איין אָפּטרעטן?

רוסלאַנד איז טאַקע גרויס, אַ זעקסט־חלק פון דער וועלט, אָבער ביז וואַנען וועט מען זיך עס אַזוי צוריק ציען?

אוקראַינע, דעם תבואה־שפייכלער פון אייראָפּע, האָט מען אָפּ־געגעבן. דאָס פּרוקטבאַרע ווייסרוסלאַנד — אָפּגעגעבן. וואָס וועט שוין באַלד בלייבן פאַר רוסלאַנד? די סיבירער סטעפּעס? די טייגעס פון קאָמי? די מדבריות פון מיטל־אַזיע? — מיט אַזאַ צוריקציען־זיך און אָפּטרעטן, וועט דאָך דער דייטש אין אַ חודש אַרום שוין זיין ביי דער וואָלגאַ!

וואָס־זשע זאָל דאָס הייסן: געניאַלע סטראַטעגיע, אָדער פּחד און אומבאַהאָלפנקייט?

אַז דער דייטש וועט נאָר אַריבער די וואָלגאַ, איז דאָך רוסלאַנד פאַרלוירן! זענען מיר דאָך אַלע פאַרלוירן! — — —

נאָר איידער מיר זענען פאַרלוירן, וויל איך נאָך זען לאָלען, — הויב איך מיינע לאַנגע פיס און שפּרייז אין שטאָט־אַריין.

פאַר די ברויט־און שפּייז־געוועלבער שטייען שוין לאַנגע רייען. זיי שטייען דאָ, ווי פון נעכטן־אייערנעכטן. אַזוי שטייט מען אויך צו דער שטאָטישער באָד, כאָטש עס הענגט אַרויס אַ שילדל „צוליבן פעלן פון הייץ־מאַטעריאַל, איז קיין הייס וואַסער נישטאָ און די באָד איז נישט טעטיק".

איך זע, אָבער, אַז אַ פאַבריקמאַכערסקע איז דאָרט יאָ דאָ און אַ שערער שטייט און אַרבעט. איך טו אַ טאַפּ מיין באָרד, — מען קען זי שוין פאַרקעמען מיט אַ שרינט און פאַרפלעכטן צעפּלעך. אין מיין רוקזאַק האָב איך נאָך אַפילו אַ ראַזיר־אַפּאַראַטל מיט אַ זשי־לעט־מעסערל פון ביאַליסטאָק, אָבער אַפילו די בעסטע פּאַטריאָטן פון זשילעט־מעסערלעך וועלן מיר צוגעבן, אַז מער ווי 63 מאָל, קאָן מען זיך מיט איין מעסערל אַזאַ נישט ראַזירן. עס העלפט שוין אַפילו

נישט דאָס שאַרפֿן עס אויפֿן פּאַסיק׳ פֿון די הויזן און אין אַ טײַ־גלאָז.

גיי איך אַרײַן אין דער באָד־פֿאַבריקמאַכערסקע און זאָג דעם שערער:

— בירגער! אַ באָרד האָב איך, אָט, אַ וואָסערע!... און געלט — אַפֿילו קיין קאָפּיקע נישט. און געקומען אַהער בין איך פֿון דער ווייט און איך דאַרף זיך דאָ טרעפֿן מיט אַ פֿרוי...

— וואָס באַלאַקעסטו? וואָס דרייסטו אַ קאָפּ? — פֿרעגט ער מיך העפֿלעך — אומזיסט ווילסטו, זאָל איך דיר אַזעלכע לויזיקע קודלעס שערן און ראַזירן?

— ניין, בירגער! אומזיסט פֿאַרלאַנג איך נישט! איך בין אַ מענטש, פֿאַרשטייסטו מיר, וועלכער פֿאַרליידט נישט קיין עקס־פּלואַטאַציע! יעדער מוז באַלוינט־ווערן פֿאַר זײַן אַרבעט!

— וואָס־זשע באַלאַקעסטו, אַז דו האָסט קיין געלט נישט?

— דאָס איז אמת, בירגער. קיין געלט האָב איך טאַקע נישט. אָבער באַלאַקען, באַלאַקע איך אויך נישט. דאָס רעד איך צו דיר מענטשלעך, נשמהדיק. איך האָב נישט קיין געלט, אָבער אומזיסט פֿאַרלאַנג איך אויך נישט. מיט אַ פֿרוי דאַרף איך זיך דאָ טרעפֿן, פֿאַרשטייסט? און איך מוז אויסזען מענטשלעך, אָפּגעשוירן און אָפּ־געראַזירט.

— אָן געלט?!

— יאָ, בירגער. אָן געלט. אַנשטאָט געלט, פֿאַרמאָג איך אָט־דאָס... — נעם איך אַרויס פֿון קעשענע אַ שטיקל טואַלעט־זייף, וואָס איך שלעפּ נאָך פֿון ביאַליסטאָק, און איך ווײַז אים — טו אַ שמעק, בירגער! דאָס איז אויסלענדישער זייף!

— לאַדנאָ! —איז ער מסכים געוואָרן, נאָך אַ לאַנגן באַטראַכטן און באַשמעקן דעם זייף — זעץ זיך און מיר וועלן ראַזירן. אַ באָרד האָסטו אַ צוויי־וואָכיקע און אַ האַרטע דערצו. אַזאַ באָרד קען אַליין אויפֿרעסן אַ האַלב שטיקל זייף אַזאַ, אָבער מילא. מיר וועלן ראַזירן.

און ער האָט מיך אָפּגעראַזירט און אָפּגעשוירן און געלאָזן מיר, זיך אַרומוואַשן.

ווען איך האָב זיך נאָכדעם אָנגעקוקט אין שפּיגל, האָב איך געשטוינט און געלאַכט. געשטוינט האָב איך פֿון מײַן גוטן אויסזען. נאָך אַלע צרות, בין איך פֿריש און געזונט און אָפּגעברוינט פֿון זון און מדבר־ווינטן.

אָבער לאַכן האָב איך געמוזט פֿון דער העלער גרין און בלויקייט

אויף מיין גלאַטער הויט, ווו פריער האָט צוגעדעקט אַ פעטע טשופּרינע און אַ געדיכטע קאָלטן־באָרד... ווו די האָר האָבן פאַרשטעלט, דאָרט איז דאָס פּנים נישט אָפּגעברענט געוואָרן פון דער זון און דעריבער בלייכן איצט גרין־בלויע פלעקן און שטרייפן... איך האָב איצט געהאַט אַ פּנים פון עטלעכע קאָלירן און האָב אויסגעזען, אין מיינע אייגענע אויגן, ווי אַן אויסטערלישער פויגל, וואָס איז נאָך היפש־אויסגעצייפט דערצו...

— בירגער, — האָב איך אים געפרעגט, מכבד־זייענדיק אים מיט אַ סיגאַרעט טאַבאַק — ווי קריגט מען זיך דאָ אַריין אין אַ באָד? עס איז מיר געוואַלדיק נויטיק!

— אָ, דאָ וועסטו זיך אַזוי לייכט נישט אַריינבאַקומען. שוין לייכטער קיין מאָסקווע צוצופאָרן, זיך אָפּבאָדן... שטעל זיך אַוועק אויף אַ פּאָר מעת־לעתעלעך אין דער ריי... באַלד! וואָרט נאָר! היינט איז דאָך מאָנטיק! גיי אין דער אייזנבאַן־באָד! היינט לאָזט מען דאָרט אַריין ציווילע.

— אַ דאַנק, בירגער! — האָב איך זיך איידל און אינטעליגענט אַ קראַץ־געטון און זיך געלאָזן גיין זוכן די אייזנבאַן־באָד.

שוין איינמאָל א באָד!...

די לעצטע טעג בין איך זייער נערוועז געוואָרן. איך האָב כסדר אויפגעשווידערט, זיך געצאַפּלט, געמאַכט מינעס און גרימאַסן, ווי אַ פראָנט־קאָנטוזשעטער, דאָס הייסט אַזעלכער, וועלכער האָט אויפן פראָנט אַ שאָק באַקומען און עס איז אים שוין דערפון פאַרבליבן אַזאַ נערוון־ציטערניש.

ניין, ביי מיר האָט עס אינגאַנצן נישט געהאַט קיין שייכות מיט קיין צעטרייסלטע נערוון, נישט מיט מיין געזונט־צושטאַנד און נישט מיט מיין געמיט־צושטאַנד, נאָר פּשוט מיט... (זייט מיר מוחל פאַר מיין נישט־דיסקרעטקייט!) מיט מיין העמד־צושטאַנד. איך האָב שוין דאָס העמד לאַנג געדאַרפט טוישן. נאָר העמדער, ווי עס איז אַלגעמיין־באַוווסט, טוישט מען אין באָד. און אין די היגע בעדער איז עס נישט אַריינצובאַקומען־זיך.

דאָס הייסט, אַריינבאַקומען־זיך קען מען יאָ, ביי דריי באַדינגונגען: ווען מען האָט פּראָטעקציע, ווען מען איז „בלאַט" מיט דער באָד־קאַסירשע, אָדער ווען מען שטייט־אָפּ אַ מעת־לעת אין אָטשע־

רעד. איך בין פון די, וואָס האָבן די לעצטע ברירה. ווען איך שטיי־ שוין אָפּ אַ מעת־לעת און האַלט שוין אָט־אָט ביים קאַסע־פענצטערל, — רוקט די קאַסירשע אַרויס איר דעליקאַט הענטעלע און הענגט־ אויף פאַר מיין נאָז אַן אויפשריפטל: „וואַדיטשקי ניעט”. דאָס הייס־ געגאַרטע וואַסערל האָט אויסגעפּעלט...

און דאָ, מיינע חשובע דאַמען און הערן, רעדט־זיך וועגן אַ פּשוטער אַלגעמיינער באָד און נישט, חלילה, וועגן קיין באַזונדערן וואַננע־צימער. וואָרעם וואַננע־צימערן, דאַרפט איר וויסן, געהערן דאָ צום גרעסטן לוקסוס און בלויז פאַרליבטע פאַרשווענדער קע־ נען זיך דאָס דערלויבן, צו קויפן „פּאַ־בלאַטו” אַ וואַננע־בילעט.

זאָל עס אייך נישט חידושן. די וווינונגס־באַדינגונגען זענען דאָ שווערע. האָטעלן זענען נאָר פאַר רייזנדע מיט „קאָמאַנדיראָוואָטש־ נאַיע אודאָסטאָווערעניעס”, דאָס הייסט פאַר די, וועלכע קומען צו־ פאָרן אין שליחות פון זייער אַרבעטס־אונטערנעמער. די עפנטלעכע פאַרקן ווערן שטרענג אָפּגעהיט פון פאַרברעכנס קעגן דער מאָראַל. איז וווּ־זשע זאָל זיך די יוגנט ליבן? ווו זאָל אַ פּאָרל פאַרברענגען, אָן זייטיקע עדות, אויב נישט אין אַ באַזונדער וואַננע־צימערל פון דער שטאָטישער באָד?

איך האָב שוין באַלד פאַרגעסן דעם נוסח פון אַ ליבעס־דער־ קלערונג אין פוילן און איך ווייס נישט ווי עס קלינגט אַ ליבעס־ פאָרשלאַג אין אַמעריקע. אין רוסלאַנד ווערט אַ ליבעס־פאָרשלאַג געמאַכט, מער־ווייניקער, אויף אַזאַ מין אופן: דער קאַוואַליר גיט אַ פּעטשל זיין דאַמע אין דער פּלייצע אַריין (נישט תמיד — אין דער פּלייצע), גיט איר אַ קוק־אַריין אין די פאַרזשמורעטע אויגעלעך־ אַריין און פרעגט זייער צערטלעך:

— פּאַידיאָש סאַמנאַי ובאַניו? — וועסט גיין מיט מיר אין באָד?

מערסטנטייל זאָגט זי נישט אָפּ, וואָרעם אַ באָד איז שווער אָפּ־ צוזאָגן. אָבער טאָמער מאַכט זיך אַ שטאָלצע, וואָס ענטפערט „ניעט”, איז דער קאַוואַלער נישט געפאַלן ביי זיך און ער זאָגט איר:

— ניעט? ניע נאַדאַ. בוד גריאַזנאַיאַ...

דאָס הייסט: „נישט? — דאַרף מען נישט. זיי אַ ברודיקע”... און עס איז אויס־שידוך.

אָבער איך האָב געפאָלגט די גוטע עצה פון מיין שערער און איך בין מיר אַוועק צו דער אייזנבאַן־באָד, וואָס הינטער דער שטאָט. און כאָטש איך בין שוין דאָרט געווען דער זעקס־און־אַכציקסטער אין דער ריי, האָב איך, פּונקט זיבן אַ זייגער אינדערפרי, אָפּגעגעבן

מיינע קליידער אין אויוון פון דער „סאַן־אָבראַבאָטקע” און בין מיר אַריין, ווי אַ פּריץ, אין באָד...

אין דעם אויוון פון דער „סאַן־אָבראַבאָטקע” ווערן די קליידער און וועש אויסגעפּאַרעט, דורכגעבאַקן און סאַניטאַר אויסגערייניקט פון די שונאים פון דער מענטשהייט. ווען איר גייט שפּעטער אַרויס פון דער באָד און איר טוט־אָן די הייס־דורכגעבאַקענע בגדים, וואָס שמעקן מיט צוגעברענטס, קענט איר שוין זיכער זיין, אַז אַ שטיקל צייט וועט אייך קיינער נישט באַאומרואיקן...

איך ווייס נישט, צי דאָס איז אַזאַ געזעץ אין ראַטנפאַרבאַנד, צי דאָס איז אַזאַ מנהג וואָס ברעכט אַ דין, אָבער אַ פאַקט איז: אַז אין יעדער פּרויען־באָד איז דער בעדער אַ מאַן און אין יעדער מע־בער־באָד, איז דווקא אַ פרוי די בעדערין. זי דרייט־זיך דאָ אַרום, צווישן די נאַקעטע מענער, ווי צווישן אַ סטאַדע אָקסן, אין אַ פּאָר הויכע, גומענע שטיוואַליעס, טיילט־איין די שעפּעלעך, שיסלען און בעזעמלעך. זי זאַמלט־צונויף די איבערגעבליבענע שטיקעלעך זייף און בעטלט אַ מאַכאָרקע־סיגאַרעט.

איך ווייס נישט, ווי אַזאַ זאַך ווירקט אויף אייך, מיינע חשובע הערן. אָבער איך פיל זיך זייער פּיינלעך, ווען איך דאַרף שטיין אַ מוטערליך־נאַקעטער פאַר אַן אַנגעטאָנענער פאַרשטייערין פון צווייטן געשלעכט, וועלכע איז נאָך דערצו פאַרפאַנצערט מיט אַ לע־דערנעם רעקל, מיט אַ זאַק־פאַרטוך און מיט הויכע, גומענע שטי־וואַליעס.

עפּעס האָב איך גאָרנישט קיין נודיסטישע נייגונגען.

און דוכט מיר, אַז אפילו אַ נודיסט וואָלט זיך אויך געדאַרפט פילן שלעכט, צו באַווייזן־זיך מיט זיין נודיסטישער פראַכט פאַר אַן אַנגעפּעלצטער דאַמע.

אָבער אין רוסלאַנד איז דאָ אַ ווערטל „פּריוויקניעש” — דו וועסט געוווינט ווערן. און מען זאָל נישט געוווינט־ווערן צו דעם, צו וואָס מען ווערט דאָ אַלץ געוווינט...

אַריינקומענדיק אין דער אייזנבאַן־באָד, איז מיר שוין קלאָר־געוואָרן, פאַרוואָס דאָ איז לייכטער זיך אַריינצובאַקומען, ווי אין אַנ־דערע בעדער: די באָד איז אַן אויסנאַם דערמיט, וואָס קיין דושן זענען דאָ נישטאָ, נאָר קראַנען מיט הייסע און קאַלטע וואַסער. ווער עס האָט אַ שעפל, אָדער אַ שיסל, דער שעפּט־אָן הייס וואַסער, זעצט־זיך אויף דער וואַש־באַנק און זייפט־זיך און וואַשט־זיך.

די אייזנבאַנער ווייסן שוין, אַז זיי דאַרפן זיך מיטברענגען פון

דער היים שיסלען, עמערס, אָדער שעפּעלעך. די פּרויען פון די אייזנ־באַנער ברענגען זיך אפילו מיט מולטערס און באַליעס, אין וועלכע זיי וואַשן דערווייל אויס אַ וועש.

אָבער די פרעמדע, וועלכע ווייסן נישט דעם סוד, מוזן אָנקומען צו דער חברטע בעדערין. און דריי סאָרטן בלעכענע שיסלען פאַר־מאָגט זי: שיסלען מיט לעכער, שיסלען מיט האַלבע דנאָען און שיסלען — בכלל אָן אַ דנאָ. נאָר אַפילו דער, וועלכער האָט שוין דאָס גרויסע מזל צו אַ שיסל מיט לעכער בלויז, מוז זיין אַ וועלט־טשעמפּיאָן, צו קענען דערלויפן פון קראַן, ביז צו דער וואַש־באַנק, און עס זאָל אים נאָך בלייבן אַ ביסל וואַסער אין דער שיסל.

וואָרעם אין מערסטע פאַלן, האָט ער שוין מיטן וואַסער אָפּ־געבריט אַ פּאָר טוץ נאַקעטע פיס און ער קריגט דערפאַר זידלערייען, קללות און אַ פּאָר לייטישע כמאַליעס דערצו.

און נאָך יעדן שיסל וואַסער, דאַרפט איר ווייסן, מוז מען זיך אויפסניי שטעלן אין אַטשערעד. וואָרעם מער ווי צוויי קראַנען זע־נען נישטאָ און דאָס וואַסער רינט זייער לאַנגזאַם.

און נאָך אַ זאַך איז מיר ערשט איצט קלאָר געוואָרן. אַ זאַך, וואָס האָט זיך מיר פריער אויסטערליש געוואָרפן אין די אויגן אַריין. און נעמלעך: אַ סך מענער זענען אַריין אין דער באָד מיט זעק און מיט שטריק. אַנדערע זענען אַריין מיט היטלען, מיט בלוזעס און הויזן. און איצט האָב איך זיך איבערצייגט, אַז גאָרנישט איז צופעליק און אַז אַלץ האָט אַ שכל. מיט די זעק, בלוזעס, אָדער הויזן בינדט מען אַרום די צעלעכערטע שיסלען, זיי זאָלן אַזוי שנעל נישט אויס־רינען.

נישט שלעכט איז אויך אַ היטל. וואָרעם דריי היטלען וואַסער, איז נישט־ווינציקער פון אַ באָד־שיסל.

דאָס זענען זייער פּראַקטישע דערפינדונגען ביי די היגע אומ־שטענדן.

אמת, מיר, מערב־אייראָפּעער, זענען נאָך גאַנץ ווייט הינטער־שטעליק פון אָט די חכמהדיקע דערפינדונגען. און דערפאַר טאַקע, האָב איך זיך דאָ אַרומגעדרייט צווישן די זיך־וואַשנדיקע, מיט מיין גאַנצער מערב־אייראָפּעאישער אומבאַהאָלפנקייט.

איך האָב קיין ברירה נישט געהאַט און זיך געמוזט ווענדן מיט אַן אינטערווענץ צו דער בעדערין.

— בירגערין בעדערין! — האָב איך זיך העפלעך פאַרנויגט

פאַר איר, פאַרשטעלנדיק צניעותדיק, מיט ביידע הענט, ווו עס איז נויטווענדיק.

אָבער די בעדערין האָט אויף מיר אַ קוק־געטון מיט איראָניע און אַ זאָג־געטון מיט ביטול:

— נו, וואָס, סינאַק? וואָס האַלטסטו זיך אַזוי צו?

— דאָס איז פאַר אַנשטענדיקייטס־וועגן, בירגערין!...

— דו האָב קיין מורא נישט. איך וועל דיר גאָרנישט צוכאַפּן!

— פאַרזיכערט זי מיר — מיינע אויגן זענען שוין צו אַלץ געוווינט. איך בין שוין צו־אַלט און איך אַרבעט דאָ שוין צו לאַנג, אַז אַזאַ דאַרער פלאָקן ווי דו, זאָל מאַכן אויף מיר אַן איינדרוק!...

מען קען נישט זאָגן, אַז איך האָב פון דעם קאָמפּלימענט שטאַרק הנאה־געהאַט. אָבער דאָ איז געשטאַנען אין קאָן אַ שיסל און איך האָב געמוזט זיין געהאָרכזאַם און העפלעך. — האָב איך אַוועקגענו־מען די הענט, זיך אויסגעצויגן מיליטעריש־שטייף און רעפּערירט, אויף אַ ווירדיקן אופן, מיין ענין:

— בירגערין בעדערין! אַ פרעמדער בין איך דאָ, אַ נישט הי־גער, געקומען אין אַ וויכטיקער קולטור־שליחות. איך האָב נישט געוווסט די באַדינגונגען דאָ ביי אייך און האָב מיר קיין באָד־שעפל נישט מיטגענומען. און וואַשן מוז איך זיך. אַ נישט־זויבערער קאָן איך נישט טון מיין קולטור־אַרבעט, פאַרשטייט איר דאָך אַליין. ווענד איך זיך צו אייך, פיל־געשעצטע בירגערין בעדערין, גיט אַן עצה: ווי זאָל זיך אַ מענטש אָפּוואַשן, ווען ער האָט נישט די געהעריקע אינסטרומענטן דערצו?

— אוש טי! — האָט זי מיר אַ זאָג געטון — דו רעדסט זייער קולטורנע! אָבער וואָס קאָן איך דיר העלפן, סינאָק? עצות האָב איך אַ סך, אָבער העלפן קאָן איך נישט. אָט טו אַזוי ווי אַלע טוען. פאַר־בינד אַ שיסל און וואַש זיך.

— נו, ווי זאָל איך אַרומבינדן, ווען איך האָב נישט מיט וואָס? נישט קיין שטריקל און נישט קיין שמאַטע. דו ביזט דאָך ספּעציאַלי־זירט אין דיין באַרוף, איז טו אַ געפעליקייט אַ פרעמד־צוגערייזטן קולטור־מענטש און העלף־אַרויס.

— בירגער, דיינע רייד זענען אַרויסגעוואָרפן! די שיסלען דאָ, זעסטו דאָך אַ וואָסערע זיי זענען. צו מיין מזל זענען זיי ענלעך! און קיין זעק אָדער שמאַטעס האָב איך נישט.

— אָבער אַ געוויסן האָסטו דאָך, בירגערין! און אַ מענטש ביזי־טו דאָך אַ פילנדיקער, מיט אַ האַרץ, צי ניין? איז ווי וועט דיר דאָס

געוויסן דערלויבן צוצולאָזן, אַז אַ קולטור־מענטש, וואָס איז דאָ צו־גאַסט, זאָל אָוועקגיין פון דיין באָד אַ נישט־געוואַשענער? אָט, אַנ־טליי מיר כאָטש דיין פאַרטוך אויף אַ האַלבער שעה...

— אָהאָ! אַ קולטור־מענטש, הערסטו דיר! אינטעליגענט רעדט ער! דעם פאַרטוך זאָל איך אים אויסטון! וואָס נאָך וועסטו באַ־פעלן?!

— מער גאָרנישט, בירגערין! יעי באָגו, מער גאָרנישט! בלויז דעם פאַרטוך אַנטליי מיר, אַ שיסל אַרומצובינדן. איך וועל דיר ווי געהעריק אָפּדאַנקען!

— אַלע דאַנקט איר זייער שיין! און צום סוף, גיט מען מיר אַט־וואָס! — באַווייזט זי מיר אַ פייג אונטערן דעכעלע. — וואָס זאָל איך מאַכן מיט דיין דאַנק? אַ האַלבן קילאָ ברויט וועל איך דער־פאַר באַקומען?

— וואָס רעדסטו, בירגערין? מוטערל טייערע! אַ קולטור־מענטש וועט אָפּנאַרן? דו ווייסט וואָס? איך האָב מיט־זיך, אין שענ־קעלע, אַ שטיקל ברויט מיט אַ שטענגעלע וויינטרויבן. אַ ביסל טאַבאַק און דריי רובל. איך גיב דאָס דיר אַלץ אַוועק, פאַר די געהעריקע וואַש־מעגלעכקייטן. אָט, טו אַ קלער.

— נו, אויב אַזוי, איז עפּעס אַנדערש. נאָכוואָס־זשע דאַרפסטו רעדן צו מיר קולטורנע? מיט אינטעליגענטע ווערטער? זאָג פשוט: אַזוי און אַזוי!... מילאַ, גוט, סינאָק. קום מיט מיר. אָבער זאָלסט נישט אָפּנאַרן! ווייל דווקא אייערע קולטור־מענטשן נאַרן אַממערסטן!

— יעי באָגו, איך וועל נישט אָפּנאַרן! אָט גיב איך עס דיר באַלד!

זי האָט מיך געפירט דורך אַ טונקעלן און קאַלטן קאָרידאָר, אָנ־געקלאַפּט אין אַ טיר, פון וואַנען עס האָבן זיך געהערט ווייבערישע קוויטשערייען און זי האָט אַרייַנגעשריען:

— איוואַן אַנטאָנאָוויטש! העי, איוואַן אַנטאָנאָוויטש!

— אָהאָ! — האָט זיך דערהערט אַ טיפער באַס־קול פון דער פרויען־אָפּטיילונג.

— איוואַן אַנטאָנאָוויטש! גיב אַרויס, זיי אַזוי גוט, דעם נומער דריי!

— לאַדנאָ! — האָט איוואַן אַנטאָנאָוויטש געענטפערט.

מיר האָבן געוואַרט אַ ווייל. די טיר פון דער פרויען־אָפּטיילונג האָט זיך געעפנט און איוואַן אַנטאָנאָוויטש, ווי אַ באַוואַקסענער בער

צווישן ראַזע וואַסער־נימפעס, איז אַרויסגעשווומען פון דער פּאַרע מיט אַ שיסל אין דער האַנט.

די שיסל נומער דריי האָט בלויז פאַרמאָגט דריי לעכלעך, ווי דריי צעשראָקענע אויגן.

— אָט דאָס קענסטו שוין פאַרשטאָפּן מיט וואָס דו ווילסט, סי־באָק — האָט מיר די בעדערין פאַרזיכערט — קליינע שמאַטקעס וואַלגערן־זיך דאָ גענוג!

— יאָ, איך וועל שוין פאַרשטאָפּן. אַ גרויסן דאַנק! — האָב איך זיך טיף פאַרנויגט, כאַפּנדיק די גרויסע מציאה.

איך האָב טאַקע אויסגעזוכט עטלעכע שמאַטקעס און פעסט פאַר־שטאָפּט די שיסל, אַז זי זאָל אויף מיר קיין צו־גרויסע אויגן נישט האָבן. וואָרעם איך האָב זייער מורא געקראָגן פאַר די בלעכענע עין־הרע׳ס...

— נו! האָסטו דאָך פאָרט אַ ביסל מזל!... — האָב איך אַ זאָג־געטון צו זיך אַליין, לויפנדיק צוריק צו דער מענער־באָד אַ גליק־לעכער — פון עפּעס בעסערס האָסטו דאָך אַפילו נישט געקאָנט חלומען!...

און שטייענדיק אין אָטשערעד צום הייסן קראַן, האָב איך אַליין נישט געפילט, ווי איך האָב זיך צעזונגען פון גרויס צופרידנקייט: „מאָסקוואַ מאַיאַ ליובימאַיאַ״!

אַ בערדיקער פויער האָט מיך גֿעדאַרפט אויף דעם אויפמערק־זאַם מאַכן מיט אַ שטויס אין דער זייט:

— וואָס האָסטו זיך צערעוועט ווי אַן אָקס? מער פירט דיך צו דער שחיטה?!

— ענטשולדיקט בירגער, דאָס זינג איך אַזוי...

— אַ שיין געזאַנג!... דער אָטשערעד רוקט־זיך און ער שטייט און רעוועט! אָדער שעפּ־אָן, אָדער לאָז אַן אַנדערן אָנשעפּן!

איך האָב אים געפאָלגט, אויפגעהערט זינגען, אָנגעשעפּט אַ שיסל קאָכעדיק וואַסער און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער וואַש־באַנק, ווי אַ בכבודיקער באַלעבאָס. איך האָב זיך עטוואָס אָפּגעשווענקט און זיך גענומען זייפן.

זייף האָב איך מיטגענומען אַ היפּש שטיק. איך בין דאָך אַרויס אין אַ פאַרצווייפלטער און דעצידירנדיקער שלאַכט מיט די שונאים פון דער מענטשהייט! — האָב איך מיר גוט באַוואָפנט: סיי מיט אַ גרויס שטיק וואַש־זייף און סיי מיט אַזאַ שאַרסטקע רייבערל, וואָס שאָבט דאָס לייב, ווי אַ ריבאייזן.

מיר האָט זיך זייער געוואָלט זינגען פון פאַרגעניגן, ווען איך האָב מיר געזייפט און געשאָבן. אָבער דער בערדיקער פויער איז גע־זעסן קעגנאיבער מיר און מיך אָנגעקוקט, ווי אַ רויב־חיה.

ער איז געווען באַזונדערס בייז דערפאַר, ווייל זיין שיסל האָט שרעקלעך געדונען און עס האָט אים אַליין אָפּגעבריט די פיס.

האָב איך שוין דאָס מויל מער נישט געעפנט, נאָר זיך געזייפט און געשאָבן מיט אַ ווילדן אימפּעט.

אָבער פּונקט דאַן, ווען איך בין שוין געשטאַנען אַן אָנגעזייפטער פון קאָפּ ביז די פיס, מיט פעטע מולינעס אויפן קאָפּ און מיט ברע־נענדיקן זייף אין די אויגן, איז אָנגעלאָפן אַ צעפלאַמטע די בעדערין, האָט אַ גיס־אויס געטון דאָס וואַסער און אַ כאַפּ־צו געטון מיין שיסל.

— בירגערין! וואָס טוט איר?! — בעט איך זיך — איך האָב זיך דאָך נאָך נישט געוואַשן!

— איך ווייס, סינאָק, איך ווייס! — ענטפערט זי — אָבער אַ נאַ־טשאַלניק איז געקומען! וואָס קען איך מאַכן? אַ נאַטשאַלניק פון ענקאַוועדע! מיט אָרדנס און מעדאַלן!

— אָבער איך בין דאָך אַן אָנגעזייפטער, בירגערין! לאָז מיך זיך כאָטש אָפּשווענקען דעם זייף!

— איך קאָן נישט, סינאָק! און רעד נישט צו מיר אינטעליגענט און קולטורנע, ווען אַ נאַטשאַלניק וואַרט! איך וויל, צוליב דיר, מיין שטעלע נישט פאַרלירן!

— קולטורנע, צי נישט קולטורנע! באַצאָלט האָב איך דיר! איז לאָז כאָטש דעם זייף אָפּשווענקען! די אויגן ברענען מיר!

— דו זיץ בעסער רואיק, סינאָק! אַ נאַטשאַלניק פון ענקאַוועדע איז עס! איז זיץ און וואַרט־איבער, זאָגט מען דיר! דער נאַטשאַלניק וועט זיך אָפּוואַשן, וועל איך דיר די שיסל צוריקגעבן!

— טאָ געדענק! זאָלסט צוריק געבן!

— יעי באָגו, איך וועל דיר שפּעטער צוריק געבן!

זי איז אַוועק מיט דער שיסל און איך בין געבליבן זיצן אַן אָב־געזייפטער.

די אויגן האָבן מיר געברענט און עס האָט נישט געהאָלפן קיין ווישן מיט די הענט. אַ ביטערער עסק! אַרויסגעכאַפּט מיר דאָס גליק פון די הענט און איצטער זיץ אין געהאַקטע צרות.

און מיין שכן פון דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַש־באַנק, דער בערדיקער, בייזער פויער רייצט זיך נאָך מיט מיר:

— נאַ, איצטער קענסטו זינגען!... פאַרוואָס זינגסטו נישט, האַ?... מאָסקווא מאַיאַ!...

היות איך בין איצט גאָרנישט געשטימט־געווען, צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס, האָב איך זיך אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע און זיך געזעצט אויף אַן אַנדערער באַנק.

דאָרטן בין איך פונקט אויסגעקומען נעבן דעם ענקאַווודע־נאַטשאַלניק מיט מיין שיסל.

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? — האָט דער נאַטשאַלניק אַ פרעג־געטון — זיצט אַן אָנגעזייפטער און גלאָצט! גיי, וואַש זיך בעסער אָפּ!...

— ענטשולדיקט, חבר נאַטשאַלניק! — פאַרגויג איך זיך העפּלעך — דאָס קוק איך אַזוי אויף מיין שיסל... אויף דער שיסל נומער דריי... אַ טייער שיסעלע איז דאָס!... מיט קליינע דריי לעכעלעך בלויז... דאָס האָב איך זיך איין איר פריער געוואַשן. די באַנשטשיצע האָט עס מיר אַוועקגענומען פאַר אייערטווועגן און איך בין געבליבן אַן אָנגעזייפטער. איצט דאַרף איך וואַרטן, ביז איר, חבר נאַטשאַלניק, וועט זיך אָפּוואַשן און דאַן ערשט, וועל איך זיך קענען אָפּשווענקען...

— אַזוי גאָר!... אָבער דיר וועט אויסקומען זייער לאַנג צו וואַרטן... איך מוז מיר די פיס אויך גוט אויסווייקן.

— שטערט אייך נישט, חבר נאַטשאַלניק. איך וועל וואַרטן.

— און דו, ווער ביזטו אַזעלכער? פון וואַנען?

— מיט אַ טרופּע געקומען, חבר נאַטשאַלניק, פון ביאַליסטאָק.

— ביזטו דאָך פון פּוילן... דערצייל זשע מיר, טייבעלע: און ווי זעט עס אויס אַ באָד ביי אייך אין אויסלאַנד, האַ?...

— עס איז אומעטום איין וועלט, חבר נאַטשאַלניק! — וויל איך זיין מיט אים פאַרזיכטיק — אַ באָד איז אַ באָד.

— דו דריי קיין קאָפּ נישט! דו זאָג אָפּן: ביי אייך זענען אויך דאָ אַזעלכע צעבראָכענע שיסלען?

— פאַרהאַן, חבר נאַטשאַלניק. בלעכענע שיסלען מוזן דאָך, מיט דער צייט, נעמען רינען...

— וורי‍אָש קאָק סאבאקא! — דו בלאָפסט ווי אַ הונט! — זאָגט ער מיר העפלעך — אַזעלכע שיסעלעך זענען פאַראַן נאָר ביי אונדז...

איך דאַרף שוין באַלד קיין וואַסער נישט. די זייף־מורלינעס רינען שוין אָפּ פון מיר צוזאַמען מיט די אַרויסגעזעצטע אַנגסט־שווייסן.

נאָכוואָס האָב איך זיך עס צוגעזעצט צו אים? צו וואָס האָב איך עס באַדאַרפט, זיך אַריינלאָזן מיט אים אין אַ שמועס? — מאַך איך מיר פאַרוורפן.

און דער נאַטשאַלניק לאָזט נישט אָפּ. ער איז זיך מחיה מיטן הייסן וואַסער און מיט זיינע קלוגע פראַגן:

— און אין אַמעריקע? אין אַנגליאַ? אין פראַנציאַ? ווי וואַשן זיי זיך דאָרטן, ווען זיי קריגן אין באָד אַזעלכע שיסלען אָן דנאָען? האַ?

— איך בין דאָרט קיינמאָל נישט געווען, חבר נאַטשאַלניק און ווייס נישט. אָבער איך שטעל מיר פאָר, אַז אויב זיי האָבן נישט קיין צייט צו וואַרטן אין אָטשערעד אויף אַ גאַנצער שיסל, וואַשן זיי זיך מסתמא ווי די קעץ: זיי שפּייען אין די הענט און ווישן־זיך דאָס פּנים...

— כאַכאַכאַ... דאָס איז גוט געזאָגט!... אָבער פאַרוואָס, מיינסטו, האָבן זיי נישט קיין צייט צו וואַרטן אין אָטשערעד, האַ?... — טשע־פּעט ער זיך צו יעדן וואָרט מיינעם.

— אַמעריקע, זאָגט מען, איז אַ לאַנד פון קאַפּיטאַליסטן. איז ווי קענען זיי האָבן צייט צו וואַרטן אין אָטשערעד אויף אַ גאַנצער שיסל, ווען זיי דאַרפן לויפן מאַכן מיליאָנען?...

— עטאָ פּראַווילנאָ! דאָס איז ריכטיק! — זאָגט ער מיר שוין ערנסט.

און באַלד נאָכדעם, האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן אָן מיר. ער האָט איינגעווייקט די פיס אין שיסל, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער וואַנט און האָט איינגעדרימלט.

איך האָב געוואַרט אַרום אַ שעה און איך וואָלט געוואַרט נאָך לענגער אויך. אָבער דאָ איז געוואָרן אַ טומל:

— דער קראַן אַרבעט נישט!

— באַנשטשיצאַ! וואַסער גיב!

— וואָס האָט איר דאָס וואַסער אָפּגעשטעלט?!

און באַלד האָט זיך דערהערט אַ קלאָרע מעלדונג פון דער חברטע בעדערין:

— וואָדיטשקי ניעט!

דאָס הייסע וואַסערל האָט אויסגעפּעלט...

פושקין האָט אונדז געראַטעוועט...

— און איצט, שטרויס־פויגל, הויב די לאַנגע פיס און לויף אין שטאָט אַריין, צו דער פילהאַרמאָניע! — האָב איך זיך אַ זאָג געטון אַרויסגייענדיק פון דער באָד און דערפילנדיק אַ גרינגערקייט אויפן באַרוועסן קאָפּ, אַ קילערקייט אויפן מוטערלעך־נאַקעטן פּנים און אַ שוויענדזשעניש אויף מיין גאַנצן לייב, פון דעם נישט־אָפּגע־שווענקטן זייף.

אין דער פילהאַרמאָניע האָב איך זיך דערוווסט, אַז אונדזער טרופּע איז שוין טאַקע דאָ אין טאַשקענט. דער אַנסאַמבל וווינט הינ־טער דער שטאָט, אין אַ געוועזענעם אַפּרו־הויז, וואָס איז איצט נישט טעטיק.

— נאָ, סלאַוואָ טיעביע האָספּאָדי! (נו, אַ לויב צו דיר גאָטעניו!)

— האָב איך אַזש אויסגערופן באַגייסטערט, פאַרגלאָצנדיק די אויגן צום סופית.

— וואָס האָט איר געזאָגט, בירגער?! — האָט מיך שטרענג איבערגעפרעגט און אָנגעקוקט דער באַאַמטער.

— אַדאַנק דעם חבר סטאַלינען! — האָב איך באַלד אויסגע־בעסערט — זאָל לעבן דער גענעראַלער פאָטער פון די פעלקער! הורראַאַאַ!.. — איך האָב שנעל געכאַפּט דעם אַדרעס און צוריק־געלאָפן צום וואָקזאַל, אָפּצונעמען מיין וואַליזע מיטן רוקזאַק.

אוודאי האָט זיך מיר געגלוסט צו פליען גלייך צו לאַלען. איך האָב אָבער נישט געוואָלט קומען מיט קיין ליידיקע הענט, נאָר מיט גרויסע סיורפּריזן...

„אַבי זי איז שוין דאָ אין טאַשקענט, וועלן מיר זיך שוין זען... איז נאָך אַ פערטל שעה... עד, וועט דאָס זיין אַ באַגעגעניש!...״ — האָב איך קוים געצוימט מיין אומגעדולד, ביז דער שלעפּעריקער באַאַמטער האָט אויסגעזוכט מיין באַגאַזש, דערליידיקט די פאָרמאַלי־טעטן און אַרויסגעגעבן.

אַרום אַ האַלבע שעה האָב איך געוואַרט אויף אַ טראַמוויי און אָנגעקומען איז ער איבערפולט. אַ פרוי האָט אַרויסגעוויינט דורך אַ פענסטער, אַז זי איז שוין אַריבערגעפאָרן דריי איבעריקע סטאַ־ציעס און זי קאָן זיך נאָך אַלץ נישט אַרויסבאַקומען פון וואַגאָן, צו־ליב דער ענגשאַפט. ענדלעך האָט מען זי אַרויסגעשלעפּט דורכן פענצטער, אָבער איר וואַליזע איז געבליבן אינעווייניק און מען קען זי נישט געפינען.

הונדערטער מענטשן הענגען אינדרויסן, אויף טיר־און פענסטער, אויף די דעכער, אויף טרעפלעך און ווו עס לאָזט זיך נאָר שטעלן אַ שפּיץ פוס און אָנכאַפּן מיט אַ האַנט. דערפאַר, אָבער, קען מען ביי די דרויסן־הענגענדיקע נישט נעמען קיין געלט און זיי פאָרן גראַטיס.

האָב איך אַ געשריי געטון „הוררראַאַ!" און האָב זיך אויף אַנ־געהאָנגען.

די אויסגעשטיגענע פרוי ספּאַזמירט אינדרויסן, איר וואַליזקעלע פאָרט אינעווייניק און איך פלאַטער אין ווינט און איך בין דאָ איי־נער פון אַרום הונדערט און זיבעציק געהאָנגענע...

מיט איין האַנט האַלט איך זיך־אָן אָן אַ פענסטער־ראַם, וואָס שאָקלט־זיך און האַלט ביים אַרויספאַלן. „פּאַטער פון די פעלקער!" — בין איך מתפלל — „זאָל זיך די ראַם נישט אַרויסרייסן! עס איז דאָך מלוכיש אייגנטום! און טאָמער רייסט זיך ארויס די ראַם, וועל איך שוין היינט לאָלען נישט זען...

מיט דער צווייטער האַנט האַלט איך די וואַליזע, וועלכע ציט מיך צו דער ערד. אונדזער ביידנס גורל איז איצט אָפּהענגיק פון דער פענסטער־ראַם און פון מיין לינקער האַנט, וועלכע זאָל נאָר נישט פאַרחלשט־ווערן!

פאַרן רוקזאַק האָב איך נישט קיין זאָרג: ער זיצט מיר אויף דער פּלייצע, ווי אַ קאַץ — אויף אַ דעכל.

אויב עס וועט מיר אויסקומען צו לאַנדן אינמיטן פאָרן, זאָל איך עס נאָר אויף דער פּלייצע. וואָרעם נאָר דער רוקזאַק קען מיך ראַטעווען!

ענדלעך — דערפאָרן.

איך שפּרינג אַראָפּ און לאָז זיך גיין דורך אַ שמאָל און ליימיק געסל, צווישן סעדער און ווייגערטנער.

אָן אויסטערליש געסל איז עס! אין פלוג דאַכט־זיך, אַז מיט דריי שפּאַן שפּרייזטו עס אַריבער. וואָרעם דו זעסט דאָך פאַר זיך אַ טופּיק... אָבער ניין: דאָרט פאַרקירעוועט־זיך ערשט דאָס געסל אויף רעכטס און שפּעטער — אויף לינקס און אָבער און ווידער קירעוועט עס זיך, דרייט־זיך און ציט־זיך אָן אַ סוף און אָן אָן ענדע!

קיין הייזער זענען נישטאָ אין דעם שמאָלן, אומהיימלעכן געסל. איך גיי און גיי צווישן ליימיקע צוויי פּלויטן, ווי אין אַ טיפער,

ענדלאָזער קאַנאַווע. ווו־נישט־ווו איז אַ געשלאָסענער טויער און פון יענער זייט בילט אַ הונט.

איך גיי אונטער דער שרפהענדיקער זון, אַ באַגאָסענער מיט שוויס, אַ צעפּאַרעטער ווי אַ זיך־רויכערנדיקער שטורקאַץ. קיין שאָטן צום אָפּרוען־זיך איז דאָ נישטאָ. איך בין דאָך אין „זוניקן אוזבעקיסטאַן"...

— ברידער עסקימאָסן, איך בעט אייך: זייט מיך נישט מקנא!..

פּלוצלונג דערהער איך היימישע קולות: מען רעדט יידיש, מען שרייט יידיש, מען קריגט־זיך און מען לאַכט יידיש...

איך שטיי פאַר אַ צעעפנטן טויער, פון וועלכן עס ציט זיך אַ ברייטע אַלעע אין דער טיף פון אַ גרויסן פּאַרק.

זאָל עס דאָ טאַקע זיין? אין אָט דעם גן־עדן התחתון, וואָס איז נישט באַוואַכט פון קיין מלאך מיט קיין שווערד?.. —

יאָ, דאָ איז עס טאַקע... איך דערקען מיינע לייט פון דער וויטענס... כאָטש זיי טאַנצן דאָ עפּעס אַרום האַלב־נאַקעטע, ווי די מכשפות — אין וואַלד... ניין, ווי אין אַ ציגיינער־טאַבאָר — אַרום ברענענדיקע שייטערס מיט קאָכנדיקע טעפּ...

איך גיי אַריין טיפער אין דער אַלעע און באַהאַלט־זיך הינטער אַ בוים. פון די געלעכטערן און קולות, ווערט מיר קלאָר, אַז דער רעזשיסער פון דער טרופּע האָט, פון אַן אַקטריסעס אַ קאָכעדיקן טאָפּ, אַרויסגעגנבעט אַ שטיק פעט פלייש...

דער רעזשיסער טענהט, אַז אַ הונט אָדער אַ קאַץ האָט עס געטון, נישט ער... און די אַקטריסע וויל דווקא איבערצייגן אַלעמען, אַז אַ קאַץ כאַפּט נישט פון קיין קאָכעדיקן טאָפּ און קיין הינט זענען דאָ נישטאָ.

דער רעזשיסער, וועלכער מאַכט זיך זייער־באַליידיקט אויף דער אַקטריסע, קערט זיך אָפּ, טוט אַ ווונק צו דער חברה אַרום און זאָגט:

— איך אַליין בין אַ שלעכטער הונט?... אַז איך בין נאָך הונגעריקער פון אַ הונט!...

און אַלע לאַכן.

איך וויל אויך לאַכן, נאָר דאָס געלעכטער ווערט מיר פאַרשטיקט אין האַלדז: דאָס פּנים פון דער אַקטריסע, ביי וועלכער מען האָט אַרויסגעגנבעט דאָס שטיק פעט פלייש פון טאָפּ, האָב איך פריער נישט געזען, אָבער ווי האָב איך עס איר שטימע נישט דערקענט?! — דאָס איז דאָך לאַלאַ!..

יאָ, לאַלאַ מיט די ביינער!... נו, גאָט צו דאַנקען! זי איז דאָ!

זי איז געזונט און קאָכט אַ טאָפּ!... מילא, זאָל זיין אָן פליישׁ — די זופּ איז דאָך געבליבן!...

— אוי! זע נאָר, ווער ס'איז דאָ!!!...

— איך זאָל אַזוי!...

אַ פּאָרל אַקטיאָרן איז מיר אַנטקעגן געקומען און מיך דערקענט. אָנשטאָט באַגריסן מיך און זאָגן עפּעס אַ וואָרט, זענען זיי באַלד, הענדום־פּענדום, צוריקגעלאָפן צום צעפּלאָפּלטן און צעפּלאַקערטן „ציגיינער־טאַבאָר", איבערשרייענדיק איינער דעם אַנדערן:

— ל—אַ—ל—אַ!!!...

— ער איז דאָ!!!...

— דיין שטרויספּויגל מיט די לאַנגע פיס!..

— דיין לאַנגער לאָקש!...

— איך זאָל אַזוי לעבן! אָט גייט ער דאָרטן!...

— מיין מאַמע זאָל מיר אַזוי!... קוק אים נאָר אָן!...

און לאַלאַ איז מיר אַנטקעגנגעלאָפן, בראָש פון דער גאַנצער טרופּע.

זי איז געווען צעשויבערט, צעכראַסטעט, פאַרויטלט און פאַרסאַדזשעט, מיט אַ טאָפּ־שטערצל אין איין האַנט און מיט אַ קאָך־לעפל — אין דער אַנדערער...

די ביידע קאָך־כלים האָב איך באַלד דערפילט אויף מיין רוקן... און אַז איך האָב זיך איינגעזויגן אין אירע ליפּן, האָב איך דערפילט דעם טעם פון אַ פאַרויכערטן, אָבער היימיש־פעטן, פליישיקן קרופּניק, מיט פּיעטרושקע און אַנדערע פאַרבראָקעכטס...

— אַבי מען זעט זיך!... און וואָס טראָגסטו דאָ?

— עט, נאַרישקייטן, שמאטעס... דיין פוטער האָב איך געבראַכט...

— וואָאָאָאָס?!...

— אוי! געוואַלד! הערט נאָר דעם טריפהנעם מזל, הערט נאָר!

— האָבן זיך די אַקטיאָרן צעשריען.

— נאָך ווייניק וואָס ער איז דאָ, האָט ער נאָך איר פוטער געבראַכט!!!...

— און דאָס סאַמעטענע בינע־קלייד און די נאָטן... — זאָג איך שטיל.

— איך האַלט נישט אויס! — האָט זיך דער רעזשיסער צעזונגען — פון ביאַליסטאָק געקומען מיטן בעטגעוואַנט און מיטן באַגאַזש! געוואַלד! ווו כאַפּט מען ערגעץ נאָך אַ שטיק פליישׁ? דאָס האַרץ ווערט דאָך מיר שוואַך!!!...

און דער גאַנצער אַנסאַמבל האָט מיך גענומען אַרומפּליקן — ווי די פעדערן פון אַ מאָגערער גאַנדז. מען האָט צעעפנט דעם רוק־זאַק, די וואַליזע, אַרויסגעשלעפּט דעם פוטער, דאָס בינע־קלייד און אַנדערע חפצים, וואָס איך האָב שוין אַליין נישט געדענקט. יעדערער האָט אַרויפגעשלעפּט אויף זיך עפּעס אַנדערש און זיך צעלאָפן דער־מיט איבער די אַלעען, טאַנצנדיק און שפּרינגענדיק און שרייענדיק, אַז נאָר מזל באַדאַרף מען צו האָבן...

— אָט, אַ מזל!... און ווער פאַרמאָגט אים? — לאַלאַ!

— און זי באַדויערט נאָך דאָס שטיקל פלייש פון טאָפּ...

— אַז זי ווייסט דאָך גאָר אַליין נישט, וויפל מזל זי פאַרמאָגט!..

⁂

פאַנטאַזיע, ווו ביזטו? און וואָס פאַר אַ ווערט האָסטו, אַנטקעגן די קאַפּריזן פון דערווירקלעכקייט? — גענבעכדיק און בלייך ביזטו דאָך, אַנטקעגן מיין יעטוועדן, טאָגטעגלעכן סיורפּריז!...

כאַכאַכאַ!... איך זיץ מיר אין אַ הערלעכן פּאַרק און פּראַווע מיר דאַטשע!...

איך פּראַווע מיר דאַטשע אין זוניקן אוזבעקיסטאַן, אין וויייטן הינטערלאַנד, ווען אויף די פראָנטן גיסט זיך בלוט און פעלקער און לענדער ווערן פאַרשלונגען אין שריפה־פלאַמען!...

איך פּראַווע דאַטשע, ווי אַ סוחר וואָס האָט לייטיש אָנגעזעצט... איך פרעס און זויף און רויכער מיר גוטע פּאַפּיראָסן, נישט־אַריינ־טוענדיק קיין פינגער אין קאַלטן וואַסער... איך הער און איך דער־צייל אַליין אַלטע אַנעקדאָטן וועגן יונגע ווייבער, איך שפּיל אין קאָרטן און עס ווערט מיר ליכטיק אין די אויגן, ווען איך באַקום אַ דזשאָקער... מיט איין וואָרט: איך בין מיר דאָ אַ גאַנץ בכבודיקער פּאַראַזיט.

ווי נאָר איך בין אַריינגעקומען אין אָט דעם גן־עדן התחתון, האָב איך באַמערקט אין אַ ווינקל פון פּאַרק, אַ הילצערןביידל מיט אַן אייזערנעם קעסל אויפן דאַך. וואָס איז דאָס אַזוינס? — אַ דוש. אין ביידל זענען דאָ צוויי אָפּטיילונגען דושן, פאַר מענער און פאַר פרויען. דער קעסל וואַסער, וואָס אויפן דאַך ווערט געוואַרעמט פון דער זון. נישט געוואַרעמט — נאָר געקאָכט ממש! און די באַ־הייצונג קאָסט נישט... ביי די טאַשקענטער באָד־באַדינגונגען, איז דאָך עס לוקסוס שבלוקסוס!...

פאַרשטייט־זיך, אַז די ערשטע זאַך, וואָס איך האָב דאָ געטון, איז געמאַכט־זיך אַ דוש. איך האָב מיך מחייה־געווען מיטן אומבאַ־

גרענעצטן וואַסער־שטראָם, מיטן שמעקנדיקן טואַלעט־זייף און מײַן שאַרסטיקן רייבערל, די „מאַטשאַלקע", מיט וועלכער איך האָב מיר געשייערט דאָס לייב.

אַרויסגעקומענדיק פון דאָרט בין איך שוין אַ האַלב־נאַקעטער, ווי אַלע דאָ. לאַלאַ האָט מיר צוגענומען מײַן אַנטון פאַר דער וועש־ריי און א־בערגעלאָזן מיר האָט זי בלויז די פּידזשאַמע־הויזן מיט אַ פּאָר שטעקלאַטשן...

עס האָט מיר נאָר געפעלט אַ קרוין פון פעדערן אויפן קאָפּ און אַ פּיילנבויגן אין דער האַנט, אַז איך זאָל אויסזען ווי אַן „עכטער" אינדיאַנער אין אַ קאַלטורע־טעאַטער...

אין אָט דעם הולך און מיט גרויס פּאַראַד, האָט מיך חברה אָפּ־געוואַרט און אַרויס־עפירט אויף אַ פּלאַכן באַרג, אין צענטער פון פּאַרק, ווו עס איז געשטאַנען אַ גרויסע, הילצערנע אַלטאַנע מיט אַ טיש און מיט בענק.

דער טיש איז שוין, פאַר מײַן כבוד וועגן, געגרייט געווען מיט אַ מיטאָג, ווי פאַר אַן אינדישן פּרינץ פּאַסט: פרישע, שמעקנדיקע ליעפּיאָשקע־פּלעצל, זופּ, פליייש, קאָמפּאָט און ווייַנטרויבן...

און כאָטש דאָס פליייש איז שוין נישט געווען פון לאַלעס טאָפּ (דער הונט אָדער דער רעזשיסער האָבן עס שוין נישט געקאָנט צו־יק־געבן), נאָר כיבוד פון די אַקטריסעס, — איז עס מיר צעגאַנגען אין מויל און אין אַלע גלידער.

ניין, נאָך דער באָד האָב איך גאָר נישט געוואָלט עסן, נאָר — פּרעסן! נישט קייען, נאָר — שלינגען! פאַרצוקן האָב איך אַלץ גע־וואָלט, פאַרלענדן!...

איך האָב דערביי געמוזט האָבן אַ ווילד פּנים מיט אַ פּאָר אויגן פון אַ לעמפּערט. ווארעם לאַלאַ האָט מיך כסדר געמוזט טרעטן אויף אַ פוס, שטורכען אין אַ זייט, שושקען אין לינקן אויער אַריין, מיט אַ שעמעוודיקער פאַרויטלטקייט:

—כאַפּ נישט אַזוי... איך שעם זיך... עס איז דאָ נאָך... וועסט זיך אָנעסן...

און איך האָב געטראַכט: „גיי, זעטיק־אָן אַ היפּאָפּאָטאַם מיט סערדינקעלעך און אַ העלפאַנט — מיט ביסקוויטלעך"...

די גאַנצע טרופּע איז געזעסן אַרום און מיר געקוקט אין מויל־אַריין. איך האָב נישט געוווסט, וואָס עס אינטערעסירט זיי מער צו וויסן: וויפל איך האָב טאַלאַנט צו דער אכילה, אָדער וואָס איך האָב זיי צו דערציילן?... — זיי האָבן טאַקע באַוווּנדערט דאָס ערשטע און

דערוואַרט דאָס אַנדערע: שילדערן די לעצטע טעג אין ביאַליסטאָק, אָפּגעבן גרוסן פון קרובים, אַקטיאָרן, פריינט, באַקאַנטע.

איך האָב שוין אָנגעהויבן אויסצורעכענען נעמען, שפּריצנדיק מיט זופּ און קרעקנדיק־זיך מיט אַ ביינדל. נאָר לאָלאַ האָט זיך אַוועקגעשטעלט איבער מיר, ווי אַ דיקטאַטאָר און נישט דערלויבט מיר ביידע זאַכן: נישט צו גיך שלינגען און נישט רעדן אינמיטן עסן...

— לאָזט אים פריער אָפּעסן, איך בעט אייך... איך וויל נישט, ער זאָל איצט רעדן. ער איז דאָך מיד און הונגעריק. זאָל ער רואיק אָפּעסן...

— ריכטיק!... — האָב איך צוגעגעבן מיט אַ פול מויל קליסקעס, שוין אפשר פון דעם דריטן שיסעלע אַרויס, — אָבער הערן קען איך... דערציילט דערווייל, וואָס עס הערט זיך דאָ ביי אייך...

און זיי האָבן דערציילט:

די טרופּע אַרבעט נישט און האָט נאָך אַפילו נישט קיין אויסזיכטן דאָ צו אַרבעטן. דער אָרקעסטער שפּילט אַפילו יאָ אין אַ קאַפעע, אָבער די מוזיקער טיילן נישט זייערע פאַרדינסטן מיט די אַקטיאָרן פון דער טרופּע. זיי שטייען איצט אין גרויסן, די מוזיקער: זיי קענען דאָך שפּילן דזשאַז־מוזיק אויף רוסיש אויך... און אַ ביסעלע נקמה אָן די „סטאַרן" מיט די גרעסערע געהאַלטן, צו וועלכע זיי האָבן געדאַרפט תמיד אַרויפקוקן פון דעם אָרקעסטער־קעלער־אַרויס, האָבן זיי אויך דערלעבט. דאָס רעדעלע דרייט־זיך: היינט זיצן זיי אויף דער עסטראַדע, מיט די אויסלענדישע גלאַנציקע און פאַרביקע אינסטרומענטן, מיט דער פּערלמוטערנער פויק, און דער עולם קוקט אויף זיי און מען פּאַטשט זיי בראַוואָ, נישט־ווינציקער ווי די אַקטיאָרן אַמאָל... פאַרוואָס־זשע זאָלן זיי זיך נאָך טיילן מיט די געהאַלטן?...

— פון וואָס־זשע לעבט די טרופּע?

— פון דעם, וואָס מען פאַרקויפט־אַראָפּ פון זיך און פון די וואַליזן אַרויס... מען נעמט אַ קלייד, אַ העמד, אַן אַנצוג, אַ פּאָר שיך און מען טראָגט עס ארויס אויפן מאַרק און מען קויפט דערפאַר פּראָדוקטן.

אַ גליק נאָך, וואָס דער „דאָם אָטדיכאַ" קאָסט זיי נישט קיין געלט. פון אַ האָטעל וואָלט מען זיי דאָך שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפן... און אין האָטעל קאָן מען נישט קאָכן. מען וואָלט געמוזט גיין אין אַ „סטאָלאָוואַיאַ", ווו אין אַ טעלער וואַסער זוכט איין לאָקש אַרום דעם אַנדערן...

קיין באַזונדערע לוקסוסן זענען דאָ, אין דעם „דאָם אָטדיכאַ״ נישטאָ. אַ„דאָם אָטדיכאַ״ איז עס אַמאָל געווען, פאַר דער מלחמה. און פון דאַן־אָן איז דאָ אַלץ געשטאַנען פאַרלאָזן, פוסט און לער. אין אַ טייל צימערן פון דער הילצערנער וויללע זענען בלויז דאָ עטלעכע שמאָלע פעלד־בעטלעך, אָן בעטגעוואַנט. נאָר זיי קלעקן נישט פאַר אַלעמען און אַ טייל אַקטיאָרן שלאָפן אויף דער פאַדלאָגע. מען זאָגט „דאָם אָטדיכאַ״ מיינט מען, אַז זיי זיצן דאָ אויף קעסט און אַ קיך קעכלט זיי... עס הויבט זיך גאָר נישט־אָן! די יונגע ווייב־לעך האָבן איינגעהאַנדלט אַלטע טעפּ מיט ניי־צוגעלייטעוועטע בלעכענע דנאָען... און קאָכן, קאָכט מען דאָ, אויף דער גאַס, ווי די ציגיינער. מען שטעלט דעם טאָפּ אויף אַ פּאָר ציגל און מען הייצט־אונטער מיט אָנגעקליבענע צווייגלעך און טרוקענע שפּענער. אַ האַלבן טאָג איז מען פאַרנומען מיטן קלייבן די שפּענער און מיטן ליגן אויף די קני און בלאָזן אונטער די טעפּ אַרונטער. דערפאַר זע־נען דאָס אַלע דאָ געוואָרן אַזוי שוואַרץ־חנעוודיק, מיט אַזוי פיל סאַדזעדיקע חן־פינטעלעך אויפן פּנים און אויפן לייב...

אַלץ איינס איז עס אַ גרויס גליק. דער פּיפּיקער דירעקטאָר האָט עס אויסגעפּועלט דעם „דאָם אָטדיכאַ״, אַלס צייטווייליקן דאַך איבערן קאָפּ, פאַר דער אויסלענדישער טרופּע פון פּוילן... קיין אַנ־דערע טרופּעס קריגן עס נישט. עס איז פּונקט געווען נאָכן אָפּמאַך מיטן גענעראַל שיקאָרסקי. דער ראַדיאָ האָט גערעדט, די „פּראַוודאַ״ האָט געשריבן, — האָט מען פאַר די פּוילישע אַקטיאָרן דורך־ארץ באַקומען!... אַ דאַנק דערפאַר. אַנטקעגן דעם, וואָס עס טוט־זיך אין שטאָט און פאַרן וואָקזאַל, איז דאָך דאָ טאַקע אַ גן־עדן!... קיין פריי־שע לופט פעלט דאָ נישט און קיין גוטער אַפּעטיט — אויך נישט... דאָ איז קילער ווי אין שטאָט און מען מוז נישט גיין אָנגעטון. דער פּאַרק איז דאָך אַ רחבותדיקער, אַ שפּעדיקער, מיט אַזעלכע הער־לעכע אַלעען, אַלטאַנקעס, בענק, בלומען, פּרוכט־בוימער און אַ ווייג־גאָרטן. קיין צייט פעלט נישט, — רוט מען, פּאָליטיקירט־מען, רכילעוועט מען און מען שפּילט אין קאָרטן...

— דאָס איז אונדזער גאַנצער באַריכט... און איצט, אַז דו האָסט אָפּגעגעסן, טאָ נאַ, פאַרויכער און דערצייל...

איך האָב פאַרויכערט אַ „סעווערנאַיאַ פּאַלמיראַ״ און דערציילט דאָס אַלץ, וואָס אייך האָב איך שוין פריער דערציילט...

דער „דאָם אָטדיכאַ״, וווּ עס לאַגערט די טרופּע, איז בכלל

פאַרוואַנדלט־געוואָרן אין אַ הכנסת־אורחים פאַר דער באַהעמישער אינטעליגענץ פון פוילן. כאָטש דער פלאַץ איז אַזוי ווייט הינטער דער שטאָט, איז דער אַדרעס גיך פּאָפּולער־געוואָרן. ווו אַן אַקטיאָר, אַ מוזיקער, אַ זשורנאַליסט, אַ מאָלער, אַ פּאָעט, אַן אַדוואָקאַט אָדער אינזשעניער, וועלכער האָט אין טאַשקענט נישט געהאַט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, — איז אַהערגעקומען אין דעם „דאָם אַטדיכאַ״, וואָס איז פאַרוואַנדלט־געוואָרן אין אַ קינסטלער־קאָלאָניע... מען איז געשלאָפן אויף די פּאָדלאָגעס, אויף די בענק אין די אַלטאַנעס, אויף אַ האַמאַק, צווישן די בוימער אין אָפענעם פּאַרק. מען האָט זיך געשוואָנקען אונטער די דושן, געריסן די אומצייטיקע פּרוכטן פון די בוימער, גענומען איינער ביים אַנדערן אַ פּאַפּיראָס, געשפּילט אין קאָרטן, פּאָליטיקירט און באַקלאָגט זייער לאַגע...

אָט די אַלע לייט, מיט טיטולן און מיט פּאָפּולערע נעמען אין פוילן, האָבן אין אוזבעקיסטאַן זיך געפונען אַ נייעם מיטל, צו ציען חיונה. דאָס מיטל האָט געהייסן: „פאַרזוכן״... דריי מאָל אַ טאָג איז מען זיך אַוועק אויפן באַזאַר. דעם ערשטן שפּאַציר האָט מען גע־ווייגלעך געמאַכט צווישן די מילך־סטראַגאַנעס. ביי יעדן אוזבעק האָט מען געפרעגט וויפל עס קאָסט און גענומען צום פאַרזוכן. אַריינגעשטעקט אַ צוויי־דריי פינגער אין אַ שיסל צוואָרעך, שיטערן קעז אָדער „קאַטיק״, פאַרזוכט און זיך פאַרקרימט. עס געפעלט זיי נישט און עס איז צו־טייער... איז מען געגאַנגען צו אַ צווייטן און צו אַ דריטן. און פון איינעם צום אַנדערן, האָט מען דערווייל צוגע־קניפּט אַ שטיק ברויט פון דער קעשענע אַרויס...

פון די מילך־הענדלער זענען זיי אַוועק צו די פּרוכט־טישן און ווידער פאַרזוכט שטענגלעך ווייטרויבן, פערסיקעס, פייגן און זיך געקרימט אַזוי לאַנג, ביז די בייכער זענען אויפגעלאָפן געוואָרן...

אָבער לעצטנס האָבן זיך די אוזבעקישע מאַרק־הענדלער גע־כאַפּט אויפן שפּיצל און זיי לאָזן נישט מער פאַרזוכן. יעדער אוזבעק האַלט שוין איצט אַ שטעקעלע און ער קלאַפּט איבער די פינגער יעדן „פאַרזוכער״.

קלאָגן זיי זיך, די אַדוואָקאַטן, אינזשעניערן און קינסטלער, אַז די לאַגע ווערט ערגער פון טאָג־צו־טאָג... ווו צו אַרבעטן און פאַר־דינען איז נישטאָ. און וואָס וועט ווייטער זיין? די מלחמה פאַר־נעמט זיך ערשט אויף יאָרן. פאָרן אין אַ קאָלכאָז־אַריין? איז עס

פאַר זייערע כוחות און פאַר זייערע אײדעלע הענט? װוּ פאַרט מען און װאָס טוט מען?

אויך אין אַנסאַמבל איז די לאַגע שווערער געוואָרן. מען האָט שוין באַלד אַראָפּפאַרקויפט פון זיך אַלץ. גוטע פריינט האָבן אויך לאָלען אַ טובה־געטון און פאַרקויפט עטלעכע קליידער אירע. איצט וויל זי, איך זאָל גיין אויפן „טאָלטשאָק" פאַרקויפן דאָס סאַמעט־קלייד, וואָס איך האָב געבראַכט צו שלעפן פון ביאַליסטאָק. איך האָב זיך איינגעעקשנט: ניין און ניין! נישט אויף דעם האָב איך גע־שלעפט דאָס קלייד פון פייער און דורך טויזנט געפאַרן! אויב די וועלט וועט נישט אונטערגיין, וועט מען נאָך שפילן טעאַטער און מען וועט דאַרפן אַ קלייד! פאַרוואָס פאַרקויפן נישט די מוזיקער זייערע אינסטרומענטן?!

— אָבער מען דאַרף דאָך לעבן! עסן אַ מיטאָג!

—מוז מען עפּעס צוטראַכטן און טון!

און מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט טראַכטן...

ווי אינטעליגענטע מענטשן און קינסטלער מיט פאַנטאַזיע, האָבן מיר זיך דערטראַכט צו אַ סך גוטע זאַכן און שיינע פּלענער. דער חסרון איז נאָר געווען, וואָס זיי האָבן נישט געטויגט... פאַרוואָס? ווייל איך קען נישט נאָך אַזאַ מדינה, אין וועלכער עס זאָל אַזוי פּאַסיק זיין דאָס פאָלקס־ווערטל: „וואָס טויג מיר די חכמה, אַז נאַרעשקייט גילט"!...

פונקט דאַן האָט זיך אַראָפּגעיאָוועט דער זשורנאַליסט פון וואַר־שעווער „עקספּרעס", אַדוואָקאַט רייזער און דערציילט, אַז מען קען גאָלד שאַרן, נתעשר־ווערן! מינימום צו פערציק־פופציק רובל אַ שעה פאַרדינען!...

— ווי?... ווו?...

— אויפן וואָקזאַל. עס קומען כסדר עשאַלאָנען מיט עוואַקויר־טע. אויפן פעראָן דרייט זיך אַרום קוים אַ מנין שלעפּעריקע „נאָסילש־טשיקעס" (טרעגער), וועלכע קאָנען זיך נישט צעריײסן. מען צאָלט פיר און פינף רובל פאַר איין טשעמאָדאַן טראָגן. איך אַליין נעם צוויי טשעמאָדאַנעס מיט אַ פּאַק אויף דער פּלייצע. האָט איר אַ קימאַ־לן פון פופצן רובל. גיי איך מיר דריי מאָל הין־און־צוריק, האָב איך מיר פינפאונפערציק... דערצו קריגט מען נאָך אַמאָל אַ ביסל טאַבאַק, מאַכאָרקע און...

ער האָט אַ כוח־הדיבור, דער אַדוואָקאַט רייזער. און צו זיין יעדן אייגענעם וואָרט, שלעפּט זיך נאָך אַ ציטאַט פון היינע, בייראָנען

אָדער פּושקינעץ. ער האָט אונדז אָנגעמאַכט אַ חשק און מיר זענען אַוועק צום וואָקזאַל.

אונדזער טרעגער־בריגאַדע איז באַשטאַנען פון: אינזשיניער ווייגבערג, בינע־לייטער בערעלע נאָזיו, אַקטיאָר מיעטעק כאַיע־לעס, בינע־מאַשיניסט סיאָמאַ גאַבע, דער שרייבער פון דער מעשה, מיטן אַדוואָקאַט רייזער אין דער שפּיץ.

און מעשה שהיה, כך היה. מיר האָבן געשלעפּט פּעק מיט וואַ־ליזן, די גרויס — ווי הייזער גאַנצע! אינעווייניק האָבן אוודאי גע־מוזט ליגן צען־פּודיקע שטיינער! מיר האָבן געסאָפּעט ווי די געגדז, געכריפּעט ווי די אייזלען, געשוויצט ווי די ביבערס און געשלעפּט ווי די בעלגישע פערד.

און נאָך אַלעמען האָבן מיר נישט פאַרדינט צו קיין פערציק־פופציק, נאָר קוים צו פערצן־פופצן רובל. אַלץ איינס זענען מיר געווען גליקלעך: פון איין עשאַלאָן האָבן מיר געהאַט צו עסן אויף צוויי טעג...

אויפן וואָקזאַל איז טאַקע נישט געווען מער, ווי אַ צען פּראָ־פעסיאָנעלע טרעגער. אָבער אויסער זיי, זענען געווען נאָך אַ פּאָר צענדליק אינטעליגענטן פון פּוילן, וועלכע האָבן געהאַט גענוג הע־כערע בילדונג און גענוג טאַלאַנט צו טראָגן וואַליזן...

עס האָט זיך געמאַכט אַ שטאַרקע קאָנקורענץ.

אויפן דריטן טאָג, האָט מען זיך שוין געמוזט שלאָגן איבער אַ וואַליזע.

אַמבעסטן האָבן געשלאָגן די טאַשקענטער פּראָפעסיאָנאַלן. פאַר זייערן אַ פּליק אין דער מאָרדע אַריין, האָב איך באַקומען גרויס דרך־ארץ! אויסשפּייענדיק צוויי ציין, האָב איך זיי אויסגעדריקט מיין טיפסטע אָנערקענונג!...

אָבער דאָס איז זיי נאָך ווייניק געווען און זיי האָבן גערופן מי־ליץ, וועלכע האָט אונדז פאַרהאַלטן. דערביי האָבן די „באַסילשטשי־קעס" דערציילט, אַז זיי האָבן אונטערגעהערט שמועסן און מיר רעדן ווי שפּיאָנען און שונאים פון פאָלק:

— אָט יענער, כאַוועד קאָמיסאַר, — האָבן זיי געוויזן אויף ריי־זערן — האָט עפּעס געזאָגט, אַז מאָסקווע איז פּוסט, אַז דער גאַנ־צער נאַראָד איז אַוועק נאָך די פּאַטריאַרכן אין עפּעס אַ מאָנאַסטיר. און ער האָט געפרעגט ביי יענעם, ווי לאַנג עס וועט דויערן די טרעוואָגע!... אָ!... וואָס־זשע הייסט עס, כאַוועד קאָמיסאַר? אונדזע־

רע סאָוויעטישע מענטשן רעדן נישט אַזעלכע רייד. הייסט עס: שעדיקער! שפּיאָנען! שונאים! אַט־וואָס!...

— זענט איר זיך מודה אין דעם?! — האָט דער קאָמיסאַר שטרענג אַ פרעג־געטון.

— יאָ, כאַווער קאָמיסאַר! — האָט רייזער רואיק געענטפערט.

— איז וואָס־זשע האָט איר געמיינט דערמיט צו זאָגן?

— דאָס דאַרף מען פרעגן פּושקינען, כאַווער קאָמיסאַר... איך האָב דאָס דעקלאַמירט אַ סטראָף פון „באָריס גאָדונאָוו"...

— און ווי גייט דער סטראָף?... — האָט שוין דער קאָמיסאַר געפרעגט מיט אַ שמייכל.

אַדוואָקאַט רייזער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ מעלאָדראַ־מאַטישער פּאָזע און אַ דעקלאַמיר־געטון:

נאַראָזשאָני מי ומיעסטיע גאָראָד וויעדאָט׳
נאָ, קאַזשעטסיאַ, נאָם ניע זאַ קיעם סמאָטריעט׳.
מאָסקוואַ פּוסטאַ. וואָסליעד זאַ פּאַטריאַרכאָם
קמאָנאסטיריו פּאָשאָל אי וויעס נאַראָד.
קאָק דומאַיעש, טשעם קאָנטשיטסיאַ טרעוואָגאַ?...

— דאָ, דאַ... — האָט דער קאָמיסאַר גערעדט צו זיך אַליין, גע־שמייכלט, גערויכערט און אַליין אויך גענומען רעציטירן שורות פון „רוסלאַן אי ליודמילאַ":

או לוּקאָמאָריאַ דוב זיעלאָני,
זלאַטאַיאַ צעפּ נאַ דוביע טאָם

און דאָ, האָב איך עס שוין נישט אויסגעהאַלטן און אַרויסגעשאָסן מיט פּאַטאָס:

אי דניאָם אי נאָטשיו קאָט אוטשאָני
וסיאָ כאָדיט פּאָ צעפּי קרוגאָם!...

— אָט, אַ וואָסערע איר זענט!... — האָט זיך דער קאָמיסאַר צעשמייכלט סיי מיט העפלעכקייט און סיי מיט גאַל — אינטעלי־גענטן!... און געקומען פּעק טראָגן... לייענען פּושקינס סטיכי און שלעפּן טשעמאָדאַנטשיקלעך... נישט אויסגעשלאָסן, אַז איר זענט טאַקע שפּיאָנען, אָדער דיווערסאַנטן. געדאַרפט וואָלט איך אייך אַרעסטירן און איבערגעבן צום אויספאָרשונגס־ריכטער. יעי באָגו, געדאַרפט! נאָר איר האָט אָנגעטראָפן ביי מיר אויף אַ שוואַכן פּונקט... איך בין פאַרליבט אין פּושקינען ביז משוגעת!... און מענטשן וואָס קענען פּושקינען דעקלאַמירן אויסנווייניק, מעגן זיי זיין אַפילו נישט־

פּאַרלעסלעכע, קאָן איך עפּעס נישט טון קיין שלעכטס... זאָגט דעם אמת, מיערזאַווצעס, איר זענט שפּיאָנען, צי ניין?!

— ניין!!! — האָבן מיר אים פֿייערלעך פֿאַרזיכערט — מיר שלעפּן די פּעק, ווייל מיר זענען הונגעריק. און אונדזערע פרויען הונגערן. מיר זוכן אַרבעט, אָבער עס איז שווער איצט צו געפינען. וואָס־זשע זאָלן מיר טון? טראָגן מיר טשעמאָדאַנעס און טרייסטן־זיך מיט פּושקינען... מיר האָבן אַלע זייער ליב פּושקינען!...

— אַזוי... איר האָט ליב פּושקינען?... — האָט ער נחתדיק־צע־שמאָלצן איבערגעחזרט — ווי קען מען עס אים נישט ליב האָבן?... ווו האָט איר נאָך אַזאַ פּאָעט?... אַ קלייניקייט, פּושקין!...

און פּלוצלונג איז ער רויט געוואָרן, ווי אַן אויפגעשניטענער אַרבוז און אַ ברייל־געטון ווי אַ צערייצטער לייב:

— פּושקינען, האַ?! אויפן וואָקזאַל געקומען אים דעקלאַמירן, האַ?! סוואָלאָטשי! מיערזאַווצי! פּאשלי וואָן אָטסיודאַוואָ! און מער זאָלט איר זיך מיר פאַר מיינע אויגן נישט ווייזן!!!

האָבן מיר אים געפאָלגט: מיר האָבן זיך באַלד אָפּגעטראָגן און זיך פאַר אים מער נישט געוויזן...

„האָליוווד"

מיר זענען שוין אין אַשכאַבאַד, אין דער הויפּט־שטאָט פון דער „זוניקער טורקמעניע".

אַלע מיטל־אַזיאַטישע רעפּובליקן הייסן דאָ „זוניקע": „דאָס זוניקע אוזבעקיסטאַן", „דאָס זוניקע טאַדזשיקיסטאַן", „דאָס זוניקע קאַזאַכסטאַן", „די זוניקע קירגיזיע" און אַזוי ווייטער.

אָבער די זוניקסטע פון די אַלע שוין צו־זוניקע „סטאַנען" איז דאָס „גליקלעכע טורקמעניע", וואָס אַשכאַבאַד איז איר הויפּט־שטאָט.

טורקמעניע ציט־זיך פון דעם מזרח־דרומדיקן ברעג פון קאַס־פּישן ים און גרענעצט־זיך מיט איראַן און אַפגאַניסטאַן. די טעמפּע־ראַטור איז דאָ אַזאַ, אַז אַפילו אין אַ „קילן" טאָג קען מען דאָ אָפּ־קאָכן אַן איי אויף האַרט, ווען מען לייגט זי נאָר אַריין אין זאַמד אויף אַ פּאָר מינוט.

איך ווייס נישט, צי דאָס איז לאָקאַל־פּאַטריאָטיזם אָדער גאַליקע איראָניע, וואָס אַלץ ווערט דאָ באַטיטלט מיטן נאָמען פון דער טשאָט:

„אַשכאַבאַדער״... וואָרעם סיי זיסעס און סיי ביטערעס רופט מען „אַשכאַבאַדער״: די הי־אויסגעאַרבעטע, באמת גוטע ווײַנען הייסן „אַשכאַבאַדסקאָיע קרעפּקאָיע״ און אַ געוויינלעכער רעטעך, וואָס מען פאַרקויפט דאָ אויפן באַזאַר צעשניטן אויף פּענעצלעך, הייסט גאָר „אַשכאַבאַדסקאָיע סאַלאָ״, אַשכאַבאַדער חזיר־פעטס... אַ הייס־שטויביקער ווינט, וואָס ברענט אין פּנים, אין די אויגן און אין די נאָז־לעכער, הייסט „אַשכאַבאַדסקי דאָזשדזש״ — אַשכאַבאַדער רעגן ... און די אויסגעביסענע לעכער אויף די פּנימער, ווי סמנים נאָך אָפּע־ראַציעס, אָדער שווערע פּאָקן, הייסן גאָר „אַשכאַבאַדער סטעמפּל״ אָדער „אַשכאַבאַדער פּאַספּאָרט״...

וואָס זענען דאָס פאַר אַ לעכער? — דאָס זענען „פּינדינקעס״. דאָס זענען אַזעלכע קליינע מאָסקיטן, וואָס מען קען זיי נישט זען מיטן בלויזן אויג און מען פילט אויך נישט זייער ביס, כאָטש מערס־טנטייל פליען זיי פאַרוויין און בייסן פאַרוויז, צוויי ביסן מיטאַמאָל. פון דעם ווערן פריער פרישטשיקעס, מיט וועלכע מען האַלט־זיך לאַנגע חדשים און אָפטמאָל — יאָרן. עס זענען דאָ מענלעכע „פּינ־דינקעס״ און ווייבלעכע. די מענלעכע זענען טרוקענע און לייכטע און מען האָט נישט ביי זיי קיין יסורים. די ווייבלעכע זענען פיל ערגער. זיי זענען נאַסע, שוויענדזשענדיקע און מען ליידט פון זיי פיל לענגער. און צום סוף, ווען מען ווערט שוין אויסגעהיילט, בלייבן עס לעולם־ועד אָט די לעכער, ווי זילבערנע רובלס די גרויס, וואָס הייסן „אַשכאַבאַדער סטעמפּלען״ אָדער „אַשכאַבאַדער פּאַספּאָרטן״... ערגער איז, ווען די פּינדינקעס בייסן אין נאָז, אָדער אין אוי־ער, — דאַן בלייבט מען שוין אָן אַ נאָז, אָדער אָן אַן אויער און אַזאַ „אַשכאַבאַדער פּאַספּאָרט״ איז שוין ווינציקער געשמאַק, ווי דער ווײַן „אַשכאַבאַדסקאָיע קרעפּקאָיע״...

אַשכאַבאַד איז אַ יונגע שטאָט, אַ בלענדיק־ווייסע, אַן אַספּאַל־טירטע און אַ זויבערע. צום באַשיצן־זיך פון דער אומבאַשיצבאַרער היץ, זענען דאָ פאַרפלאַנצט־געוואָרן שיינע פּאַרקן, סקווערן און בוימער ביי די טראָטואַרן. און ביי די טראָטואַרן ציען־זיך אויך טי־פע רינשטאָקן, וואָס הייסן דאָ „אַריעקן״. נישט מיט קיין שמוציקן אָפּפלוס זענען זיי אָנגעפילט, נאָר מיט לויטערן, פרישן און קילן קוואַל־וואַסער, וואָס קומט פון די בערג. מיט דעם וואַסער באַגיסט מען די סעדער און גערטנער, מיט דעם וואַסער פרישט מען אָפּ די גאַסן און זיך אַליין. די דורכגייער נעצן טיכער אין די אַריעקן און

לייגן זיך עס אויף די פנימער, אָדער אויף דער ברוסט. דאַן אָטעמט מען לייכטער אָפּ...

שטייענדיק אויף דער טעראַסע פון אונדזער האָטעל, זע איך די בלויע סילועטן פון די געבענטשטע בערג, וואָס פון זיי פליסן עס די פרישע קוואַל־וואַסערן אין די אַריקן און וואָס הינטער זייערע מעכטיקע רוקנס, ליגט דאָס לאַנד פּערסיע...

אינגאַנצן אַ דרייסיק קילאָמעטער זענען מיר פון אָט דער סאָ־וועטיש־פּערסישער גרענעץ...

און די גרענעץ איז דאָך איינע פון די הויפּט־סיבות, צוליב וועלכער מיר זענען געקומען אַהער...

ווען די טרופּע האָט אויסזיכטלאָז געפּראַוועט דאַטשע, אין דעם טאַשקענטער „דאָם־אָטדיכאַ", אויפּעסנדיק די קאָסטיומען, וועש און שוכוואַרג, — האָט זיך דער פּיפּיקער דירעקטאָר דערוויילל געטון זיינס. ער איז גאַנצע טעג אָפּגעלעגן אין דער פילהאַרמאָניע און אין דער „לייטונג איבער קונסט־ענינים" און גענויכעט און געשמעקט, ביז ער איז געקומען מיטן פאַרשלאָג:

— אַשכאַבאַד!... דאַוואַיטיע רעביאַטאַ, לאָמיר פאָרן קיין אַש־כאַבאַד... — האָט ער אַזוי האַניקדיק־צעשמייכלט אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „אַשכאַבאַד", ווי ער וואָלט גערעדט וועגן די בעדער „קאַרלסבאַד", „מאַריענבאַד", „פראַנצנסבאַד"...

חברה האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט אַ גן־עדן, ווו מען שפּאַצירט מיט באַד־יילעכער און מען טרינקט קוואַל־וואַסער אונטער די קלאַנ־גען פון מוזיק...

— רעביאַטאַ!... דאָס איז אַ שטילע שטאָט, די טורקמענסקאַיאַ סטאָליצאַ... אַ ווייטע, ביי דער גרענעץ. קיין סך פּליטים זענען דאָרט נישטאָ. מען לאָזט זיי דאָרט נישט אַריין. און לעבנסמיטל איז דאָרט דעריבער דאָ אַ סך און ביליק...

— אַז קיין פּליטים זענען דאָרט נישטאָ, — פּאַר וועמען־זשע וועלן מיר דאָרט שפּילן?

— דוראַקי! איר טראַכט בעסער, ווי אַזוי רואיקער און באַקוועמער איבערצולעבן די מלחמה!... יעדער טאָג, וואָס איר זענט נישט אויפן פראָנט, איז אַ געווונענער!...

חברה האָט זיך נישט געוווּנדערט. מען האָט געוווּסט, אַז דער סאָוועטישער דירעקטאָר איז אַ בלאַטער חברהמאַן. ער האָט אַפילו ערגעץ, אין אַ גאָרטל פאַרשטעקט, זיין פּאַרטיי־בילעט, אָבער אַרי־בערכאַפּן־זיך די גרענעץ קיין אויסלאַנד, וואָלט ער אַליין געוואָלט...

— אָבער מען דאַרף דאָך לעבן! וואָס וועלן מיר דאָרט טון?

— אַז מען וועט נישט קענען שפּילן טעאַטער, וועט איר שפּילן אין פילם... אַשכאַבאַד האָט אַן אייגענע קינאָ־סטודיע. און אויסער דעם זענען דאָרט איצט פאַרהאַן נאָך צוויי עוואַקואירטע קינאָ־סטודיעס פון אוקראַינע. אַלע אַרבעטן און מאַכן פילמען. גאַנץ אַשכאַבאַד איז היינט איין גרויסע קינאָ־סטודיע, אַ סאָוועטישע „גאָליוווּד", רעביאַטאַ!...

באַווייזן־זיך אויפן עקראַן איז די שוואַכקייט פון יעדן אַקטיאָר. אַן אָנפאַנגער, וועלכער שטעלט קוים דעם ערשטן טראָט אויף דער בינע, מיט אַ שטומען עפּיזאָד אַפילו, — חלומט שוין וועגן אַ קאַריערע אין האָליוווּד... דריי קינאָ־סטודיעס אַרבעטן דאָרט כסדר? — איז ווי־זשע וועט נישט יעדער אַקטיאָר אָדער אַקטריסע באַקומען דאָרט כאָטש איין הויפּטראָל? יעדער איינער וועט אַ באַווייז־טון זיין טאַלאַנט אויף זיין געביט: געזאַנג, טאַנץ, פּראָזע, מימיק... און גאָט קען העלפן, אַז מען זאָל אַמאָל אַ באַווייז־טון די בילדער אין אויסלאַנד און... —

און פונדעסטוועגן האָט, נאָך מער ווי די פילם־קאַריערע, אַ ציגעטון דאָס וואָרט „גרענעץ"... מען ווייסט נישט, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. די דייטשן מאַרשירן אַלץ פאָראויס און די רויטע אַרמיי טרעט נאָך אַלץ אָפּ. אַז עס וועט אַזוי ווייטער גיין נאָך איין חודש — וועט שוין נישט זיין מער וווּהין אָפּצוטרעטן! ווי אַ קאַרטן־הייזל וועט זיך דאָ אַלץ צעפאַלן און ענקאַווּעדע וועט די ערשטע אַנטלויפן אי־בער דער גרענעץ... טאָ זאָלן מיר כאָטש זיין די צווייטע...

איז אָט זענען זיי, די בלויע בערג־סילועטן, איבער וועלכע עס קען אונדז אויסקומען צו לויפן אין דער וועלט־אַריין...

איי, ווען מען דאַרף עס נישט וואַרטן ביז „יענעם מאָמענט", נאָר מען קען שוין געבן זיך אַזוי אַ שפּאַציר־אַריבער: פּראָשטשאַי סאָוויעטסקי סאָיוז!... — און מיר מאַרשירן שוין איבער דער טעריטאָריע פון פּערסיע!...

⁂

דער דירעקטאָר האָט צו־וויסן געגעבן, אַז עס דאַרפן קומען פילם־רעזשיסערן אָנצוקוקן די אַקטיאָרן. קיין טעאַטער־אויסזיכטן, זענען דערווייל נישטאָ. אָבער וואָס־מיר טעאַטער, ווען עס שטייט יעדן פאָר אַ פילם־קאַריערע?... —

די גאַנצע טרופּע האָט געפיבערט. אָפּגעהיט האָט מען געדאַרפט ווערן, אויסצורעדן איצט צו אַן אַקטיאָר אַן איבעריק וואָרט. באַזונ־

דערס צעטראָגן זענען איצט די פּרויען געווען. די פּנימער האָבן גאָר נישט געוואָלט טרוקן ווערן פון שווייס און זיי האָבן זיך דער־ריבער נישט געקאָנט ווי־געהעריק אָנפּודרירן און אָנשמירן מיט „רוזש". אַפילו „לייכנערס גרים" האָט דאָ נישט געטויגט. פון יעדן פּודער־שמיר איז געוואָרן אַ ראָשטשינע מיט קליסקעס. די צעפּאַרעטע האָר האָבן זיך אויך נישט געלאָזן פריזירן און איינלייגן־זיך אין געהעריקע רייץ־לעקעלעך.

— אַ קלימאַט אַ פאַרשאָלטענער!

— ווי גרימירט מען זיך דאָ, אַז מען גייט־אָפּ אין שווייס?!

— ווי קען מען פאַרקעמען אַזעלכע אויסגעווייקטע האָר?!

— און ביי דיר שטעקט דאָך דיין גאַנצער טאַלאַנט און די גאַנצע קאַריערע אין די האָר...

— און ביי דיר, ווו שטעקט עס? אין די געפּרווירענע שוואַנען־פּיס?!

— שוין? מען קריגט זיך שוין? איר האָט אַלע טאַלענט צו גאַגען ווי די גענדז!

די רעזשיסאָרן זענען טאַקע געקומען, נאָר ווי צו דער האָטעל־דירעקציע, און נישט צו די אַקטיאָרן...

זיי האָבן אַפילו נישט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן אינטערעס, זיך צו באַקענען מיט אַן אַקטריסע, וועלכע האָט היינט, צוליב זיי, אַזוי געהאָרעוועט איבער זיך...

דער דירעקטאָר האָט יאָ גערעדט מיט זיי אַ פּאָר ווערטער און עס איז באַלד קלאָר געוואָרן: פון קיין הויפּט־ראָלן איז אַפילו נישטאָ וואָס צו חלומען. סטאַטיסטירן דאַרף מען און שפּילן מינדערוויכטיקע עפּיזאָדן־ראָלעכלעך, און צאָלן, צאָלט מען אַלעמען גלייך, פאַר די שעהן וואָס מען זיצט אין דער סטודיע.

פון כעס האָבן די אַקטריסעס גענומען אַראָפּרייבן דעם פּודער מיטן שמינק פון די שווייסיקע פּנימער און די מענער האָבן גענומען רייסן פון זיך די האַרטע קעלנער מיט די פאַרביקע קראַוואַטן, שפּייענדיק און שעלטנדיק.

היות איך בין נישט קיין אַקטיאָר, האָב איך זיך נישט באַליידיקט און געגאַנגען סטאַטיסטירן. מען צאָלט דאָך פון דער שעה! און מיט וואָס איז עס ערגער, ווי טראָגן טשעמאָדאַנעס פון דער באַן?...

אין דער סטודיע האָט מען געדרייט אַ פילם פונם לעבן אין דער דייטש־אָקופּירטער אוקראַינע: ווי די באַפעלקערונג רעוואָלטירט און מאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן.

און טאַקע בלויז אין דער אַשכאַבאַדער פילם־סטודיע האָט מען עס געקענט זען, ווי אוקראַינער שלאָגן דייטשן...

וואָס דאַרפט איר מער? — איך אַליין בין געווען אַזאַ אוקראַינער און איך האָב אַריינגעלייגט אין „מיין" דייטש, וויפל כוח איך האָב נאָר פאַרמאָגט.

און אַז איך האָב צוריק באַקומען עטלעכע לייטישע זעץ אין דער זייט, האָט עס מיך אויך נישט געאַרט. וואָס אַרט עס מיך, אַז מען שלאָגט אַן אוקראַינער?...

און דאָך, האָב איך געקעמפט פאַרביסן: איך האָב מיין דייטש געכאַפּט שטיקן ביים גאַרגל, איך האָב אים געזבענקעט אין די פּלייצעס, אונטערן האַרצן, געזעצט מיט אַ קני אין בויך אַריין, געריסן אים ביי די אויערן, ביז בלוט! געביסן אים אין די נאָז. איך האָב מיך נוקם־געווען פאַר אַלע עוולות און פאַר אַלע צייטן.

אַ שאָד נאָר, וואָס מיין דייטש האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אַלס אַ לונגען־קראַנקער הויזן־שניידער פון בזשעזשין...

ער האָט נאָכדעם געסאָפּעט ווי אַ גאַנדז, האָבנדיק צו מיר אַ גערעכטע טענה:

— וואָס טוט זיך מיט אייך? איר שלאָגט דאָך ווי אַן אמתער רוצח! איר לייגט אַוועק אייערע כוחות און מיינע! מען וועט אייך נישט געבן דערפאַר קיין איין רובל מער!

היות די געשלעג־סצענעס האָבן זיך איבערגעחזרט צענדליקער מאָל און מיר האָבן זיך נאָך געדאַרפט שלאָגן אַמאָל צוואַנציק, — האָב איך אים צוגעזאָגט, אַז פון איצט אָן, כאָטש ער איז אַ דייטש, וועל איך אים שוין נישט שלאָגן, נאָר בלויז גלעטן...

און מיר האָבן זיך שוין איינער דעם אַנדערן באַהאַנדלט מיט רחמים. מיר האָבן זיך אַרומגענומען, ווי צוויי גוטע ברידער, זיך געשאָקלט הין־און־צוריק און דערווייל גערעדט וועגן פּאָליטיק און וועגן דעם, ווו מען עסט דאָ אַ גוט און ביליק מיטאָג...

צווישן איין „געשלעג" און דעם אַנדערן, רוען מיר באַצאָלטע צוויי שעה. נאָך פיר מאָל שלאָגן־זיך און אַכט שעה רוען, גיי איך אַהיים מיט פּרנסה פאַר צוויי טעג...

⁂

אין די אָפּרו־שעהן טוט מען נישט אויס די קאָסטיומען און פאַרריקן און מען נעמט נישט אַראָפּ דעם גרים, דעריבער קען איך נישט קיינעמ'ס אמת'ן פּנים. איך זע נאָר, ווי אַ דייטש קושט אַן אוקראַינקע און ווי אַן אוקראַינער איז מכבד דעם דייטש מיט אַ ביסל מאַכאָרקע.

אַ באחרית־הימים איז צווישן זיי...

די „סטאַרן״ גריזשען דאַר ברויט מיט ציבעלע, אָדער מיט רע־טעך. אַנדערע ברענגען זיך־מיט פון דער היים, אין בלעכענע כלים, קאַרטאָפל און קרופניק. דאָ קריגט מען ביר און קוואַס. מאַכאָרקע פאַר אַ סיגאַרעט בעטלט איינער בײַם אַנדערן.

דערווייל שטעלט מען איבער בערג און הייזער. מען מאַכט חרוב, אין געציילטע מינוטן, און מען בויט־איבער גאַנצע שטעט. איך זע שוין דאָס הויז, וואָס איז פון פאַראויס פאַרמשפּט פאַרברענט צו ווערן... מען שטעלט־איבער די רעפלעקטאָרן, פּראָזשעקטאָרן, די פּאַטאָ און קלאַנג־אַפּאַראַטן. דריי מענער און איין מענלעכע פרוי, מיט הויזן און שטיוול און אַ דזשאָקעי־היטל אויפן קאָפּ, שרייען איינער אויפן אַנ־דערן און גיבן באַפעלן. און בלויז אַ צען מענטשן, שלעפּעריקע און מידע, טראָגן עס די ווענט, די הייזער און שלעפּן איבער אויף זיי־ערע פּלייצעס סדום ועמורה...

איך זיץ מיר אין שאָטן און קיי מיר אַ סענדוויטש, וואָס לאָלאַ האָט מיר מיטגעגעבן. פרישערהיידט האָט עס נאָךגעהאַט אַ טעם, אָבער איצט איז עס שוין פאַרטריקנט און פאַרדאַרט פון דער היץ און איך גריזשע עס אָן אַפּעטיט. אַ „געסטאַפּאָוויעץ״ האָט עס דערזען און אויף מיר רחמנות געקראָגן. ער האָט מיך באַשלאָסן פון דעם סענדוויטש צו באַפרייען. זעצט ער זיך־צו צו מיר און זאָגט אויף רוסיש:

— עס קריכט דיר נישט אין האַלדז, האָ? גיב עס מיר.

גיב איך עס אים. ער שלינגט עס איין מיט צוויי ביסן און באַ־לעקט־זיך:

— נישט שלעכט. גאָרנישט שלעכט... ווער ביזטו אייגנטלעך? — פרעגט ער.

— אַן אַרטיסט...

— כ׳האָב עס באַלד דערקענט. ווו ביזטו געזעסן?

— איך בין נישט געזעסן.

— דריי נישט קיין קאָפּ! פאַר מיר דאַרפסטו נישט מורא האָבן. איך בין אַן אייגענער — באַרואיקט ער מיך — איך בין אויך אַ גנב.

— וואָס הייסט, אַ גנב?! איך בין נישט קיין גנב! און איך בין נישט געזעסן!

— פאַרוואָס־זשע זאָגסטו, אַז דו ביסט אַן אַרטיסט?

— ווייל איך בין פון אַ טרופּע, וואָס שפּילט טעאַטער.

— רעד־זשע אַזוי! אַן אַקטיאָר הייסט עס. וואָס זשע טוסטו דאָ?

— דו זעסט דאָך... דאָס זעלבע, וואָס דו...

— אָבער איך בין נישט קיין אַקטיאָר און שפּיל נישט קיין טעאַטער.

— שפּילסטו פילם...

— ריכטיק. אָבער אויף דעם דאַרף מען נישט זיין קיין אַקטיאָר. דאָס קען אַ גנב אויך טון. און איך בין טאַקע אַ גנב.

— איך פאַרשטיי אייך נישט, בירגער ? — נעם איך אים אירצן, כאָטש מיר האָבן זיך געדוצט ביז איצט. (אַ מענטשן מיט אַזאַ פּראָ־פעסיע, קאָן איך נישט פועלן ביי זיך צו זאָגן „דו") — וואָס הייסט אַ „גנב" ? אין וועלכן זין מיינט איר עס ?

— אין פּשוטן, פאַרשטייט־זיך. איך שלעפּ טשעמאָדאַנעס פון די באַנען. שוין אין האַלב רוסלאַנד אויסגעזעסן. בין שוין פּערזענלעך באַ־קאַנט כמעט מיט אַלע ריכטער און פּראָקוראָרן.

— און וואָס טוט אָט יענער ?... — וויל איך אָפּוועגדן דעם שמועס און ווייז אים אויף אַן אוקראַיִנישן „פּאָליטרוק", וועלכער פירט דאָ אַן מיטן אויפשטאַנד און ער האָט אַ גאַנץ לייטישע ראָל.

— ער איז אויך אַ גנב. מיין שותף טאַקע. מיר זענען ביידע פון אַ באַן געשפּרונגען און זיך די פּיס צעקאַליעטשעט. מוזן מיר דער־וויילע אַרבעטן דאָ.

— הייסט עס, אַז אַלע זענען דאָ גנבים ?! — וווּנדער איך זיך.

— ניין. פאַר קיין פאַל נישט. דאָס זענען אָדער היגע לאָדירעס, אָדער אַנגעלאָפענע ביעזשענצעס.

— נישט קיין אַקטיאָרן ?

— טשודאַק ! מען זאָגט דאָך דיר : אַקטיאָרן האָבן דאָ נישט וואָס צו טון. אמתע אַקטיאָרן זיצן אין מאָסקווע. מען ברענגט אַמאָל אַהער אַ פּאָר, אויף אַ האַלבן טאָג, און מען שיקט זיי צוריק. און דאָ זענען אַלע אַרבעטלאָזע, וועלכע כאַפּן כאַלטורעס.

— אַזוי... און די פרויען ?

— פאַרשיידענע. עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס זייערע מענער זע־נען אויפן פראָנט, אָדער זיי זיצן. אַז מען דאַרף ברויט און אַ מוזשיק אויף אַ נאַכט, קומט מען אַהער.

— הם... אָט יענע, צום ביישפּיל ?..

— יענע ? די רויטע, מיטן פולן בוזעם ? זי איז אַ שטיקל צייט געווען מיין ווייב. זי האָט, אָבער, צופיל געלט געצויגן פון מיר, האָב איך זי געשיקט צום טייוול. איצט האָט זי עס נישט פון דער גאַנצער קינאָ־סטודיע, וואָס זי האָט געהאַט בלויז פון מיר...

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג און אַ פייף און מיר האָבן זיך

ווידער גענומען צום שלאָגן, אָבער שוין אויף אַ נייער פּאָזיציע. פון דעסטוועגן איז מיר מיין בזשעזשינער „דייטש" ווידער אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס. „קעמפנדיק" מיט אים, האָב איך אים דערציילט די גאַנצע מעשה און ער האָט עס מיר באַשטעטיקט. ער האָט נאָך אַפילו געפונען פאַר נויטיק, צו ראַטן מיך, ווי אַ גוטער פריינט:

— האַלט־זיך מיט זיי פון דער ווייטנס. עס איז געזינטער!..

מיר האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אַ האַלבע שעה און זיך געזעצט אָפּ־רוען. דאָסמאָל האָט זיך צוגעזעצט צו מיר אַן אוקראַינקע און געבעטן אַ ביסל מאַכאָרקע. איך האָב איר געגעבן, אָבער זי איז נישט אָפּגע־טראָטן פון מיר:

— אַ היגער?

— ניין.

— אַ ביעזשעניעץ?

— יאָ.

— און אַ ווייב איז דאָ ביי דיר?

— איז דאָ.

— אַ שאָד. דו געפעלסט מיר. איך ווין דאָ נישט ווייט. אין אָוונט קען מען קומען צו מיר. איך הייס קאַטיאַ...

— איך קאָן נישט קומען. מיין ווייב פּילעוועט מיך זייער! זי קען דיר די אויגן אויסדראַפּען!

— אַזוי?! זי דראַפּעט?!

— נאָך ווי! אין אַדעס האָט זי איינער אַזוי צורעכט־געמאַכט, אַז זי גייט היינט אַרום מיט אַ פּאָר גלעזערנע אויגן און טאַפּט די ווענט!...

— אַהאָ! שוין איינמאָל אַן אייפערזיכטיק קאַץ! — האָט זי זיך אויפגעהויבן און, מיט דרך־ארץ, זיך צוריקגעצויגן הינטערוויילעכטס.

— נישט קיין קאַץ! — האָב איך איר נאָכגעשריען — אַ טיגער! אַ לעמפּערט!

פון דעסטוועגן, האָט זיך באַלד אונטערגערוקט אַ צווייטע. זי האָט זיך נישט צוגעזעצט, נישט געבעטן צו פאַרויכערן, נאָר געשטאַ־נען און געקוקט מיר גלייך אין די אויגן אַריין.

— וואָס קוקסטו? וואָס גלאָצסטו אַזוי אויף מיר?! — האָב איך געפרעגט בייז, — נישט פאַרטראַגנדיק איר צודרינגלעכן בליק.

אָבער דאָ האָט זי, אומדרייסט, אַ פרעג געטון מיט אַ ליטווישן אַקצענט:

— אַ פּוילישער?

— יאָ.

— איר זענט מיר באַקאַנט...

— פון וואַנען ?

— פון סאַראַטאָוו... פון דער לוויה... פון פּאַיעזד...

ווי אַזוי זי האָט מיך דערקענט מיט מיינע אוקראַיִנישע וואַנצעס און פּאַפּאַכע, פאַרשטיי איך נישט. איך — זי, האָב נישט דערקענט.

אָבער געווען איז דאָס טאַקע דאָס זעלבע ווילנער אלמנהלע, וועל־כער איך האָב געפירט קיין טאַשקענט, צו איר ברודער.

דער ברודער אירער איז אויך אין אַשכאַבאַד. ער אַרבעט אין דער אייזנבאַן־סטאָלאָווע. זי אַליין האָט נאָך נישט קיין אַרבעט, איז זי דערווייל געוואָרן אַן אַרטיסטקע.

— האָט איר דאָך געמאַכט אַ קאַריערע!... געוואָרן אַ „סטאַר" אין סאָוועטישן „האָליווּד"...

— אַוודאי! — האָט זי אָפּגעזיפצט — וואָס פעלט מיר נאָך צום גליק?... שענקט אַ האַלבן סיגאַרעט, כאָטש אַ צוויי ציִ...

צירק...

— אַ גוטמאָרגן אייך, מלחמה־צרהלעך!... איר האָט זיך אַלע גע־יאָוועט, איר זענט אַלע דאָ אין פולן קאָמפּלעט!... ווי האָט איר גע־טראָפן דעם וועג אַהער, אַזש הינטער די הרי־חושך?!

— פּעטער שלימזל האָט אונדז צוזאַמענגענומען און אַהערגע־בראַכט...

— שלימזל טייערער, ווו ביזטו?...

— איך בין דאָ! וואָס האָט איר געמיינט? איך האָב נישט גע־זען, ווי איר פּאַקט די טשעמאָדאַנטשיקעס און אַנטלויפט? פון מיר אַנטלויפט מען נישט! איך טרעף דעם וועג!

— דו האָסט אַ טריפהנעם מזל, שלימזל טייערער!...

— אָבער צרהלעך האָב איך אייך געבראַכט כשרע. נעמט זיי אויף און גיט זיי עסן.

— און אַז נישט?

— וועלן מיר זיך אַליין נעמען!...

און זיי האָבן זיך אויף אונדז פאַרנומען.

דאָס איז געווען באַלד אויף דער צווייטער וואָך פון אונדזער קומען קיין אַשכאַבאַד.

דער חלום פון שפּילן טעאַטער אָדער מאַכן פילם־קאַריערעס, האָט

זיך דערווייל פאַרענדיקט דערמיט, וואָס מען האָט אונדז, מיט גרויס רעספעקט, אַרויסגעוואָרפן פון האָטעל.

ווען די גרענעץ־בערג, וואָס שטייען מיט די פנימער צו פערסיע און מיט די רוקנס צו אונדז, וואָלטן זיך אויסגעדרייט, וואָלטן זיי געזען ווי מיר וואַלגערן־זיך אויף דער גאַס און קוקן צו זיי מיט בענקשאַפט...

אָבער דער שלימזל האָט זיך אויך פאַרקוקט, — האָט מען אונדז דערווייל אָפּגעגעבן דעם צירק־בנין, וואָס פוסטעוועט.

נעכטיקן מיר דערווייל אין צירק און האָבן אַ קופּאָל־קיילעכדיקן דאַך איבערן קאָפּ. עטלעכע שטריק וויגן־זיך דאָ פאַרגעסענע אײַנדערלופטן און ווינקען צו אונדז גאַסטפריינטלעך:

— ביטע, הענגט אייך אויף...

— אַ שיינעם דאַנק. מירן נאָך פּרובירן, זיך צומאַטערן אַ ביסעלע...

— מאַטערט זיך, מאַטערט־זיך. און אַז עס וועט אייך נמאָס ווערן, זענען מיר צו אייער דינסט...

— זייער שיין. — און מיר קוקן נישט מער אַרויף.

מיר נעכטיקן אין צירק... מיר נעכטיקן, אָבער מיר שלאָפן נישט, כאָטש געלעגערס האָבן מיר דאָ נישט קיין שלעכטע. אין די לאָזשעס זענען דאָ סאָפעס, פאָטעלן און ווייכע בענק, באַדעקטע מיט רויטן און גרינעם פּליוש. נאָר ווער זאָל זיך עס ריכטן, אַז צירקאָווע פליי זאָלן זיין אַזוי אומגאַסטפריינטלעך און די וואַנצן — אַזוי בלוטזויגעריש?!

און ווי דרעסירט זיי זענען! ווי זיי שפרינגען דאָס!

דערצויגענע אויף די האַרטע פעלן פון די צירק־חיות, זענען זיי באַוואָפנט מיט נאָדלען ממש! זייער יעדער שטאָך איז אַזוי שאַרף און טיף, אַז מיר מוזן אַזש אונטערשפרינגען.

שפרינגען מיר טאַקע און פאַרענטפערן־זיך דערביי איינער פאַרן אַנדערן, אַז דאָס איז נישט אויס לוסטיקייט, חלילה, און נישט אויס טעמפעראַמענט.

און מיר גלויבן זיך איינער דעם אַנדערן...

וואָס־זשע טוט מען אין אַזעלכע נעכט? — מען שפּאַצירט. מיר גייען הקפות רונד־אַרום דער אַרענע און מיר רעדן וועגן פּאָעזיע, וויסנשאַפט, סטראַטעגיע און פּאָליטיק.

נישט מיט אַלע אונדזערע אויספירן זענען די אַנצאַליקע שטשורעס מסכים. גרויס זענען זיי ווי פּעטע, שוואַנגערע קעץ און שפּרינ־

געגן תקיפדיק אין פנים־אַריין, ווי אַקראָבאַטן. אין אונדזערע שמועסן מישן זיי זיך אַריין מיט אַ קוויטשיקן פּראָטעסט.

פיל טאַקטישער זענען שוין די קרעטן, יאָזשן, טכוירן, שלענגע־לעך און אַנדערע סימפּאַטישע שכנים, וואָס קומען אונדז אָפּשטאַטן נאַכט־וויזיטן.

אויך דער קופּאָל־קיילעכדיקער דאַך איז געדיכט באַפּעלקערט מיט כל־מיני פייגל, וואָס דיסקוטירן צווישן־זיך, אַמפּערן־זיך און פירן מלחמות, קראַקענדיק, וואָרקענדיק, פישטשענדיק און צישענ־דיק. נאָר היות זיי קומען נישט מיט אונדז אין קיין דירעקטן קאָנ־טאַקט, — איגנאָרירן מיר זיי בכלל. אויסער די פלעדערמייז, פאַר־שטייט־זיך, פאַר וועלכע מיר בויגן די קעפּ...

אין אָט די הקפות־נעכט, בעת וועלכע עס איז אונדז גאָר נישט געווען אַזוי שמחת־תורה׳דיק, האָט זיך די דירעקציע פון אַנסאַמבל דערטראַכט צו מאַכן אַ הילצערנעם פּאָדיום, אַ פּאַרקעט אַזאַ איבער דער צירק־אַרענע און אָרגאַניזירן אַן אַרטיסטישן קאַבאַרעט. מען וועט שטעלן געמישטע רעווי־נומערן און דער דזשאַז־אָרקעסטער וועט שפּילן פאַרן פּובליקום צום טאַנץ.

און אַז מען האָט זיך שוין דערעדט ביינאַכט, האָט מען שוין געטון בייטאָג. מען האָט צונויפגעקלאַפּט פון דיקטן אַ רונדיקן פּאַר־קעט, געמאַכט פּראָבן, אַרויסגעלאָזן אַ פאַרביקע רעקלאַמע און — אַזעלכע דרעסירטע, רירעוודיקע חיות ווי מיר, האָט מען דאָ, זעט־אויס, נאָך נישט געזען. וואָרעם אין אָוונט איז דער צירק געווען אי־בערפולט!...

— שלימזל, ווו ביזטו?...

— איך כאַפּ אַ רגע אַ דרימל...

דער שלימזל האָט געדרימלט. דאָס פּראָגראַם איז דעם עולם דווקא געפעלן. און נאָכמער געפעלן איז זיי די דזשאַז־מוזיק צו די טענץ.

געטאַנצט האָבן כמעט בלויז פּרויען. אויף אַ זעכציק־זיבעציק פּאָרלעך, האָבן זיך געפונען קוים אַ צענדליק ענקאַוועדעטשיקעס מיט רעוואָלווערן פון הינטן און סיגאַרעטלעך פון פאָרנט, וועלכע האָבן טאַנצנדיק, געבלאָזן דעם רויך זייערע דאַמען גלייך אין די אויגן־אַריין. אויסער זיי, האָבן געטאַנצט מיידלעך מיט מיידלעך. די מייד־לעך מיט שטיוול און הויזן זענען געווען די „קאַוואַלערן". פון דעסט־וועגן האָבן די דאַמען אַריינגעלייגט זייער גאַנצן כוח, סעקס־אַפּיל און טעמפּעראַמענט אין אָט די טענץ. זיי האָבן געשוויצט און גע־

האָפּקעט, געפּאַרעט און געדרייט־זיך, גריזשענדיק דערביי אַ שטיק ברויט מיט רעטעך פון בוזעם־אַרויס.

און צומאָרגנס און אויף איבערמאָרגן איז אויך געווען פול. דער דירעקטאָר האָט אויסגעצאָלט די געהאַלטן און דער אַדמיניסטראַ־טאָר האָט געדונגען וווינונגען. ער האָט אויך אויסגעפּועלט, אַז די מיליץ זאָל אונדז צושרייבן אין שטאָט.

און זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין, זיך צו ענטשולדיקן פאַר נאָ־וואָ־אוזיענסק, וועלכער איך האָב אָנגערופן „ווייבערישע שטאָט". אַנטקעגן אַשכאַבאַד, איז שוין נאָוואָ־אוזיענסק געווען איבער־באַ־מענערט. וואָרעם דאָ, אין די עטלעכע און זעכציק דירות וואָס מיר זענען געגאַנגען באַקוקן און אין די פּאָר־און־צוואָנציק וואָס מיר האָבן געדונגען, — איז קיין איין מאַן נישט געווען. אַלע באַלע־באָסטעס זענען געווען עגונות. מען האָט זיי די מענער פון די בעטן אַרויסגענומען און, שוין יאָרן, אַז מען ווייסט נישט וווּ זיי זענען אַהינגעקומען.

פאַר אַקטיאָרישע און קלעזמערישע סובלאָקאַטאָרן איז עס דווקא קיין חסרון נישט, וואָס די יונגע באַלעבאָסטעס זענען עגונות און וואָס זייערע טעכטערס חתנים זענען אויף די פראָנטן. די צימערן זענען באַקוועמע, די בעטן — אָנגעלייגט מיט בעטגעוואַנט און ווער עס זאָל צונייען אַ קנעפּל און פאַרצערעווען אַ שקאַרפּעטקע איז אויך דאָ...

די צרה איז נאָר, וואָס עס איז שוין דאָ צופיל. אין יעדן מוזיקער האָבן זיך געליבט צען אייפערזיכטיקע שיקסעס, וועלכע האָבן זיך געריסן ביי די האָר.

אמת, בייטאָג האָבן די קלעזמער געזיפצט אויפן גורל פון זיי־ערע ווייבער און קינדער, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזןביים דייטש. זיי האָבן אָפּגעזיפצט אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, מיט אַ פּאָר איבער־שעהן, פייראַנט.

אָבער אַז די געטאָס זענען אַזוי ווייט און די ליבעס זענען אַזוי נאָנט...

און אַ פּלעשל וויין קריגט מען נאָך און דער דירעקטאָר צאָלט „גאַזשע" און עס זעט־אויס, אַז אַ שטיקל ישועה איז געקומען.

נאָר די ישועה, זעט אויס, איז געווען אַ בלינדע. זי האָט אָנגע־טראָטן דעם דרימלענדיקן שלימזל אויפן עק און ער האָט זיך אויפ־געכאַפּט.

עס האָבן זיך אַראָפּגעיאָוועט אַ פּאָר אַטלעטן, וועלכע האָבן

אַראָפּגעריסן דעם פּאַרקעט פון זייער פאַרשוועכטער צירק־אַרענע און געשריען, אַז אַקטיאָרן זאָלן גיין אין טעאַטער־אַריין! דער צירק איז זייערער!

די אַטלעטן האָבן זיך באַוואָפנט מיט שלאָגנדיקע אַרגומענטן, נאָר די אַקטיאָרן האָבן געענטפערט, אַז עס איז נישט נויטיק. מען גלויבט זיי שוין בעסער אויפן וואָרט...

אָבער היות די פּראָגראַמען און די טאַנץ־מוזיק האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג, איז אַ קינאָ־דירעקציע איינגעגאַנגען דערויף, מען זאָל די זעלבע קונץ מאַכן אין קינאָ־פאַיע, צווישן די סעאַנסן.

און באַלד איז דער קינאָ־פאַיע פול־געוואָרן מיט שיקסעס, מיט דזשאַז־קולות, מיט מאַכאָרקע־רויך און שווייס־גערוכן.

דער שלימזל איז געשטאַנען ביי דער סאַמע עסטראַדע און האָט נישט געוואָלט מיטטאַנצן. דער סאַקסאָפאָן מעג אים בלאָזן אין די אויערן־אַריין, די פלייט וועט אים נישט אָנפייפן. דער קלאַוויר וועט אים נישט פאַרעדן די ציין און די פויק וועט אים דעם קאָפּ נישט פאַרקלאַפּן. ער זעט גאַנץ גוט, ווי דער דירעקטאָר צאָלט־אויס די געהאַלטן און ער זאָרגט שוין וועגן דעם, אַז פון דעם געלט זאָל ווערן בלאָטע...

און עס איז געוואָרן בלאָטע ממש אין איין טאָג.

דאָס איז געווען אין דעם טאָג, ווען עס איז איינגעפירט געוואָרן דער שפּייז־קאַרטן־סיסטעם. מיר לעבן שוין אויף פיר הונדערט גראַם ברויט אַ טאָג.

ביז איצט האָט מען נאָך אַלץ פאַרקויפט פריי אין אַשכאַבאַד. מען איז טאַקע געשטאַנען אין לאַנגע רייען, אָבער מען האָט גע־קראָגן ווייס געבעקס, וויינען, שאַמפּאַניער, קאָנסערוון, פלייש און טאַבאַק. אין רעסטאָראַן האָט מען נאָך דערלאַנגט אַ „מעניו" מיט אַ פּאָר שפּייזן אויסצוקליבן. און דעם מיטאָג האָט מען נאָך סער־ווירט מיט לעפל־מעסער־גאָפּל, אויף אַ ווייס טישטוך. עס האָט זיך שוין געדאַכט, אַז די מלחמה־שוועריקייטן וועלן נישט גרייכן צום ווייט־פאַרוואָרפענעם אַשכאַבאַד.

פלוצלונג איז דאָס אַלץ פאַרשוווּנדן. די מאַגאַזינען גענעצן פּוסטע. דער רעסטאָראַן שלאָפט מיט פאַרמאַכטע לאָדנס. אין די „סטאָלאָוועס" קריגט מען אַ מאָגערע זופּ מיט אַ צוויי קאָסאָקע בוימל־אויגן און אַ דריי נעגערשע לאָקשן, וואָס שווימען־אַרום און זוכן איינער דעם אַנדערן. דאָס קריגט מען אויף טאַלאָנען און אַ לעפל מיט אַ טעלער מוז מען זיך מיטברענגען פון דער היים.

די באָד, אין וועלכער עס האָט אויסגעפּעלט הייך־מאַטעריאַל, האָט אויסגעהויכט איר לעצטן וואַרעמען אָטעם. די רעזורעס זענען יאָ טעטיק, אָבער צוזאַמען מיט דער באָרד, מוזסטו מיטברענגען אַ שטיקל זייף. אַנישט האָסטו אַ ברירה צו נעמען אַ ריבאייזן און זיך אַליין אָנרייבן אַ מאָרדע.

בלויז אויפן באַזאַר קריגט מען נאָך עפּעס, פּאַר משוגע־אויפגע־שרויפטע פּרייזן.

די טורקמענישע קאַלכאָזניקעס מיט די אַרומגעצופּטע בערד, וואַ־טענע קאַפּאָטעס און קוימען־הויכע צילינדער־היט, פאַרקויפן דאָ זיי־ער מילכוואַרג: מאַצאָני, קאַטיק, קאַימאַק, ברינדזע און פערד־מילך; אַ האַלב מייערל, אַ שטיקעלע כריין און דינע פּענעצלעך רעטעך. אין געפּלאַצטע באַנקעס, וואָס מען קען זיי שוין נישט שטעלן אויף די פּלייצעס, מעסטן זיי ראָזשינקעס און אייגן־געזייטע מאַכאָרקע „סאַמאָסאַד". קוקורודזע־מעל, בעבלעך און לינדזן מעסט מען שוין מיט אַ דיקער פינגער־גלאָז. און נאָך אַ מציאה האָבן זיי, אָן וועלכער מען קאָן זיך נישט באַגיין: די אויסגעסאָכניעטע און ראַכיטיש־צע־דרייטע סאַקסאול־וואָרצלען. אויף צוויי בינטעלעך אַזעלכע געהילץ קען מען קוים איין מיטאָג אָפּקאָכן.

אָבער דאָ גייט אויך אָן אַ האַנדל פון די שטאָטישע איינוווינער.

דירעקטאָרן, אינזשיניערן, צעך־מייסטער, קינסטלערישע לייטער און אַקטיאָרן פון העכערער מדרגה קריגן בעסערע „פּאַיאָקן" (שפּייז־צוטיילונגען) און זיי פאַרקויפן עס, אָדער טוישן עס אויפן באַזאַר.

טרעפט מען דאָ טאַקע דער שטאָלץ־ליידנדער „אַננאַ קאַרענינאַ" פאַרקויפנדיק אַ צעשניטענעם הערינג אויף פּופצן שטיקעלעך. „באַ־ריס גאָדונאָוו" שטייט מיט אַ האַלבע גלאָז כלאָפּאָק־בוימל. אַנדרע־יעווס אַנפּיסאַ און ניגאָטשקאַ האַנדלען מיט שטיקעלעך זייף און ביסעלעך טאַבאַק. גאָרקיס „מוטער" פאַרקויפט אַ פלעשל נאַפט. אַזוי קענט איר דאָ זען דער העלדין פון "פּיקאָוואַיאַ דאַמאַ", פון „וויש־ניאָווי סאַד", האַנדלען מיט אַ פּאָר הונדערט גראַם רויטן מעלצוקער, גרויפּן, לאַנדרינקעס אויפן שטיק, שוואַרצן מעל און געטריקנטע פיש. און כאָטש דאָס זענען אַלץ דראַמאַטישע אַקטיאָרן, זינגען זיי פּרייזן ווי אָפּערע־סאָליסטן. עך, ברידערלעך, קענען זיי שיין זינגען!...

יאָ, אָבער פּריילעכער דערפון ווערט נישט און קיין עסטעטישע הנאה דערפון האָט מען אויך נישט. עס איז אונדז באַפאַלן אַ הונגער און אַ מרה־שחורה. אין געציילטע טעג האָבן מיר באַקומען וואַקסן־געלע פּנימער, אַרויסגעשטאַרצטע, גרויסע אויגן און היפּשע, טונ־

קעלע טאָרבעס אונטער זיי. מיר כליאָבען די מאָגערע זופּן פון שוואַרצע לאָקשן און גרינע, פאַרפוילטע פּאָמידאָרן און גיסן זיך־אָן פולע, אויפגעלאָפּענע בייכער, וואָס די פּיס מיט די ציטערנדיקע קניען קענען שוין קוים דערשלעפּן.

אין שטאָט האָט זיך צעבושעוועט דער טיפוס. די שפּיטעלער זע־נען שוין איבערפולט. מען ליגט שוין אין די קאָרידאָרן, אויף דער ערד. דעם שניט פון דעם מלאך־המות פילן מיר שוין אויך ביי אונדז אין טאַנץ־פּאָיע, ווו עס ווערט אַלץ שיטערער און שיטערער. יעדן אָוונט פעלן אַ צוויי־דריי פּאָרלעך סטאַבילע טענצערינס, וועלכע טאַנצן שוין מיט היץ דעם „לעצטן טאַנץ".

נאָך ערגער איז דאָס, וועגן וואָס מען רעדט נישט. נאָר מען קוקט אויף דעם מיט פאַרדאַכט, מיט אומרו און מיט שרעק.

זעט מען, אַז אַ חברטע קייט אַ שטיקל שאָקאָלאַד, אָדער עסט אַ ווייסע בולקע מיט פּוטער, — פאַרשטייט מען שוין פון וואַנען זי האָט עס און מען דערווייטערט־זיך פון איר. יאָ, מען איז העפלעך צו איר. מען ענטפערט אויף יעדער פאַרעווער פראַגע. אָבער ווער וועט זיך דאָס שוין אַריינלאָזן מיט איר אין אַן אינטימען שמועס?

און אַז אַ צווייטער רויכערט אַ גוטן פּאַפּיראָס און פרעגט, וואָס האָט מען היינט איבערגעגעבן אין ראַדיאָ, — ענטפערט מען אים קורץ:

— נישט געהערט.

און מען דרייט זיך פון אים אַוועק.

מען פלוידערט שוין נישט מער, מען לאַכט שוין נישט מער און מען פאַרטרויט זיך נישט מער. אויס חבר, אויס פריינט, אויס אח־לצרה. דער עלנט, ווי אַ שפּין, האָט אויסגעוועבט מחיצות צווישן איינעם און דעם אַנדערן.

און דער שפּינוועבס איז אַ נעץ, וואָס וואַרט אויף אַ קרבן.

***

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, אַ שעה נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך געלייגט און איך האָב געמיינט, אַז זי שלאָפט שוין לאַנג, — האָט זיך לאָלאַ פלוצלונג צעוויינט.

זי האָט אַריבערגעצויגן די קאָלדרע איבערן קאָפּ און שטיל און פאַרשטיקט געהעשעט. די צימערדיקע שטאָק־פינצטערניש איז מיר פול געוואָרן מיט טרעוואָגע און איך האָב נישט געהאַט קיין שוועבעלע אָנצוצינדן. איך האָב זי קוים איינגענומען, קוים באַרואיקט. און ערשט דאַן, איז נישט לייכט געווען צו פועלן ביי איר, זי זאָל

זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ. נאָר ווען איך האָב עס ענדלעך געפּועלט, האָב איך אויך אַרונטערגערוקט דעם קאָפּ אונטער דער קאָלדרע און דאָרט, האָט זי מיר פליסטערנדיק, מיט אַ פאַרחלשטן אָטעם, דער־ציילט:

— איך בין היינט געווען אין ענקאַוועדע. פון דער גאַס האָט מען מיך גענומען, ווען איך בין געגאַנגען פון פּראָבע. אייגער אַ שמענדריק, וואָס טאַנצט ביי אונדז אין פּאַיע. ער האָט מיר אַ וויז־געטון אַ בלעכל אונטערן לאַץ און געזאָגט, איך זאָל גיין נאָך אים. פיר שעה האָט מען מיך דאָרט אָפּגעהאַלטן. מיינע נערוון פּלאַצן מיר שוין. איך האַלט עס נישט אויס. איך — — —

— ששש... וואָס האָבן זיי געוואָלט?

— איך האָב געמוזט אונטערשרייבן, אַז איך וועל קיינעם נישט זאָגן, אַז איך בין דאָרט געווען. אַפילו נישט דעם אייגענעם מאַן...

— כּפאַרשטיי.

— איך זאָג עס דיר, ווייל מאָרגן מוז איך אַהין ווידער גיין. איך האָב מורא, אַז סוף־כּל־סוף וועל איך דאָרט אַריין און שוין מער נישט אַרויס. העלפן מיך וועסטו נישט קענען. אָבער ווייס כאָטש, וווּ איך בין אַהינגעקומען.

— וועסט אַרויס. אַז מען האָט דיך היינט אַרויסגעלאָזן, איז אַ סימן, אַז צו דיר פּערזענלעך האָבן זיי גאָרנישט. מען וועט דיך אַ ביסל מאַטערן, עפּעס פּרווון פון דיר אַרויסקריגן...

— יאָ, יאָ, יאָ. איך זאָל ווערן אַ מסור, ווילן זיי. ער ווייזט מיר אויף דער מאַפּע די פּערסישע גרענעץ און פרעגט, וואָס רעדן ביי אונדז די חברים וועגן דעם... וואָס איז דאָס אַזוינס „דזשאָינט" און וואָס פאַר אַ קאָנטאַקט האָבן מיר מיט אָט דער אינטערנאַציאָנאַלער שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע?...

— דאָס אינגאַנצן?...

— הער! אין ענקאַוועדע, זאָגט ער מיר, קען איך קריגן אַ בע־סערע הילף ווי פון „דזשאָינט". ער רעדט מיך איין, אַז איך זע שלעכט אויס און דאַרף זיך דערהאַלטן... אַז אַ זינגערין טאָר נישט הונ־גערן ,נאָר מוז האָבן גוטע דערנערונג ווי פּוטער, צוקער, אייער, פעטס, פלייש, ווורשט און שאָקאָלאַד. דאָס אַלץ וועלן זיי מיר געבן, פאַרן צוהערן־זיך צו דעם, וואָס חברים רעדן און קומען דערציילן. איך זאָל זיי וויזן אַ מוסטער פון אַ געטרייער בירגערין. דאָס פאָ־טערלאַנד פאַרלאַנגט עס פון מיר. און אויב איך וועל נישט וועלן,

האָבן זיי קעגן מיר אַ גאַנצן באַרג מיט באַשולדיקונגען! ער האָט מיר געוויזן אַזאַ געשוואָלענע טעקע מיט פּאַפּירן!

— דאָס איז בלאָף! גלויב עס נישט. דאָס זענען סתם פּאַפּירן.

— ער האָט געזאָגט, איך זאָל נישט זיין קיין נאַר, ווייל כמעט אַלע טרופּע־מיטגלידער אַרבעטן ביי זיי. און אַ פּאָר חברים האָבן דאָרט עפּעס אָנדערציילט וועגן אונדז.

— בלאָף! זאָלסט עס נישט גלויבן! קיינער האָט גאָרנישט געהאַט וועגן אונדז צו דערציילן.

— וואָס האָבן מיר לעצטנס גערעדט? אפשר האָבן מיר זיך מיט עפּעס אַרויסגעכאַפּט?

— יאָ... אַז איך האָב אַפּעטיט צו אַ געבראָטן גענדזל...

— הער־אויף! עפּעס אַ וויץ וועגן לאַנד? אַ שפּאַס?

— פּוסטע מעשיות! וואָס איז געוועזן דער סוף?

— איך האָב קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט און ער האָט זיך אויפגערעגט און מיך געזידלט מיט שרעקלעך־געמיינע רייד. ווען דו וואָלסט געהערט, וואָס ער האָט מיר אַלץ געזאָגט! נאָר דער עיקר: ער האָט מיך געוואָרנט, אַז אויב איך וועל נישט דערציילן וועגן אַנדערע, וועט ער עפּענען דעם געשוואָלענעם פּאָרטפּעל מיט פּאַפּירן און־מסירות, וואָס אַנדערע האָבן געבראַכט וועגן מיר.

— ער האָט גאָרנישט קעגן דיר. אַנישט וואָלסטו שוין היינט נישט געשלאָפן דאָ... דו מוזט זיין זיכער אין דעם, כדי זיך נישט איינצובּרעכן.

— איך האָב געמוזט אונטערשרייבן, אַז איך פּאַרפּליכטע זיך מאָרגן ווידער צו קומען און קיינעם נישט דערציילן.

— נו, גוט. וועסטו קיינעם נישט דערציילן.

— אָבער חברים מוזן דאָך וויסן, אַז מען פרעגט זיך אויף זיי. זיי דאַרפן זיך דאָך ריכטן, אַז...

— דאָס טאָר מען אויך נישט. אָט דאָס, זעסטו, קאָן דיר שוין קאָסטן... האָסט אונטערגעשריבן צו שווייגן, טאָ שווייג! און ווער די חברים זענען, ווייסטו טאָקע נישט. פּונקט קען דאָס זיין אַן אונטערגעשטעלטער, דיך אויסצופּרובירן... מאַך זיך נישט־וויסנדיק. שווייג.

— און טאָמער פאַרהאַלט מען מיך און איך בלייב שוין דאָרט?!

— איצט? ווען מען האָט באַפרייט די פּוילישע אַרעסטאַנטן?

— זיי רואיק. מיר וועלן נאָך מאָרגן טראַכטן און רעדן וועגן דעם. איצט באַרואיק זיך און שלאָף.

געשלאָפן זענען מיר שוין נישט ביז אינדערפרי.

און אינדערפרי האָב איך באַקומען אַ בריוו פון ארץ־ישראל!...
איך האָב געקושט די פּאָסט־מאַרקעס מיטן העבּרעאישן א״י און גע־שפּרונגען ביזן סופיט!... ווען עמיץ וואָלט עס געזען, וואָלט ער מיך באַדויערט „דער יונג איז פון זינען אַראָפּ!״...

נאָך אין טאַשקענט זייענדיק, האָב איך ריזיקירט צו שיקן אַן אָפן פּאָסט־קאַרטל צו מיין ברודער אין תל־אביב און צו־וויסן־טון אים, אַז איך לעב און בין געזונט. איך האָב אים אָנגעגעבן אַלס מיין אַדרעס, אַשכאַבאַדער פילהאַרמאָניע. איז דער בריוו מיינער, הייסט עס, אָנגעקומען און אָט איז אַן ענטפער...

עס איז איין בויגעלע פּאַפּיר און ער שרייבט:

„איך בין גליקלעך צו הערן פון דיר און וויסן, אַז דו לעבסט און ביזט געזונט. איך שיק דיר אַ פּעקעלע. ווען איך זאָל זיכער זיין, אַז דו וועסט עס דערהאַלטן, וועל איך שיקן נאָך.״

וואַרעמע שורות פון אַ האַרציקן ברודער.

און אויף דער צווייטער זייט, איז עפּעס אַן אַנדער האַנט־שריפט. ווער שיקט עס מיר דאָ אַ גרוס? — איך לייען איבער אַ גע־מיש פון יידיש־סאָוועטיש־העברעאיש. עס ווערט מיר פינצטער פאַר די אויגן און איך דערפיל אַ שטעכעניש אין קאָפּ.

— וואָס ביזטו פּלוצלונג אַזוי בלייך געוואָרן? דיין נאָז איז דאָך ווייס, ווי ביי אַ מת! — זאָגט מיר לאָלאַ.

און זי ווייסט נאָך נישט, ווי מיינע קני ציטערן, ווי עס דרייט מיר אין בויך און ווי עס גליווערט דאָס בלוט אין מיינע אָדערן.

קוים וואָס איך קען איבערלייענען מיט מיינע קלינגענדיקע ציין, די הויקערדיקע שורהלעך פון פרעמדן כתב. איך באַנעם נאָך נישט דעם פולן מיין, אָבער איך פיל די שרעק און געפאַר, וואָס קומט־אָן אויף מיר ווי אַ ווילדער שטורעם.

די שורהלעך האָבן זיך געלייענט אַזוי:

> מיר ראַטן אייך, מער קיין פּעקעלעך פון אויסלאַנד נישט צו פאַרלאַנגען. עס איז אָסור לבקש ממקום אחר חבילות. פאַר יעדן פּעקעלע, וואָס מען באַקומט פון חוץ־לאָרץ, באַצאָלט אונדזער מדינה עשרה שקלים זהב טהור.
>
> דאַרף מען אייך קיין פינגער אין מויל נישט אַריינלייגן.

מיט גרוס —
משגיח על המכתבים.

— ווער באַצאָלט עס צען ריין־גאָלדענע טאָלער? — פאַרשטייט נישט לאָלאַ.

— אונדזער גליקלעך היימלאַנד... צען יערעלעך... אַזוי זיכער, ווי גאָלד!...

— אָבער דו האָסט דען געבעטן אַ פּעקל?

— חלילה! אַזוי ווייט משוגע בין איך דאָך נישט. נאָר ווען מען טשעפּעט־זיך, קען שוין זיין צו וואָס...

— אָבער ווער שרייבט עס? ווער איז דער משגיח?

— משגיח על המכתבים מיינט, דער צענזאָר...

— און אפשר זיך אָפּזאָגן פון דעם פּעקל?

— ווען איך קען, וואָלט איך זיך אָפּגעזאָגט פון אַ סך פּעקלעך... ווייס איך נישט, צי דאָס מעג מען יאָ...

היינט גיט מען הערינג!...

פון מיין פריסטער קינדהייט האָב איך געוווּסט, אַז רוסלאַנד איז דאָס מוטערלאַנד פון „אָטשערעדן" (רייען). איך האָב זיך עס אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעשטעלט, אַז „אָטשערעדן" זע־נען דאָ פאַראַן אַזוי פיל פאַרשיידענע סאָרטן, ווי פיל און פאַרשיידן עס זענען די סאָרטן פון עפּל, צום ביישפּיל, אָדער אַנדערע גאָט־געבענטשטע פּירות...

די אָפּגעשטאַנענע מענטשהייט פון דער גאַנצער וועלט ווייסט נעבעך בלויז, אַז אין אַן „אָטשערעד" שטייט מען. צי האָט איר, אָבער געהערט, צום ביישפּיל, פון אַ לויפנדיקן „אָטשערעד"? ניין, האַ?... — איך האָב עס אויך נישט געהערט. דעם ערשטן לויפנדיקן „אָטשערעד" האָב איך געזען אין אַשכאַבאַד און בין אַליין געוואָרן אַ „מיטלויפער"...

דאָס איז געווען אין יענע טעג, ווען דער אומרו האָט מיך אַרומגעיאָגט אין די נאָענטע גאַסן, ארום „יענעם" גרויסן, ווייסן בנין...

עס איז שוין די צווייטע וואָך, ווי לאָלאַ מוז קומען „אַהין" טאָגטעגלעך און מען מאַטערט זי צו צוויי, דריי און פיר שעה. מען וויל דווקא אויספּרעסן פון איר אַן אונטערשריפט, אַ פאַרפליכטונג, אַז זי וועט מיטאַרבעטן מיט „זיי" און אויסגעבן אירע אייגענע חברים. און דאָס איינציקע, וואָס זי שרייבט־אונטער יעדן טאָג, איז,

אַז זי וועט מאָרגן ווידער קומען, אין דער באַשטימטער שעה, און אַז זי וועט קיינעם נישט דערציילן, אַז זי קומט „אַהין".

לאָלאַ איז שוין גרין און געל, ווי אַ קאַנאַריק, מיט טונקעלע פלעקן אונטער די צעשראָקן־אויסגעשטאַרצטע אויגן. זי האָט היפּש פאַרלוירן פון דער וואָג און די נערוון אירע זענען שוין אַזוי אָפּ־געשוואַכט, אַז זי פילט אָפּט אַליין נישט, ווי די טרערן קייקלען זיך איבער אירע באַקן. אָפּט פאַרטראַכט זי זיך און ווען איך זאָג איר אַ וואָרט, צאַפּלט זי אויף און שליוכצט־אָפּ.

איך דריי זיך אַרום און טראַכט, אַז אַפילו אַ דאָקטער וועט דאָ נישט קענען העלפן. ער וועט פרעגן די סיבות פון אירע אָפּ־געשוואַכטע נערוון און מיר וועלן מוזן שווייגן. וואָס־זשע טוט מען? ווי גיט מען זיך אַן עצה? אַז מען טאָר זיך אַפילו פאַר קיינעם נישט פאַרטרויען! ווי אַזוי אַנטלויפט מען פון דאַנען און וווהין?

אַלע טאָג אַזוי. עס קריכן מיר פריער די אויגן פון קאָפּ אַרויס, איידער איך דערלעב זי צו זען אַרויסקומען פון פאַרשאָלטענעם ווייסן בנין.

אָט איז זי!... — איך האַלט זיך איין מיט פערדישע כוחות, איר נישט אַנטקעגן צו לויפן. קיינער טאָר דאָך נישט באַמערקן, אַז איך האָב זי אָפּגעוואַרט און געוווסט, ווו זי איז... איך דריי זיך דאָ סתם און באַגעגן זי צופעליק... אָבער מיט אַ ווינקל אויג כאַפּ איך אויף איר גאַנג: ער איז היינט עפּעס אַן אַנדערער, ווי אַלע טאָג, אַ לייכטערער, אַ שנעלערער... איך באַמערק אַפילו, אַז אירע בעק־לעך זענען רויט און די אויגן גלאַנצן. יאָ, זי שמייכלט דאָך!..

איך גיי מיר צו צום קיאָסק און נעם אַ גלאָז סאָדעוואַסער. מיט דער פלייצע דערפיל איך איר אָנקומען. מיט אַ כלומערשט־אײַ־בעראַשטער שטים, זאָגט זי הויך און מונטער:

— זע נאָר, דו ביזט גאָר דאָ? און איך האָב דיך געזוכט אין דער היים!... ווו ביזטו עס אַ גאַנצן טאָג?...

— געשטאַנען אין אָטשערעד נאָך טאַבאַק.

— און געקראָגן?

— ניין. עס האָט אויסגעפעלט...

איך גיב איר די גלאָז סאָדעוואַסער, וואָס איך האָב גענומען. דאָס האָב איך סיי־ווי פאַר איר אָנגעגרייט. זי קומט־אַרויס פון „דאָרט" מיט אַ ווילדן דורשט, מיט אַ שריפה אין האַלדז. זי טרינקט האַסטיק אויס און מיר גייען אַ שטיקל וועג שווייגנדיק. מיר קוקן

זיך נישט אום, אָבער מיר פילן שוין, אַז קיינער גייט נישט הינטער אונדז און לאָלאַ טוט אַ זאָג:

— שוין!... פּטור!...

— וואָס?

— דאָס לעצטע מאָל... איך גיי נישט מער „אַהין"...

— אינגאַנצן פריי?!...

— דאַכט־זיך... ער איז היינט געווען העפלעך. געבעטן אַלץ פאַרגעסן... זען מיך, האָט ער געזאָגט, וועט ער שוין בלויז אויף דער בינע... און ער האָט מיר שוין נישט געגעבן אונטערצושרייבן דאָס פאַרשאָלטענע פּאַפּירעלע...

— נו, גאָט צו דאַנקען!...

מיר האָבן זיך צעקושט אינמיטן דער גאַס. איך בין אַזוי אַרויס פון די כלים, אַז איך האָב געוואָלט אַ געשריי־טון „הוררראַ!", אָבער לאָלאַ האָט עס באַמערקט און באַצייטנס אַרויפגעלייגט די האַנט אויף מיין מויל...

אינדעם, האָבן מיר דערזען אַ פאַרנדיקן לאַסט־אויטאָ און נאָך אים — אַן אַנגעלויף פון מענטשן. אויפן לאַסט־אויטאָ שטייען עט־לעכע פעסער הערינג. זעט־אויס, אַז איין פאַס האָט געפּלאַצט, וואָ־רעם דער ברוינער לויג רינט גערדיכט און פעט אויפן אַספאַלט־אַראָפּ. די נאָכלויפנדיקע שמעקן מיט אויפגעריסענע נאָזלעכער דעם שאַרפן גערוך, ווישן מיט די פינגער דעם באַנעצטן אַספאַלט, לעקן מיט דער צונג און שטעלן־פעסט צופרידענע, אַז דאָס מוז זיין ערשט־קלאַסיקער הערינג, אויסערגעוויינלעכער הערינג, עפּעס גאָר באַ־זונדערעס!...

דער אויטאָ פאָרט געגנוג שנעל, אָבער די נאָכלויפנדיקע שטייען נישט אָפּ. עס איז אַ שטופּעניש און אַ פּאַלעניש איינער אויפן אַנדערן.

פון דער זייט פאַרלויפט עמיץ דעם וועג און וויל זיך אַריינכאַפּן צווישן די ערשטע. עס ווערט באַלד אַ געשריי און אַ שטויסעניש:

— וווהין קריכסטו?! זעסט נישט, אַז עס איז אַן אָטשערעד?!

— צו די ערשטע שטופּט ער זיך! מיר לויפן פון דער טאָ־וואַרנער סטאַנציע־אַן!

— דאָרטן שטעל זיך! פון הינטן! דער לעצטער!

— סינאָק! — שרייט אַן עלטערע פרוי צום יונגנמאַן, וועלכער לויפט דער לעצטער — דער וויפלטער ביסטו?

— דער זיבן און זעכציקסטער, באַבושקאַ!

— בין איך די אַכט און זעכציקסטע, סינאַק! געדענק! איך וועל אונטערקומען!

— נישטאָ קיין אונטערקומען! — ענטפערט אַ יונגע מויד, וועל־כע יאָגט־אָן דעם יונגנמאַן — די אַכט און זעכציקסטע בין איך! אַ פּריצטע! זי וועט אונטערקומען! לויף, ווי אַלע לויפן!

— טאַכטער! טעכטערל! — רופט די אַלטיטשקע, ווי אַ זיך־טרינקענדיקע ביזן האַלדז, וואָס בעט־זיך הילף — אַ קראַנק האַרץ איז ביי מיר! און די פיס זענען געשוואָלן! איך קאָן נישט נאָכלויפן, טעכטערל, זונעלע! זאָל זיין די ניין־און־זעכציקסטע, געדענקט! האָט גאָט אין האַרצן!

— גוט, באַבושקאַ, גוט! — שרייט אַ קאַליקע, וועלכער יאָגט נאָך מיט צוויי הילצערנע קוליעס אונטער די אָרעמס און האָפּקעט שנעלער, ווי מיט צוויי געזונטע פיס — די ניין־און־זעכציקסטע און איך דער זיבעציקסטער! איך וועל אָפּהיטן! איך וועל קעפּ שפּאַלטן! זיי רואיק! שעם־זיך, בליאַד׳, וואָס דו באַעוולסט אַ זקנה — זאָגט ער נאָך דער יונגער מויד, וועלכע לויפט פאַר אים.

איך גיב אַ כאַפּ לאַלען פאַר דער האַנט, שלעפּ זי אַראָפּ פון טראָטואַר און מיר יאָגן־אָן דער לויפנדיקער לוויה מיטן אָרון טויטע הערינג.

געדאַרפט האָבן מיר זיין די איין און צוויי און זיבעציקסטע, נאָר ביז מיר זענען געקומען צום מאַגאַזין, וואָס נעבן באַזאַר, האָבן זיך מענטשן דאָך אַריינגעשטופּט אינדערמיט און מיר זענען שוין אויסגעקומען די הונדערט־דריי און פיר־און־צוואַנציקסטע. מיר האָבן זיך, אָבער, געטרייסט דערמיט, וואָס הינטער אונדז איז באַלד אויסגעוואַקסן אַ ריי פון אַ זעקס הונדערט מאַן. (בעסער געזאָגט: זעקס הונדערט ווייב. וואָרעם מענער האָבן זיך דאָ ווייניק אָנגעזען).

ערשט איצט האָבן מיר אָפּגעסאָפּעט פון ווילדן געלויף און זיך אויסגעשטעלט אין אַ נאָרמאַלן „אָטשערעד״ לענגאויס דעם טראָטואַר, ביי דער וואַנט. צוויי ענערגישע פרויען האָבן באַלד גע־מאַכט אַ „פּערעקליטשקאַ״, האָבן אויפּסניי געציילט פון דעם ערשטן, ביזן לעצטן אין דער ריי און אים געגעבן דעם געהעריקן נומער. יעדערער פון אונדז האָט אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט. איין ענערגישע פרוי האָט ענערגיש געשפּיגן אונדז אין די הענט אַריין און די צווייטע, מיט אַ טוש־בלייפעדער, האָט אויפן אָנגעשפּיגענעם פלאַץ אָנגעשריבן דעם נומער. דערביי האָט זי געשריען צו דער ערשטער:

— אַננאַ אַנדרעיעוונאַ! שפּיי אַ ביסעלע פּעטער! דער קאַרענ־דאַש שרייבט נישט!

אָבער אַננאַ אַנדרעיעוונאַ האָט שוין נישט געהאַט מיט וואָס צו שפּייען און אַ דריטע האָט איר געמוזט קומען צו־הילף.

ווען די פּעסער הערינג זענען שוין געווען אָפּגעלאָדן, איז אַרויס־געקומען דער מאַגאַזין־פאַרוואַלטער און געמאָלדן:

— בירגער! מיר האָבן נאָך די פּעסער נישט געעפנט, קיין פאַראָרדענונג נישט באַקומען און קיין קאַלקולאַציע נישט געמאַכט. עס וועט לאַנג דויערן. די הערינג וועלן מיר טיילן ערשט מאָרגן אינדערפרי!

אַ שטיל אויפגערעגט מורמלעניש גייט אַריבער איבער דער גאַנצער ריי, אָבער באַלד דערהערט־זיך אַ קוויטשעדיקע פרויען־שטים:

— און צו וויפל הערינג וועסטו דאָס מאָרגן טיילן?

— איך האָב שוין געזאָגט: מיר האָבן נאָך קיין קאַלקולאַציע נישט געמאַכט. אָבער איך מיין, אַז צו צוויי קילאָגראַם אויף אַ קאָפּ.

צוויי קילאָגראַם... — באַרואיקט מען זיך. פאַר צוויי קילאָגראַם לוינט דאָ צו שטיין אַפילו צוויי מעת־לעת!

אַז איין הערינג בלויז קאָסט אויפן מאַרק זיבן מיט אַ האַלבן רובל! אויף פּופּצן שטיקלעך ווערט ער צעשניטן און יעדעס שטיקל קאָסט פּופּציק קאָפּיקעס! עס וועט זיין גענוג פאַר זיך און גענוג אויף צום פאַרקויפן און טוישן אויף אַנדערע פּראָדוקטן.

אמת, ביז מאָרגן וועט מען שוין אַ פאַס הערינג צעטיילן דורך דער הינטער־טיר, פאַ־בלאַטו, פאַר נאַטשאַלסטוואָ און פאַר אייגענע. אָבער אַפילו אויף אַנדערהאַלבן קילאָ הערינג לוינט אויך צו וואַרטן אַ טאָג מיט אַ נאַכט.

שטייט מען דערוויילע און מען זעטיקט־זיך מיט די גערוכן און מיט שמועסן וועגן פאַרשיידענע סאָרטן הערינג און ווי מען האָט זיי געמאַכט און געגעסן אין די גוטע צייטן...

דער אָטשערעד ווערט שיטערער. מיט די אויפגעשריבענע נו־מערן אויף דער האַנט, קען מען אַוועקגיין אויף אַ שעה־צוויי און צוריקקומען און ווידער אַוועקגיין. עס זענען דאָ פרויען, וועלכע שטייען גלייכצייטיק אין אַ דריי פיר רייען. זיי האָבן אויף ביידע הענט און אויף ביידע זייטן פון ביידע הענט אויפגעשריבענע נומערן פון יעדער ריי און אומעטום שטייען זיי צו האַלבע שעה, שפּאַצירנ־דיק פון איין ריי, צו דער אַנדערער.

— סאָפיאַ מיכאַילאָוונאַ! — פרעגט איין פרוי דער אַנדערער

— איר שטייט, דאַכט זיך מיר, אין אָטשערעד נאָך בוימל? יאָ? איז ווו האַלט מען שוין דאָרט?

— די דריי הונדערט פיר און אַכציקסטע איז שוין אַריין!

— האָב איך נאָך צייט. איך בין די אַכט־הונדערט־צענטע. און ווו האַלט מען דאָרט ביי די טיי מיטן זייף?

— דאָרט האָט מען ערשט אָנגעהויבן צו געבן. די ערשטע דריי־סיק מאַן זענען אַריין.

— און ביים נאַפט?

— האָט אויסגעפעלט. מען טיילט שוין נישט מער.

— אַ שאָד. אַ ביסל נאַפט וואָלט נישט אויסגעמאַכט. איצט וועל איך צוגיין צו מיין אָטשערעד נאָך רייז. איך וועל באַלד צוריק־קומען...

— די וויפלטע זענט איר דען דאָרט?

— די הונדערט איין און נייַנציקסטע.

— דאַרפט איר זיך טאַקע צוויילן.

לאָלאַ איז אַוועק אויף פראַבע און זיך אומגעקערט אין אַ צוויי שעה אַרום. איך בין געגאַנגען זוכן מאַכאָרקע און צוריקגעקומען אַ שעה שפּעטער. אַזוי זענען מיר געשטאַנען ביזן אָוונט. ווען לאָ־לאַ איז אַוועק צו איר אויפטריט אין קינאָ־פאָיע און צוריקגעקומען נאָך דער פאָרשטעלונג. עס האָט זיך זייער געוואָלט אַ שטיקל הע־רינג, דאָס האַרץ צו דערכאַפּן. עס וואָלט אַ צופּ־געטון ביי דער נשמה, ווי אַ גוטער טרונק בראָנפן!... — שטייען מיר ביז האַלבער נאַכט און באַשליסן, צו גיין כאַפּן אַ דרימל פון אַ צוויי שעה.

עך, דער פאַרשאָלטענער דרימל! מיין מאַמע פלעגט אָבער זאָגן, אַז אַ שלאָף איז אַ גנבֿ! און אַז ווער עס איז פויל, דער האָט נישט אין מויל... —

אָנשטאָט צוויי, זענען מיר אַריינגעשלאָפן געזונטע פיר שעה.

און אפשר זענען דאָ שולדיק די נערוון, וואָס מיר האָבן זיי איצט נאָכגעלאָזן, נאָך די צען טעג אָנשטרענגונג אין די אומרואיקע טעג און קאָשמאַרנע נעכט? — מיר זענען דאָס מאָל געשלאָפן גע־שמאַק און רואיק, ווי מען וואָלט גאָר קיין הערינג נישט געטיילט אויף דער ליכטיקער וועלט!...

און ווען מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט און הענדום־פענדום, צע־שויבערטע און אומגעוואַשענע געקומען צולויפן, — איז שוין גע־ווען צו־שפּעט. דאָס הייסט, קיין הערינג האָט מען נאָך אַפילו נישט

אַנגעהויבן צו טיילן, אָבער אַ „פּערעקליטשקאַ“ האָט מען שוין געמאַכט אַ נייע. מען האָט אויפסנייַ געשפּיגן אויף די הענט, אויסגעמעקט די נעכטיקע נומערן און אָנגעשריבן נייע. הערינג וועלן עסן די, וועלכע שטייען אין דער ריי און נישט די, וועלכע כראָפּען אויף זייערע געלעגערס!

שטעלן־זיך איצט צום סוף פון דער ריי, לוינט שוין נישט. מיר וועלן זיין די צוועלף־הונדערטסטע און פּאַר אַזוי פיל, וועט שוין קיין הערינג זיכער נישט קלעקן.

שטייען מיר שוין בעסער ביים איינגאַנג, וואָס איז נאַר־וואָס געעפנט־געוואָרן, און מיר קוויקן־זיך מיט יענעמס גליק.

— וואָס קריגט מען דאָ? — פרעגט אַ בירגערין, וועלכע איז אוודאי ערשט אויפגעשטאַנען און ווייסט נישט, וואָס אויף דער ליכטיקער וועלט טוט זיך.

און דער עולם ענטפערט געררייצט, מיט שפּאָט און מיט גאַל:

— וואָס מען קריגט דאָ? — געשוואָלענע פיס!...

— מיט אַ גוטע פאַרקילונג אַלס צולאָג!...

— כלים האָסטו דערויף?... כאַכאַכאַ!...

— זיך קוים אויסגעקראַצט צו קומען!... וואָס מען גיט!...

אין מאַגאַזין זענען אַריינגעלאָזן־געוואָרן די ערשטע דרייסיק מאַן. דאָס הייסט, אַז פון דער ריי האָבן זיך אַריינגעשטופּט קוים אַכצן און די איבעריקע — פון דער אַנדערער זייט.

אין דער אַנדערער זייט שטייען צענדליקער פראָנט־אינוואַלידן מיט קוליעס און גראָבע שטעקנס. זיי גייען אָן אַ ריי. די פּאָר מיליציאָנערן, וועלכע האַלטן אָרדענונג ביים אַריינגאַנג, וועלן נישט וואָגן זיך זיי אַנטקעגנצושטעלן. אַזאַ אינוואַליד קען זיי אַריינזאָגן אין דער מאַמעס מאַמע אַריין, שיקן אויפן פראָנט, וווּ ער האָט זיין בלוט פאַרגאָסן און צעברעכן זיין קוליע אָדער שטעקן איבערן מיליציאָנטס קאָפּ. און דעריבער האָט מען פאַר זיי גרויס דרך־ארץ. אָבער אויסער די אינוואַלידן, שטייען דאָרט סתם כוח־גייער, שטאַרקע, וועלכע קענען לייטיש אַרבעטן מיט מעסערס און שטאָט ציטערט פאַר זיי. עס שטייען דאָרט אויך אַזעלכע, וואָס מען ווייסט נישט, צי זיי זענען געהיימע ענקאַוועדעטשיקעס, אָדער זיי זענען בלאָט מיט די מיליציאָנערן ביי דער טיר. אַזוי־צי־אַזוי — זיי רייסן זיך אַריין אָן אַ ריי.

אַ מאַגאַזין, דאַרפט איר וויסן, איז נישט קיין טעאַטער און נישט קיין שפּאַציר־גאָרטן. דאָ גייט מען זיך נישט אַריין מיט קיין גע־

מיטלעכן שמייכל. אין אַ מאַגאַזין מוז מען זיך אַריינבאַקומען מיט עלנבויגנס, מיט קולאַקעס, מיט שפּייען און מיט קללות. מען מוז קעמפן און זיך דורכרייסן. דער אַריינגאַנג איז ענג־פאַרפּראָפּט מיט שטעקנס, מיט קוליעס, מיט הענט און מיט פיס. וועגן פּלייצעס רעד איך שוין נישט. און אַז מען איז שוין אינווייניק, קוים מיטן לעבן, איז מען צעפלאַמט און צעפּאַרעט, צעשויבערט און צעסאָפּעט, פאַר־שוויצט און אַזוי צעטומלט, אַז מען ווייסט נישט וווהין צו לויפן. די קנעפּלעך זענען אָפּגעריסן, די אַרבל — אָפּגעטרענט, די לאַצן — אָפּגעפּליקט און פון בלוזקעס זענען שוין נישט געבליבן מער ווי צויטן.

ערשט אינעווייניק דערפילט מען די פריער־באַקומענע קולאַ־קעס, שטורכעס, קניפּן און די זשמיעניעס אויסגעפּליקטע האָר פון קאָפּ. אָבער דאָ ווערט מען באַלוינט פאַר אַלע ליידן און מען אָטעמט פרייער אָפּ...

דאָס, וואָס ערגעץ אַנדערש וואָלטן געהייסן „פּראָבלעמען", זע־נען דאָ קיין פּראָבלעמען נישט. צום ביישפּיל, אַז מען האָט נישט באַוויזן מיטצוכאַפּן קיין כלים, אָדער קאָשיקעס (און קיין פּאַפּיר איז דאָך בכלל נישט בנמצא), — נעמט מען די אַנדערטהאַלבן קילאָ הערינג אין די הענט, אין די היטלען, אין די קאָפּ־טיכלעך, אין די פּאָלעס, אין די בוזעמס און אין די קעשענעס. מען פאָדערט נאָך, די פּאַרקויפערינס זאָלן נישט זשאַלעווען און צוגיסן מער לויג.

דאָס אַרויסגיין פון מאַגאַזין איז נאָך ערגער, ווי דאָס אַריינ־גיין. די הענט זענען דאָך פאַרנומען און מען קען נישט אַר־בעטן מיט די עלנבויגנס. מען שלעפּט די הערינג איבער אַלעמענס קעפּ און עס רינט איבער קעפּ און עס קאַפּעט איבער פּלייצעס. זעלטן ווער עס האָט פּאַריבל דערפאַר. מערסטנס זענען אַלע זשעד־נע. מען שטרעקט די הענט, עס זאָל אַריינקאַפּען אין די דלאָניעס און מען לעקט און מען איז זיך מחיה. אַנדערע שטעקן־אונטער די פּנימער, די אָפּענע מיילער מיט אַרויסגעשטאַרצטע צינגער, ווי דורשטיקע אין דער מדבר, ווען עס נעמט פאַלן אַ רעגן... אָבער די „מלאכים", פון וועלכע עס קאַפּעט דער לויג, גייען נישט, פליען נישט און שווימען נישט. זיי ווערן ממש אַרויסגעטראָגן און אַוועק־געשליידערט, ווי דורך מעכטיקע ים־כוואַליעס.

און אין מאַגאַזין רייסן זיך שוין אַריין אַ דרייסיק אַנדערע...

אין געדראַנג פון עולם, ווי בלודנע הינטלעך, דרייען־זיך הפקרע, באָרוועסע קינדער.

איינעם, אַ 9־יעריקן, געלינגט אַרויסצורייסן אַ האַלבן הערינג ביי אַ פרוי און אַנטלויפן.

ער האָט טאַקע באַוויזן צו כאַפּן אַ שפּיי אין פּנים און אַ זעץ מיטן פוס אין הינטער־חלק, אָבער ער לאַכט דערפון.

ער זעצט זיך קעגנאיבער אויף אַ טרעפּל און קייט דעם הערינג, ווי אַ גרויסער מבין אויף אַ גוטער זאַך.

נעבן אים שטעלט זיך אַוועק אַ פינף־יעריק באָרוועס מיידעלע מיט אַ פינגערל אין מיילכל. זי רעדט גאָרנישט, נאָר קוקט אים אָן ווי געשמאַק ער עסט און גריזשעט.

דאָס יינגל קאָן נישט פאַרטראָגן איר הונגעריקן, שטום־מאָנענדיקן בליק און ער בעט זיך ביי איר:

— קוק נישט אויף מיר! הער אויף צו גלאָצן, זאָגט מען דיר! גיי אַוועק!

דאָס מיידעלע רירט זיך נישט פון אָרט.

— טרעט אָפּ, בליאַד'! — שרייט ער שוין אויף דער פינף־יעריקער — גלאָץ נישט און לאָז עסן! גנבע אַזוי ווי איך, כאַפּ, וועסטו האָבן!

— איך בין נאָך צו־שוואַך. — פאַרענטפערט זיך די פינף־יעריקע — גיב כאָטש דעם קאָפּ אָפּצונאָגן.

— נאַ, בליאַד! כאַפּ! — טוט דאָס יינגל אַ שליידער דעם קאָפּ אין רינשטאָק אַריין.

— ספּאַסיבאָ! — באַדאַנקט דאָס מיידעלע, כאַפּט דעם הערינג־קאָפּ פון רינשטאָק אַרויס און נעמט אים גיריק קייען און נאָגן.

מיר ווילן שוין אַוועקגיין, אָבער פּלוצלונג דערקענען מיר אַ פּאָר היימישע פּנימער צווישן די אינוואַלידן. איינער איז דער בינע־לייטער גאַבע און די אַנדערע איז די אַקטריסע קלאָנדאַ בורפּילד. ביידע שטייען זיי מיט פאַרבאַנדאַזשירטע קעפּ, ווי נאָר־וואָס פון אַ שלאַכט־פעלד אַראָפּ און רייסן־זיך צום אַריינגאַנג.

אָבער זעט אויס, אַז נישט בלויז מיר האָבן זיי דערקענט, נאָר אויך עמיץ פון עולם. וואָרעם אָט האָט מען זיי אַראָפּגעריסן די באַנדאַזשן פון די געזונטע קעפּ און מען יאָגט זיי איבער דער גאַס מיט קלעפּ און מיט קולות.

— אַקטיאָרן, אין זייער מאַמען אַריין! געקומען אַהער פּאָר אונדז טעאַטער־שפּילן!...

— פּוילישע פּאַנעס, פאַרשאָלטענע! אין אָטשערעד שטיין פּאַסט זיי נישט!

— פאַר אינוואַלידן זיך פאַרשטעלט! אויפן פראָנט זאָלן זיי גיין!
— די קעפּ דאַרף מען זיי שפּאַלטן!

נאָר איינער, אַ סטאַבילער טענצער אין פּאַיע, פאַרטיידיקט זיי:

— רעביאַטאַ! אַקטיאָרן זענען אויך מענטשן. הונגעריקע קען מען נישט שפּילן! און אַז פּוילישע, איז וואָס? זיי האָבן סאָוועטישע פּעסער! בירגער זענען זיי! שלאָגט נישט, ברידער! אַז ענקאַוועדע לאָזט זיי דאָ לעבן, דאַרפט איר אוודאי נישט שלאָגן!

עס ווירקט. דער צעיושעטער עולם לאָזט זיי צו־רו און קערט זיך צוריק צו דער ריי.

⁂

פון דעסטוועגן איז אונדז נאָך, דעם זעלבן טאָג, באַשערט גע־ווען צו עסן הערינג...

ווען מיר זענען ביינאַכט אַהיימגעקומען, איז אונדז די אַלטיטש־קע באַלבאָסטע אונדזערע אַנטקעגן געגאַנגען אַ צעשטראַלטע:

— קינדערלעך, טייערע!... וואָס פאַר אַ יום־טוב עס איז היינט ביי מיר!... איך האָב דאָך הערינג באַקומען!...

— וואָס רעדט איר, באַבושקאַ?... איר זענט דאָך אַן אמתע גיע־ראָיניע, אַ העלדין!...

— וואָס פאַר אַ העלדין? אַן אַלטער, צעבראָכענער, ליימענער טאָפּ בין איך, אָט וואָס! נישט קיין העלדין. אָבער איך האָב באַקו־מען... הערינג אמתע... און אַזעלכע גוטע און שמעקנדיקע זענען זיי... איך זאָג אייך, אויסערגעוויינלעכע!... אָט, זעט: די פּעטס גיסט זיך פון זיי... נאָט, טוט אַ שמעק... וואָס רעד איך, אַ שמעק? — פאַר־זוכן מוזט איר! איך וועל אייך מכבד זיין...

— ניין, ניין, ניין! גאָט באַהיט, באַבושקאַ! איר זענט דאָך אַ גאַנצע נאַכט, אויף אייערע געשוואָלענע פיס, אין אָטשערעד גע־שטאַנען! ווי קענען מיר?

— קינדערלעך, נישט גוט! איר באַליידיקט אייער אַלטער באַ־בושקאַ! ביי מיר איז עס אַ יום־טוב אַ גרויסער, אַ פרייד! טאָרט איר נישט אָפּזאָגן... איר דאַרפט נישט באַליידיקן...

— אָבער באַבושקאַ...

— אָן אַן אָבער! איר האָט קיין רעכט נישט אָפּצוזאָגן. רוסישע מענטשן זענען מיר! טשעם כאַטאַ באַגאַטאַ. אַזוי איז אונדזער רו־סישע נאַטור. די היינטיקע יונגע מענטשן ווייסן נישט פון דעם, אָבער מיר, עלטערע, האָבן אַ ווערטל אַזאַ: „אַ גאַסט אין שטוב, איז ווי גאָט אין שטוב״... און כיבוד איז ביי אונדז אַ גרויס פאַרגעניגן...

דאָס האָט זי שוין גערעדט האַלטנדיק אַ גרויסן שמאַלץ־הערינג און שניידנדיק אים. די פעטס איז גערונען איבער אירע פינגער און אונדז איז געקומען די זאַפט אין מויל. דער גערוך האָט פאַריסן די נאָז, אָבער מיר האָבן זיך אַלץ געווערט.

ווי האָבן מיר עס געקאָנט פועלן ביי זיך וויסנדיק, אַז דאָס איז נישט קיין הערינג, נאָר בלוט און שווייס און טרערן! אַ גאַנצן מעת־לעת האָט דאָך די אַלטיטשקע אָפּגעליטן דעם אָטשערעד־גיהנום! ווי מעגן מיר הנאה האָבן פון אירע יסורים?!

אָבער דער באַבושקאַ איז עס אין לעבן געגאַנגען און מיר האָבן זי באמת נישט געטאָרט ווײ־טון. זי וואָלט אויף אַן אמת ברוגז געוואָרן.

קיין ברויט איז טאַקע אין שטוב נישט געווען, נישט ביי איר און נישט ביי אונדז, אָבער הערינג האָבן מיר געגעסן, די פינגער גע־לעקט און דער באַבושקאַ געקושט... זי איז זיך מחיה געווען, וואָס מיר האָבן אַזוי הנאה געהאַט פון איר כיבוד...

נאָכן עסן, האָבן מיר נישט געוואָלט נאָכטרינקען, כדי עס זאָל בלייבן אויף לאַנג דער טעם אין מויל...

אַ צוויי שעה זענען מיר שפעטער געלעגן אין בעט און אַלץ גע־רעדט וועגן דער פשוטקייט און האַרציקייט פון רוסישן פאָלקס־מענטש, וועגן זיין נישט־קאָמפּליצירטער נשמה און ברייטער נאַטור. צענדליקער און צענדליקער יאָרן פון נויט און גרויזאַמער קנעכט־שאַפט, טראָגט ער איבער מיט געדולד און ווערט נישט קיין בעסטיע. פאַרוואָס־זשע קומט עס זיי אַזאַ גיהנומדיק לעבן, אַזאַ געטראָטן־ווערן אונטערן שטיוול פון דער ענקאַוועדע?!

און שפעטער האָבן זיך מיר געקייקלט אין קאָפּ פעסער הערינג, וואַגאָנען הערינג, שיפן הערינג!...

און באַלד האָבן זיך די הערינג אויסגעשטעלט אין ראָטעס.

אַרמייען גאַנצע שמאַלץ־הערינג גייען איבער גרענעצן, קיין רוסלאַנד!...

אַרמייען שמאַלץ־הערינג קומען־אָן קיין אַשכאַבאַד, מאַרשירן איבער די גאַסן, קומען אין די שטיבער און לייגן זיך אַליין אויס אויף די טישן און צעשניידן־זיך אויף פעטע שטיקער: פּאַזשאַלויסטאַ, געניסט... באַליידיקט נישט... דערכאַפּט אייך דאָס האַרץ!... — — —

א קבר אין אשכאבאד

מיין מאַמע האָט פֿאַרמאָגט אַן אַלטן משפּחה־אַלבאָם פֿון אויסגעקראָכענעם גרינעם פּליוש, מיט אַ צעבראָכענעם מעשענעם שלאָס. אינעווייניק זענען געלעגן אַלטמאָדישע בילדער, פֿאַרפּלעקטע פֿון ווילגאָטש און באַזעצטע מיט געדיכטע פֿליגן־פּינטעלעך. דאָרט זענען געווען הדרת־פּנימדיקע זיידעס מיט שפּעדיקע בערד און ברייט־צעיוירעגע באָבעס מיט שנורן פּערל אויף די העלדזער און ברילִיאַנטענע הויבן, ווי מלכותדיקע קרוינען. פֿעטערס זענען דאָרט געשטאַנען מיט האַרטע קאָפּעליושן און לאַנגע סורדוטן און געהאַלטן שטעקנס אין די הענט. מומעס מיט היט, ווי די טשאַלנט־טעפּ, מיט ציטערשפּילקעס, טיף־דעקאָלטירטע קליידער מיט ברייטע קרינאָלינעס און געהאַלטן האָבן זיי אַלע בוקעטן בלומען, ביכער און וועליסאָפּעדן (בייסיקלעך)...

אָט דעם אַלבאָם פֿלעגט מיין מאַמע אַרויסנעמען תמיד, ווען עס זענען זיך צונויפֿגעקומען געסט. דאַן האָט זי געוויזן די בילדער און אויסגערעכנט דעם יחוס פֿון דער משפּחה.

איך פֿלעג דעם אַלבאָם נישט פֿאַרטראָגן, צוליב זיין ווילגאָטשגערוך. ווען איך האָב אים גענומען אין די הענט־אַריין, האָב איך געמוזט ניסן. אָבער ליב און טייער איז מיר דאָרט געווען איין פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון מיין טאַטן מיט מיינע פֿעטערס, ענלעכע איינער צום אַנדערן:

אויף אַ שטרויענער סאָפֿע, פֿאַר אַ קיילעכדיק שטרויען טישל, אויף וועלכן אַ ספֿר איז געלעגן, זענען דאָרט געזעסן דריי יונגע רבנים מיט יונגע בלאָנדע בערד, מיט יונגע קאַפּאָטעס, קאַמאַשן און שטייפֿע ,זיידענע יאַרמלקעס. דאָס איז געווען מיין טאַטע ע״ה, מיט זיינע צוויי ברידער, דעם עלטערן פֿעטער מאָטעלע און דעם יינגערן פֿעטער נפֿתּלי. און פֿאָטאָגראַפֿירט האָט מען זיך צו דער חתונה פֿון דעם יינגסטן.

דער זיידע מיינער איז געווען דער אַלטער ווילייקער רבֿ, נאָך וועלכן איך בין אַ נאָמען. כמעט אַ פֿערטל יאָרהונדערט איז ער אָפּגעזעסן אויף זיין כּסא־רבנות, וואָס זיינע זין, די יונגע רבנים, האָבן נישט געירשנט. עס איז געווען אַ שווערער חתונה צו מאַכן. איר חתן איז אויך געווען אַ רבֿ, — האָט מען די כּסא־רבנות אים אָפּגעטראָטן אַלס נדן. די דריי ברידער זענען זיך צעפֿאָרן אין ווייטע שטעט און איך האָב קיינמאָל מיינע רבנישע פֿעטערס נישט געזען.

יאָ געזען האָב איך איינמאָל דער מומע סאָניאַ, דעם פּעטער מאָטעלעס טאָכטער. זי איז געקומען צו אונדז, אויפן מינסקער שול־הויף, אויף אַן אומרואיקן פערד צו רייטן. געטראָגן האָט זי רויטע שטיוועלעך, אַ הויכע פּאַפּאַכע, פון אונטער וועלכער עס האָבן זיך אַפּירגעכוואַליעט אירע בלאָנדע קרויזן, אַ געפּאַסטע טשערקעסקע מיט צוויי געקרייצטע פּאַסן אויף דער ברוסט, באַזעצט מיט רע־וואָלווער־און ביקסן־קוילן. איןביידע זייטן זענען ביי איר געהאָנגען סיי אַ רעוואָלווער און סיי אַ קורץ און קרום שווערדל אין אַ גלאַנ־ציקער שייד. די באַוואָפנטע רבנישע טאָכטער האָט געלאַכט מיט אַ מויל פּערלדיקע ציין און מיט צוויי זוניק־צעשטראַלטע אויגן. איר וויזיט איז געווען אַ קורצער. אָנגעפּריידט־זיך, אָנגעקושט זיך, אָנ־געטיילט שאָקאָלאַד און צוקערקעס, — האָט זי זיך אַרויפגעכאַפּט אויף איר אומרואיקן פערד און אַוועקגעריטן גאַלאָפּ, איבערלאָזנדיק אונדז פאַרגאַפטע, אין אַ געדיכטן וואָלקן שטויב...

איך האָב זי מער קיינמאָל נישט געזען. מיר האָבן געוווסט, אַז זי האָט זיך פאַרליבט אין אַ קריסט, אויך אַ רעוואָלוציאָנער און זיי לעבן „נאָ וויאַרע". אַז ביידע זענען עולה־לגדולה געוואָרן אין מאָס־קווע. זיי זענען פּערזענלעכע חברים פון לענינען און טראָצקין און קומען אָפּט אין קרעמל אַריין.

איצט, ווען איך בין ווידער געקומען אַלס פּליט קיין רוסלאַנד, האָב איך נישט אויפגעהערט אַרומצוזוכן מיינע קרובים. איך האָב זיי געזוכט אין מאָסקווע און אין לענינגראַד, אין מינסק און אין כאַרקאָוו, אין קאַווקאַז און אַרום דער וואָלגאַ. איך האָב זיי אויך געזוכט אין טאַשקענט, דעם צענטער פון פּליטים. כמעט אַ העלפט פון רוסישן יידנטום האָט זיך דאָך עוואַקואירט קיין מיטלאַזיע... — אָבער איך האָב קיינעם נישט געפונען.

און דווקא דאָ, הינטער די הרי־חושך, אין ווייט־פאַרוואָרפענעם אַשכאַבאַד, ווו איך האָב זיך עס אַמווינציקסטן געריכט, — האָב איך געפונען מיין פּעטער מאָטעלע...

געווען איז דאָס אַזוי:

דער טיפּוס וואָס האָט געבושעוועט אין שטאָט, האָט שטאַרק פאַרערגערט דעם מצב פון אונדזער טרופּע, וועלכע האָט לייטיש גע־הונגערט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן קריגערייען צווישן די אַקטיאָרן און מוזיקער. די לעצטע האָבן געטענהט, אַז זיי ברענגען איצט די גאַנצע פּרנסה, שפּילנדיק צו די טענץ. זיי האָבן געפאָדערט העכע־רע געהאַלטן. זיי מוזן בעסער עסן, כדי כוח האָבן צו בלאָזן אין די

אינסטרומענטן. די אַקטיאָרן האָבן זיך נישט געלאָזן שפּייען אין דער קאַשע אַריין: פון וועןֿאָן קריגן עס קלעזמער גרעסערע געַ־האַלטן פון אַקטיאָרן? אַלץ דערפאַר, וואָס מען האָט זיי אַרויסגע־שלעפּט פון אָרקעסטער־לאָך און אַרויסגעבראַכט פאַרן פּובליקום, אויף דער עסטראַדע? ווייל מען האָט אָנגעטון דער קאַץ אַ שטריימל?!

— וואַראַ! יעדערער דאַרף געדענקען זיין פּלאַץ!

נאָר דער אַקטיאָר בערגמאַן, וועלכער האָט מער געלעבט מיט דער צייטונג, מיטן ראַדיאָ, מיט פּאָליטיק, האָט אַלע קריגערייען אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— הערט בעסער דעם נייעס־באַריכט! די „סוואָדקע" הערט! די דייטשן זענען שוין באַלד ביי דער וואָלגאַ! ביי סטאַלינגראַד! איר קריגט זיך וועגן אַ הייניטיקן רובל און איר טראַכט נישט, וואָס מאָרגן קען זיין! איי, קינדער, קינדער!... גיט בעסער אַ טראַכט, וואָס עס וועט זיין דעם זיבעצנטן... דעם זיבעצנטן...

פאַרוואָס ער האָט אַזוי כסדר איבערגעחזרט און אונטערגע־שטראָכן „דעם זיבעצנטן", ווייס איך נישט. אָבער אין דער טרופּע איז עס שוין געוואָרן אַ ווערטל, אַ וויץ. ווען עמיץ האָט עפּעס גע־פּאָדערט, דערוואַדערט, צי פּראָטעסטירט, האָט מען אים באַלד גע־ענטפערט:

— איי, איי, איי, גיב בעסער אַ טראַכט, וואָס עס וועט זיין דעם זיבעצנטן!...

און דעם זיבעצנטן איז טאַקע עפּעס געשען. מיט אים אַליין, מיט דעם האַרציקן אַקטיאָר בערגמאַן איז עס געשען.

מיט אַ פּאָר טעג פריער, האָט ער פלוצלונג היץ באַקומען. דער דאָקטער האָט אים תיכף אָוועקגענומען אין שפּיטאָל.

און דעם זיבעצנטן האָט מען אונדז אָנגעזאָגט, אַז בערגמאַן איז געשטאָרבן.

נאָכן פּאַלמעסן, האָט מען אים אונדז אַרויסגעגעבן פון טיפוס־שפּיטאָל און מיר האָבן אים געמאַכט אַ יידישע לוויה.

נאָך דער קבורה, זענען מיר נאָך אַ האַלבן טאָג אויפן בית־הקברות פאַרבליבן. מיר האָבן דאָך שוין מיט אים אַ גרעסערן שייכות געהאַט, ווי מיט דער לעבעדיקער שטאָט! וואָס פאַר אַ טרייסט און וואָס פאַר אַ האָפענונגען דערוואַרטן אונדז שוין דאָרטן? און ווער ווייסט, צי מיר וועלן נישט אייניציקווייז אַלע קומען אַהער, רוען בשכנות מיט אונדזער חבר! — — —

מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט איבערן פעלד, וואָס איז פאַרזייט

מיטן געביין פון פאַרוואָגלטע פון דער גאַנצער וועלט. אַן אויסטער־לישער בית־הקברות: עס איז איין גרויס פעלד, מיט באַזונדערע אינדזעלעך. אַ קאַטוילישע אינדזעלע, אַ פּראַוואָסלאַוונער אינדזעלע, אַ מאַכמעדאַנישער אינדזל און אַ יידישער. און דאָס גרעסטע פעלד איז דאָס סאָוועטישע. אויפן סאָוועטישן פעלד זענען די זעלבע מצבות, וואָס אויף די קריסטלעכע, נאָר אָנשטאָט צלמים, זענען אויסגעקריצט, אָדער פון אייזן אויסגעבויגן סערפּ־און־האַמער און דער פינפעקי־קער שטערן. איך האָב דאָ געלייענט פּוילישע אויפשריפטן, דייטשע, ענגלישע און פראַנצויזישע. אויף די מאַכמעדאַנישע קברים זענען מערסטנס קיין אויפשריפטן נישטאָ. און די, וואָס זענען דאָ, קען איך נישט לייענען.

און פלוצלונג רופט מיך אַ חבר:

— יצחק! קום נאָר אַהער! דאָ מוז ליגן דיינער אַ קרוב! זע די מצבה...

איך איל־צו און לייען־איבער די מצבה. יאָ, מיין טאַטנס ברו־דער, דער פעטער מאָטעלע, וועלכן איך האָב אַרומגעזוכט איבער גאַנץ רוסלאַנד.

איך האָב אַרומגעזוכט אַ לעבעדיקן פעטער און געפונען אַ מצבה, וואָס דערציילט, אַז ער איז דאָ געווען אַ רב, שוחט און מוהל און אַז ער רוט שוין דאָ איבער צוואַנציק יאָר.

האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין, קעגנאיבער דער מצבה, און גענומען טראַכטן: אויב דער פעטער מאָטעלע זצ״ל איז דאָ צו קבורה געקומען, האָט ער דאָך דאָ געלאָזן אַ משפחה. אפשר לעבט נאָך עמיץ פון זיי אין אַשכאַבאַד? און אויב זיי האָבן אַפילו פאַרלאָזן די שטאָט, דאַרף איך דאָך אויך געפינען דאָ אַ שפור פון זיי. אַלטע איינוווינער געדענקען דאָך דעם אַלטן רב. אפשר קאָרעס־פּאָנדירט עמיצער און האָט אַן אַדרעס פון דעם פעטערס אַ קינד? — איך מוז גיין אין שטאָט־אַריין און פאָרשן און זוכן.

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט און מיר האָבן זיך אומגעקערט „אַהיים". צומאָרגנס האָב איך זיך ענערגיש גענומען נאָכפרעגן אויף אַלטע יידישע איינוווינער. איין משפחה איז דאָ אַזאַ. זי וווינט אויף דער פּיערוואָמאַיסקע־גאַס און הייסט קאַצמאַן. איך בין אַהין אַוועק און געטראָפן אַן עלטערע פרוי.

— פרוי קאַצמאַן — האָב איך זיך געווענדעט צו איר אויף מאַמע־לשון — איך בין געקומען צו אייך מיט אַ בקשה. איך בין אַ פּליט פון פּוילן. געקומען אַהער מיט דער יידישער טרופּע פון ביאַ־

ליסטאָק. מיר האָבן נעכטן באַגראָבן אונדזערן אַ חבר, וועלכער איז דאָ געשטאָרבן פון טיפוס. אויפן בית־עולם האָב איך געפונען אַ מצבה פון הרב ר׳ מאָטעלע זצ״ל. אינטערעסירט מיך, צי עס איז דאָ געבליבן פון אים אַ משפחה. פון די אַלטע יידישע איינוווינער, זענט איר די איינציקע פאַמיליע אין שטאָט. אפשר ווייסט איר עפּעס וועגן דעם?

די פרוי קאַצמאַן האָט מיך לאַנג און פאַרשנד אָנגעקוקט.

— און וואָס אינטערעסירט עס אייך אַזוי?

— ווייל הרב ר׳ מאָטעלע זצ״ל איז געווען מיין טאַטנס ברודער, מיין פעטער. וויל איך וויסן, צי עס איז געבליבן משפחה. אויב יאָ, וויל איך זיי אויפזוכן, באַקענען...

—ווי הייסט אייער פאָטער?

— ער האָט געהייסן ר׳ אברהם־אהרן. שוין אַפּאָר־און־צוואָנציק יאָר, אַז ער איז אויפן עולם־האמת, אין מינסק. עס האָט געדאַרפט זיין נאָך אַ פעטער, נפתלי... — זאָג איך, צו באַווייזן, אַז איך בין טאַקע משפחה און נישט פון „יענע״... — איך ווייס, אַז דער פעטער מאָטעלע האָט געהאַט אַ טאָכטער סאָניאַ און מער ווייס איך גאָרנישט.

— און איר קומט פון פּוילן? און איר זענט אברהם־אהרנס זון?

— יאָ. און דער זיידע איז געווען דער אַלטער ווילייקער רב, ר׳ יצחקל און איך בין אַ נאָמען נאָך אים...

— אַזוי, אַזוי... איר זעט טאַקע אויס, ווי אַ קינד פון דער משפחה... און איך אַליין בין מיט אייך עיך משפחה, יונגערמאַן...

— יאָ? ווי אַזוי?!

— ר׳ מאָטעלעס מחותנתטע... זיין זון האָט חתונה געהאַט מיט מיין טאָכטער... זי האָט שוין צוויי זין... אייניקלעך... זיי זענען דאָ..: דאָס הייסט, מיין טאָכטער מיט אירע קינדער... איר מאַן און דער ברודער זיינער, ר׳ מאָטעלעס צוויי זין, זענען איצט אויפן פראָנט. אין באַקו האָבן זיי געוווינט ביז דער מלחמה.

— אין באַקו?! איך בין דאָך געווען פאַר דער מלחמה אין באַקו אַ חודש צייט! איך האָב עס נישט געוווּסט... אַ שאָד!... און די טאָכטער? סאָניאַ? מיט אַ קריסט, דוכט מיר, האָט זי חתונה־געהאַט?

— יאָ. זייער אַ ווילער מענטש. אין מאָסקווע זענען זיי. גרויסע לייט! אַהאָ! עס איז גאָרנישט צוצוקומען צו זיי...

— איז אפשר ווייסט איר עפּעס וועגן דעם פעטער נפתלי?

— יע. נעבעך אַן אָרעמאַן. זיי לעבן אין טשאַרדשוי, דאָ נישט ווייט.

דער „טשאַרדשזוי, דאָ ניט ווייט" איז מער ווי אַ מעת־לעת פאָרן, אָבער מיר אינטערעסירט:

— ווער איז דער „זיי"?

— נו, נפתלי מיט זיין פרוי. קען קינדער האָבן זיי דאָך ניט.

— אַהאַ. וואָ־זשע איז אייער טאָכטער? די קינדערלעך?

— זי אַרבעט. אַ קראַנקן־שוועסטער. אין אָוונט וועט זי זיין. קומט צוגיין אין אָוונט, וועלן שוין אַלע זיין, מיין מאַן, די קינדערלעך... אַזאַ גאַסט!.. אַ משפחה!.. עס וועט אונדז זייער פרייען...

און אין אָוונט בין איך שוין געגאַנגען מיט לאַלען אויף אַ וויזיט צו אונדזער משפחה...

וואָס־מיר עלנט? ווי־מיר פאַרוואָרפן הינטער די הרי־חושך? — אומעטום איז וועלט און אַשכאַבאַד איז אויך וועלט... אָט גייען מיר דאָך צו משפחה!...

און די משפחה האָט אונדז אויפגענומען מיט משפחהדיקער שמחה. אַלע זענען געווען: דער מחותן און די מחותנתטע, די טאָכטער — מיין פעטער מאָטעלעס חנעוודיקע שנור און אירע צוויי זינדעלעך, אַ צען און אַ צוועלף־יעריקער. צוויי ליכטיקע, גראַטענע יינגלעך. אַלע זענען געווען פריש־אָפּגעוואַשן, פריש־פאַרקעמט, מיט פרישע אויבער־העמדער און בלוזעס, נאָר־וואָס פון אונטערן פרעס־אייזן אַפּיר... די פאַדלאָגע איז געווען אָפּגעוואַשן. איבערן לאַנגן, שלש־סעודותדיק־אויסגעצויגענעם טיש, מיט אַ פרישן סערוועט־טישטוך פאַרשפּרייט, — האָט געבלענדעט אַ הונדערט־וואַטיקער הענג־לאָמפּ. מיר האָבן זיך געקושט און געווישט די אויגן, געשנייצט די נעזער און געקעמפט מיט דער שטיקעניש אין די גאָרגלען, — צו קענען רעדן אַ וואָרט...

דער קלוגער מחותן האָט די סיטואַציע געראַטעוועט:

— ע... קומט צום טיש... צום טיש... מירן שעים שפּעטער רעדן...

און מיר האָבן זיך אַלע געזעצט צום טיש.

דאָס איז געווען דער ערשטער טיש אין רוסלאַנד, ארום וועלכן איך בין געזעסן מיט אַ משפחה.

און אַ משפחה, מיין איך נישט דווקא אַן אייגענער. עס איז מיר נאָך בכלל דאָ נישט אויסגעקומען צו זען אַ משפחה אַרום אַ טיש. נישטאָ דאָ די טראַדיציע, אַז אַ משפחה זאָל עסן מיטאָג צוזאַמען. ביי אונדז פלעגט מען מיטן מיטאָג וואַרטן אויפן טאַטן. דער טאַטע האָט זיך נישט געזעצט עסן, אויב עס האָט געפעלט אַ קינד צום טיש און אַ קינד האָט נישט געוואַגט צו נעמען אַ שטיקל ברויט,

אָדער אַ לעפל אין דער האַנט אַריין, איידער דער טאַטע האָט גע־מאַכט אַ „המוציא״.

אָבער דאָ איז אַנדערש. עס איז נישטאָ קיין שבת און עס איז נישטאָ קיין יום־טוב. דער מאַן אַרבעט אין איין עק שטאָט און עסט אין זיין סטאָלאָווע. דאָס ווייב אַרבעט אויף אַ צווייטן פּלאַץ און עסט דאָרטן. דאָס זעלבע מיט די קינדער. און „וויכאַדנאָי״ (דעם אָפּרו־טאָג) קריגט דער מאַן מאָנטיק און דאָס ווייב — מיטוואָך. קינדער וועלכע לערנען, זענען פריי זונטיק. איז ווי־זשע זאָל מען יום־טובן צוזאַמען? ווי קען אַ משפּחה צוזאַמען גיין פאַרברענגען און ווי קען מען צוזאַמען זיצן אַרום אַ משפחה־טיש?

אָבער דאָ זענען מיר געזעסן, עלף אַ זייגער אין אָוונט, אַרום אַ יום־טובדיקן טיש, מיט דער גאַנצער משפּחה, אויסער די, וועלכע קעמפן אויף די פראָנטן. און געפילט האָב איך, אַז פאַר אונדזער כבוד וועגן, האָט מען זיך דאָ אַ גוטן קניפּ געטון אין דער באַק. ניין, מען האָט זיך ממש דעם האלדז איינגעשניטן! וואָרעם ווין איז גע־ווען און ברויט, פיש און זופּ און פלייש און פּרוכטן. אַ מאָנאַט אַר־בעט פון דער גאַנצער משפּחה, קאָן דאָך נישט קלעקן דערויף!

די געהאָרכזאַמע ייִנגעלעך האָבן נעבעך געקוקט אויף די מאַכלים און געקוקט אויף דער מוטער, צי זיי מעגן טאַקע עסן... און געגעסן האָבן זיי, די גוט־דערצויגענע, לאַנגזאַם, נישט־געכאַפּט, ווי זיי וואָלטן פון קיין הונגער נישט געוווּסט...

ווי אויסטערליש, ווי אויסטערליש: אַ מצבה־שטיין אויפן אַש־כאַבאַדער בית־הקברות האָט מיך צונויפגעפירט מיט אַ לעבעדיקער משפּחה!..

⁂

צו די שלושים האָט די טרופּע געשטעלט אַ מצבה אויפן קבר פון דעם חבר, וואָס איז געפאַלן אין וואַנדערוועג. דערפאַר טאַקע האָט מען, אויסער נאָמען און דאַטן, געלאָזן אויסקריצן פאָלגנדע צוויי שורות:

> שטערן בלאָנדזשען — שטערן פאַלן
> מיר לאָזן דיך איבער און וואַנדערן ווייטער

אָפיציעל איז נאָך נישט געפאַסט געוואָרן קיין באַשלוס און עס איז נאָך נישט געוועזן קיין שום אויסזיכט, צו וואַנדערן ווייטער. אָבער אין דעם אומגליקלעכן אַשכאַבאַד האָט מען זיך שוין געהאַט צו־לאַנג פאַרזעסן. און געפילט האָט מען, אַז וואָס לענגער מען וועט דאָ נאָך זיצן, אַלץ מער קרבנות וועלן מיר דאָ ברענגען. גענוג! אַוועק

פון דאַנען! אַנטלויפן! — האָט די וואַנדער־לוסט געפיבערט און גע־טרעוואָגעט אין אונדזערע געבלוטן.

אָבער... —

ווען די טרופּע איז געשטאַנען אַנטקעגן דער אַנטהילטער מצבה און געקוקט אויף די שורות מיט פייכטע שקיעה־אויגן, — האָט שוין די טרופּע געוווסט, אַז זי איז שוין קיין טרופּע נישט. אויך וועגן דעם איז קיין באַשלוס נישט געווען. אָבער געפילט האָט מען, אַז עס איז געענדיקט. די טרופּע צעפאַלט־זיך און לייזט־זיך־אויף. און אַז וואַנדערן ווייטער וועט שוין יעדערער באַזונדער, וווהין זיין גורל וועט אים פאַרטראָגן.

און כאָטש איינער פאַרן אַנדערן האָט זיך נישט פאַרטרויט, האָבן דאָך אַלע, מער־ווייניקער ,געוווסט וווהין יעדער איינער ציט...

אין יענע טעג האָט זיך די פּוילישע אַרמיי, אונטער דער אָנפי־רונג פון גענעראַל אַנדערס, אָנגעהויבן צו עוואַקואירן פון רוס־לאַנד, קיין פּערסיע.

די עשאַלאָנען קיין קראַסנאָוואָדסק, צו די שיפן אויפן קאַספּישן ים, זענען אַדורך דורך אַשכאַבאַד.

דער אָרקעסטער ווידער, האָט געמאַכט יד־אחת מיטן דירעק־טאָר. וואָס טויג זיי אַקטיאָרישע דאַרמאָיעדניקעס, ווען דער עיקר איז דזשאַז?... דער דירעקטאָר האָט טאַקע איינגעזען, אַז אַ בלוי־זער דזשאַז־אָרקעסטער איז ווינציקער קלאָפּאָט. עס איז לייכטער צו פאָרן, לייכטער צו קריגן וווינונגען, לייכטער צו קריגן אַרבעטס־פּלעצער און לייכטער צו פאַרדינען. ער וועט בלויז מיטנעמען אַ פּאָר סאָליסטן פון דער טרופּע, צום זינגען אַ לידל און דער קאָמפּלעט איז פאַרטיק. מען וועט פאָרן, אַרבעטן כל־זמן עס איז מלחמה, און פאַרדינען.

און עפּעס אַן אימפּרעזע מוז ער דאָך האָבן. וואָרעם אַלס די־רעקטאָר, איז ער „בראַנירט״ און ווערט נישט געשיקט צום פראָנט...

אלא, וואָס דען? — עטלעכע אַקטיאָרן וועלן דאָ בלייבן אויפן וואַסער? — איז ווער טראַכט עס איצט וועגן אַנדערע? — אַז מען ליידט אַ שיפס־ברוך אויף אַ צעשטורעמטן ים און מען שווימט און מען ראַנגלט־זיך מיט די כוואַליעס, — קעמפט יעדער איינער פאַר זיין אייגן לעבן און טראַכט נישט צו ראַטעווען דעם אַנדערן! —

ווישט מען זיך שטום די אויגן און מען לייענט:

מיר לאָזן דיך איבער און וואַנדערן ווייטער —

יאָ, יאָ. מיר וואַנדערן, מיר וואַנדערן. אָבער שוין נישט אַלס

טרופּע. שוין נישט צוזאַמען. יעדערער באַזונדער וועט וואַנדערן פון איצט און יעדערער — מיט זיין באַזונדערן גורל.

און ווער ווייסט, ווער — וווהין עס וועט דערוואַנדערן? — —

גיי איך־צו צום קבר פון מיין פעטער מאָטעלע. איך לייען די מצבה און זע די אַלטע פאָטאָגראַפיע אין מיין מאַמעס פּליושענעם אַלבאָם.

מיין מאַמע קען דעם גאַנצן יחוס: דריי ברידער זענען זיי געווען, דריי יונגע רבנים, מיט יונגע בערד, מיט יונגע קאַפּעטעס, קאַמאַשן און שטייפע יאַרמלקעס.

רוט מיין טאַטע אין מינסק, דער פעטער מאָטעלע — אין אַש־כּאַבאַד און דער דריטער, דער פעטער נפתלי, אים צו לאַנגע יאָר, מאַטערט־זיך אין טשאַרדזשוי.

מאַמע, מאַמע, אין דיין אַלבאָם ליגן דאָך אויך אַ פּאָר בילדער פון דיין פאַרוואָגלטן זון. נישט איינמאָל נעמסטו זיי ארויס און דו באַוויינסט מיך. איך ווייס עס, איך ווייס: איך פיל דאָך אַצינדער דיינע זודיקע טרערן, ווי זיי בריען אויף מיינע באַקן!

מאַמע, מאַמע. צי וועל איך נאָך זוכה זיין, צו דערוואָגלען צו־ריק אַהיים, אַנידערקניען פאַר דיר און אַוועקלייגן מיין מידן קאָפּ אין דיין שויס? — — — — —

מיט א וואַגאָן רייז
איבער הונגעריקע סטעפּעס...

דאָס צוגעזאָגטע פּעקעלע פון ארץ־ישראל איז אָנגעקומען און מיר האָבן געהאַט זאַטע און פריילעכע טעג.

אין פּעקעלע איז געווען אַ מענער־סוועטער און אַ פּאָר דאַ־מען־שיך, אַ וואָלענער מענער־שאַליק און אַ זיידן דאַמען־קאָפּטיכל, איין האַנדטוך, צוויי שטיקער וואַש־זייף, פיר קלעצלעך פּאָדעם און זעקס קאָנווערטלעך נאָדלען. — צוזאַמען אַ מאַגאַזין אַ גאַנצער!...

די אַלע זאַכן האָבן מיר נויטיק געדאַרפט האָבן פאַר זיך אַליין, אָבער ווער האָט זיך עס געקאָנט פאַרגינען?

מיר האָבן קוים געפּועלט ביי זיך, צו פאַרהאַלטן דעם האַנטוך, דעם סוועטער און אַ האַלב קאָפּ־טיכל.

יאָ, דאָס קאָפּ־טיכל איז געווען אַזוי שיין, אַז לאַלע האָט זיך נישט געקאָנט דערמיט צעשיידן. עס איז אָבער געווען גענוג גרויס,

אַז זי זאָל עס קענען צעשניידן אויף דער העלפט, אין דער קרום. איין דרייעק האָט זי זיך אָנגעטון אויפן קאָפּ און דעם אַנדערן — פֿאַרביטן אויף אַנדערהאַלבן קילאָ ברויט.

אויף די פּירקאַנטיקע שטיקער וואַש־זייף האָבן מיר פֿאַרקויפֿט מיט האַרץ־ווייטיק.

גיי, שפּיל זיך מיט סענטימענטן, ווען דער הונגעריקער מאָגן שפּילט אַ מאַרש!... מיר האָבן דערפֿאַר איינגעהאַנדלט אַנדערהאַלבן קילאָ שוואַרצן מעל און איין קילאָ שיטערן קעמל־פֿלייש, מיט אַ טרו־קענעם ביין אַלס צולאָג.

די גרעסטע סומע האָבן מיר באַקומען פֿאַר די דאַמען־שיך. די פּרוי פֿון אַן ענקאַוועדע־נאַטשאַלניק האָט עס אָפּגעקויפֿט. און ערשט דאַן, איז נאָך לאָלען געבליבן „סחורה”, צו שטיין אַ פּאָר טעג אויפֿן באַזאַר: עס איז נאָך געווען ווייסער און שוואַרצער פֿאָדעם און דינע נאָדעלעך מיט גאָלדענע אויערלעך.

איינציקווייז האָט זי זיי פֿאַרקויפֿט, אויפֿן שטיק.

מיטן האַלבן דרייעקיקן טיכל אויפֿן קאָפּ, איז זי געשטאַנען אײַנמיטן באַזאַר, ווי אַמאָל — אויף דער בינע פֿון דעם וואַרשעווער „באָוואָשטשי”־טעאַטער און געזונגען מיט אַ קלינגענדיקן מעצאָ־סאָפּראַן:

— איגאָלאָטשקי זאַגראַניטשניע! זאָלאָטיע אושקי!... — נאָדע־לעך אויסלענדישע! גאָלדענע אויערלעך!.. זעט זעט! דריי פּאָר אַ רובל! גאָלדענע, בירגערינס, קויפֿט!...

און די פּויערטעס האָבן זיך געקליבן אַרום איר און געפֿינטלט מיט די אויגן, ווי הינער, ווען זיי טרינקען וואַסער...

— ווירקלעך גאָלדענע!...

— נאָדלען מיט גאָלד גאָר!...

— אויסלאַנד איז משוגע געוואָרן, נישט אַנדערש!...

— דיעיסטוויטעלנאָ! דאָס לאַנד האָט געמוזט פֿון זינען אַראָפּ!...

— אַן גאָלד שטעכט נישט ביי זיי די נאָדל, כאַכאַכאַ!...

— מיט גאָלד נייען זיי!...

— אָט, לייכטזיניקע קעפּ! פּוסטע פֿאַרשווענדער!...

פֿון דעסטוועגן האָבן זיי געקויפֿט. נישט געקויפֿט, נאָר גע־כאַפּט, געריסן פֿון די הענט. דאָס איז שוין נישט געווען פֿאַר זיי קיין נוצלעכע נאָדעלעך צום נייען. ניין! דאָס וואָלטן זיי זיך נישט דערלויבט... — פֿאַר אַ קוריאָז האָבן זיי עס געקויפֿט, צום שטאָל־צירן מיט אַן אויסלענדיש שטיקעלע צירונג...

און ביסלעכווייז האָט זיך לאָלעס „מאַגאַזין סחורה" אויסגעלאָזן און מיר זענען געבליבן מיט ליידיקע הענט, ווי דאָס אַלטע פּאָר אין פּושקינס מעשהלע „דאָס גאָלדן פישל" — ביי דער פּוסטער, צעבראָכענער קאָריטע...

איז וואָס־זשע טוט מען ווייטער?

איך האָב זיך דערוווּסט, אַז די פּוילישע דעלעגאַטור אין אַש־כאַבאַד זוכט קאָנוואָיענטן, צו באַגלייטן טראַנספּאָרטן מיט קליידונג און שפּייז, צו פאַרשיידענע פּונקטן אין מיטל־אַזיע. די קאָנוואָיענטן דאַרפן נאַטירלעך זיין געוועזענע פּוילישע בירגער.

זינט דעם אָפּמאַך צווישן דער ראַטנמאַכט און דעם גענעראַל שיקאָרסקי, וועגן באַפרייען די אַרעסטירטע און פאַרשיקטע פּוילישע בירגער און אויפשטעלן אַ פּוילישע אַרמיי אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע, — זענען אויך געשאַפן־געוואָרן פּוילישע פאָרשטייערשאַפטן, דעלעגאַטורן, אין אַלע גרעסערע שטעט, וווּ נאָר פּוילישע פּליטים האָבן זיך קאָנצענטרירט.

די דעלעגאַטורן האָבן זיך מערסטנטייל פאַרנומען מיטן אויסטיילן שטיצע צו די באַפרייטע פּוילישע קאַטאָרזשניקעס און אַרעסטאַנטן, מיטן אויפשטעלן פּוילישע קינדערהיימען און מיטן דערמעגלעכן די רייזעס קיין קערמינע, צום שטאַב פון דער פּוילישער אַרמיי, פאַר די, וועלכע ווילן זיך מאָביליזירן. אויפן סמך פון די באַפרייאונגס־פּאַפּירן, וואָס יעדער געוועזענער קאַטאָרזשניק אָדער אַרעסטאַנט האָט פאַרמאָגט, האָט אים די דעלעגאַטור אויך אַרויסגעגעבן אַ נייעם פּוילישן פּאַס.

געהייסן האָט עס, אַז מיט אַזאַ פּוילישן פּאַס איז מען שוין אַן אומצווייפלהאַפטער פּוילישער בירגער, אויף וועלכן די סאָוועטישע „וואָיענקאָמאַטן" און ענקאַוועדע האָבן שוין קיין שליטה נישט. און דער עיקר: אַז די באַזיצער פון אַזעלכע פּוילישע פּעסער וועלן זיין די ערשטע, אויב נישט — די איינציק־באַרעכטיקטע, אומצוקערן־זיך אַהיים, ווען פּוילן וועט באַפרייט־ווערן פון דער דייטשער אָקופּאַציע.

און מיר האָבן געהאַט פּינפּיאָריקע סאָוועטישע פּעסער, וואָס האָבן אונדז פריער אויסגעהיט פון פאַרשיקונג און קאַטאָרגע און איצט — צוגענומען ביי אונדז דעם חלום און די האָפענונג פון יציאת־רוסלאַנד, פון אַרויסקומען אַמאָל צו דער פרייער און ליכטיקער וועלט.

לויטן סאָוועטישן מנהג, האָט יעדן וואַגאָן געמוזט באַגלייטן

אַ „פּראָוואָדניק". דאָס הייסט, אַ קאָנוואָיענט. אמת, דער קאָנוואָי איז נישט באַוואָפנט. אויסער אַ שטעקן וואָס ער נעמט זיך מיט, האָט ער מער גאָרנישט, מיט וואָס זיך אַנטקעגנצושטעלן גנבים און רויבער, וועלכע לויערן אויף די וועגן, אין די הונגעריקע סטעפּעס. אָבער אָפיציעל מוז זיין אַ קאָנוואָי און די פּוילישע דעלעגאַטור באַצאָלט דערפאַר נישט שלעכט.

מיך האָט עס אַ צי־געטון, צו מאַכן אַזאַ נסיעה.

נישט קיין געשעפטן האָבן מיך דאָ געצויגן, נאָר די האָפענונג צו קריגן אַ פּוילישן פּאַס. די היגע דעלעגאַטור קען מיר אַזאַ פּאַס נישט געבן. אָבער מען האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אויב איך וועל פאָרן אַלס קאָנוואָיענט, וועל איך קריגן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו דער סאַמאַרקאַנדער דעלעגאַטור, אַז מען זאָל מיך מקרב זיין און אַנט־קעגנקומען מיין בקשה...

האָב איך גענומען דעם בריוו און די פולמאַכטן און בין גע־וואָרן אַ קאָנוואָיענט...

⁂

איך בין אַרויסגעפאָרן מיט אַ וואַגאָן רייז קיין סאַמאַרקאַנד.

מיט אַ שנעל־צוג איז עס איבער אַ מעת־לעת רייזע פון אשכאַבאַד. אָבער מיטן פראַכט־צוג, האָב איך געוווסט, אַז איך וועל זיך דאַרפן שלעפּן דורך די זאַמדיק־צעגליטע מדבריות, מינימום אַ דריי מעת־לעת.

האָב איך מיטגענומען אַ נאַפט־מאַשינקע, אַ טשייניק, אַ טאָפּ, אַ ביסל בוימל און זאַלץ. קיין רייז פעלט מיר נישט, — וועל איך קאָכן זופּן און טיי און זיך לאָזן ווילגיין...

דער אַרויספאָר איז געוועזן אַ היימלעכער. וואָרעם איך האָב געהאָט בשכנות נאָך דריי „קאָנוואָיענטן", וואַרשעווער בחורים. זיי האָבן געפירט וואַגאָנען מעל, וועש און שיך קיין מאַרי און טשאַרדזשוי.

מיר האָבן כסדר געפירט הייטערע שמועסן, אַריבערשרייענ־דיק פון איין וואַגאָן צום אַנדערן:

— העי! לאַנגער לאָקש! — רופט מיך איינער פון די קאָנוואָי־קאָלעגן — וואָס ביזטו געווען אין דיין ערשטן גילגול?

— אַ באַטשאַן! — שריי איך צוריק.

— אַ באַטשאַן ביזטו היינט אויך! איך מיין, וואָס ביזטו גע־ווען אין דער היים? אין פּוילן?

— אַ שרייבער!

— אין אַ ביוראָ?

— ניין! אין ביכער!

— הער זיך אויף צו חכמענען! מען פרעגט דיך ערנסט: וואָס האָסטו געטון?

— געשריבן לידער!

— צום זינגען?!

— יאָ, צום זינגען אויך!

— איז רעכט אַזוי: פריער האָסטו געזונגען, איצטער טאַנץ!...

— איך טאַנץ, איך טאַנץ!... אוי, טאַנץ איך! און וואָס האָסטו געטון?

— אַ טענצער!.. כאָרעאָגראַפיע, ווייסטו וואָס דאָס איז?!

— איך ווייס! איך ווייס! פריער האָסטו געטאַנצט? — איצטער זינג!...

און מיין שכן האָט זיך נישט געפוילט און זיך צעזונגען מיט ווילדע קולות, איבערשרייענדיק דעם רעדער־געטראַסק און ווינט:

אַ דאַנק דעם טאָוואַרישטשל סטאַלינען,
פאַר אונדזער לעבן דעם גליקלעכן!...

דער דריטער קאָנוואָיענט האָט אַזש געמוזט אַריבערקלעטערן פון איין וואַגאָן, אין אַנדערן, כדי צו פאַרשפאַרן דעם „זינגער" דאָס מויל...

מיינע שכנים האָבן געהאַט פאַרמאַכטע וואַגאָנען, געדעקטע מיט דעכער. דערקעגן איז מיינער געווען אַן אָפענער לאַסט־וואַגאָן. איך האָב זיך דאָרט געמאַכט אַ באַקוועמען ליג־פּלאַץ צווישן די זעק רייז, מיטן ווייכסטן זעקל צוקאָפּנס.

אָט דאָס זעקל האָט געהאַט אַ געפּלאַצטן נאָט און איך האָב באַשלאָסן, צו ציען פון דאָרט מיין חיונה.

אַלץ איז געווען גוט, נאָר די זון האָט מיך פאַרשרפעט און פאַר־סמאַליעט.

איך האָב זיך געהאַט מיטגענומען אַ פּאָר ליידיקע זעק און אויס־געמייסטערט פון זיי אַ לייטיש דעכל איבער זיך. אָבער ווי נאָר דער צוג האָט גערירט, האָט עס דער מדבר־ווינט אַראָפּגעריסן, מיט אַ חוזקדיק געלעכטערל, און פאַרטראָגן עס ערגעץ, איבער די בערג קיין פּערסיע...

באַלד ווי מען פאָרט נאָר אַרויס פון אַשכאַבאַד, הויבט זיך שוין אָן דער מדבר. דאָס זענען די מדבריות קאַראַ־קום און קיזיל־קום וואָס

ציען־זיך פון קאַספּישן ים, ביז די קאַזאַכסטאַנער סטעפּעס. די זון האָט מיך באַלד אַ פּאַק־געטון און גענומען פּרעגלען.

האָב איך אויסגעטון דאָס העמד פון לייב און אָנגעטון אויפן קאָפּ. ביי אַ קלוגן מענטשן, איז דאָך דער קאָפּ דער עיקר... — דאַרף מען אים שיצן!

און וואָס וואָלט איר דען געטון אויף מיין אָרט?

איבערהויפּט איר — מענטשן מיט קעפּ אויף די אַקסלען?...

אמת, איינער אַ רעצענזענט האָט אַמאָל געשריבן, אַז מיין טאַלאַנט איז נאָך רוי. אָבער אָפּבאַקן אים אונטער דער טורקמענישער זון, האָב איך קיין חשק נישט געהאַט. בפרט נאָך, אַז מען קען קריגן אַ שאַרף־קריטישן זון־שלאַק. —

בין איך געשטאַנען אַ נאַקעטער אויפן באַרג רייז־זעק, מיט אַ שטיקל זאַק, אָנשטאָט אַ פייגן־בלאַט — אַרום די לענדן און מיטן העמד אויפן קאָפּ, אַרומגעוויקלט, ווי אַ ווילדער בעדואינער.

און אפשר האָט מיר בלויז געפעלט אַ מעסער צווישן די ציינער און אַ שפּיז אין דער האַנט, איך זאָל אויסזען ווי אַ ריין־ראַסיקער מענטשן־פרעסער...

פון דעסטוועגן, בין איך געשטאַנען און געציטערט פאַר יעדן סילועט, וואָס האָט זיך דורכגעשלייכט דורכן מדבר, אין דער נאָנט פון דער באַן־שינע... וואָרעם אַן אומבאַוווינטער מדבר איז טאַקע אומהיימלעך און איך וואָלט נישט געוואָלט וואַנדערן דורך אים צו־פוס. אָבער אַ מדבר, ווו עס שלייכן־זיך טונקעלע פאַרשוינען, וואָס קוקן־אויס רויב, איז אומהיימלעכער.

נאַקעטקייט אין דער מדבר איז קיין שאַנדע נישט, אָבער קיין פאַרגעניגן אויך נישט. וואָרעם אויסער דער זון, פּאַטשט דיר דער ווינט דיין נאַקעט לייב מיט הייסן שטויב און צעגליטן זאַמד, וואָס שטעכן ווי בינען און אַנדערע זלידנע אינזעקטן. עס גיט אַ ברי און אַ שטאָך, אַז איך שפּרינג אַזש אונטער און שריי:

— דא זדראַסטוועט סאָלנעטשנאַיאַ טורקמעניאַ!.. קיין ליי־טישער מענטש זאָל דיך נישט קענען!... אוי! אָט דאָס הייסט גע־שטאָכן!...

און איך האָב איינגעזען, אַז די טורקמענער ווייסן וואָס זיי טוען, זיך קליידנדיק, אין אָט די היצן, — אין פוטערס, וואַטענע קאַפּעטעס, שטריימלעך, אָדער קוימען־הויכע היט. איך וואָלט איצט אַליין, פאַר אַ וואַטענע קאַפּעטע מיט אַ פוטערנעם שטריימל, אַוועקגעגעבן אַלץ וואָס איך פאַרמאָג! דאָס הייסט — גאָרנישט...

ביי יעדן „ראזיעזד" שטעלט זיך דער צוג אָפּ, דערוואַרטן אַ „וואסטרעטשני".

איבערן מדבר ציט־זיך בלויז איין אייזנבאַן־ליניע, פּאָר צוגן וואָס קורסירן הין־און־צוריק. די „ראזיעזדן" זענען דעריבער קליינע סטאַציעלעך, מיט אַ דריי־פיר באַן־ליניעס, ווו איין צוג קען אויסמיידן דעם אַנדערן. אונדזער צוג בלייבט דאָ שטיין און וואַרט, אַז אַ שפּע־טער־אַרויסגעגאַנגענער פּאַסאַזשיר־צוג פון אשכאַבאַד, זאָל אים דאָ איבעריאָגן, אָדער אַ „וואסטרעטשני", אַ צוג פון דער קעגנגעזעצטער ריכטונג זאָל אָנקומען. דאַן וועט מען זיך־אויסמיידן און זיך ווידער צעפאָרן אין ביידע ריכטונגען פון דער איינציקער באַן־ליניע אין דער מדבר.

אַמאָל איז אַרום „ראזיעזד" פאַראַן אַ דערפעלע, אַן אַאול, אָדער בלויז אַ פּאָר קיביטקעס (ליימענע כאַטקעלעך), מיט אַ ביסל גרינס, וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַאַזיס. אָבער קיין וואסער איז דאָ נישטאָ און דאָס פאַרחלשטע גרינס איז שוין געלבלעך פון דורשט, אָדער גרוי ווי די ווילדע דערנער, באַדעקטע מיט שטויב. אַ ברונעם איז דאָ פאַרזונקען. אַ ברונעם מיט אַ בעטאָנענעם קאָפּ, וואָס טרינקט־זיך ביזן האַלדז אין אַנגעכוואַליעטע זאַמדן. אָבער אין דעם ברונעם קוועלט נישט דאָס וואַסער פון דער ערד. מען פירט־צו, יעדן טאָג, אַ וואַגאַן וואַסער און מען פילט אים־אָן. אַן אויפזעער צעטיילט שפּעטער דאָס וואַסער פאַר די אַרומיקע איינוווינער. אַ מאָס וואַסער פאַר יעדן נפש. ווערט דער ברונעם באַלד ווידער טרוקן און כאָרכלט, ווי מיט אַ דורשטיקן גאָרגל.

ביי יעדן „ראזיעזד" לויפן אונדז אַנטקעגן אַ כאָפּטע קינדערלעך, מוטערלעך־נאַקעטע, פאַרברענטע ווי גליאָוונעלעך. ווי טונקעלע מדבר־היהלעך זעען זיי אויס. זיי שטרעקן די הענטלעך און ווייזן אויף די אָפענע פיסקעלעך: עסן, עסן! און אַז מען וואַרפט עפּעס פון וואַגאָן אַרויס, אין זאַמד, באַפאַלן זיי עס און רייסן־זיך איבער דעם, ווי הינטעלעך, ווי וועלפעלעך.

עס קומען אויך אַרויס האַלב־נאַקעטע טורקמענערינס. זייערע בלויזע אָרעמס און בריסטן, פון טונקעלן לעדער־קאָליר, זענען באַצירט מיט צענדליקער בלעכענע בראַנסלעטן, מיט קייטן פון מטבעות, בלעכלעך און קאָלירטע שטיינדלעך. זיי שאָקלען מיט די היפטן, מיט די אָרעמס און בריסטן און די בלעכעלעך קלימפּערן, ווי די גלעקעלעך — אויף די קעמל־העלדזער. זיי לאַכן, שטשירען די

געלע ציין, ווינקען תאוהדיק מיט די ווייניקע אויגן און מורמלען אַ פיר־פינף פאַרגרייזטע רוסישע ווערטער:

— טוואיא כאראָשי... מאיא טוואָיא ליוביט... טוואיא קושאט, מאיא ליובאָוו...

מיינע קאָנוואָיענטן פאַרשטייען שוין וואָס דאָס מיינט. זיי שטרעקן־אויס די הענט, שלעפּן־אַריין די טורקמענערינס אין זייערע וואַגאָנען און פאַרזוקן די טירן.

דער מדבר אָטעמט הייס און בייז און קלאַפּט אין די פאַרמאַכטע טירן מיט ווינטיק־זאַמדיקע פויסטן.

שפּעטער רוקט זיך־אויף אַ טיר און מיין שכן שרייט צו מיר אַריבער:

— העי! באַטשאַן! ווילסט פאַרזוכן אַ מדבר־חיהלע?!...

— איך עס נישט קיין טשערעפּאַכעס!... — ענטפער איך.

— האָק נישט קיין קאָפּ! אַ טעפּל רייז וויל זי! פאַר אַ טעפּל לינדזן פאַרקויפט זי דיר די טורקמענישע בכורה!..

— מוחל די מציאות!

— העי! באַטשאַן! ביזט אַ מאַנצפּערשוין, צי אַ פּלאָקן?!

— אַ מלאך! אַ מלאך איז ער!... — רוקט שוין אַרויס דער צווייטער קאָנוואָיענט זיין צעשויבערטן קאָפּ און ענטפערט פאַר מיר.

— וואָס עפּעס אַ מלאך?

— ווייל ער איז גאָר קיין מענטש נישט!..

ביים צווייטן ראַזיעזד האָבן זיי אַרויסגעלאָזן די צוגעגעסענע טורקמענערינס, מיט קליינע זעקעלעך מעל און האָבן זיך באַלד אַריינגענומען אַנדערע.

אויף יעדן ראַזיעזד האָבן זיי געטוישט די חיהלעך און געלאַכט פון מיר:

— באַטשאַן! אַז דו עסט נישט פון עץ־הדעת, נאַכוואָס־זשע לעבסטו אויף דער וועלט?...

— פון על־חטא ווערט מען נישט פעט!..

— אויף יענער וועלט וועט ער שוין וועלן, אָבער אָט דאָס וועט מען אים געבן!...

— כאַכאַכאַ!...

און די חיהלעך האָבן געלאַכט מיט זיי צוזאַמען, שטשירענדיק מיט די געלע ציין.

פאַרנאַכט. דער צוג שלעפּט־זיך באַרג־אַרויף. דער לאָקאָמאָטיוו סאָפּעט מיט די לעצטע כוחות. צווישן בערג איז דאָס סאָפּען נאָך

שטאַרקער און דער רעדער־געטראַסק — הילכיקער. פון צווישן די זאַמד־בערגלעך טויכן־אַרויס אַ פּאָר טונקעלע סילועטן, וועלכע כאַפּן זיך אַרויף אויפן לעצטן וואַגאָן פון דעם דריטן קאָנוואָיענט. אין גערויש דאַכט זיך אונדז, אַז מען אַמפּערט זיך דאָרטן. און אָט שטעקט ער אַרויס דעם קאָפּ און רופט עפּעס צו אונדז. מיר פאַרשטייען, אַז עס איז אַ רויב־אָנפאַל און ער רופט הילף. — צעשרייען מיר זיך מיט אַלע כוחות:

— גערואַלד! גנבים! רויבער! ראַטעוועט!!!

די פּאָר טונקעלע סילועטן שפּרינגען־אַראָפּ און פאַרשווינדן צווישן די זאַמד־בערגלעך. אָבער ערשט דאַן, צעשרייט־זיך אויף אונדז דער דריטער קאָנוואָיענט:

— אידיאָטן! וואָס האָט איר געשריען, וואָס?! קונים זענען דאָס געווען! געוואָלט קויפן אַ זאַק מעל! אין אייער מאַמעס מאַמען אַריין! קאַליע געמאַכט מיר ס'געשעפט! וווּ וועל איך איצט נעמען אַ קונה? עס איז דאָך שוין באַלד מאַרי! גזלנים וואָס איר זענט!!!

מיר האָבן געשוויגן שולדיקע און זיך פאַרוקט — יעדערער אין זיין וואַגאָן.

איך האָב זיך אויסגעצויגן אויף מיין געלעגער און געקוקט צום טיפן, אויסגעשטערנטן הימל.

די מדבר־נאַכט איז אַ לופטיקע. עס ראַנגלען זיך דאָ שטויביק־הייסע ווינטן מיט קאַלטע און פרישע, ווי קוואַל־וואַסער. אַזוי מישן זיך אויך דער רויך מיט דער פּאַרע פון לאָקאָמאָטיוו, וואָס וועבדזלען מיך ווי אַ מאָגערן הערינג. די שטערן מיניען, וויגן־זיך און מיינע מידע בליקן הערן שוין אויף צו אונטערשיידן פון די שטערן, ביז די לאָקאָמאָטיוו־פונקען. די רעדער קלאַפּן ריטמיש, וויגן מיך איין מיט אַן אומעטיקן ליד און איך הויב־אָן דרימלען.

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך אינמיטן דער נאַכט. די וואַגאָנען מיט מיינע קאָנוואָיענטן זענען שוין נישט געווען. אַנשטאָט זיי, האָבן זיך נאָכגעשלעפּט וואַגאָנען מיט ברעטער און גלאָז. דאָס הייסט, אַז מען איז שוין פאַרבייגעפאָרן סיי מאַרי און סיי טשאַרדזשוי. מיר שטעלן זיך־אָפּ אויף אַ ראַזיעזד, וווּ אויסער אַ ליימענער קיביטקע, זעט זיך נישט קיין סימן פון קיין ישוב. ערגעץ קלאָגן שאַקאַלן און דער מדבר אָטעמט אומרואיק, ווי אַ דרימלענדיקער לייב.

פּלוצלונג דערהער איך אַ קאַראַבקען־זיך אויף מיין וואַגאָן, אַ שאָרכען און אַ גראַבלען. איך זעץ זיך האַסטיק אויף און עס בליצן מיר אַנטקעגן צוויי פּאָר גרינע אויגן, ווי פון וועלף.

— וואַניאַאַאַ!!! — גיב איך אַ געשריי — נעם די ביקס! קאַליאַ, דעם נאַגאַן! שנעלער!!!

די פיר אויגן פאַרשווינדן. איך הער אַ שפּרינגען פון וואַגאָן־אַראָפּ, אין ווייכן זאַמד און באַלד דערנאָך — ווי איינער זאָגט צום אַנדערן:

— זיי זענען דאָרט עטלעכע. עס לוינט נישט.

און דער אַנדערער ענטפערט:

— ביזט אַ טרוס! „עטלעכע"! עס איז אַנשטעל! געדאַרפט אַריינזעצן דאָס מעסער און אים שטיל מאַכן!

איך האָב זיך פאַרטייעט צווישן די זעק און געזען די צוויי סילועטן פון מעכטיקע צוויי פויערים. זיי זענען נישט אַוועק. זיי שטייען נאָך, ווי זיי וואָלטן זיך מישב־געווען, צי זיי זאָלן נישט צוריק אַרויפקלעטערן און פאַרוקן מיך אַ מעסער אין האַלדז. איך ציטער מיטן גאַנצן לייב, ווי אַ קראַליק. עס שטעכן מיך די האָר־וואָרצלען אין קאָפּ. איך קאָן נישט דערשטיקן מיין אומרוהיק־שנעלן אָטעם. וואָס וועט דאָ זיין?!

אָבער דאָ דערהער איך אַ שאַרפן פייף און אַן אימפּעטדיקן רעדער־געטראַסק. עס רוישט פאַרביי אַ באַלויכטענער שנעל־צוג. באַלד גיט אויך מיין לאָקאָמאָטיוו אַ פייף און אַ שלעפּ די שווערע וואַגאָנען. מיר פאָרן. אַ צו־לאַנגזאַם פאָרן. דאָס האַרץ קלאַפּט מיר שנעלער, ווי דער ריטם פון די רעדער און דאָך, איז שוין קיין סימן נישטאָ פון ראַזיעזד.

די צוויי סילועטן האָב איך פאַרלוירן פון אויג. איך ווייס נישט, ווו זיי זענען אַהינגעקומען. צי זענען זיי דאָרט פאַרבליבן אויפן ראַזיעזד, אָדער האָבן זיי זיך מיטגעכאַפּט און וועלן מיך באַלד באַפאַלן?!

דאָס נישט־וויסן ווו די רויבער זענען אַהינגעקומען, מאַכט מיך משוגע. איך האַלט מיר צו מיט איין האַנט דעם האַלדז און מיט דער צווייטער — דאָס האַרץ, — אָט די צוויי ערטער, ווו אַזעלכע פויערימלעך האָבן אַמליבסטן צו פאַרוקן אַ מעסער...

די פלייצע און די זייטן לאָז איך שוידערן אויף הפקר...

אַזוי האָב איך אָפּגעשוידערט אַרום אַ שעה, ביז עס האָט אָנגעהויבן טאָגן. ערשט איצט האָב איך דערזען, אַז די זעק רייז אַרום מיר, זענען נאַס פון מיין אַנגסט־שווייס.

איך האָב זיך באַרואיקט און דערפילט, אַז איך ציטער פון קעלט. אַרומקוקן מיין גאַנצן וואַגאָן.

ניין, זיי זענען נישטאָ... נישט אויף מיין וואַגאָן און נישט אויף די שכנישע. אַ שאָד, וואָס איך קאָן נישט אויסנווייניק די תפילה פון גומל־בענטשן...

איך האָב זיך באַרואיקט און דערפילט, אַז איך ציטער פון קעלט. צי איז טאַקע דער ווינטיקער פאַרטאָג אַזאַ קאַלטער, אָדער ציטערט עס מיין לייב, וואָס איז אויסגעוויקט אין אַנגסטן? — אַלץ איינס, מען קען כאַפּן אַ לונגען־אָנצינדונג. — היל איך זיך אַרום מיט אַ זאַק, פאַרוק זיך צוריק אין מיין נאָרע און רויכער.

און ווידער בלייבט מיר שטיין דאָס האַרץ און עס פאַרהאַקט זיך מיר דער אָטעם. ווי נאָר דער צוג האָט זיך גענומען שלעפּן לאַנגזאַמער, מיט אַ באַרג־אַרויפיקן סאָפּען, — האָב איך ווידער באַנומען, זייער דייטלעך, דאָס קריכן אויף מיין וואַגאָן, דאָס שאָרכען און גראַבלען.

ניין, איך בין שוין גאָר קיין העלד נישט געווען. און קיין חכם אויך נישט. איך בין אויפגעשפרונגען מיט באַנומענע קולות און גרייט געווען, צו שפּרינגען פון וואַגאָן און אַנטלויפן אין וויסטן מדבר־אַריין.

אָבער דאָ האָט זיך ווידער דערהערט דאָס שפּרינגען פון וואַגאָן, אין וווייכן זאַמד־אַריין.

עפּעס אַ לייכטער און אַ פּילצאַליקער שפּרינגען, ווי נישט פון מענטשן, נאָר פון חיהלעך.

איך בין צוגעלאָפן צום ברעג און דערזען, אַז דאָס זענען טאַקע נישט קיין דערוואַקסענע פויערים, נאָר קליינע קינדער, צען, צוועלף־יעריקע. באָרוועסע און נאַקעטע פלאַטערן זיי פון פאָרנדיקן צוג און — אוי! ווײַ איז מיר! דאַכט־זיך אַז — אונטער די רעדער אַרונטער!!!

ניין... זיי האָבן זיך געראַטעוועט... זיי זענען גאַנץ... פיר, פינף, זעקס יינגעלעך זענען דאָס. און די זעקעלעך זייערע האָבן זיי איבער־געלאָזן ביי מיר אויפן וואַגאָן, ביי אַן אויפגעשניטענעם זאַק רייז.

איך רוף זיי און זיי נעמען אומדרייסט לויפן. רוף איך נאָכאַמאָל און דערמוטיק. לויפן זיי שנעלער און יאָגן־אָן מיט די דאָרע פיסע־לעך, ווי פלינקע הינטעלעך. זיי סאָפּען נעבעך, אָבער אויפן וואַגאָן האָבן זיי שוין מורא אַרויפצוקלעטערן.

שיט איך שנעל אָן זייערע זעקלעך מיט רייז און שליידער פון וואַגאָן. יעדעס קינד כאַפּט זיין זעקלע און בלייבט זיצן אין זאַמד, אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות.

קאַגאַן איז אַ באַן־קנופּ־סטאַציע אויף דער ליניע אַשכאַבאַד — טאַשקענט. איך בין אָנגעקומען אַהער אויפן צווייטן אינדערפרי. איך בין אַריינגעפּאָרן צווישן צוויי לאַסט־צוגן מיט אַשכאַבאַדער טראַנ־ספּאָרטן און דערזען וואַגאָנען מיט היימישע קאָנוואָיענטן. זיי האָבן מיך באַלד אַרומגערינגלט מיט פראַגן:

— וואָס פירסטו?

— רייז.

— וווהין?

— קיין סאַמאַרקאַנד.

— האָסט עפּעס פאַרקויפט אויפן וועג?

— חלילה!

— יאָלד! מיר אַלע האָבן פאַרקויפט!...

— זאָל אייך זיין צו געזונט.

— און דו, ביזט טאַקע אַזאַ מלמד, אָדער דו מאַכסט זיך?...

— וואָס האָב איך זיך עפּעס צו מאַכן?...

— געוואַלד יידן! — האָט זיך איינער פון זיי אַזש געכאַפּט ביים קאָפּ — איך האָב דאָך גאָרנישט געוווסט, אַז אַזעלכע שלימזלדיקע ויזתא׳ס לעבן נאָך אויף דער וועלט!...

און איינער, מיט וועלכן איך קען זיך אַ ביסל נענטער, רופט מיך אָפּ אָן אַ זייט:

— האָסט טאַקע גאָרנישט פאַרקויפט?

— ניין.

— זענען זיי דאָך טאַקע גערעכט... דו טוסט אַ גרויסע נאַרעש־קייט! פון אַזאַ רייזע מוז מען אָפּלעקן אַ פעטביינדל! הער, איך האָב פאַר דיר אַ פאָרשלאַג: לאָמיר מאַכן אַ בייט. איך פיר זעק מיט מונדירן. נייע, טייערע פוילישע מונדירן! גיב מיר אַ זאַק רייז און איך וועל דיר געבן אַ זאַק מונדירן. וועסט עס פאַרצוקערן, זאָג איך דיר!

— ניין. איך וועל דאָס נישט מאַכן.

— אָט אַן עקשן! אָבער פאַרוואָס?!

— ערשטנס האָב איך מורא. אַזאַ שלימזל, ווי איך, כאַפּט מען תכף ביי דער האַנט... און איך וויל נאָך זיין אויף דער פריי... צווייטנס, האַנדלט זיך דאָ וועגן קריגן אַ פּאַס... קיין גנב וועלן זיי קיין פּאַס נישט געבן... איך האָב אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו...

— אַזוי?.. אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו?... כאָטש אַ ווייך שטיקל פּאַפּיר?... אָט דאָס איז דער בעסטער רעקאָמענדאַציע־בריוו!... —

נעמט ער אַרויס און ווייזט מיר אַ געשוואָלענעם פּאַק פון אַן עטלעכע טויזנט רובל — פאַר דעם קריגט מען אַלץ, אפילו אַ פּאַס!... דאָס האָב איך פאַרדינט ביז קאַגאַן. און פאָרן, פאָר איך קיין פרונזע... אַז איך וועל קענען, וועל איך אַ האַלבן וואַגאָן פאַרקויפן!... לאָמיר מאַכן אַ בייט, זאָג איך דיר! איך רעד צו דיר, ווי אַ חבר, ווי אַ פריינט!

— ניין.

— געדענק! ועסט חרטה האָבן! — איז ער אַוועק פון מיר אַ בייזער.

און צומאָרגנס, אין סאַמאַרקאַנד, האָב איך טאַקע גוט חרטה געהאַט.

באַלד ווי מיין וואַגאָן איז אַוועקגעשטעלט־געוואָרן אויף דער זייטיקער ראַמפּע, נעבן די פּוילישע מאַגאַזינען, זענען מיך באַפאַלן אַ האַלב טוץ פּוילישע בחורים, בעאַמטע און טרעגער און גענומען שלעפּן די זעק פון וואַגאָן. איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט ציילן. אָבער געשלעפּט די זעק האָט מען פון אַלע זייטן.

— גייט אַריין אין ביוראָ, עפּעס איבערבייסן — זאָגט מיר אַ בעאַמטער — איר האָט דאָרט הייסע קאַקאַאָ, זעמל מיט פּוטער... גייט, גייט...

— איך מוז דאָך ציילן!

— איך בין דאָ אַן אָפיציעלע פּערזאָן. איך בין פאַראַנטוואָרט־לעך — האָט ער געענטפערט אין אַן אָפיציעלן, האַלב־באַליידיקטן טאָן. — איר קענט גיין.

די ביוראָ איז געווען אין סקלאַד גופא. איך האָב זיך אַוועקגע־זעצט עסן אַ פרישטיק, וואָס איך האָב נאָך אין רוסלאַנד נישט געגעסן. פּוטער, סמעטענע, קעז, סאַרדינען, ווורשט און הייסן שאָקאָלאַד...

און אַ פּעקל אויסלענדישע סיגאַרעטן האָט מען מיר אויך אונ־טערגערוקט.

איך האָב געגרויכערט און געפּרוווט ציילן. אָבער מיט דער זעלבער אומאָרדענונג, מיט וועלכער מען האָט געשלעפּט די זעק פון וואַגאָן, האָט מען זיי דאָ צעשליידערט אין אַלע עקן פון סקלאַד, ווו ס'זענען שוין געלעגן הונדערטער אַנדערע זעק פון פריער.

אַלע זעק זענען ענלעך און גיי דערקען, וועלכע זענען מיינע און וועלכע — נישט!

נאָכן אויסטערלישן פרישטיק, בין איך געזעסן אַ צעיאַכמערטער, אַ מידער, אַ פאַרשיכורטער און כמעט נישט באַנומען, וואָס דער

כיטרער סעקרעטאַר טענהט צו מיר. כאָטש איבערגעחזרט האָט ער עטלעכע מאָל:

— דריי מיט אַ האַלבן זאַק פעלן. דעם האַלבן זאַק בין איך אייך מוחל. איך פאַרשרייב אים אַלס גאַנצן. אָבער דריי זעק פעלן. דאָ האָט איר אַ קבלה.

און ער גיט מיר אַ קבלה, אין וועלכער ער שרייבט, אַז עס פעלן דריי זעק רייז.

— סטייטש ?! איר שעכט דאָך מיך אַוועק! איך האָב דאָך אַליין געציילט! איך בעט אייך, לאָמיר ציילן נאָכאַמאָל. עס טאָר נישט פעלן!

— נו, ציילט... — ווייזט ער מיר אויפן ריזיקן מאַגאַזין מיט אומצאָליקע זעק פון פריערדיקע טראַנספּאָרטן — ציילט, אַז איר קענט... אָבער וואָס מאַכט איר אַזאַ טומל מיט אַ פּאָר זעק? מען וועט אייך נישט הענגען דערפאַר... ביי אייך אַלעמען פעלט צו עטלעכע זעק און פון דעסטוועגן טוט מען קיינעם גאָרנישט... איך פרעג אייך דען, וויפל איר האָט פאַרקויפט און וויפל איר האָט פאַרדינט? — נישט מיין עסק. אַזוי פיל האָב איך דערהאַלטן...

דער פּוילישער פאַרשטייער האָט מיך אפילו נישט אויפגענומען. דער סעקרעטאַר האָט מיר געגעבן די קבלה און אַ באַן־בילעט צוריק קיין אַשכאַבאַד. איך בין אַרויס אַ באַליידיקטער, אַ דערשלאָגענער און האָב זיך אַליין געזידלט מיט צענפאַך־ערגערע ווערטער, ווי די קאָנוואָיענטן אין קאַגאַן.

— אידיאָט! שלימזל! גולם ליימענער! — יענע האָבן געמאַכט זעק מיט געלט און וועלן אַהיימקומען מיט כבוד! און דו? — עך, שלימזל, שלימזל! נאָכוואָס לעבסטו אויף דער וועלט?

דער יידישער קאַפּיטאַן
אין זוניקן טאַדזשיקיסטאַן...

מיר זענען שוין אין סטאַלינאַבאַד, אין דער הויפּט־שטאָט פון „זוניקן טאַדזשיקיסטאַן".

די טרופּע איז זיך צעפאַלן. אַ פּאָר אַקטיאָרן האָבן געהאַט פּראָטעקציע און זיי זענען מאָביליזירט־געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי. אַ פּאָר זענען פאַרשיקט־געוואָרן אין אַ סאָוויעטישן אַרבעטס־באַטאַליאָן און די איבעריקע זענען שטעקן־געבליבן אין אַשכאַבאַד.

אַהערגעקומען זענען מיר מיט אונדזער דזשאַז־אָרקעסטער, צו

וועלכן דער דירעקטאָר האָט נאָר אנגאַזשירט אַ פּאָר סאָליסטן. זיי טרעטן־אויף, יעדן אָונטס, אויף דער עסטראַדע, וואָס ביי דעם טאַנץ־פּלאַץ, אין פּאַרק פּאַר קולטור און אָפּרו.

אין סטאַלינאַבאַד איז עטוואָס קילער, ווי אין אַשכאַבאַד. די לופט איז דאָ אַ מילדערע, אַ ווייכערע. עס רינגלט־אַרום דער שטאָט אַ קייט פון הויכע בערג, מיט אייביקן שניי אויף די רוקנס. און די ווינטעלעך, וואָס קומען פון דאָרט אַנצופלאַטערן, פרישן־אָפּ דעם דורשטיקן אָטעם...

אויסער דער אַלטער טאַשקענט, זענען כמעט אַלע הויפּט־שטעט פון די „זוניקע סטאַנען" יונגע, נייע און בלענדיק־ווייסע. די אַספאַל־טירטע גאַסן זענען ברייט און לאַנג, אָבער די הייזער זענען זייער שיטער צעוואָרפן. מערסטנטייל זענען דאָס איין־שטאָקיקע הייזער און ליימענע „קיביטקעס". צוויי־שטאָקיקע הייזער זענען שוין דאָ אַ זעלטנקייט. און פון איין הויז צום צווייטן, ציט־זיך אַ פּלויט פון הונדערטער מעטער לאַנג. הינטער די פּלויטן זענען גערטנער, סעדער, וועלדעלעך און וויסטע פּלעצער.

ווען עס איז געקומען דער באַפעל צו שאַפן הויפּט־שטעט פאַר די נייע רעפּובליקן, — האָט מען עס פּלאַנירט אין איילעניש און געשאַפן. מען האָט שנעל אויסגעפירט דעם פּלאַן, די אויפגאַבע. מען האָט פאַרפּלאַנצט אַלעען און פּאַרקן, אויפגעבויט אַ טעאַטער, אַ שולע, אַ פאַבריק און אַן ענקאַוועדע־בנין און די הויפּט־שטאָט איז פאַרטיק...

די געשיכטע פון דעם טאַדזשיקישן פאָלק האָב איך נאָך נישט געלערנט, אָבער אין דער געשיכטע פון טורקמעניע האָב איך שוין אַריינגעקוקט און איך ווייס זייער יחוס: דאָרט ווערט דערציילט, אַז דאָס טורקמענישע פאָלק שטאַמט פון אַ ווילדן שבט, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט רויבעריי. דער שבט האָט געלעבט אין מדבר, ווו ער איז באַפאַלן סוחרישע קאַראַוואַנען, געמאָרדעט און גערויבט. פון דעסטוועגן זענען־אויס די טאַדזשיקן ווילדער און רוצחישער פון די טורקמענער, כאָטש פון זייערע קיין רציחות הערט מען לעצטנס נישט. אַלע רויבערייען ווערן דאָ געמאַכט דווקא פון די עוואַקואירטע, פון דער אָדעסער און זאַפּאָראָזשער אונטערוועלט.

אין ראַטנפאַרבאַנד פירט־זיך, אַז ווען מען קומט אין אַ נייער שטאָט, איז די ערשטע פראַגע:

— וואָס קריגט מען דאָ?

און דער ערשטער גאַנג איז צום באַזאַר.

דאָרט טרעפט מען פּליטים פון אַלע עקן פּוילן, באַפרייטע אַרעס־

טאַנטן, לאַגערניקעס פון די ווייטסטע העקן פון „מאַטושקאַ ראַסייאַ״. מען טרעפט פּריינט, קאַלעגן, באַקאַנטע. מען גיט זיך אַפּ גרוסן, מען דערוויסט־זיך נייעס, מען גיט אייך אַן עצה און איר ווערט געטרייסט...

בין איך אויך אַוועק אָנקוקן דעם סטאַלינאַבאַדער באַזאַר.

צווישן דעם אַשכאַבאַדער פּוסטן און שלעפּעריקן באַזאַרל און דעם סטאַלינאַבאַדער רוישיקן באַזאַר איז אַזאַ אונטערשייד, ווי פון אַ פאַרשימלטן רינשטאָק, ביז אַ צעשטורעמטער אַזיערע. פון אַלדאָס־גוטס איז דאָ פאַראַן: צוקער, מעל, רייז, גרויפּנס, פּוטער, פלייש, מלבושים און ווייס־צייג.

אויסער די טאַדזשיקישע קאַלכאָזניקעס, איז דאָ אַ גאַנצער פעל־קער־יאַריד. אַלע האַנדלען, קויפן און פאַרקויפן. אַמריריעוודיקסטן זענען די באַפרייטע לאַגערניקעס און די פראָנט־אינוואַלידן.ביידע גרופּעס האַלטן זיך אָבער פון דערווייטנס.

איך דערקען עפּעס אַ היימיש פּנים און פאַרליר אים באַלד פון אויג. עס איז אַן ענגשאַפט, אַ געדראַנג און איך גיי נישט, נאָר די מאַסע טראָגט מיך. איך בין אַריינגעצויגן־געוואָרן מיטן שטראָם אין געדיכטן מענטשן־געווירבל און קאָן זיך נישט אַרויסבאַקומען.

וואָס געשעט דאָ, ווען עמיצן ווערט שלעכט? ווען אַ שוואַנגער־פרוי באַקומט ווייען? עס איז דאָך — — —

פּלוצלונג ווערט דאָס שטויסעניש האַסטיקער, נערוועזער, ממש — אַ פּאַניק. עס דערהערן־זיך שיכורע קולות און הילפס־רופנדיקע געוואַלדן. איך וויג־זיך אין קלעם און פרעג אַ דערשראָקענער:

— וואָס איז געשען?!

— גאָרנישט... פּוסטיאַקי!.. — ענטפערט מיר אַ בלאָנדער, הויכער רוס — מען שלאָגט אַ ביסל יידן..

— ווער שלאָגט?! פאַרוואָס?!

— מענטשן שלאָגן... — ענטפערט ער מיט אַ ציניש שמייכעלע, קוקנדיק מיר שאַרף אין פּנים־אריין — „פאַרוואָס״ פרעגט ער... וויל יידן!...

איך וויל זיך פון אים דערווייטערן און קאָן נישט. די מענטשן־מאַסע שטויסט אונדז נאָך צוזאַמען און איך פאַל אין זיינע אָרעמס. אָט באַלד וועט ער... — ניין... צום גליק, האָט זיך אַ מעכטיקער שטראָם אַדורכגעריסן צווישן אונדז ביידן. דער מאַרק האָט זיך אַ וויג־געטון און די מאַסע האָט זיך צעכוואַליעט. איך בין אָפּגע־טראָגן־געוואָרן פון איין צרה און דערשווומען צו אַ צווייטער. ניין,

טאַקע צו דער ריכטיקער! איך בין איצט אין סאַמע צענטער פון די געשעענישן.

עס האָט זיך געבילדעט אַ קרייז אַרום דעם שלאַכט־פּלאַץ און איך בין איינגעפּלאָכטן אין דער סאַמע ערשטער ריי פון דעם רינג!

יאָ! מען שלאָגט יידן! גאָט! עס איז דאָך אַ פּאָגראָם!

עטלעכע שיכורע, צעיושעטע אינוואַלידן הינקען־אַרום און האַקן מיט זייערע קוליעס און שטעקנס איבער די קעפּ פון די באַפרייטע לאַגערניקעס. דער גאַנצער פּלאַץ איז באַשאָטן מיט סחורה. מען טרעט אויף מלבושים, אויף וועש, אויף צוקער, רייז און מעל. די יידן לויפן־אַרום אין געשלאָסענעם קרייז, זוכנדיק אַן אַנטרינונג און קיין אַנטריי־נונג איז נישטאָ! וווּ־נישט־וווּ גיט נאָך עמיץ פון קרייז אַ שטויס דעם יידן צוריק, אַ זעץ מיטן פוס. דער ייד פאַלט און דער צעיושעטער אינוואַליד נעמט דרעשן זיין לייב מיט דער הילצערנער קוליע.

און די מאַסע הירזשעט, די מאַסע איז צעכאָכאָטשעט. מען מונ־טערט די כוליגאַנעס, ווי די גלאַדיאַטאָרן, ווי אָקסן־קעמפער, מיט אויסרופן:

— שלאָגט זיי, ברידער!...

— הרגעט זיי, די פאַרשלאָטענע!...

— אָך, גוט דערלאַנגט!.. יעי באָגו, גוט!...

— כהאָ־כהאָ־כהאָ!..

און קיין איינער, קיין איין און איינציקער נישט, פון די סאָוויע־טישע מענטשן, שטעלט זיך נישט איין קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס!

מאַרקס, ענגעלס, לענין, סטאַלין, האָט איר עס דעם פאָלק אין דער פּאַרטיי געלערנט? אין קאָמסאָמאָל אַזוי דערצויגן? — מען וועט דאָך זיי לינטשן! אָ, גאָט! עס פליייצט דאָך בלוט!

דער ערשטער שטראָם בלוט האָט מיר פאַרטונקלט די אויגן, פאַרפינסטערט די געהירן. איך האָב דערפילט אַ שוואַכקייט אונטערן האַרצן און אַ מישעניש אין קאָפּ. וואָלט איך נישט געווען אַזוי איינ־געקלאַמערט אין דעם רינג, וואָלט איך געפאַלן און צעטראָטן און צעדראָשן געוואָרן. אָבער איך שטעק אַ פאַרקלעמטער, האָב אַ צעפראַלט מויל און צי לופט מיט אַלע כוחות, כדי איך זאָל נישט חלשן.

פּלוצלונג טוט אַ הילך אַ מוטיקע שטים:

— רעביאַטאַ! וואָס פאַר אַ געמיינהייטן מאַכט איר דאָ?! ווי וואַגט איר?! הערט אויף!!!

איך הויב־אויף דעם קאָפּ און דערזע אַ מעכטיקע פיגור אויף

אַ סטראַגאַן־טיש. אַ הויכער אָפיצער שטייט דאָרט מיט צעשפּרייטע פיס, מיט אויסגעביילטע הענט, מיט אַ טוץ מעדאַלן אויף דער ברוסט און ער שרייט:

— פּרעקראַטיטיע! פּרעקראַטיטיע סוואָלאָטשי!!!

די צעיושעטע אינוואַלידן לאָזן־אָפּ זייערע קרבנות און בלייבן שטיין אַ רגע, ווי אויסגעניכטערטע פון שיכרות. אָבער מער ווי אַ רגע געדויערט עס נישט און איין אינוואַליד טוט אַ רוף מיט חוצפּה:

— און ווער ביזטו דאָס אַזעלכער, האַ?!

און די איבעריקע האַלטן אים אונטער:

— ריכטיק! וואָס קומסטו אַהערצו באַפעלן? וואָס טוסטו דאָ? פאַרוואָס ביסטו נישט אויפן פראָנט, האַ?!

— ווער איך בין?! זעט, סוואָלאָטשי!!! — קלאַפּט זיך דער אָפיצער אין דער ברוסט מיט די מעדאַלן, אָרדנס און צייכנס פון באַקומענע וווּנדן — פון פראָנט קום איך אַצינדער! פון פראָנט!!! דער שונא מאַכט חרוב דאָס פאָטערלאַנד און איר הוליעט דאָ און טוט אָפּ געמיינקייטן!!!

— וואָס פאַר אַ געמיינקייטן, טאָוואַרישטש קאַפּיטאַן? — פאַר־ענטפערט־זיך אַ שיכורער אינוואַליד, ווי אַן אומשולדיק חדר־ייִנגל — דאָס זענען דאָך ייִדן! ספּעקולאַנטן, אין זייערע פאַרשאָלטענע מאַמעס אַריין!

— איז שלאָגט מען זיי אַ ביסל.. — האַלט אונטער אַ צווייטער.

— פאַר פרייִלעכקייט־וועגן, טאָוואַרישטש קאַפּיטאַן!...

— מערזאַווצי! שוין, די מינוט זאָלט איר זיך צעגיין! — באַפעלט דער אָפיציר.

— דאָ איז נישט קיין פראָנט, טאָוואַרישטש קאַפּיטאַן! אינוואַ־לידן זענען מיר! דאָס בלוט פאַרן פאָטערלאַנד פאַרגאָסן! אונדזער חוב געטון! און איצט, גיב אונדז נישט קיין באַפעלן! מירן דיר דאָ נישט פאָלגן סיי־ווי!

— ריכטיק, טאָוואַרישטש קאַפּיטאַן! מיר וועלן זיי נאָך אַ ביסל צושלאָגן און נאָכדעם וועלן מיר זיך רואיק צעגיין... — בעט זיך אַ דריטער.

— יאָ, נאָך אַ קליין ביסל, טאָוואַרישטש קאַפּיטאַן! יעי באָגו, מיר וועלן זיך נאָכדעם רואיק צעגיין!..

— דאַוואיטיע רעביאַטאַ! — און זיי גיבן ווידער אַ הויב זייערע קוליעס.

— יידן! לאָזט זיך נישט! דערלאַנגט צוריק!!! — רופט פּלוצ־לונג אויס דער אָפיציר אויף מאַמע־לשון.

— זשיד??? — בלייבן די אינוואַלידן שטיין איבעראַשטע און קוקן זיך איבער.

— זשיד!!! —גיט אַ רעווע די גאַנצע בלוט־דורשטיקע מאַסע.

— יאָ, איך בין אַ ייד! — שרייט מוטיק דער אָפיציר — און איר זאָלט זיך צעגיין, וואָרן איך אייך! די מינוט זיך צעגיי־יי־יי־יין!!!

— אַזוי... אַ זשיד גאָר!!.. — שרייט דער ערשטער כוליגאַן — און אויפן פראָנט, זאָגט ער, דער פאַרשאָלטענער, איז ער געווען... אויף וועלכן פראָנט? האַ?... אויפן טאַשקענטער, צי אויפן בוכאַ־רער?!...

— כהאָ! האָ! האָ!... — הירזשעט די מאַסע.

— און די מעדאַלטשיקעס דיינע, די אָרדנלעך ווו האָסטו זיי געקויפט? אויף וועלכן באַזאַר, האַ?!...

— כהאָ! כהאָ!...

— וואָס טענהט איר מיט אים, ברידער? שלאָגט בעסער די זשידעס! דערלאַנגט זיי!..

— סוואָלאָטשי! שלאָגן ווילט איר?! איך בין אַ ייד, איר צוויגי־שע זין! אנו! הויבט־אָן פון מיר!... — פאָדערט דער אָפיציר.

— און מיר וועלן אָנהויבן!.. — ענטפערט דער ערשטער אינ־וואַליד.

— און מיר וועלן טאַקע אָנהויבן!... — שרייט אַ צווייטער — די מעדאַלטשיקעס גיב אַהער!

— פּראַווילנאָ! די געקויפטע אָרדענס זאָל ער אויסטון!..

— קומט אהער, וועל איך זיי אייך געבן!... — רופט־אויס דער אומדערשראָקענער אָפיציר און כאַפּט־אַרויס זיין רעוואָלווער — נו, נענטער קומט, פּחדנים!...

— מיר האָבן שוין געזען רעוואָלווערן, געזען!...

— מיט אַ רעוואָלווער סטראַשעט ער!...

— דערלאַנגט אים, רעביאַטאַ!

— אַנו, פּרובירט דערלאַנגען!... אַ קויל אין קאָפּ וועל איך געבן! יעי באָגו! איך וועל געבן אַ קויל אין...

אין דעם מאָמענט, האָט אים אַליין געטראָפן אַ ברעט אין קאָפּ, וואָס עמיץ האָט פון הינטן געשליידערט.

דער אָפיציר האָט זיך אַ וואַקל־געטון און איז אַראָפּגעפאַלן פון טיש, צו די כוליגאַנעס, ווי אין אַ לייבן־גרוב אַריין. ער האָט זיך,

אָבער, באַלד צוריק אַ שטעל געטון אויף די פיס און אויסגעשאָסן אינדערלופטן.

— סוואָלאָטשי! צעשיסן וועל איך אייך! ווי די הינט צעשיסן!

— האָט ער שוין איצט געשריען אַ צווילדעוועטער, דרייענדיק־זיך מיטן רעוואָלווער אין אַלע זייטן.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ גערויש פון האַסטיק־אָנפאָרנדיקע מאַשינען. די מאַסע האָט זיך אַ צעוויג־געטון. איך האָב דערפילט אַ לערקייט אַרום זיך און איך בין אומגעפאַלן.

עס איז געוואָרן אַ פאַנישער געלויף איבער מיר, ווי מען וואָלט אַנטלאָפן פון אַ דייטשער באַמבאַרדירונג. איך האָב זיך געשטאַרקט, זיך אויפגעהויבן אויף אַלע פיר און געגומען אַוועקפויזען אַן אַ זייט.

דערביי האָב איך באַמערקט אַ וואַלד פון גלאַנציקע באַגנעטן און פון הונדערטער מיליץ־ און ענקאַוועדע־היטלעך. זיי האָבן געהאַקט איבער די קעפּ און געשלעפּט אין זייערע אויטאָס אַריין. מען האָט געשלעפּט די צעיושעטע אינוואַלידן, מען האָט געשלעפּט דעם יידישן אָפיציר, פון וועמענס קאָפּ דאָס בלוט האָט געיושעט.

דער גאַנצער באַזאַר איז געווען אַרומגערינגלט פון ענקאַוועדע און זייערע אויטאָס. אַ האַלבן מאַרק האָט מען אויף די אויטאָס אָנגעפּאַקט, איינעם אויפן אַנדערן, יידן און קריסטן. איך האָב נאָך באַוויזן צו זען, ווי דער גאַנצער באַזאַר איז פלוצלונג וויסט און לער געוואָרן, ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש און ווי מענער אין ווייסע פאַרטוכער, ווי די קצבים, שלעפּן פאַרבלוטיקטע קערפּערס.

און ווען איך האָב די אויגן געעפנט, האָב איך זיך אַליין דערזען אַ צעטראָטענעם, אַ פאַרבלאָטיקטן, אין אַ רינשטאָק נעבן אַ טשייכאַנאַ (אַזיאַטיש טיי־הויז).

איך האָב געפילט אַ ווייטיק אין די ריפּן און אין רוקן און די פיס זענען מיר אינגאַנצן געווען אָפּגענומען.

צוויי פוילישע בחורים האָבן מיך אויפגעהויבן און אונטער די אָרעמס מיך אַריינגעשלעפּט אין דער טשייכאַנאַ.

— עס איז אייך עפּעס געשען?

— כ'ווייס נישט. דאַכט־זיך אַז ניין.

— אָבער איר פילט זיך שלעכט?

— אַ ביסל. ס'וועט איבערגיין.

— ווו טוט אייך וויי?

— ווו נישט? איך בין איין שטיק ווייטיק.

— טרינקט טיי. דערכאַפּט אייך ס׳האַרץ. — האָט מען מיר אונ־טערגערוקט אַ פּיאַלע גרינע טיי מיט אַ רויט שטיקל צוקער.

— אַז איר זענט אַרויס אַ גאַנצער, מעגט איר גומל בענטשן!

— יאָ. דאַ זדראַסטוויעט סאָוויעטסקי סאָיוז!

— וואָס זאָגט איר?

— איך בענטש גומל: אַ דאַנק דעם טאָוואַרישטשל סטאַלינען, פאַר אונדזער לעבן דעם ליכטיקן!... און וואָס מיר האָבן די זכיה צו זיין אין דער שטאָט, וואָס טראָגט זיין הייליקן נאָמען, סטאַלינאָבאַד, די הויפּט־שטאָט פון דעם זוניקן טאַדזשיקיסטאַן...

און אַלע באַפרייטע קאַטאַרזשניקעס, וואָס זענען געשטאַנען אַרום מיר, האָבן געענטפערט מיט אַ ניגון און אין כאָר:

— אָ־אָ־אָ־אָ־אָ־אָ־אָ־ממממ־ן!!!!....

קסעניאַ טימאָפעיעוונאַ

מיט אונדזער באַלעבאָסטע, קסעניאַ טימאָפעיעוונאַ, איז געשען אַ זייער אומאָנגענעמע געשיכטע.

אַ יונגע פרוי איז זי, פון אַ יאָר זיבן־אַכט און צוואַנציק. דער מאַן איר, וועלכער איז אַוועק אין דער מלחמה, האָט איר אַלץ איבערגעלאָזן: אַ צוויי־צימערדיקע וווינונג, אַ טעכטערל פון אַ יאָר דריי און אַ שוויגער פון אַ יאָר זעכציק. נאָר קיין געלט האָט ער איר נישט איבערגעלאָזן. אַ סאָוויעטישע פרוי אַרבעט און פאַרדינט־זיך זעלבסטשטענדיק.

אָבער קסעניאַ טימאָפעיעוונאַ האָט זייער פיינט דריי זאַכן: אַרבעטן און נישט פאַרדינען, הונגערן, און לאַנגווייליקן־זיך...

אירע חברטעס זענען אין דער זעלבער מיינונג, וואָס זי. איבער־הויפּט פאַרטראָגן זיי נישט קיין טרויער און קיין לאַנגווייליקייט. און דאָס געבורט־לאַנד פאַרלאַנגט גאָרנישט פון זיי אַזעלכע קרבנות.

— זשיווי פּאָקאַ זשיוויאָטסאַ... לעב כל־זמן עס לעבט־זיך און עצה־זיך, ווי דו קענסט.

האָט קסעניאַ טימאָפעיעוונאַ איין צימער אונדז פאַרדונגען, אין צווייטן צימער האָט זי געלאָזן דער שוויגער מיט איר טעכטערל און זי אַליין קומט בלויז איבערנעכטיקן אויף איר קאָיקע, אין דער קיך.

ביי־טאָג איז זי ביי דער אַרבעט. אַרבעטן מוז מען פאַרט, אַ נישט ווערט מען באַשטראָפט פאַר „פּראָגול". דריי יאָר תפיסה פאַר נישט

גיין צו דער אַרבעט, איז נישט קיין פאַרגעניגן. דערפאַר אָבער, איך די אָוונטן און האַלבע נעכט, ווייסט מען גאָרנישט ווו זי קומט אַהין.

דאָס הייסט, אַז די שוויגער ווייסט נישט. איך, דערקעגן, ווייס שוין יאָ...

איך טרעף זי, יעדן אָוונט, שפּאַצירן מיט נאַטשאַלניקעס אין די טונקעלע אַלעען פון דעם „פּאַרק קולטורי אי אָטדיכא". איך באַגריס איר און זי ענטפערט מיט אַ שעלמישן ווונק, וואָס זאָגט: „לאָמיר זיין בלאַט. די שוויגער דאַרף נישט וויסן"...

און נישט בלויז אין די אַלעען און נישט בלויז אין די טונקעלע טרעף איך זי. קסעניאַ טימאָפעיעוונאַ קען מען אומעטום זען: ביי די קיאָסקן, ווו מען שיסט אין ציל און מען געווינט אַ שפּיגעלע, אָדער אַ קעמעלע; אויפן פּלאַץ ווו מען פּרובירט די כוחות, הויבנדיק שווע־רע געוויכטער; אויף דער „טאַנץ־פּלאַשטשאַדקע", ווו עס שפּילט אונדזער דזשאַז־אָרקעסטער; אין דער טשייכאַנא און אין גאָרטן־רעסטאָראַן, ווו מען קריגט ביר, וואָדקא און שאַשליק פון אייזל־פליש.

אָט אין דעם רעסטאָראַן זענען די פּרייזן „קאָמערטשעסקע", דאָס הייסט: געוואַלדיק־איבערגעזאַלצענע. אָבער די נאַטשאַלניקעס צאָלן מיט אַ ברייטער האַנט און קסעניאַ טימאָפעיעוונאַ קען זיך דערלויבן.

אַ זאַטע און אַ בגילופינדיקע, איז איר געלעכטערל אַ הילכיקס און די בעקלעך — צעפלאַמטע. דער הייזעריקער הילכער שליוקעכצט מיט אוקראַינישע פאָלקס־לידער און קסעניאַ זינגט מיט אַ ריין־פּויערישער שטימע, אַ לויטערער און קאָלירפולער. זי זינגט האַרציק, דאָרפיש־צעצויגן, מיט אַזאַ טיף־נאָגנדיקער בענקשאַפט, וואָס מאַכט סיי אומעטיק און סיי ליידנשאַפטלעך.

דערביי פאַרוואַרפט זי דעם קאָפּ אַהינטער, צעשפּרייט אירע פולע אָרעמס, אַרומנעמענדיק שוועסטערלעך די זיצנדיקע איןביידע זייטן. אַלץ איינס, צי זענען זיי אייגענע, אָדער פרעמדע.

ווען זי האַלט אין אויסזינגען די בענקשאַפט פון איר טיפן האַרצן, איז זי גרייט, די גאַנצע וועלט אַרומצונעמען!...

זי איז נישט קיין שיינע, קסעניאַ, אָבער אויך נישט מיאוס. אַ געזונטע פרוי מיט אַ פרישן פּויעריש פּנים. אַ טונקעלע שאַטינקע איז זי, מיט גרינע אויגן און אַ פאַריסן נעזל. די דיקע צוויי צעפּ — פאַרנט, אויף דער ברוסט פאַרנומען. זי איז נישט קיין דיקע, נאָר אַ ברייט־ביינִיקע און דערצו — אַ פולע, אַ לייביקע. ביר קען זי אַריינגיסן אין זיך ליטערס גאַנצע און בראָנפן טרינקט זי מער פון די

מענער. מיט קיין שאַשליקן וועט איר קיינער נישט אַנזעטיקן און טאַנצנדיק — פאַרמאַטערט זי אַ צענדליק געזונטע פּויערים.

וואָס־זשע אינטערעסירט עס איר, אַז די שוויגער וואָרטשעט ? — אויף דעם זענען זיי דאָך שוויגערס, אַז זיי זאָלן וואָרטשען !...

דער מאַן האָט איבערגעלאָזן זיין מוטער, זי זאָל אַכטונג געבן אויף זיין ווייב און קסעניאַ לאָזט זי איבער, אַכטונג צו געבן אויפן קינד :

— ביזט אַ באָבע ? — טאָ ניאַנטשע !...

און פאַרן מאַן אַליין איז דערווייל קיין מורא נישטאָ. ער איז ערגעץ אויפן פראָנט און לאָזט זעלטן פון זיך הערן. צי ער וועט נאָך אַמאָל צוריק אַהיים קומען, איז נאָך אַ גרויסע פראַגע און לאָזן אירע יונגע יאָרן אַוועקגיין אין ניוועטש, וויל נישט קסעניאַ.

דער דזשאַז־אָרקעסטער רוישט, די קאָלירקע שטימונגס־לעמפּע־לעך הוידען־זיך און קסעניאַ זינגט נאָך הילכיקער פון דעם רעפּרע־ניסט :

אָ ליובווי ניע גאווארי,
פראָ ניעי וסיאָ סקאזאנאָ...
סערדצע וויערנאָיע ליובווי,
מאלטשאט אביאזאנאָ !!...

⁂

קסעניאַ טאַנצט און עס טאַנצן מיט איר די בוימער און קיאָסקן, עס דרייט זיך מיט איר דער גאַנצער פּאַרק „קולטורי אי אָטדיכא״.

דאָס פּובליקום אין פּאַרק פון קולטור און אָפּרו באַשטייט פון אַלע ראַסן, פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, פון אַלע קולטורן און פון אַלע קולטורלאָזיקייטן. פון זקנים, וועלכע בעטלען, ביז מינדעריעריקע, וועלכע שניידן און ציען פון די קעשענעס.

דאָס זענען הפקר־קינדער, ממזרימלעך, וואָס מען רופט זיי דאָ „בעזפּריזאָרניע״ און „שפּאנא״.

די עלף־צוועלף־יעריקע מיידעלעך זענען נאָך געפּערלעכער פון די יינגלעך און דערפאַרענער פון זייערע אומגעזעצלעכע מוטערס, וואָס האָבן זיי אונטערגעוואָרפן. און אַ לשון פאַרמאָגן זיי, וועט זיך אַ שיכורער כוליגאַן מיט זיי נישט פאַרמעסטן...

און שיכורע כוליגאַנעס זענען דאָ פאַראַן מכל־המינים : פון אונ־טערוועלטניקעס, וואָס זענען זיך דאָ צונויפגעלאָפן פון אַלע עקן

רוסלאַנד, ביז די קאַנטוזשעטע פּראָנט־אינוואַלידן, וועלכע רעדן מיט די שטעקנס לייכטער ווי מיטן מויל.

אַז מען טרינקט נאָר אויס עטלעכע סלאָיקעס ביר, — גייען שוין אין גאַנג די שטעקנס און די פּלעשער, די קוליעס און די מעסערס.

קוואַס און ביר און בלוט פּלייצן דאַן צוזאַמען פּעסערווייז.

די מיליץ ציטערט פאַר זיי און די ענקאַוועדע מאַכט־זיך נישט־זעענדיק און רוקט־זיך אָפּ אָן אַ זייט...

אָבער קסעניאַ איז אומעטום אינמיטן. זי איז דרייסט, אומדער־שראָקן און באַווייזט ממש העלדישקייט. צווישן צעיושעטע שלעגער, אונטער אַ האָגל פון פלעשער און שטעקנס, שפּרינגט זי אַריין, ווי צום טאַנץ. וואָס אַרן איר די מעסערס און פּיסטאָלעטן? — זי כאַפּט אַרום איינעם, טוט אַ קוש אַ צווייטן און האַמעוועט דאָס בלוט פון אַ צעפּלעטן קאָפּ ביי אַ דריטן. זי רופט יעדן ביים נאָמען, באַפעלט אים, ווי אַן עלטערע דערציערין — אַ קליין יינגל און שטעלט טאַקע אָפּ דאָס געשלעג.

נישטאָ מער קיינער, ווער ס'זאָל אַזוי קענען צווינגען די צעקריג־טע צדדים, אַז זיי זאָלן זיך איבערבעטן און שטעלן ביר...

און קסעניאַ אַליין טרינקט טאַקע דעם ערשטן קופּעל... זי טרינקט טאַקע פאַר דער ראָדינאַ, פאַר דער אָטיעטשעסטוואָ, פאַרן פאָטערל סטאַלין, פאַר דער אַרמיי און פאַר דער פּאַרטיי, אָבער אַלע, קלאַפּנדיק זייערע סלאָיקעס אָן קסעניעס און רעוועדיק „אוררראַ!!!", מיינען נאָר איר, קסעניען...

דער פּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו איז פול, ווי אַ מילגרוים, מיט געהיים־אַגענטן און ספּעקולאַנטן, מיט מאַכערס און מיט מוסרים, מיט פעלשער און אַנדערע פּאַראַזיטן. קסעניאַ קען אַלעמען און איז מיט יעדערן אויף „דו", פון דעם גנב, ביז דעם פּראָקוראָר, פון דעם ציגיינער, ביזן פּוילישן יידן.

קסעניאַ האָט אַ גוט האַרץ און זי טוט אַ סך טובות. אַלע רופן איר דערפאַר „נשמהניו". זי העלפט מיט אַרבעט, מיט אַ שלאָף־פּלאַץ און מיט עטלעכע רובל פון איר טאַש. אָבער זי איז אויך אַ מעקלערין צווישן נאַטשאַלסטוואָ און די גרויסע ספּעקולאַנטן און זי נעמט דער־פאַר גראָב באַצאָלט.

אַז זי ווערט בגילופין, גיט זי אַ שאָט אינדערלופטן אַ פּעקל טשערוואָנצעס, וואָס צעפליען־זיך ווי קאָלירקע פויגל און הונדער־טער הענט פלאַטערן, זיי צו כאַפּן...

קסעניאַ... ווער קען דאָס נישט קסעניען, דער נישט־געקרוינטער קעניגין פון היגן „פּאַרק קולטורי אי אָטדיכא״?...

⁂

ווו איז ער דאָס, דער וועלכער האָט אויסגעטראַכט, אַז פּורים איז נישט קיין יום־טוב און קדחת איז נישט קיין קרענק? — גיט מיר אים אַהער, איך מוז אים די באָרד אויסרייסן! ביי מיין טאַטן אין שטוב איז פּורים געווען דער פריילעכסטער יום־טוב! און קוקט מיך אַצינד אָן, וועט איר זען, אַז קדחת איז שוין איינמאָל אַ קרענק!

און די אַלע גרונדפעסטיקער פון אַקסיאָמען און די אַלע, וועלכע נעמען אומשולדיקע פּאַלקסווערטלעך און טוען זיי־אָן אין זשאַנדאַרישע אוניפאָרמען, — אין פלאַקסענע שטריק וואָלט איך אייך געבונדן און אויף מיינע פּלייצעס אַהערגעבראַכט, אין לאַנד פון די רויטע פּאַראַדאָקסן!

ניין, שרעקט אייך נישט... זייט רואיק און זייט מיר מוחל: דאָס האָב איך גערעדט פון היץ. און די היץ פאַלט מיר שוין אָפּ...

איך האָב אייך שוין דערציילט וועגן די אַשכאַבאַדער פינדינקעס, וואָס פליען פאַרוייז און בייסן פאַרוויז. אויפן פּנים בלייבן דאַן צוויי חן־גריבעלעך, ווי די פּאַטשט־סטעמפלען די גרויס.

גאַנץ אַנדערש זענען שוין די סטאַלינאַבאַדער מאַלאַריע־מאָס־קיטן: זיי פליען זיך באַזונדער און בייסן פּולקאָם־זעלבסטשטענדיק. און יעדער מאָסקיט איז ממש אַ סטאַכאַנאָוויעץ, אַ שלאָגלער, וועלכער אַרבעט איבער דער נאָרמע און בייסט אויף דריי הונדערט פּראָצענט.

אונדזער דאָקטער האָט עס פעסטגעשטעלט, אַז בלויז איין מאָסקיט האָט עס אונדז אַלעמען געביסן, לאַלען, מיך און מיין חבר, וועלכער ווינט מיט אונדז.

און דעריבער באַפאַלט אונדז אַלעמען דער פיבער אין דער זעלבער צייט און לאָזט־נאָך אין דער זעלבער צייט. ווען מען שטעקט איינעם אַריין דעם טערמאָמעטער און ער האָט 41, דאַרף מען שוין די איבעריקע נישט מעסטן. קיינער האָט נישט ווייניקער...

עס נעמט אונדז שליידערן אַלעמען מיטאַמאָל, ווי לויט אַ באַפעל. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס לאָלא קרעכצט, מיין חבר סאָפּעט און בלאָזט פון זיך און איך — זינג...

ווער ווייסט, ווי מיר וואָלטן זיך אַן עצה געגעבן, ווען נישט די גאָלדענע קסעניאַ, אונדזער באַלעבאָסטעלע, וועלכער מיר רופן „נשמהניו״? — זי דערלאַנגט עס אונדז די כינין און אנריכין־פּאַסטיל־

קעס צום שלינגען און שטעלט באַלד דעם גרויסן סאַמאָוואַר, אין וועלכן עס גייען אַריין צוויי עמערס וואַסער און וואָס מיר טרינקען אים אויס זאַלבאדריט... וויפל קאָלדרעס, קישנס און אַלטע מאַנטלען עס זענען נאָר דאָ אין שטוב, לייגט זי אָן אויף אונדז און מיר שליי־דערן־זיך אונטער זיי, ביז מיר הויבן־אָן צו שוויצן.

קושן ווילט־זיך איר, אונדזער טייערער קסעניען.

נאָר לעצטנס איז זי אונדז עפעס גאָרנישט קוש־מעסיק געשטימט.

אויסזען, זעט זי אויס נישט שלעכט. פאַרקערט, זי איז לעצטנס פולער און דיקער געוואָרן. אָבער דאָס פנים איז בלייך, געפלעקט און די אויגן — פאַרזאָרגטע און אומרואיקע.

צי האָט עס אַזוי געווירקט אויף איר דעם מאַנס בריוו, וועלכער ליגט ערגעץ אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל, היילט־זיך די ווונדן און ווערט אין אַ דריי חדשים אַרום אַהיימקומען אויף אורלויב? — ווער ווייסט!

און דער שוויגער אירער קאָן איך אויך נישט פאַרשטײַן: איצט, ווען קסעניאַ האָט אויפגעהערט צו פאַרשווינדן אויף גאַנצע אָוונטן און האַלבע נעכט, נאָר זיצט אין שטוב מיט איר טעכטערל, ווי אַ געטרייע מאַמע, — וואָרטשעט די שוויגער נאָך שטרענגער און בייזער ווי פריער.

אוי, שוויגערס, שוויגערס! ווער האָט אייך אויסגעטראַכט?...

קסעניאַ איז שוין לעצטנס אַזוי נערוועז געוואָרן, אַז זי האָט שוין איר שוויגערס וואָרטשען מער נישט געקאָנט פאַרטראָגן און זיי האָבן־זיך צעקריגט.

די שוויגער איז אַוועקגעפאָרן צו זיך אין דאָרף, מיטנעמענדיק אירע זאַכן און איר אייניקל — אויף אַ שטיקל צייט.

אין שטוב איז שטיל געוואָרן. אַן אָבלדיקע שטילקייט.

אמת, אין די אָוונטן הערן מיר קסעניעס געזאַנג פון צווייטן, פינצטערן צימער, ווו זי צינדט נישט־אָן קיין ליכט. אָבער דאָס איז זייער אַן אומעטיק געזאַנג: וועגן דעם ביטערן גורל פון זינדיקן מענטשן, וועגן פאַרגעסענע קברים און וועגן קראָען אויף איינזאַמע מצבות.

און ווען קסעניאַ דערהערט, אַז מיר גיבן שוין אונדזער קדחת־קאָנצערט און זי איילט־אַריין מיט די פאַסטילקעס און זודיקן סאַמאָ־וואַר, — האָט זי פייכטע באַקן און רויט־פאַרוויינטע אויגן.

איינמאָל, ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען פאַר דער אָפענער טיר פון איר טונקעלן צימער, האָט זי מיך אַריינגערופן און געבעטן זיצן.

— איסאַק אַראַנאָוויטש, איך וויל אייך עפּעס בעטן... — האָט זי געזאָגט מיט עפּעס אַ דיבוק־טאָן, פון וועלכן אַ דרעשטש איז מיר אַריבער איבערן לייב.

— איך הער אייך, קסעניאַ טימאָפעיעוונאַ. רעדט.

— איך וויל אייך בעטן... טאָמער מיט מיר וועט עפּעס געשען...

— וואָס געשען? קסעניאַ טימאָפעיעוונאַ! איך פאַרשטיי אייך נישט.

— נישטאָ וואָס צו פאַרשטיין. יעדער מענטש דאַרף אָפּקומען זיין שטראָף. יעדער זינדיקער מוז זיין גרייט צו באַצאָלן זיין חוב. און איך, איסאַק אַראַנאָוויטש, האָב שטאַרק געזינדיקט און דער טאָג פון באַצאָלונג קומט...

— איר שרעקט מיך, קסעניאַ טימאָפעיעוונא. איך ווייס נישט וועגן וואָס פאַר אַ זינד און וועגן וואָס פאַר אַ שטראָף איר רעדט. און מיט וואָס קען איך אייך העלפן?

— מיט גאָרנישט, איסאַק אַראַנאָוויטש. איך וויל נאָר, אַז מיין שטוב זאָל נישט בלייבן אויף הפקר. טאָמער געשעט עפּעס מיט מיר און איר וועט דאַרפן אַוועקפאָרן, זאָלט איר דעם שליסל איבערגעבן אונדזער שכן, אַנטאָן קיריליטש. ער איז אַן אָרנטלעכער מענטש. ווען איך נאָך דערלעבן צוריק צו קומען, איז גוט. און אויב נישט טאָ זאָל כאָטש בלייבן די היים פאַר מיין מאַן און מיין קינד.

***

יענעם אָוונט האָבן מיר געהאַט דעם שטאַרקסטן און לאַנג־דויערנדיקסטן קדחת־אָנפאַל.

און אפשר האָט עס געדויערט אַזוי לאַנג דערפאַר, ווייל קסעניאַ טימאָפעיעוונאַ איז אונדז נישט צו־הילף געקומען מיט די כינע־פּאַסטילן און הייסן סאַמאָוואַר.

די זאַך האָט אונדז זייער געוווּנדערט, וויסנדיק אַז „דאָס נשמה־ניו" איז אינדערהיים. אָבער מיר האָבן קיין קרעפטן נישט געהאַט, פון די בעטן אַראָפּצוגיין און דערוויסן זיך די סיבה.

ערשט ווען דער פיבער האָט נאָכגעלאָזן, האָבן מיר דערהערט אַ שטיל, אָבער דייטלעך קרעכצן.

איך האָב נישט געגלויבט, אַז דאָס קרעכצן קומט פון אונדזער געזונטער קסעניען. אַזוי שוואַך־פאַרחלשט קרעכצן קען נאָר אַ קימ־פּעטאָרין, וועמען די לעצטע כוחות האָבן שוין פאַרלאָזן.

אָבער אין שטוב איז דאָך מער ווי קסעניאַ נישטאָ.

— ווער ווייסט, ווי לאַנג זי קרעכצט שוין אַזוי? — האָט עס

מיך פון בעט אַרויסגעוואָרפן. — אַז זי דערהערט אונדזער קרעכצן, קומט זי באַלד צולויפן מיט די פּאַסטילן און מיטן סאַמאָוואַר און מיר — עד!

אין איר צימער איז פינצטער געווען. איך האָב געטאַפּט די וואַנט און נישט געקאָנט געפינען דעם עלעקטרי־שאַלטער.

— קסעניאַ טימאָפעיעווונאַ! נשמהניו טײַערע! וואָס איז געשען? וואָס איז אײַך? אָט, באַלד, איך צינד שוין אָן.

זי האָט נישט געענטפערט, ווי זי וואָלט מיך אינגאַנצן נישט געהערט און ווייטער געקרעכצט. דאָס איז געווען אַ קרעכצן פון אַ באַוווסטלאָזן מענטשן און אפשר — פון אַ גוססן.

— קסעניאַ, אָט באַלד. איך... ווו איז די עלעקטרי, צום טײַוול? — בין איך שוין פאַרצווייפלט געוואָרן.

איך האָב גענומען רײַבן די היגע שוועבעלעך מיט די פּײַכטע און זיך־קרישלענדיקע קעפּלעך. די שוועבעלעך האָבן זיך מיר געבראָכן צווישן די ציטערנדיקע פינגער. זיי האָבן זיך נישט אָנגעצונדן, אָבער בײַ אַ פונק, האָב איך דערזען דעם עלעקטרישן קאָנטאַקט און האָב אַ דריי־געטון.

דער צימער האָט אויפגעהעלט און מיר איז פינצטער־געוואָרן פאַר די אויגן. איך בין אָפּגעשפּרונגען מיט טויט־שרעק און זיך צעשריען מיט באַנומענע קולות:

— געוואַאַאַלד!!! בלוווווט!!!

און מער האָב איך קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן. דאָס שוידער־בילד האָט מיר דאָס לשון אָפּגענומען.

קסעניאַ, אַ פּאַפּיר־בלייכע, איז געלעגן מיט פאַרגלאָצטע אויגן פון אַ נישט־דערשאָכטענער קו און פון דעם דורכגעווייקטן בעטגע־וואַנט האָט אַראָפּגערונען בלוט אין אַ ברייטער קאַלוזשע אויף דער פּאָדלאָגע.

איך בין אַרויסגעלאָפן פון שטוב, אין דער פינצטערער נאַכט־אַריין. געלאָפן איבער בערג און גריבער, איבער שטעכל־דראָט און פאַר־זשאַווערטע בלעכן. איך בין אַ פּאָר מאָל געפאַלן, זיך צעריסן די הויזן מיטן לײַב, זיך צעקלאַפּט און ווייטער געלאָפן. עס האָט מיך געטראָגן צו דער נאָענטסטער אַפּטייק, אַ האַלבן קילאָמעטער ווייט פון דאַנען, ווו אַ טעלעפאָן איז דאָ.

די גאַנצע שולד האָב איך איצט געפילט אויף זיך און זיך פאַר־וואָרפן געמאַכט: פאַרוואָס האָב איך פריער נישט דערהערט איר קרעכצן?! ווער ווייסט, ווי לאַנג זי קרעכצט שוין אַזוי און וויפל

בלוט זי האָט, פאַר דער צייט, פאַרלאָרן! אַ ים מיט בלוט! אונדזער רעטערין איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט! געקרעכצט און הילף גערופן! און איך, עגאָאיסט, בין פאַרנומען־געווען מיט מיין קדחת און נישט געהערט!

איך האָב גאָר דעם וועג נישט געזען. פאַר מיינע אויגן האָבן זיך געדרייט רויטע פלעקן. רויטע פאָנטאַנען האָבן געשפריצט, רויטע טייכן זענען געפלאָסן. די גאַנצע וועלט איז מיר איצט געווען איין גרויס שעכט־הויז.

דער אַפּטייקער האָט קוים פאַרשטאַנען, וואָס איך רעד און ער האָט שוין געקלונגען פאַר מיר. איך אַליין האָב זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד און צוויי שיקסלעך האָבן מיך גענומען מינטערן.

איך זאָג אייך, ליבע פריינט, אַז אויב אייך איז באַשערט צו חלשן, זאָלט איר עס נאָר אין אַן אַפּטייק. אַמבעסטן, אמבאקוועמסטן און אַמאַנגענעמסטן איז צו חלשן אין אַן אַפּטייק. די שיקסלעך זענען דאָרט סימפּאַטישע, זיי האָבן אַלע הילפס־מיטלען אונטער דער האַנט און זיי גלעטן דיר דאָס פּנים אַזוי צערטלעך, אַז דו קענסט אַפילו תחית־המתים אויך אויפשטיין...

אַ שאָד נאָר, וואָס ווען מען קומט שוין צו־זיך און מען ווערט עטוואָס געשטאַרקט, מוז מען זיך איילן אַהיים...

ווען איך בין אַהיימגעקומען, איז שוין קסעניאַ דאָרט נישט געווען. אַ קעטשל פון דער גיכער הילף האָט זי שוין געהאַט צוגענומען. אין דרויסן איז געבליבן אַן אָנגעלויף פון נייגעריקע שכנים און אינווייניק — איין צימער פול מיט בלוט און אַ צווייטער — מיט צוויי וואַקס־געלע געשפּענסטער, וואָס שליידערן־זיך שוין ווידער אין קדחת.

מיך האָט, דאָסמאָל, דאָס קדחת־אַנפאַל געמיטן!...

און דערוווּסט האָב איך זיך, אַז דאָ איז נישט געווען קיין מאָרד און נישט קיין זעלבסטמאָרד. נאָר גאָר עפּעס אַנדערש.

ביז איך בין אין ראַטנפאַרבאַנד געקומען, האָב איך געוווּסט, (אַזוי האָט מען מיך איינגערעדט) : אַז אַ גאָפּל איז צום עסן, אַז אַ פּענע איז צום שרייבן, אַז אַ שערל איז צום שערן און אַ זאַק־נאָדל איז צום נייען זעק. אָבער דאָ, אין ראַטנפאַרבאַנד, האָב איך זיך דערוווּסט, זענען דאָס אַלץ גאָר אינסטרומענטן צו מאַכן־זיך פאַרבאָטענע אָפּעראַציעס.

פויערטעס, אין די דערפער, מאַכן זיך עס מיט אַן אייזערנעם צאָן פון אַ מיסט־גראַבליע. שטאָטישע פרויען נוצן דערצו אַ שער אָדער אַ זאַק־נאָדל.

אָבער קסעניאַ איז אַ געבילדעטע, אַן אינטעליגענטע ביוראַ־ליסטין, — האָט זי זיך עס געמאַכט מיט אַ שרייב־פּענע...

⁂

איידער מיר זענען אָפּגעפאָרן פון סטאַלינאַבאַד, איז קסעניא צוריק געקומען פון שפּיטאָל.

דאָס איז שוין נישט געווען די זעלבע קסעניאַ.

אַוועק איז זי אַ שקיעה׳דיקע, ווי די זון פאַרגייט און צוריקגעקומען איז זי ווי אַ בלייכע, געפלעקטע, מעלאַנכאָלישע לבנה.

ניין. ווען מענטשן וואָלטן צוריק געקומען פון יענער וועלט, וואָלטן זיי אַזאַ אויסזען געהאַט.

אַ חורבה איז דאָס געווען. אַן אינוואַליד, וואָס שלעפּט־זיך קוים אויף צוויי שטעקנס אָנגעשפּאַרט.

ווען נישט אירע אויגן, וואָס האָבן אַזוי אומעטיק אַרויסגע־שמייכלט פון די לעכער, איבער די שפּיציקע שטשאָקעס (קינבאַקן), וואָלט איך זי בכלל נישט דערקענט.

— קסעניאַ טימאָפעיעוונאַ! דאָס זענט איר?!

— אַזוי זע איך אויס... אָט, וואָס פון מיר איז געוואָרן!..

— נשמהניו! איר וועט זיך דערהאָלן, צו־זיך קומען. יאָ, איר וועט געזונט־ווערן! אַבי איר זענט שוין צוריק אינדערהיים!... איר וועט זיכער געזונט־ווערן... ווי זאָגט אַ רוסיש פאָלקס־ווערטל: אַבי די ביינער זענען גאַנץ, וועלן זיי שוין פלייש אויף זיך נעמען.

— ניין, איסאַק אַראָנאָוויטש. איך וועל שוין קיינמאָל נישט געזונט־ווערן. איך ווייס עס. איך בין צוריקגעקומען נאָר דערפאַר, ווייל איך וויל שטאַרבן אויף מיין אייגענעם געלעגער.

דער מבול...

זייט באַקאַנט: דאָס איז סיאָמקע גאבע, דער בינע־לייטער פון אונדזער צעפאַלענעם טעאַטער. מיר האַלטן־זיך צוזאַמען, ווי מיר וואָלטן־זיך זאַלבאדריט געראַטעוועט פון אַ שיפס־קאַטאַסטראָפע און שווימען אויף איין אייז־קריע.

זאַלבאדריט זענען מיר צוריקגעקומען קיין אַשכאבאד. מיר האָבן איין קאַסע (וואָס איז, פאַרשטייט־זיך, פּוסט). מיר וווינען אין איין צימער און עסן פון איין שיסל.

אַלץ וואָס סיאָמקע פאַרמאָגט, איז אַ בלאָנד־געקרויזטער קאָפּ

אויף אַ פעסטן קאַרק מיט ברייטע פּלייצעס, אַ פּאָר גרויסע העל־בלויע אויגן און אַ מויל געזונטע, ווייסע ציין אין זיין שטענדיק־צעלאַכטן פּנים.

יאָ, און אַ פּאָר הענט פאַרמאָגט ער, וואָס קענען האַלטן אַ האַמער, שטעלן אַ דעקאָראַציע און ציען אַ פאָרהאַנג.

ער איז אַ ווילנער באַלעבעסל און זיינע אוניווערזיטעטן האָט ער דורכגעמאַכט הינטער די קוליסן פון דאָרטיקן יידישן טעאַטער. ער ווייסט פון אַ שעקספּיר, גאָלדפאַדען, גאָרדין און אורקע נאַכאַלניק. און אַלע זיינע ידיעות וועגן וועלט און מענטשן האָט ער פון די מאָראַלישע מאָנאָלאָגן אין די געשפּילטע פּיעסן און פון אַקטיאָרישע מעשיות.

דאָס, וואָס ער, דער אַטלעטיש־צעוואקסענער, הייסט סיאָמקע און נישט סיאָמממממ, געהער צום נוסח־ווילנע. וואָס עוג־מלך־הבשן׳דיקער מען איז, אַלץ געצערטלטער ווערט דאָרטן דער נאָמען. יעדער ריז הייסט דאָרט: יאָסעלע, מענדעלע, רבקהלע, איציקל. דערקעגן, די נישט־דערוואקסענע, די דאַרע דרויבעס, הייסן: הערץ, יעקב־בער, זלמן־וואָלף...

איצט איז סיאָמקע אונדזער חבר, אונדזער אָח־לצרה. מיר וואָגלען, הונגערן, קרענקען און אַרבעטן צוזאַמען אין רוסישן דראַמאַטישן טעאַטער „פּושקין״.

סיאָמקע איז בינע־לייטער און איך — לייטער פון מעבל־צעך. אין דער אמתן איז אַזאַ צעך גאָר נישטאָ, און איך האָב נישט מיט וועמען און מיט וואָס צו לייטן. פאַר לייטערס האָט מען אונדז איינגעשריבן בלויז דערפאַר, כדי מיר זאָלן קריגן צו פינף הונדערט רובל אַ חודש געהאַלט, מיט צען דעקאָ ברויט אַ טאָג מער און מיר זאָלן זיין „בראָנירט״. דאָס הייסט: מען זאָל אונדז נישט קענען מאָביליזירן אין דער אַרמיי. וואָרעם אין מענער און אין בינע־אַרבעטער דערצו, איז איצט אַ גרויסער מאַנגל. עס דראָט אַ געפאַר, אַז די טעאַטערן זאָלן נישט קאָנען שטעלן זייערע פאָרשטעלונגען.

הייס איך היינט „טשאָוואַרישטש מיעבעלשטשיק״ און מיין אַרבעט באַשטייט אין באַשטעלן די בינע מיטן געהעריקן מעבל, ווי עס פאָדערט־זיך אין יעדן אַקט, אָדער בילד, לויט דער פּיעסע.

געוויינלעך איז תמיד בינע־מעבל לייכט, צונויפגעקלאַפּט טאַנדעט פון דיקטן מיט לייסטעלעך. אָבער איך, שלימזל, האָב זיך גענומען צו דעם פאַך אין רוסלאַנד און אין מלחמה־צייט דערצו, ווען מען קריגט נישט קיין דיקטן, נאָר מען נוצט אמת שטוב־מעבל. — שלעפּ

איך אויף מיינע דאַרע פּלייצעס מאָסיווע טישן, דעמבענע שאַפּעס, קרעדענץ־בופעטן, קאַנאַפּעס און שרייב־טישן. בלויז ווען עס קומט מיר אויס אַרויפצושלעפּן אויף דער בינע דעם אַלטן פּאַרטעפּיאַן, וואָס וועגט נישט ווייניקער פון אַ צוויי טאָן, העלפן מיר די אַרבעטער צו. מיטן איבעריקן — שלאָג זיך קאָפּ אָן שאַנק!

ביטער איז מיר אויך, ווען מען שפּילט „אַננאַ קאַרענינאַ״. אין דער סצענע פון די פערד־געיעגן, פאַרלאַנגט דער רעזשיסער, עס זאָלן אויסגעשטעלט־ווערן אויף דער בינע נישט־ווייניקער ווי הונדערט מיט צוואַנציק שטולן. הינטער די קוליסן זענען, פאַרשטייט־זיך, אַזוי פיל שטולן נישטאָ און איך מוז זיי צונויפשלעפּן פון אַלע טעאַטער־לאָזשעס. די שטולן זענען דעמבענע. אַ שטול — אַ פּוד! און איך אַליין בין אַ הונגעריקער, אַן אויסגעליידיקטער, ווי אַ פּוסטער באַמבוס־שטעקן. דער אונטערשייד פון אַזאַ שטעקן, ביז מיר, איז דער, וואָס מיר ציטערן די קניען און עס שווינדלט מיר אין קאָפּ. און די דלאָניעס זענען מיר אַזוי אָנגעשוואָלן מיט וואַסער־קישעלעך, אַז איך קאָן די פינגער נישט איינבויגן אין קיין פויסט.

איך שלעפּ די שווערע שטולן פון די לאָזשעס און די בילעטערן לויפן מיר נאָך, זידלען און שלעפּן צוריק די שטולן פון דער בינע אַראָפּ.

יעדערער קעמפט פאַר זיין עקזיסטענץ: איך שלעפּ ביי זיי און זיי שלעפּן ביי מיר.

דעריבער קומט־אויס, אַז אַנשטאָט הונדערט מיט צוואַנציק שטולן, שלעפּ איך אַ דריי הונדערט. און צום סוף, פאַרן דריטן קלונג, דערזע איך, אַז די לאָזשעס זענען געדיכט באַזעצט און מיין בינע איז ליידיק.

דער רעזשיסער נעמט געוואַלדעווען און איך פאַל אין אָנמאַכט.

אין אַ טיפן ווינקל פון אונדזער דעקאָראַציע־סקלאַד זענען תמיד געשטאַנען צוויי ריזיקע פיגורן פון לענינען און סטאַלינען. יעדע פיגור האָט געהאַלטן אַ דריי מעטער די הויך. און כאָטש זיי זענען נישט געווען פון גיפס אָדער פון ליים און אוודאי נישט פון בראָנז געגאָסן, נאָר געקלעפּטע פון פּאַפּיר, — זענען זיי געווען שווער, ווי בלאָקן פון צעמענט. גענוצט האָט מען זיי צו יעדער צווייטער פאָר־שטעלונג און ביי יעדעס מאָל, ווען מיר האָבן זיי געדאַרפט אַרויפ־שלעפּן אויף דער בינע, איז אין אונדז געזעצט־געוואָרן דער מאַמעס מילך:

טאָמער געשעט אַן אומגליק און סטאַלין גיט זיך, חלילה, אַ גליטש

אַרויס פון אונדזערע הענט !... — וואָלטן מיר זיך שוין פון זייַנע הענט נישט אַרויסגעגליטשט !...

און טאָמער, חלילה, גיט־זיך ווער פון אונדז אַ פּאַטיקע און מיר פאַלן צוזאַמען מיטן פּאַטערל פון די פעלקער, וואָלטן מיר זיך שוין פאַרשפּאָרט אויפצוהויבן...

אויסלענדער זענען מיר דאָך, אַ נישט־קאָנטראָלירטער און נישט קיין פאַרטרויאונגס־ווערטער עלעמענט און יידן דערצו... — ווען דער געניאַלער, נביאישער, ליכטיקער קאָפּ פון גרויסן, זוניקן חבר סטאַלין קריגט אַ בייל אויפן שטערן, אַ צעקלאַפּטע נאָז, אָדער אַ צעפלאַטשיקטע וואָנצע, — וואָלט שוין סיביר געווען פאַר אונדז אַ דאַטשע... און אפשר וואָלט מען גאָר אַזעלכע שונאים פון פאָלק און פאַשיסטישע הינט, ווי מיר זענען, באַלד געשטעלט צום ווענטל...

עס איז דאָך בולטער סאַבאָטאַזש, שפּיאָנאַזש און דיווערסיע !...

מיר האָבן עס געפּרווט אויפקלערן דעם דירעקטאָר און בעטן, אַז פון אָט דער פאַראַנטוואָרטלעכער, הייליקער פליכט, זאָל ער אונדז, אויסלענדער, באַפרייען. האָט אָבער דער דירעקטאָר אויך אונדז אויפגעקלערט און באַפרייט אונדז פון אַלע האָפענונגען, זיך צו באַפרייען :

— דאָסמאָל האָב איך גאָרנישט געהערט... נאָר אויב איר וועט עס איבערחזרן אַ צווייט מאָל, וועט איר גיין פאָד־סוד (אין געריכט) און פאַרשיקט־ווערן קיין סיביר ! צו דער אַרבעט !

אַזוי צי אַזוי, הייסט עס, אַז סיביר וואַרט אויף אונדז... און דער־ווייל האָבן מיר קיין ברירה נישט און מיר שלעפּן אונדזערע לערער, פירער, באַפרייער און פּאַטערלעכע באַשיצער.

לענינען קומט מיר תמיד אויס צו נעמען ביי די פיס און מיר דאַכט־זיך, אַז ער איז עטוואָס לייכטער.

דאַקעגן קומט מיר תמיד אויס צו נעמען סטאַלינען ביים קאָפּ. עס איז שוין איינמאָל אַ קאָפּ !

פיל באַקוועמער וואָלט מיר געווען צו האַלטן אים ביי ביידע אויערן. אָבער סיאַמקע וואָרנט מיך, אַז איך קען אים נאָך, חלילה, אָפּרייסן אַן אויער און איך זאָל אים בעסער נעמען פאַרן האַלדז.

צו מיין גליק, זענען אויך דאָ לייכטע פאַרשטעלונגען, צו וועלכע מען דאַרף נישט קיין שווער מעבל און סטאַלין מיט לענינען זענען דאָרט איבעריקע.

די פיעסן זענען טאַקע קוואַטש, נאַרעשע מאַכערייקעס און די דראַמאַטורגן זייערע — וויסטע קאַליקעס. אָבער מיך אַרט עס נישט.

איך בענטש זיי און ווינטש זיי הצלחה און שעפערישקייט, אַז איך זאָל קענען דעם אָטעם אָפּכאַפּן פון דער שווערער האָרעוואַניע און מורא פאַרן פאַטערל פון די פעלקער...

**

זומער, אין די מוראדיקע היצן, האָבן מיר געבענקט נאָכן ווינטער. און דער ווינטער האָט אונדז אָנגעלערנט, אַז מיר זאָלן מער נאָך אים נישט בענקען.

זייער אַ שווערער ווינטער האָט זיך האַיאָר געשטעלט אין אַשכאַבאַד. די אַרטיקע איינוווינער וואָרפן יד שולד אויף אונדז: דאָס האָבן מיר, יידישע פּליטים, די „אַבררראַמטשיקעס״ און „סאררררעטשקעס״ געבראַכט אָט דעם שווערן ווינטער אַהער... אין אַלץ זענען שולדיק נאָר די „אבררררעמטשיקי אי סאררררעטשקי״: אין דעם יקרות, אין די גרויסע אָטשערעדן, אין דעם הונגער, אין דער טיפוס־עפּידעמיע, אין דער מלחמה און אין די קעלטן.

איך הער עס אַזוי פיל, אַז איך הויב אַליין שוין אָן אין דעם צו גלויבן. וואָרעם שטענדיק, אין דער צייט, רעגנט בלויז און איצט — שנייט און שנייט אָן אויפהער! שוין פערציק יאָר האָט אַשכאַבאַד אַזאַ שניי נישט געזען! און מיט פערציק יאָר צוריק, זאָגט מען, זענען אַהער אויך אָנגעקומען יידן...

דער שניי האָט זיך אָנגעלייגט אויף די פלאַטשיקע דעכער אין דיק־מאַסיווע שיכטן און אין די גאַסן טאָפּטשעט מען ביז איבער די קני, ווי אין פוכענע פערענעס. אין אָוונט שטאַרקן זיך די ווינטן און אין די נעכט סמאַליען רוסישע פרעסט.

די היגע שטיבער זענען בכלל נישט צוגעגרייט צו אַזאַ ווינטער. מערסטנטייל הייזער פאַרמאָגן גאָר קיין אויוונס נישט. און ווער עס האָט אַן אייזערן אויוועלע, — האָט נישט קיין הייץ־מאַטעריאַל.

איצט ווייסן מיר שוין נישט, פון וואָס מיר זענען געשוואָלן: פון הונגער, צי פון קעלט?

אין שטוב איז נאָך קעלטער ווי אויף דער גאַס און אין טעאַטער איז נאָך קעלטער ווי אין שטוב. אַ נס נאָך, וואָס מען שפּילט איצט אַ פּיעסע „פראָנט״, ווו דאָס שלאַכט־פעלד דאַרף באַדעקט זיין מיט שניי. אונדזער „שניי״ איז פון וואַטע גענייט אין מארלע.

בעת די אַרבעטס־פּויזעס און איבערהויפּט, ווען עס כאַפּט אונדז־אָן דאָס קדחת, כאַפּן מיר אויף זיך אַזעלכע פלאַכטעס „שניי״ און מיר טוליען־זיך און שליידערן־זיך, ביז מיר דערהערן דעם לייבן־געברום פון דעם עפּילעפּטישן און שיכורן געהילפס־רעזשיסער...

אין אָט די שעהען איז לאָלא אויפֿן מאַרק, אָדער אין דער ריי צום אַקטיאָרן־מאַגאַזין, ווו מען מוז תמיד זיין אויף דער וואַך: טאָמער ברענגט מען עפּעס און טאָמער גיט מען עפּעס...

לאָלען האָט עס אָפּגעגליקט: די פילהאַרמאָניע האָט איינגע־אָרדנט אירע דריי קאָנצערטן, וואָס זענען אַדורך מיט גרויס ערפאָלג און ביי איבערגעפּולטע טעאַטער־זאַלן. די פילהאַרמאָניע האָט איר אויפסניי באַשטעטיקט „העכסטע קאַטעגאָריע" און געשטעלט אין דער שפּיץ פון אַ רוסישער קאָנצערט־בריגאַדע. אויסערן געהאַלט, קריגט זי אַ ספּעציעלע שפּייז־צוטיילונג, וואָס זי באַקומט אין דעם ספּעציעלן אַקטיאָרן־מאַגאַזין.

וואַרט זי דאָרט גאַנצע טעג אויף מציאות און קאָמבינירט, אַז פון איר איינער שפּייז־צוטיילונג, זאָל קלעקן פאַר אונדז אַלע דריי...

און מיר, אין טעאַטער, קאָמבינירן אויך: וועלכע אַלטע דעקאָ־ראַציע צעברעכט מען, אַז מיר זאָלן קענען אַרויסטראָגן בייכער מיט האָלץ, ברעטלעך און שפּענער?

ווען מיר קומען, נאָך האַלבער נאַכט, אַהיים — וואַרט אויף אונדז לאָלאַ מיט אַ קאַלטן טאָפּ אויף אַ פינצטערן אויוון. אַז מיר ברענגען דאָס ביסל „געהילץ", איז דאָ מיט וואָס אָפּצוקאָכן אַ זופּ און אַ טשייניק טיי. ברענגען מיר נישט, — לייגט מען זיך הונגעריקע, געפרוירענע און בייזע, ווי צערייצטע בערן.

מערסטנטייל ברענגען מיר יאָ און לאָלאַ קאָכט אַ „זאַטשערוכע" (קאָרן־מעל פאַרבריט אין הייס וואַסער, באַשמאַלצן מיט אַ טיי־לעפע־לע בוימל), וואָס האָט דעם טעם פון קלייסטער, וואָס עס נוצן איינ־בינדער און שוסטער. יאָ געשמאַק, נישט געשמאַק — עס מאַכט פול און וואַרעם אין די געדערים און מען קען נאָכדעם איינשלאָפן.

די לייסטן און צעבראָכענע ברעטער פאַרוקן מיר אונטער די רעקלעך, סוועטערס און העמדער. אָפט זענען זיי אַזוי לאַנג, אַז זיי גרייכן אונדז פון די גאָרגלען ביז נידעריקער פון די קני, וועלכע מיר קאָנען צוליב דעם נישט בויגן. און דאָס הייסט, אַז מיר לאָזן זיי אַריין אין די הויזן און פאַרשנורעווען דעם בויך מיט אַ רימען. עס טרעפט אויך, אַז דאָס „געהילץ" איז אומגעהובלעוועט און באַזעצט מיט טשוועקעס, וואָס צעראַצט און צעשטעכט אונדז די בייכער און די פיס. די ווונדן ברענען, איך פיל אַז איך בלוטיק, אָבער איך קריץ די ציין און שמייכל, ווי עמיץ וואָלט מיך צערטלעך געקיצלט...

ביים אַרויסגאַנג פון טעאַטער שטייט אַ שומר, וועלכער היט טאָג און נעכט. ער קאָנטראָלירט יעדן אַרבעטער, ער זאָל גאָרנישט אַרויס־

טראָגן. אָבער איצט איז ער געפרוירן, צו אונדזער גליק, און פויל — אונדז אַרומצוטאַפּן, כאָטש מיר גייען מיט געשוואָלענע בייכער און שטייפֿע פּיס, ווי די שטאָלצן...

מיר האָבן מזל מער ווי שכל און עס געלינגט אונדז. מיר אָטעמען פֿרייער אָפּ און פֿאַרנעמען זיך צום ברויט־מאַגאַזין.

איין ברויט־מאַגאַזין איז דאָ אין אַשכאַבאַד, וואָס איז אָפֿן ביז צוויי אַזייגער ביינאַכט. נאָך צוועלף אַזייגער, הייסט שוין „מאָרגן". און היות אויף די ברויט־קאַרטן גיט מען ברויט אויף מאָרגן אויך, קענען מיר שוין 12 אַזייגער באַקומען אונדזערע ברויט־נאָרמעס אויף איבערמאָרגן...

אויפֿן וועג אַהיים, שמעקן מיר בלויז צום ברויט. איך — אַ שמעק און סיאָמקע — אַ שמעק. מיר נאַרן דעם מאָגן מיטן בלויזן אַראָמאַט פֿון דעם ברויט. עסן וועט מען אין שטוב.

ווי נאָר מיר עפֿענען די טיר, גיט לאָלאַ אַ פֿרעג:

— איר האָט?

און מיר ענטפֿערן איילּיק צוזאַמען:

— יאָ!...

דאָס הייסט, אַז מיר האָבן סיי ברויט און סיי האָלץ, פֿייער צו מאַכן.

לאָלאַ גליטשט־זיך דאַן אַפֿיר פֿון אונטער דער קאָלדרע, צינדט־אָן דאָס נאַפֿט־לעמפּל, מאַכט פֿייער און מיר וואַרעמען־זיך זאַלבע־דריט אַרום דעם אויפֿגעלעבטן אייזערנע מיטן זינגענדיקן טאָפּ...

שפּעטער ליגן מיר אונטער די קאָלדרעס, מיט די מאַנטלען איבער זיי, און חלומען און בענקען נאָכן פֿרילינג...

און דאָ האָבן מיר ווידער אָפּגעטון אַ גרויס נאַרעשקייט און דער פֿרילינג האָט אונדז ווידער אַנגעלערנט, אַז אין אַשכאַבאַד טאָר מען נישט בענקען...

⁂

דער פֿרילינג איז ענדלעך געקומען...

דער שניי אין די גאַסן איז צעגאַנגען און אָפּגעפּלאָסן אין לײמיק־געלע טײַכן. אָבער דער שניי אויף די פּלאַטשיקע דעכער האָט נישט געוואָלט צעגיין. במשך דעם ווינטער איז ער פֿאַרהאַרטעוועט־געוואָרן אין אַ מאַסיווער אייז־שיכט, וואָס די פֿריִע פֿרילינגס־זון האָט בשום אופֿן נישט געקאָנט צעשמעלצן. האָט זיך דער הימל פֿאַרכמור־רעט מיט צאָרנדיקע כמאַרעס און גענומען גיסן מיט האַסטיקן רעגן־

שטראָמען, וואָס האָבן גענומען בויערן און ברעכן דעם אייזיקן עקשנות.

און אַז עס האָט אָנגעהויבן רעגענען, האָט עס פאַרגעסן אויפצו־הערן. פאַרקערט: פון טאָג־צו־טאָג האָט זיך דער רעגן געשטאַרקט און אָט מבולט עס שוין די צווייטע וואָך.

דער אייז האָט גענומען קרעכצן, שפּאַלטן־זיך און קראַכן מיט די פלאַטשיקע דעכער אינאיינעם. די דורכגעווייקטע דעכער האָבן שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן די שווערע לאַסט. דורכגעפוילטע בעלקעס האָבן זיך גענומען ברעכן און די צעקרישלטע סופיטן — איינפאַלן.

הונדערטער שטיבער זענען געבליבן אָן דעכער, פאַרפלייצטע ביז איבער די שוועלן. די מענטשן האָבן זיך קוים געראַטעוועט, לאָזנדיק אַרומשווימען זייער אָרעמקייט אויפן באַראָט פון די סטיכי־שע ,מוטנע וואַסערן.

דורך פענצטער און טירן שווימען־אַרויס פאַרשיידנקאָלירקע מלבושים, שוכוואַרג, טישן, בענקלעך, קאַסטנס, וויגעלעך, שאַפעס און בעטן. עס שווימען פאָטאָגראַפיעס, ביכער, העפטן און דאָקומענטן, וואָס זענען ציטערדיק געהיט געוואָרן פון די אומגליקלעכע משפחות.

ווי נאָר אַ סופיט האָט זיך גענומען שפּאַלטן און דורכלאָזן שטראָמען וואַסער, — האָט זיך באַלד די משפחה גענומען פּאַקן און אַנטלויפן צו באַקאַנטע, אין זיכערע, פעסט־געבויטערע הייזער. אָבער אונדז אַלע דריי האָט דער קדחת אַ כאַפּ־געטון און אַריינגעשליידערט אין די בעטן. מיר האָבן גוט געזען די אָנקומענדיקע געפאַר און עס איז נישט געווען דער כוח, וואָס זאָל אונדז קענען שטעלן אויף די פיס.

כל־זמן עס האָט בלויז געקאַפּעט, האָבן מיר אונטערגעשטעלט שיסלען און איבערגערוקט די בעטן פון איין אָרט אויפן אַנדערן. אָבער אַז עס האָט גענומען רינען דורך צענדליקער לעכער, ווי פון אויפגעדרייטע קראַנען און עס איז שוין נישט געווען וווהין די בעטן איבערצורוקן, — זענען מיר ליגן־געבליבן אין נאַסן בעטגעוואַנט, מיט צעעפנטע רעגן־שירעמס אין די ציטערנדיקע הענט...

און אַ באחרית־הימים איז געוואָרן צווישן אונדז און דער קאַץ און עטלעכע שטשורעס, וואָס זענען אַלע געקומען זיך ראַטעווען אויף אונדזערע בעטן...

מיר זענען געלעגן פאַרמשפּטע. לאַלאַ האָט אַפּירגעקוקט פון אונטער איר רעגן־שירעם, צום געשפּאָלטענעם סופיט, פון וואַנען עס וועט באַלד קומען דאָס שרעקלעכסטע. סיאָמקע, דער גיבור, האָט

בלויז געקוקט מיט פחד אויף די שטשורעס, אַז זיי זאָלן אים נישט אָפּבייסן די נאָז אָדער אַ פינגער.

און איך האָב געקוקט אַ פאַרצווייפלטער אויף מיינע הויזן און מיינע שיך, וואָס שווימען אַרום פון וואַנט, צו וואַנט...

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ קלונג. דאָס גלעזל פון נאַפט־לעמפל האָט געפּלאַצט און עס איז פינצטער־געוואָרן. די צעשראָקענע שרצים האָבן גענומען שפּרינגען איבער אונדזערע קעפּ משוגענערווייז.

— שוין! איצט קומט דער סוף! — האָט לאָלאַ אַ זאָג געטון מיט אַ פאַרחלשט קול.

עס האָט מיך אַ שליידער־געטון און איך האָב זיך אויפגעזעצט:

— לללללאָלא! אַ ששששנאַפּססס קקקעקען אונדז ראַטעווען! — האָב איך געקלונגען מיט די ציינער — דודודו האָסט דדדאָך צצצוויי פפפלעשלעך אָדעקאָלאָן! דדדריי־און־דדדרייסיק פּפּפּראָאָצצצענט!... לללאָמיר אויסטטטררינקען!...

די צוויי פלעשלעך קעלניש־וואַסער האָט לאָלאַ געהאַט ביי זיך אונטערן קישן. געוואָלט עס אויסטוישן אויף ברויט. זי האָט זיי איצט אַפּירגענומען און מיר האָבן געמאַכט אַ לחיים. עס האָט געהאַט אַ טעם פון בראָנפן מיט זייף־מולינעס געמישט. אָבער אין אונדזערע הונגעריקע מאָגנס האָט עס אַ ברי־געטון און דערוואַרעמט די געדע־רים אין דער סאַמע דעצידירנדיקסטער מינוט.

דער פיבער האָט נאָכגעלאָזן און מיר זענען אַראָפּ פון די בעטן. איצט האָט עס אונדז שוין נישט געאַרט, וואָס מיר בראָדזשען באָרוועס און נאַקעטע אין אייז־קאַלטן וואַסער. אין דער פינצטער האָבן מיר צונויפגעשאַרט אונדזערע שווימענדיקע מלבושים, שוכוואַרג און וועש. מיר האָבן זיי געשטופּט אין די וואַליזן און רוקזעק, וואָס זענען פול געווען מיט וואַסער. אָנטון זיי, נאַסערהייט, האָט סיי־ווי קיין זין נישט געהאַט. אויף אונדזערע נאַקעטע לייבער האָבן מיר בלויז אַרויפגעכאַפּט די מאַנטלען און באָרוועסע אַרויס אין דער פעכיק־פינצטערער און מבולדיק־צעפּלייצטער נאַכט.

און ווי נאָר מיר זענען די שוועל אַריבער, האָט זיך דערהערט אַן אומהיימלעך־דומפּיקער הילך און אַ גערויש פון אַ מעכטיקן וואַסער־פאַל. דאָס האָט זיך אונדזער סופיט צעקושט מיט דער פּאָדלאָגע...

אין דער פּעך־שוואַרצער פינצטערניש האָבן מיר נישט געזען איין טריט פאַר זיך. נישט געוווסט ווו עס איז אַ רינשטאָק און ווו עס איז אַ גרוב. מיר האָבן געבראָדזשעט ביז איבערן די קני אין

אַ צעכוואַליעטן, אייז־קאַלטן טייך און יעדע ווײַלע, זיך פּאַטיקעט און פאַרזונקען ביז צו די לענדן.

וווּ־נישט־ווו האָט זיך געהוידעט אַ גאַסן־לאָמפּ אין ווינט. די לאָמפּן האָבן דעם צעפּלייצטן חושך נישט ליכטיקער געמאַכט. זיי זענען נאָר געווען פאַר אונדז פינקלענדיקע סמנים, אין וועלכער ריכטונג צו גיין. מיר האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט און געברומט מיט פאַרשיידענע שטומצונגיקע קולות. דער קדחת האָט ווידער געגנ־מען גובר־זיין דעם אויסגעטרונקענעם קעלניש־וואַסער. עס האָט אונדז געשליידערט נאָר אומצופאַלן און דערטרונקען צו ווערן, כאָטש מיר האָבן־זיך פעסט געהאַלטן ביי די הענט.

אָבער דווקאָ לאַלאַ איז איצט נישט געווען פאַרצווייפלט. דער שנאַפּס האָט פאַרמישט איר שוואַך קעפּל און כאָטש דער קדחת האָט איר געשליידערט, האָט זי פריילעך געזונגען מיט אַ ציטערנדיקן מעצאָ־סאָפּראַן, וואָס האָט איצט אַ קאָלאָראַטור באַקומען:

— וואַוואַוואַווא, הוהוהוהו, וווּאַוואַוואַווא, כהאַכהאַכהאַכהאַכהאַ!...

סיאָמקע האָט אונטערגעסקריפּעט מיט אַ באַס:

— בררררר, בבבבררררר, בבבררר!...

און איך האָב זיי אונטערגעהאַלטן מיט אַ וויאָלין־מעסיקן מרו־טשאַנדאַ:

— מימימי, הממממממ... מימימי, הממממ!...

ביז מיר זענען געקומען צום מאַסיוו־געבויטן בנין פון אונדזער „פּושקין"־טעאַטער.

דאָרט זענען שוין געווען די בינע־אַרבעטער וואַניא און קאָליאַ, וועמענס קיביטקעס עס זענען שוין אויך איינגעפאַלן און פאַרטרונ־קען־געוואָרן.

וואַניאַ און קאָליאַ האָבן שוין באַוויזן אָנצוהייצן דעם אייזערנעם אויוון, ביז רויטער צעגליטקייט. די היץ האָט געיאָגט פון אים אויף אַ מרחק. דער ריזיקער סאַמאָוואַר, אין וועלכן עס גייען־אַריין זעקס עמערס וואַסער, האָט פריידיק געזאָטן.

— קומט אַהער, קאַטשקעלעך, און טרינקט טיי...

— איר זענט לייטיש געשווומען, האַ?...

— זיך אויסגעבאָדן?!...

מיר האָבן געטרונקען ליטערס טיי און זיך געוואַרעמט. פון אונדזערע נאַסע קליידער האָט געזעצט אַ מילך־ווייסע פּאַרע. במשך עטלעכע מינוט זענען זיי טרוקן־געוואָרן. אָבער אַז דער קדחת האָט

אָפּגעלאָזן און מיר האָבן גענומען שוויצן, זענען זיי ווידער נאַס־געוואָרן...

און דאַן ערשט האָט אויפגעוואַכט דער הונגער.

לאַלאַ האָט זיך איצט מודה־געווען, אַז פון אונדזערע נעכטיקע ברויט־פּאָרציעס האָט זי אַראָפּגעגנבעט צו שטיקעלעך און עס געהאַלטן אויף הײַנט אינדערפרי. אָבער אין עדר פינצטערער בהלה איז עס ערגעץ דערטרונקען־געוואָרן.

— אוי, ווען איך האָב ערשט כאָטש איין ביס ברויט...

— אָט, אַ נאַשערקע, נו!...

— ס'חלשט מיר ס'האַרץ... — זאָגט זי פאַרשעמט און שולדיק.

— טאָ זאָג מיר, וואָס איז בעסער: הונגער, צי קדחת?...

זי האָט עס נישט געוווסט... און קיינער האָט עס נישט געוווסט. אפשר ווייסט איר, ליבע פריינט? ניין? — איז גוט! הלוואי איר זאָלט עס אויף ווייטער אויך נישט וויסן!...

אַ צרה איז נאָר מיט אונדזער בינע־אַרבעטער קאַליאַ. ווען אונדז מאַטערט דער הונגער, שווייגן מיר אַנגעכמורעטע און בייזע. קאַליא דאַקעגן, איז אַ געדיכט־צעפּלאָפּלטער פּויער און רעדן האָט ער דווקא ליב וועגן עסן...

זיין פאַנטאַזיע טראָגט אים און ער דערציילט:

— בין איך מיר געגאַנגען הינטערוועגנס, אין דער נאָנטער שטאָט־אַריין, זוכן אַרבעט. איך גיי פאַרביי אַ פּלויט און דערפּיל אַ גערוך פון קעז. קריך איך אַריבער און גיב אַ קוק: אַ פאַבריק פון אמת שווייצערקעז!... אַ סקלאַד מיט אָפענע טירן און קעזן זענען אָנגעלייגט ביזן סופיט, יעי באָגו!... און קיין שומר זע איך נישט! בין איך נישט פויל, קריך־אַריבער און נעם עסן. אַז איך האָב שוין געהאַט אויפגעגעסן אַנדערהאַלבן קעזן, קומט־אָן דער דירעקטאָר און פרעגט: „אָן דו, ווער ביזטו אַזעלכער? און וואָס טוסטו דאָ?" זאָג איך אים: „טאָוואַרישטש דירעקטאָר, אַ ספּעציאַליסט אויף קעז בין איך, אַ מבין, אַ פּרובירער"...

— „זייער גוט! — זאָגט ער — אָט אַזעלכן זוכן מיר טאַקע!"...

און איך בין דאָרט געבליבן אַרבעטן אַ חודש צייט. איך האָב געפרעסן די קעזן, ביז דער בויך האָט מיר געפּלאַצט און מען האָט מיך אַרויס־געוואָרפן...

און באַלד דערנאָך, גייט אַן ענלעכע מעשה וועגן אַ וווּרשט־פאַבריק, וועגן אַ בעקעריי, וועגן אַ רעסטאָראַן־קיך און וועגן אַ וויין־קעלער...

סיאָמקע גאבע האַלט עס מער נישט אויס:
— שווייגן זאָלסטו! דערהרגענען וועל איך דיך!
— וואָס ווילסטו פון מיר, מענטש?! — בעט זיך דער צעשראָ־קענער קאָליאַ.
— לייקן אָפּ! זאָג, אַז דו האָסט געבלאָפט!
— און אַז געבלאָפט, איז וואָס?
— זאָלסטו מער נישט בלאָפן! און רייץ נישט קיין הונגעריקע מענטשן!
— און אז איך וויל יאָ דערציילן?
— וועל איך הרגענען! שעכטן וועל איך דיך!!!
און ער כאַפּט אַ שטיק האָלץ און נעמט יאָגן דעם צעשראָקענעם קאָליאַ איבערן גאַנצן טעאַטער־פּאָיע.

א מעשה מיט א פאר הויזן

ריכטיקער וואָלט די מעשה געדאַרפט הייסן „אַן הויזן". נאָר ווייל איך שוין דעם עסטעטישן געפיל פון מיינע געטרייע לייענער, טאָ זאָל זי הייסן ווי זי הייסט.

דער פרילינג אין אַשכאַבאַד איז, ווי אומעטום, אַ מילדער: די היצן דערגייען „בלויז" ביז אַ וועלכע נאַרישע פערציק גראַד.

אָבער די אָוונטן זענען נאָך באמת קילע און פריש־לופטיקע. דער העל־בלויער הימל איז אויסגעשפרייט ווי אַ טישטוך, אויף וועלכן עס ליגט אַ ווייצענער ראָגאַל און אַרום אים זענען אָנגעשאָטן טויזנ־טער ביסקוויטן. די בוימער אין די פּאַרקן וויגן זייערע גרינע קרוינען, אויסגעוואשענע אין די שלאָקס־רעגנס. קיין פרוכטן גיבן זיי נישט, די בוימער, נאָר אַראָמאַטן. פּאָר אַ נישט געגוג־דערנערטן זענען איצט די אַראָמאַטן צו־שאַרף און שיכורנדיק. און שיכורן איז גוט, ווען מען בייסט עפּעס צו...

ראָמאַנטישע מיידלעך גייען געאָרעמטע, צו זעקס־אַכט מיידלעך אין אַ ריי, ווי אַ גייענדיקער און זינגענדיקער פּאַרקאַן.

אויב פּאַרקאַנעס זינגען נישט ביי אייך, בין איך נישט שולדיק. מיינע פּאַרקאַנעס זינגען יאָ! זיי זינגען כאָראַל בענקשאַפט־לידער, וועגן דעם ליבסטן, וואָס קעמפט אויפן פראָנט און שיצט דאָס היימלאַנד.

וואָס־וואָס, נאָר קיין לידער פעלן נישט אין רוסלאַנד. און דווקא

שיינע, האַרציקע פאָלקס־לידער. די יוגנט, וואָס האָט נישט עפּעס בעסערס צו טון, זינגט זיי נשמהדיק, מיט ריינע, קאָלירפולע שטימען, — אַז דאָס האַרץ צעגייט דיר פון אומעט און בענקשאַפט.

זיי זינגען אַזוי שיין, אַז וויינען ווילט זיך (און דאָס מעג מען) און שלינגען שטום די טרערן.

שלינג איך טאַקע און פרעג זיך:

— ווי קען מען דאָס אַזוי הערלעך זינגען, אַזוי געטריי בענקען און אַזוי ריין ליבן, מיט אַזעלכע הונגעריקע מאַגנס?

אשכאַבאַד איז אַ ציכטיקע שטאָט, אַ דורכאויס־אַספאַלטירטע. איך ווייס נישט ווען מען קערט די גאַסן און צי מען קערט זיי בכלל. אָבער ריין איז תמיד. אַ ריינקייט, וואָס דערמאַנט מיך אָן דער קללה: „ביי דיר אין שטוב זאָל זיין אַזוי ריין, אַז דו זאָלסט נישט האָבן קיין מיסט אַרויסצוואַרפן״... אפילו אויף די באַזאַרן איז ריין. דו קענסט זיך אָנועקזעצן אינמיטן מאַרק און עסן, אויב דו האָסט נאָר וואָס. די טורקמענער האָבן און זיי עסן טאַקע, זיצנדיק אויף דער ערד אינמיטן מאַרק.

די הייזער אין די גאַסן זענען פריש־געקאַלכט. ווו־נישט־ווו שטייען פרויען און פאַרריכטן נאָך זייערע חרובע הייזער. קיין ספּעציאַליסטן דערצו דאַרף מען נישט. מען דאַרף נאָר האָבן צייט. אַז מען קריגט אַ טאָג „וויכאָדנאָי״ און מען איז פריי פון די אַרבעטס־פליכטן, — גראָבט מען אויס אַ גרוב, מען שיט־אָן ליים און שטרוי, וואָס מען קנעט מיט די באַרוועסע פיס, ווי אין די צייטן פון „עבדים היינו״... נאָכדעם נעמט מען דעם ליים און מען פּאַטשט מיט אים אין אַלע לעכער און שפּאַרונעס פון די ווענט.

במשך איין טאָג, קען אַזאַ אַרבעטזאַמע פרוי אויספּאַטשן מיט ליים גאַנצע צוויי ווענט. במשך איין טאָג, פאַריכט זי די בעלקעס און פּאַטשט־אויס אַ נייעם דאַך. און במשך איין טאָג, קאַלכט זי אויס דאָס הייזל פון אינווייניק און אויסנווייניק.

איך האָב נישט קיין הייזל און פּאַטש נישט קיין ווענט. צום טאָפּן אַ וואַנט בין איך שוין געוווינט און צום פּאַטשן — נאָך נישט.

און בסך־הכל בין איך דאָך אַליין אַן אַרויסגעפּאַטשטער דורכן מבול און וואַלגער־זיך מיט מיין פרוי אין אַ גאַרדעראָב־צימערל פון טעאַטער.

איך האָב נאָך קיינמאָל נישט פיינט געהאַט אַ טעאַטער, אַזוי ווי היינט. און די פאַרברענטסטע טעאַטער־ליבהאָבער ווינטש איך נישט, צו האָבן אַזאַ טעאַטער־היים ווי איך.

עס איז שוין פרילינג, אָבער מיר ליגן דאָרט נאָך אַלץ אויף שניי און דעקן זיך־צו מיט ברודיקע פלאַכטעס שניי.

מיטן וואַטענעם שניי פון דער פיעסע „פראַנט".

גאָר בקרוב וועלן מיר זיך שוין קענען פילן זומערדיק און זיך פירן דאַטשעדיק: מען שטעלט איצט אַ פיעסע „דאמסקאַיאַ וואינאַ" און די סצענע איז אַ פּאַלאַץ אין אַ גרינעם גאָרטן. די גרינע גראָז־טעפּיכער ווערן שוין גענייט און מיר וועלן קענען ליגן אויף גראָז, זיך צודעקן מיט גראָז און קייען גראָז, ווי די נאַסטאַיאַשטשע בהמות...

איך האָב אייך גאָר פאַרגעסן צו דערציילן וועגן סיאָמקע גאַבען. די לעצטע צוויי וואָכן האָט ער אונדז אַנגעהויבן פאַרפאַלן צו ווערן אויף גאַנצע נעכט און מיר האָבן בשום־אופן נישט געקאָנט פון אים אַרויסבאַקומען, ווו ער הוליעט עס אַרום ביז פאַרטאָג. געמיינט האָבן מיר, אַז ער כאַפּט ערגעץ אַ כאַלטורע, פאַרדינט אַ פּאָר רובל, עסט און לעבט אַ גוטע נאַכט. וואָרעם די טעג איז ער דאָך געווען מיט מיר און געהאָרעוועט אויף דער בינע...

עס האָט אַ ביסעלע פאַרדראָסן און באַליידיקט, וואָס ער באַהאַלט פון אונדז אַ סוד ,ווען מיר — פאַר אים האָבן קיין סודות נישט, נאָר מילא. לעבנדיק אין לאַנד, ווו סודות און פאַרדרוסן זענען דאָס טעגלעכע ברויט, האָבן מיר דאָס אויך אַראָפּגעשלונגען און נישט זאָטער געוואָרן. קליגער — אוודאי נישט...

מען האָט, אָבער, נישט באַדאַרפט האָבן קיין באַזונדערס שאַרף אויג ,צו באַמערקן סיאָמקעס אויסערלעכע פאַרענדערונג. דער ריזי־קער יונג האָט זיך גענומען איינשרומפּן. זיינע פאַרביקע און תמיד־צעשמייכלטע באַקן זענען בלייך און שליאָבערדיק געוואָרן. די אויגן — פאַרויטלט פון נישט־דערשלאָפנקייט. עפּעס גייט ער אַ געבויגענער און שלעפּט די פיס.

סיאָמקע גאַבע איז דאָך אַ גאָלדענער אַרבעטער. אַלץ ברענט תמיד אונטער זיינע הענט. ער איז גרינג אויף אַ גיי, אויף אַ לויף, אַ שפּרונג אויף אַ לייטער. דאָס גאַנצע טעאַטער האָט מיט אים שטאָלצירט. און דאָ, פּלוצלונג — אַזאַ איבערקערעניש! דער רעזשי־סער מאַכט אים שוין פאַרוורפן און דער געהילפס־רעזשיסער דער־לויבט זיך שוין אפילו צו שרייען אויף אים און דראָען. און דאָס שרייען העלפט אויך נישט. סיאָמקע קוקט זיי אָן מיט אַ פּאָר קעלבער־נע אויגן, ווי ער וואָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען, וואָס זיי רעדן צו אים.

און איינמאָל, שטעלנדיק אַ דעקאָראַציע, ווערט ער אַנטשלאָפן שטייענדיקערהייט... דער געהילפס־רעזשיסער גיט דעם גאַנג און וויל

עפענען דעם פאַרהאַנג, נאָר סיאָמקע רירט זיך נישט! ער שטייט אויף דער בינע און שלאָפט...

„וואָס ליבע קען אַלץ מאַכן פון אַ מענטש! — טראַכט איך — פאַרהוליעט־זיך גאַנצע נעכט און האָט בייטאָג קיין כוח נישט, אויף די פיס זיך צו האַלטן. ער וועט נאָך קריגן אַ ראַפּאָרט, געשטעלט־ווערן פאַרן געריכט. מען מוז דאָך אים וואָרענען!"

בעט איך זיך ביי אים:

— סיאָמקע, נעם זיך אין די הענט־אַריין! ביזט דאָך שוין אויס־מענטש!

ווערט זיין נאָז נאָך בלייכער און צעפליגלטער און ער גיט אַ זאָג סאַרקאַסטיש:

— מען האָט מיך שוין גענומען אין די הענט... איך בין שוין איינמאָל אין גוטע הענטעלעך!...

— ווער איז זי דאָס, די קראַסאַוויצע?...

קיאָמקע קוקט זיך אַרום, גיט מיר אַ ווונק, איך זאָל אים נאָכגיין און ער שלעפּט־זיך אַוועק אין סאַמע וויטסטן און טונקלסטן ווינקל פון דער בינע.

דאָרט זעצן מיר זיך אַוועק אויפן ראַנד פון אַ גרינעם פאָנטאַן און שווייגן. סיאָמקע קוקט זיך אַלץ אַרום און שפּיצט־אָן זיינע גרויסע אויערן, ווי ער וואָלט זיך געשראָקן פאַר אַ שאָרך און פאַר זיין אייגענעם שאָטן. איך הויב שוין־אָן צו פאַרשטיין, נאָך איידער ער זאָגט עפּעס. פון דעסטוועגן, ווער איך אומגעדולדיק און זאָג:

— נו, רעד! גיב לשון!

— דאָס איז אַלץ צוליב דיר! — גיט ער אַ קרעכץ אַרויס.

— צוליב מיר?! וואָס האָב איך דיר געטון?!

— דו שרייבסט בריוו קיין פּאַלעסטינע! דו האָסט געקראָגן אַ פּעקל!

— וואָס־זשע פאַר אַ שייכות האָט עס מיט דיר?!

— עס האָט! זיי ווייסן, אַז מיר זענען צוזאַמען און זיי ווילן, דורך מיר, זיך דערוויסן וואָס דו ביזט אויסן: צי מען זאָל דיר בלויז שיקן שטיצע, אָדער מען זאָל דיך אַרויסנעמען אַהין...

— אַזוי?!

— אַזוי־אַזוי. שוין צוויי וואָכן מאַטערט מען מיך! איך זאָל זיך דערוויסן אַלע דיינע סודות... שוין געקראָגן קלעפּ אויך. שוין איינמאָל קלעפּ! ווען איך זאָל אויסטון דאָס העמד און דיר ווייזן מיין פּלייצע,

די זייטן... — האָט ער זיך צעהעשעט — איך האָב שוין מער קיין כוח נישט!

— אָבער איך וויל דאָך גאָרנישט! איך האָב דאָך, אין מיינע בריוו, גאָרנישט געבעטן!

— אַלע נאַכט, נאָך דער אַרבעט, מוז איך אַהינקומען און מען מאַטערט מיך ביז אינדערפרי! — רעדט סיאָמקע ווייטער, ווי ער וואָלט מיך גאָרנישט געהערט — מען וואַרפט מיך אַריין אין אַ פינצ־טערן קעלער. איך קורטשע־זיך אין יסורים אויפן האַרטן צעמענט און דער קדחת מאַטערט אויך. און אַז אַז עס גייט שוין אַריבער און איך וויל איינדרימלען, רופט מען מיך ווידער צום אויספאָרשער. אַזוי אַ גאַנצע נאַכט. און אינדערפרי מוז איך גיין צו דער אַרבעט. האָרעווען און האַלטן דאָס מויל! דער דירעקטאָר האָט מיך שוין ארויסגערופן. געסטראַשעט מיט אָנגעבן מיר „פּאַד סוד". ווי קאָן איך אים דערציילן, אַז אָט דאָ הענגט אַ שלאָס?! און נאָך דער אַרבעט, מוז איך ווידער גיין צו דער אינקוויזיציע. שוין צוויי וואָכן אַזוי! איך האָב שוין מער קיין כוח נישט! — האָט זיך דער איינגעבראָכענער ריז צעכליפּעט.

— ששש... באַרואיק־זיך, סיאָמקע. מירן טראַכטן אַן עצה. שאַ! פאַרוואָס זאָלסטו נישט זאָגן דעם אמת? איך שרייב דאָך צו מיין ברודער! אויב מען טאָר נישט שרייבן צו אַ ברודער, טאָ זאָלן זיי מיך שטראָפן! אַ לייבלעכער ברודער! און איך בעט ביי אים גאָר־נישט. דאָס פּעקעלע האָט ער אַליין געשיקט! ער איז אַ פּראָסטער בנין־אַרבעטער און נישט קיין קאָנסול. העכסטנס קען ער מיר שיקן אַ פּאָר שקאַרפּעטקעס, אָבער נישט קיין וויזע...

— דאָס האָב איך שוין אַלץ געזאָגט. זיי ווילן נאָר וויסן, וואָס פאַר אַ שפּיאָנאַזש איר פירט!

— שפּיאָנאַזש?! אוי, דאָס איז שוין ערגער! איך? שפּיאָנאַזש?!

— יאָ. פון וועמען קריגסטו דאָ אַרויס די מיליטערישע סודות? און וואָס פאַר אַ פּלענער האָסטו שוין איבערגעשיקט?...

— טפו אויף זייערע קעפּ!

— דערווייל גייט עס אַלץ אויס צו מיין קאָפּ!

— און איך האָב געמיינט: אַ שיקסע...

— הער־אויף! איך וועל עס נישט אויסהאַלטן, זאָג איך דיר! איך וועל משוגע ווערן! — — — — — —

פרילינג...

אַ גאַנצן ווינטער שפּילט דער פּושקין־טעאַטער אין אַשכאַבאַד און אַז עס קומט פרילינג, פאָרט ער אַרויס אויף גאַסטראָלן איבער די גרעסערע שטעט פון טורקמעניע, ווי: קראַסנאָוואָדסק, מארי, טשאַר־טשאַרדזשאָו און קירקי.

מיט אונדזער איצטיקן אַרויספאָר, איז סיאַמקע פּטור־געוואָרן די אינקוויזיציע־פּיינען אין נ.ק.וו.ד.־קעלער און איך בין פּטור געוואָרן פון דעם שרעקלעכן כבוד, וואָס זיי אינטערעסירן־זיך מיט מיין ווייניקייט...

לאָלאַ איז דערווייל געבליבן אין אַשכאַבאַד. אין עטלעכע טעג אַרום פאָרט זי אויך אַרויס מיט אַ בריגאַדע. זי זינגט שוין רוסישע, אוזבעקישע, טורקמענישע און טאַדזשיקישע פאָלקס־לידער. זייער טורנעע איז אַ פּיל־גרעסערע און ווייט — אויסער די גרענעצן פון טורקמעניע.

הינטערוועגנס איז פרייליכער: מען קריגט צוגאָב צום געהאַלט, פאַר זיין הינטערוועגנס און אַ בעסערע דערנערונג. די אַרבעט איז אויך אַ פּיל לייכטערע. כדי נישט צו שלעפּן אין וועג קיין שווערע דעקאָראַציעס און מעבל, שטעלט מען דאָ לייכטערע פאָרשטעלונגען. מיר גרייטן־צו די בינע במשך פון צוויי שעה און מיר האָבן פריי אַ גאַנצן טאָג, ביז דער פאָרשטעלונג.

שפּאַצירן מיר איבער די גאַסן ,איבער די מערק, מיר טרעפן פּליטים פון פּוילן און דערוויסן־זיך נייעס: ווער עס איז פאַרשיקט, ווער עס איז אַרעסטירט, ווער עס איז געשטאָרבן פון טיפוס און ווער־ווער עס איז אויף גרעסערע צרות...

קראַסנאָוואָדסק, די האַפן־שטאָט ביים קאַספּישן ים, איז די ערשטע פון אונדזער טורנעע. און דאָ האָבן מיר געהאַט דריי זאַטע און פריילעכע טעג.

איינמאָל קומט צולויפן אונדזער דירעקטאָר, אַ פאַרסאַפּעטער, און פרעגט אונדז:

— רעביאַטאַ, גוטע קאָסטיומטשיקלעך האָט איר?

— יאָ.

— און שליאַפּעס מיט גאַלסטוקן? (קאַפּעליושן מיט קראַוואַטן?)

— יאָ.

— איז טוט זיך־אָן און קומט מיט מיר. איר וועט עסן אַ גוטן מאָלצייט!...

מיר האָבן זיך אָנגעטון און זיך געלאָזן פירן צום וואָקזאַל. דער

רעסטאָראַן, ערשטע קלאַס, איז דאָרט געווען קעניגלעך סערווירט.

אויך צווייטע קלאַס איז געווען סערווירט. נאָר דאָרט זענען געזעסן אורחים מיט היטלען און אָן קראַוואַטן...

אַ דאַנק אונדזערע קאַפּעליושן און קראַוואַטן, זענען מיר זוכה געווען צו ערשטע קלאַס, מיט טייערע סערוועטן, פּאָרצעלאַן און פּלאַטיר־געשיר...

וואַזאָנטשיקעס מיט פרישע בלומען זענען דאָרט אויך געשטאַנען, אָבער געשמעקט האָבן מיר דאָרט די טאַצן מיט פרישע זעמעלעך און פריש־אָנגעשניטן ווייס ברויט... די טעלערלעך מיט לאַקס־פיש און רויטן און שוואַרצן איקרא (רויג)... און פלעשער ביר, וואָס האָבן דאָ געפינקלט, ווי אויף אַ געהויבענער שמחה!...

מען האָט אונדז אויסגעזעצט ווי די פריצים, דערלאַנגט סערוועטלעך אויף די שויסן און געבעטן, מיר זאָלן זיך אָפּהאַלטן פון עסן, ביז דער מאָסקווער צוג וועט אָנקומען... דאַן וועט מען אונדז דערלאַנגען זופּ און פלייש און קאָמפּאָט... אויב מיר זענען זייער הונגעריק און מיר קענען זיך נישט איינהאַלטן, זאָלן מיר דערווייל עסן אַ פּאָר שטיקלעך ברויט...

איך בין נישט געווען קיין חזיר און זיך נישט געלאָזן בעטן. און נישט קיין ברויט, נאָר דווקא זעמעלעך האָב איך געשלונגען, ווי פּאַר אַן אינטעליגענט אין אַ קאַפּעליוש מיט אַ קראַוואַט פּאַסט.

דערצו זענען די זעמעלעך געווען אַזעלכע פריש־קנאַקנדיקע און באַטעמטע, אַז זיי האָבן זיך אויסטערליש־שנעל געשלונגען.

סיאָמקע האָט מיך אפילו געוואָרנט, איך זאָל זיך נישט אָנעסן צופיל מיטן געבעקס, וואָרעם עס דערוואַרט דאָך אונדז נאָך זופּ און פלייש און קאָמפּאָט...

האָב איך אים געגעבן גערעכט און ווייטער געשלונגען.

דער קעלנער האָט מיך אָנגעקוקט בייזלעך, צוגענומען די ליידיקע טאַץ און צוריקגעבראַכט אַ פולע. איך האָב זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. איך האָב אויך ריזיקירט, אַ פּאַרזוך צו טון דעם לאַקס און די איקרא. עס איז געווען וווּנדערבאַר! איך האָב געעפנט אַ פלאַש ביר און פעסטגעשטעלט, אַז קיין בעסערס דאַרף מען גאָרנישט!

דער בופעט־דירעקטאָר האָט מיך אָנגעקוקט איבעראַשט און צאָרנדיק. איך האָב צו אים פריינטלעך צוריק געוווּנקען, אַז איך בין צופרידן... עס שמעקט מיר...

די טאַץ איז ווידער ליידיק געוואָרן און מען האָט ווידער דערלאַנגט אַ פולע.

מיין קאַפּעליוש איז דאָך היינט ווערט אַ מיליאָן!.. איך האָב אים געוווּנטשן אריכת־ימים, געשוויצט און געאַרבעט מיט די באַק־ציינער.

אפילו סיאַמקע האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ פאַרברעכער...

ענדלעך האָט זיך דערהערט אַ פייף און עס איז אָנגעקומען דער מאָסקווער צוג. איך האָב שוין געזען ווי עס פאָרען פאַרצעלייגנע זופּ־וואַזעס... דער גאַנצער שטאָט באַדינער איז אַרויסגעלאָפן מקבל פּנים־זיין די הויך־געשטעלטע געסט, וועלכע דאַרפן זען ווי שיין און אינטעליגענט איך עס...

איך האָב דערוויל אַריינגעשניפּט דעם לאַקס, די רויגן און צוגע־שניאַשקעט נאָך אַ פלאַש ביר. — איינמאָל פגרט אַ קאַזע!..

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און אַלע אַרטיקע נאַטשאַלניקעס און דער שטאָט באַדינער זענען צוריק אַריינגעקומען ענטוישטע און בייזע.

אַז איך האָב נאָר דערזען זייערע פּנימער, האָב איך באַלד אַריינ־געגאָסן אין זיך נאָך אַ פלאַש ביר און גענומען שנעל שטאָפּן אַ זעמל אין מויל און אַ זעמל אין קעשענע, אַ זעמל אין מויל און אַ זעמל אין בוזעם־אַריין...

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז איך האָב דווקא זייער קלוג געטון. אַז איך האָב גאָר אַליין נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ חכם איך בין! ווען איך קען, וואָלט איך זיך דאַן אַליין אַ קוש געטון אין שטערן!...

וואָרעם די פאַרענדיקע וואַזעס מיט זופּ זענען באַלד צוריק פאַר־שווונדן אין קיך אַריין און די קעלנער האָבן שנעל גענומען אַלץ אַראָפּראָמען פון די טישן...

די, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן לייטיש, ווי מען האָט זיי אָנגע־זאָגט ,האָבן רחמנותדיק געבעטן:

— און זופּ? און פלייש? און קאָמפּאָט?...

— מאָרגן! איר וועט קומען מאָרגן, וועט איר קריגן!

און צומאָרגנס האָט מען אונדז טאַקע ווידער געבראַכט אויפן וואָקזאַל. דאָסמאָל זענען שוין אַלע געווען אַזוי קלוג ווי איך און אַלע האָבן געכאַפּט פון די טאַצן.

אַ טאָן ברויט מיט זעמעלעך און עטלעכע קאַסטנס ביר־פלעשער האָבן מיר פאַרטיק געמאַכט נאָך פאַרן אָנקומען פון דעם מאָס־קווער צוג.

צו קיין זופּ, פלייש און קאָמפּאָט, איז עס דאָסמאָל אויך נישט

דערגאַנגען און מען האָט אונדז, צומאָרגנס, געמוזט ברענגען אַ דריט מאָל.

דאָסמאָל האָט מען אונדז דערלאַנגט די זופּ פון אייערנעכטן, אָבער נישט מער...

און אויפן פערטן טאָג, ווען מען האָט אונדז שוין מער נישט גערופן און נישט סערווירט קיין טישן אין וואָקזאַל־רעסטאָראַן, — זענען אָנגעקומען עטלעכע אויסלענדישע זשורנאַליסטן...

☘

פון דאַן־אָן האָבן מיר גענומען באַזונדערס שאַנעווען אונדזערע קאַפּעליושן, קראַוואַטן און אַנצוגן. סיאָמקע האָט אפילו געפילעוועט, אַז זיינע הויזן זאָלן האַלטן אַ לייטישן, שטייפן קאַנט.

ער האָט זיי, אָבער, נישט דערפילעוועט, נישט דעם קאַנט און נישט די הויזן.

געשען איז דאָס אין טשאַרדזשאָו , אין אַ האָטעל־צימער, וווּ מיר זענען איינגעשטאַנען זאַלבאַפערט: איך, סיאָמקע און צוויי געסט פון אוזבעקיסטאַן.

איך האָב מיין אַנטון, ווי געוויינלעך אין בשותּפותדיקע האָטעל־צימערן, געלייגט אונטערן קישן. סיאָמקע, אָבער, האָט אָפּגעפּוצט זיין אַנצוג פון אַ מינדעסטן שטויבעלע און איינגעלייגט, מיט אַ זעלטענער פּינקטלעכקייט, אויף דער טאַבורעטקע וואָס נעבן זיין צוקאָפּנס.

באַזונדערס האָט ער געהאָרעוועט אויף די הויזן, אַז זיי זאָלן ליגן גלייך, נישט צעקנייטשט־ווערן, חלילה, און האַלטן דעם אויסגעפּרעסטן קאַנט.

נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג, זענען מיר שווער איינגעשלאָפן. אָבער נאָך שווערער איז מיר געווען, אויפצוהייבן דעם קאָפּ און אויפצורייסן די אויגן, ווען איך האָב פאַרטאָג דערהערט סיאָמקעס געוואַלדעס.

ער איז אַרומגעשפּרונגען אין די אונטערוועש אַ צעווילדעוועטער, געטייטלט כּסדר אויף דער טאַבורעטקע, ביי אים צוקאָפּנס און פאַרזיכערט, אַז דאָרט זענען זיי געלעגן, זיינע הויזן און דאָס רעקל. ער האָט זיך נישט אויסגעטאָן אויף קיין באַזאַר, נאָר דאָ אין האָטעל־צימער און דאָ, אויף דער טאַבורעטקע, האָט ער געלייגט זיינע זאַכן. די טאַבורעטקע איז דאָ און די מלבושים זענען נישטאָ! איבערהויפּט — די הויזן! ווי קאָן ער אַרויסגיין אויף דער גאַס אָן אַ פּאָר הויזן?!

דער האָטעל־דירעקטאָר האָט עס זייער באַדויערט. מיליץ האָט

אויסגעפּרעגט אײנצלהײטן און פֿאַרשריבן און סיאָמקע גאַבע איז זיצן־געבליבן אין די גאַטקעס. ער איז געזעסן אַ באָרוועסער, נישט געהערט די טרײסט־ווערטער און נאָר געקוקט אויף דער ציניש־גלאָצנדיקער טאַבורעטקע מיטן בלייכן פֿליך. און אונטער דער טאַבורעטקע, פֿון וואַנען זײַנע אָפּגעפּוצטע שיך מיט די אַלײן־פֿאַרדזשאַ־בעטע סקאַרפּעטן זענען זיך אַוועקגעגאַנגען.

די אײנציקע צוויי זאַכן, וואָס זענען אים טרײַ געבליבן און האָבן אים נישט פֿאַרלאָזט, זענען געווען דער קאַפּעליוש און דער רויטער קראַוואַט מיט ווײַסע פּינטעלעך. זיי הענגען נאָך אויפֿן אַלגעמײנעם הענגער, ווי צוויי יתומים.

די שעהען האָבן זיך גערוקט. סיאָמקע האָט נישט געגעסן, נישט געטרונקען, נאָר געדרייכערט איין מאַכאָרקע־סיגאַרעט נאָכן אַנדערן.

בין איך אַלײן אַוועק אין טעאַטער און דערציילט דעם דירעקטאָר, וואָס עס איז געשען.

דער דירעקטאָר איז געווען אַ האַרציקער מענטש, פֿון די, וועלכע מען טרעפֿט זעלטן אויף אונדזער זינדיקער ערד. ער איז טאַקע געווען באַליבט, סײַ ביי די אַקטיאָרן און סײַ ביי די בינע־אַרבעטער.

האָט ער אָבער געהאַט צו זיך אַ וויצע־דירעקטאָר, וועלכער איז אויך געווען רעזשיסער און הויפּט־אַקטיאָר, — טרעפֿט מען אפֿילו אין גיהנום נישט אַזעלכע בעסטיעס. ער איז געווען אַ פּאַרטייער, אַ פֿאַרדינסטפֿולער, מיט עטלעכע אָרדענס. פֿאַר אים האָבן שוין אַלע געציטערט: פֿון דירעקטאָר, ביז דעם סטאָראָזש. ער האָט נישט גערעדט, נאָר געשריִען מיט אַ ווייסן שוים אויף בלויע ליפּן, וואָס האָבן כסדר געדראָט מיט נ.ק.וו.ד., פּראָקוראָר, תפֿיסה, סיביר. און געוווּסט האָט מען, אַז ער האָט שוין נישט אײנעם אַהין פֿאַרשיקט.

צום שלימזל האָט הײַנט געדאַרפֿט גײן אַ פּיעסע „אינזשיניער סערגייעוו", אין וועלכער דער וויצע־דירעקטאָר שפּילט די הויפּט־ראָל. די פּיעסע איז שווער צום שטעלן און בלויז סיאָמקע אָריענטירט־זיך אין איר.

אָבער אַנשטאָט צו העלפֿן דעם אומגליקלעכן, אַנשטאָט אַרויסצו־נעמען אַ פּאָר הויזן מיט אַ פּאָר שיך פֿון די טעאַטער־קאָסטיומען און שיקן סיאָמקען, ער זאָל קענען קומען און שטעלן די דעקאָראַציעס — האָט זיך דער וויצע־דירעקטאָר גאָר צעשריִען מיט באַנומענע קולות:

— די מינוט זאָל ער אַהערקומען! אַ טויטער, צי אַ לעבעדיקער, נאָר שוין זאָל ער אַהערקומען! דאָ ווערט מען רעדן! ער האָט שוין

פאַרשפּעטיקט אַ האַלבע שעה צו דער אַרבעט און דאָס וועט אים נישט פאַרגעבן ווערן!

— אָבער, חבר דירעקטאָר, ער איז דאָך נאַקעט... אין די גאַטקעס...

— אַ באָרוועסער און אַ נאַקעטער זאָל ער קומען! אַ נישט וועל איך אים איבערגעבן צום פּראָקוראָר! פאַר סאַבאָטאַזש וועט ער ביי מיר אין תפיסה פאַרפוילט־װערן, דער מיערזאַוויעץ!!! אַזוי זאָלט איר אים איבערגעבן! איך וואַרט דאָ!

אַז סיאָמקע האָט דערהערט דעם באַריכט, האָט ער דעצידירט אַ זאָג־געטון:

— גוט! איך וועל גיין צו דער אַרבעט!

— ווי אַזוי?!

— אָט ווּעסטו זען, ווי אַזוי!

סיאָמקע האָט אַ כאַפּ־געטון זיין קאַפּעליוש, און זיין רויטן קראַ־וואַט מיט די ווייסע פּינטעלעך, — אָנגעטון אויפן נאַקעטן האַלדז, אויף דער בלאָנד־באַהאָריקטער ברוסט. און אַזוי, אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער, אין די בלויזע גאַטקעלעך, איז ער אַרויס אויף דער גאַס...

געקענט האָב איך סיאָמקען פאַר אַ באַשיידענעם, פאַר אַ שעמעוו־דיקן, און דאָ, איז ער גאָר פון טראָטואַר אַראָפּ, אויפן מיטן שאָסיי, און מאַרשירט אַ נאַקעטער דעמאָנסטראַטיוו, הויבנדיק דעם קאַפּעליוש און באַגריסנדיק די דורכגייער אויףביידע טראָטואַרן.

— דאַ זדראַוּוסטווויעט! זאָל לעבן די פרייהייט! — האָט ער געשריען — אורררראַאַאַ!!!

די ביקס איז דיין ווייב

— מזל־טוב, איך בין שוין אַ סאָלדאַט!...

און נישט קיין פּשוטער! —

אַן איינדרוק אויף דער קאָמיסיע האָב איך געמוזט מאַכן גאָר אַ וואַזשנעם, וואָרעם זי האָט באַשלאָסן, אַז צו זיין אַ פּשוטער סאָל־דאַט, איז אונטער מיין כבוד. אַן אונטער־אָפיציר דאַרף איך זיין, נישט אַנדערש!

און זיי האָבן באַשלאָסן, צו שיקן מיך אין אַ סערזשאַנטן־שול.

צו מיין גליק, געפינט־זיך די סערזשאַנטן־שול אין אַשכאַבאַד גופא און איך דאַרף אין ערגעץ נישט פאָרן.

בין איך דער איינציק־געבליבענער אין שטאָט, פון די פּאָר טויזנט מאָביליזירטע, וועלכע זענען אַוועקגעשיקט־געוואָרן צו ווייטע זאַמל־פּונקטן.

מען האָט מיך געפירט אין באָד־אַריין. (עך, וויפל מאָל אין לעבן האָט מען מיך שוין געפירט אין באָד־אַריין), אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ, געגעבן סאָלדאַטסקע וועש, אַ מונדיר און אַ ביקס.

שפּעטער בין איך געשטאַנען אין דער לעצטער ריי פון מיין ראָטע, באַטראַכט דעם שמוציקן קאַרק פון דעם סאָלדאַט פאַר מיר און געהערט די עטלעכע־און־צוואַנציק געבאָטן, וואָס אונדזער קאַפּיטאַן האָט אונדז פאַרגעלייענט.

באַזונדערס האָט ער גערעדט וועגן דיסציפּלין און וועגן דער באַדייטונג פון אַ ביקס.

וואָס שייך דיסציפּלין, האָב איך אַלץ פאַרשטאַנען: איך טאָר גאָרנישט.

נאָר וואָס שייך דער ביקס, האָט קיינער כמעט גאָרנישט פאַר־שטאַנען און דעם קאַפּיטאַנס בלומען־שפּראַך האָט ארויסגערופן אַ מיינונגס־פאַרשידנהייט.

ער האָט, צום ביישפּיל, געזאָגט:

— די ביקס איז דיין ווייב! דו מוזט זי פּילעווען! רייניקן! שמירן מיט בוימל!

האָט מען אים אויסגעהערט און געשוויגן. נאָר אַז ער האָט גע־פרעגט, צי עס זענען דאָ פראַגן, האָט זיך אַ געל, געשטופּלט, קאָסאָקע פּויערל אָנגערופן מיט אַ קוויטשיק שטימעלע:

— טאָווארישטש קאַפּיטאַן! איך האָב אייך נישט פאַרשטאַנען!

— וואָס האָסטו נישט פאַרשטאַנען?

— וועגן דעם ווייב! איך, טאָווארישטש קאַפּיטאַן, האָב שוין דריי ווייבער געהאַט און וויים מיינע פליכטן! איך וועל קיין ווייב נישט שמירן מיט בוימל און נישט רייניקן! אַז זי וויל, זאָל זי זיך אַליין! פּילעווען, זעט איר, דאָס — יאָ! אַ ווייב דאַרף מען פּילעווען!

— וואָס פּלאַפּלסטו? וועגן אַ ביקס האָט מען גערעדט און נישט וועגן קיין ווייב!

— וועגן אַ ביקס און וועגן אַ ווייב! איך בין נאָך, אַ לויב צו גאָט, נישט טויב! אַנדערש וואָלט מען מיך אין דער אַרמיי נישט גענומען. וועגן אַ ווייב האָט מען גערעדט!

— דאָס ווייב איז נאָר געווען אַ ביישפּיל... געמיינט האָט מען אַ ביקס!...

— סיידן אַזוי. ווענן ביקסן האָט איר רעכט. נאָר ווענן ווייבער, לאָזט עס איבער פאַר מיר! איך ווייס שוין וואָס מיט זיי צו טון!

ביז היינט ווייס איך נישט, צי דאָס פּויערל איז שיכור געווען, צי נאַריש, צי אים האָט זיך וויצלען פאַרוואָלט, נאָר באַצאָלט דערפאַר האָט ער.

צוויי וואָכן האָב איך אים געמוזט טראָגן עסן אין דער תפיסה אַריין.

כאָטש אין האַרצן, בין איך מסכים געווען מיט אים.

אויסער אונדזער לייטענאַנט, וועמענס נאָז עס וואָלט בכבודיק געקלעקט פאַר צען לאַנג־נעזיקע, בין איך געווען דער איינציקער ייד אין גאַנצן פּאָלק. כאָטש געוווסט האָט מען, אַז איך בין אַ פּאָליאַק.

אַלס ייד האָט זיך דאָ גאָר פּראָקלאַמירט אַ קליין־געוויקסיקער קאַלמיקל, וועלכער האָט כסדר געשריען, צו אַלעמענס געלעכטער:

— מיין מאַמע איז געווען אַ קירגיזין, מיין טאַטע איז געווען אַ גרוזין און איך בין אַ ייד!...

און אָט דאָס קאַלמיקל, פון דעם גרוזינישן טאַטן און דער קיר־גיזישער מאַמען, איז דאָ דווקא געווען אַ באַליבט יידל אין אונדזער ראָטע. ער איז געווען נישט ווייניקער באַליבט, ווי דער לייטענאַנט מיט דער צען־פאַכיקער נאָז איז געווען פאַרהאַסט.

מיך, דעם פּאָליאַק, פלעגן מיינע „חברים" זאָגן אָפן:

— דאָ, אין הינטערלאַנד, לאָזן מיר זיי אַרומרודערן, די זשי־דאָווסקע אָפּיצערן. אָבער אויפן פראָנט וועלן מיר נישט וואַרטן אויפן דייטש און אַליין אים געבן אַ קויל אין קאַרק... וואָס זאָגסטו צו דעם?

מען קאָן נישט זאָגן, אַז איך בין געווען פון דעם פּלאַן שטאַרק באַגייסטערט. נאָר דערווידערן האָט זיך אויך נישט געלוינט: איך בין דאָך פאַרט דער איינציקער פּאָליאַק אויף אָט דעם משונהדיקן פעלקער־יאַריד פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן און ראַסן, וואָס הייסט „סער־זשאַנטן־שול". און שלאָפן, שלאָפן מיר דאָך זאַלבאַזעקסט אויף איין צווייישטאָקיקער קאָיקע: אונטן ליגן אַ רוס, אַן אוקראַאינער און אַן אוזבעק און אויבן ליג איך צווישן אַ טאַטאַר און אַ טאַדזשיק.

אונדזער לייטענאַנט איז דווקא אַ גוטמוטיקער יונג, כאָטש מיט אַ פּאָר אומעטיקע, צערפּולע אויגן. ער איז אַ גוטער חבר און אַ גוטער דערציער. איבערהויפּט איז ער אַ גוט־אויסגעשולטער מיליטערמאַן און זיינע דערקלערונגען זענען אַזוי לייכט און פּאָפּולער, אַז דער פּרימיטיוווסטער אַנאַלפאַבעט פאַרשטייט זיי. ער איז גערן מכבד מיט

אַ מאַכאָרקע־סיגאַרעט און העלפט יעדן סאָלדאַט, מיט וואָס ער קען. אָבער זיין נאָז איז פאַרט צו־גרויס אין אַלעמענס אויגן און זיין נאַ־ציאָנאַליטעט איז אַ יידישע. טוט מען דווקא צו־להכעיס, מען חוזקט, מען זינגט פאַלש און מען גייט נישט אין געהעריקן טראָט. — האָט ער נישט קיין ברירה, דער לייטענאַנט, גיט ער אַ פאַרהויב זיינעביידע פאָדערשטע פּאָלעס פון שינעל, אַ פאַרשטעק די שפּיצן אין פאַסיק־אַריין און נעמט שטעלן זיינע לאַנגע פיס.

אין אגב, זענען מיינע פיס, אַנטקעגן זיינע — קימפּעט־קינדער!...

און אַז אונדזער לייטענאַנט לויפט, מוז אים די גאַנצע ראָטע נאָכלויפן, שוויצן און סאָפּען און אויסשפּייען די לונגען.

איך וואָלט עס אייך געוואונטשן אָנצוקוקן, שטייענדיק אָן דער זייט, פאַרשטייט־זיך... ווי אונדזער לייטענאַנט לויפט אָפּ אַ קילאָ־מעטער אַ גאַנצן, ווי אַ גרינגער אָדלער!... און די ראָטע געזונטע כוליגאַנעס האָפּקעט־נאָך מיט פּיאָלעטע פּנימער און אָקסיש־אויס־געשטאַרצטע אויגן...

וואָס פאַר אַ פּנים און וואָס פאַר אַ אויגן איך האָב דאַן געהאַט, — קען איך אייך נישט שילדערן. איך האָב געפּאָכעט מיט דער נשמה, ווי מיט אַ צעשאָסענער פאָן. ווען מען זאָגט מיר־צו, פאַר אַזאַ „שפּאַצירל", אַ לאַבן ברויט מיט אַ קרוג סמעטענע, וואָלט איך נישט אָנגענומען! איך וואָלט אויף אַ סך זאַכן מוותר־געווען, אַבי צו קענען אַנידערפאַלן און ליגן.

און ענדלעך ליגן מיר שוין אַלע און צאַפּלען־זיך, ווי מיט דורכ־געשאָסענע לונגען. מען סאָפּעט און מען רעדט קיין וואָרט נישט. דער שווייס רינט און די לייבער פאַרען, ווי מען וואָלט אונדז פון אַ שוויץ־באָד אַרויסגעוואָרפן.

אַזוי רוט מען אַרום אַ צען מינוט, ביז עס קומט דער באַפעל און מיר נעמען ווייטער מאַרשירן. איצט זענען שוין אַלע גוטע און ווילע קינדערלעך און קיינער מאַכט שוין נישט קיין פוילע שטיק...

אָבער ביינאַכט, אויף דער קאָיקע, רעדט מען... אַלע שטשירען די ציין:

— שעכטן מוז מען אים, דעם זשיד! אַלע זשידעס אויסשעכטן!

און מען נעמט זיך דערציילן מעשיות וועגן געשלעגן און מע־סער־שטעכערייען.

און אַלע פאַרמאָגן זיי זייערע מעסערס מיט־זיך.

יעדע נאַציע און יעדע ראַסע האָט זיך אַן אַנדער סאָרט מע־סער. די הענטלעך זענען באַצירט מיט אויסגעקריצטע אָרנאַמענטן

וואָס כאָטש זיי זענען פּרימיטיוו, — געפעלן זיי מיר. דערקעגן געפעלן מיר שוין גאָרנישט די שטאָלענע קלינגען מיט די שפּיצן און שאַרפן. אַזאַ מעסער האָט ליב זיך אַריינצוגליטשן ביזן הענטל אין אַ ווייכן בויך, אין אַ זייט צווישן די ריפּן און אין אַ נאַקעטן, בלייכן האַלדז.

נאָר איך, אַנשטאָט אַ פּוילישן מעסער, פאַרמאָג בלויז אַ יידישן האַלדז און עס איז מיר זייער פריילעך!

די איבונגס־פעלדער זענען ווייט הינטער דער שטאָט, ביים סאַמע צופוסנס פון די בערג, וואָס גרענעצן זיך מיט פּערסיע.

בייטאָג זעט מען אַפילו די שפּאַלטן און דורכגענג אין די בערג, דורך וועלכע עס קומען אַהער די קורדן, פּאַשן זייערע סטאַדעס.

וואָלט איך געקאָנט פאַרוואַנדלט־ווערן אין אַ קורדישן אָקס, וואָלט מען מיך דאָ אויך אָנגעפּאַשעט און נאָכדעם — אַריבערגע־טריבן די גרענעץ...

ווען מיר פאַרלאָזן די איבונגס־פעלדער, בלייבט דאָ גאָרנישט מער, אויסער גריבער און צילברעטער. פון דעסטוועגן לאָזט מען דאָ איבער, יעדע נאַכט, אַ וואַך פון איין פּערזאָן.

און היינט, כאָטש לאַלאַ האָט געוואַרט אויף מיר ביים טויער פון דער קאַזאַרמע, האָט מען מיך דאָ איבערגעלאָזט אויף וואַך.

שטיי איך מיט מיין אומגעלאָדענער ביקס, וועלכער איך קען שוין רייניקן און קען נאָך נישט שיסן... איך שטיי צופוסנס פון די בערג און היט די גרענעצן פון מיין „היימלאַנד"...

איך היט און איך טראַכט: „עך, ווען לאַלאַ וואָלט נישט געווען אין אַשכאַבאַד!... — אין אַ באַרג־שפּאַלט וואָלט איך איבערגעלאָזן מיין ביקסל, אַלס אַן אייביקע עגונה און איך וואָלט מיר אַריבערגע־שפּאַצירט קיין פּערסיע... — „סאַלאָם־אַלייקום כאַוואַדזשאַ!"...

ביז אינדערפרי וואָלט איך שוין געווען העט־העט... די נאַכט איז דאָך אַ פּעכיק־פינצטערע און איך בין דאָ איינער אַליין אין וויסטן פעלד, אויף וויאַרסטן־ווייט אַרום...

פון וואַנען נעמען זיך דאָס אַזעלכע פראַסטיקע ווינטן אין מדבר, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג אַזוי העליש־צעגליט?! — דער ווינט שטויסט מיך און רייסט פון מיר שטיקער.

— די גרענעץ האָט מען מיך דאָ אָוועקגעשטעלט צו היטן! — בורטשע איך צו זיך אַליין — די גרענעץ־בערג זאָלן זיך נישט אָפּ־רוקן און אַנטלויפן אין דער וועלט אַריין! איך האָב אין דרערד די בערג מיט די איבונגס־פעלדער צוזאַמען! קיין לונגען־אָנצינדונג וויל איך, צוליב זיי, נישט קריגן! ווו שיצט מען זיך פון ווינט?!

איך שפרינג־אַריין אין אַ טיפער גרוב און לאַך פון דעם ווינטס טאַטן... ער בלאָזט אויבן און איך ליג אונטן... עס איז מיר ווייך און וואַרעם. לייג איך מיר צוקאָפּנס מיין ביקס, קורטשע זיך איין און הויב־אָן דרימלען.

אינדעם, דערהער איך פעסטע טריט און עמיץ רופט מיין נאָ־נאָמען. איך שפרינג אַרויס און דערזע מיין לייטענאַנט.

— דו שלאָפסט גאָר ?...

— פאַר קיין פאַל נישט, חבר לייטענאַנט ! זיך בלויז באַהאַלטן פון ווינט.

— עסן האָט מען דיר געבראַכט ?

— יאָ, חבר לייטענאַנט. אַ דאַנק !

— איז גוט. נאָר שלאָפן טאָר מען דאָ נישט... און מורא האָבן דאַרפסטו דאָ אויך נישט. און... — האָט ער געצויגן די ווערטער — קיין נאַרישקייט לוינט זיך נישט אָפּצוטון... דו ביזט דאָ נישט אַליין... אין יעדן שפּאַלט פון די בערג איז פאַרשטעקט אַ וואַך... אונדזערע גרענעצן ווערן גוט געהיט... איז, שרעק זיך נישט... קיין שונא וועט צו דיר נישט אַריינקומען... קריך צוריק אין גרוב און האָב אַ רואיקע נאַכט...

ווי ליב און טייער איז מיר איצט זיין נאָז געוואָרן !... אונטער אָט דער נאָז קלאַפּט דאָך אַ מענטשלעך האַרץ !...

אינמיטן אַזאַ פינצטער־שטורעמדיקער נאַכט, איז ער אַליין ספּעציעל אין ווייטן מדבר געגאַנגען, כדי מיך צו וואָרענען, איך זאָל קיין נאַרעשקייט נישט אָפּטון, וואָרעם די גרענעץ־בערג ווערן גוט געהיט !...

⁂

די פאַרטאָגן זענען נאָך קעלטער ווי די נעכט. האַלב־נאַקעטע טרייבט מען אונדז אַרויס אינדרויסן, צו די פרימאָרגן איבונגען, ווען עס איז נאָך שטאָק־פינצטער. מיר לויפן אין איין לאַנגער שורה רונד־אַרום דעם גרויסן פּלאַץ און מאַכן גימנאַסטיק. נאָכדעם ערשט, וואַשן מיר זיך, טוען זיך־אָן און שטעלן־זיך ווידער אין די רייען.

דאָסמאָל שטייען מיר מיט אַריבערגעצויגענע העמדער איבער די קעפּ און די סערזשאַנטן גייען פון איינעם צום אַנדערן און זוכן, פּאַכמעסיק, אין די נעט.

און אַלע טאָג די זעלבע דרשה :

— נישט וואַרפן אויף דער ערד ! נאָר צעקניקן !

און ער ווייזט מיט די נעגל פוןביידע גראָבע פינגער, ווי אַזוי מען דאַרף עס טון.

אָט, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט געהאַט פאַר זיך אַ חברה אומבאַ־האָלפענע אַמעריקאַנער מיליאָנערן...

— לייז, — דרשנט ער — אַז מען וואַרפט זיי אויף דרערד, קע־נען זיי פאַרקריכן פון איין גאַס, אין דער אַנדערער. זיי קענען לעבן אין זאַמד און זיך מערן. אַפילו אין שניי און אין פראָסט קענען זיי לעבן אַ פּאָר מעת־לעת! דעריבער, חברים, זאָלט איר נישט וואַרפן אויף דרערד, נאָר צעקניקן, אָט אַזוי! פאַרשטאַנען? קיין פראַגן זענען נישטאָ? אָנטון־זיך!

איינמאָל אין דער וואָך, פּירט מען אונדז אין באָד. און מיר דאַנקען און לויבן, וואָס נישט מער ווי איין מאָל אין וואָך. וואָרעם אין באָד פירט מען אונדז תמיד ביינאַכט. מיר טוען זיך אויס אַ מהלך־רב פון דער באָד, אינמיטן גרויסן פּלאַץ. דאָ לאָזן מיר איבער אונדזע־רע שיך אין רייען, ווי זיי וואָלטן געדאַרפט אָפּמאַרשירן אַן דער ראָטע...

די וועש און מונדירן פּאַקן מיר איין אין פּעקעלעך און טראָגן עס אַוועק צו דער „סאַן־אָבראַבאָטקע", אויסצופּאַרען אין אויוון די שונאים פון דער מענטשהייט...

מיר שטייען נאַקעטע אויפן ווינט, וואָס רייסט פון אונדז די הויט און שטעכט אין די ריפּן. מיר שטייען און וואַרטן, ביז אַ פריערדי־קע ראָטע וועט זיך אויסבאָדן.

אָבער ערגער איז נאָך דער באָד. מען טרייבט אונדז אַרויס מיט נאַסע, צעפּאַרעטע לייבער אויף דער גאַס, און דאָ מוזן מיר וואַרטן, מען זאָל אונדז עפענען דעם אויוון פון דער סאַן־אָבראַבאָטקע און אַרויסגעבן אונדזערע אויסגעפּאַרעטע זאַכן.

עס העלפט נישט קיין לויפן און קיין שפּרינגען — דער פראָס־טיקער ווינט שינדט פון אונדז די פעל און שרויפט־זיך אַריין אין אונדזערע לייבער, ביז די טיפסטע אינגעווייידן און ביז דעם מאַרך פון די ביינער.

ענדלעך וואַרפט מען אַרויס אונדזערע פּעקעלעך אויף דער גאַס. זיי זענען צעשאָטן און נישט צום דערקענען. אַלץ ווערט פאַרביטן. איך באַקום אַ פּאָר קורצע הויזן און אַ ברייט רעקל און וועש מיט לאַטעס און לעכער.

די הענט ציטערן, אַז איך קאָן די שוך־בענדלעך נישט פאַר־בינדן.

מאַרשירנדיק צוריק, הייסט מען אונדז זינגען ,אָבער אַנשטאָט געזאַנג, הוסט די גאַנצע ראָטע, ווער מיט אַ כריפּ, ווער מיט אַ פּייף און ווער מיט אַ קוויטש...

— ניטשעווֹאָ, וועסט נישט פּגרן! וועסט זיך אויסהוסטן די לונגען און ווערן אַ גוטער סערזשאַנט!...

**

קיין גוטער סערזשאַנט בין איך נישט געוואָרן. אַפילו שיסן האָב איך זיך נאָך נישט אויסגעלערנט. און אַ באַפעל איז געקומען, מען זאָל אונדז שיקן צום פראָנט. אין צוויי וואָכן אַרום דאַרפן מיר פאַרלאָזן אַשכאַבאַד.

אין פּאָלק איז איצט אָנגעגאַנגען אַ פיבערהאַפטע צוגרייטונג, צו דער ווייטער רייזע. מיינע חברימלעך האָבן שוין געשאַרפט די מעסערס און געקריצט מיט די ציין.

— אויפן פראָנט וועלן מיר זיי ווייזן, די זשידעס! כאַכאַכאַכאַ!...

איך האָב מיר געטון מיינס און געפּוצט מיין ביקס.

הינטער מיין פּלייצע האָט זיך עמיץ אָוועקגעשטעלט און קוקט, ווי איך רייניק.

— דאָס וועט דיר שוין צו־נוץ קומען ערגעץ אַנדערש־ווו... — טוט ער אַ זאָג.

איך קוק זיך אום: דאָס איז מיין סערזשאַנט.

— גיי! — זאָגט ער — דער קאַפּיטאַן רופט דיך!

אַז אַ קאַפּיטאַן רופט, גייט מען.

— פון וואַנען קומסטו אַהער? — פרעגט מיך דער קאַפּיטאַן.

— פון וואַרשע, פּוילן! חבר קאַפּיטאַן!

— ביזטו דאָך טאַקע אַ פּאָליאַק! הם...

ווי ער וואָלט עס ביז איצט נישט געוווּסט...

— טו זיך איבער און גיי אין שטאָט אַריין. וועסט זיך דאָרט ווענדן צום וואָיענקאָמאַט.

איבערגעטון האָב איך זיך אין דעם שמוציקן מונדירל פון דעם קליינעם קאַלמיקל, וועלכער שרייט, אַז ער איז אַ ייד...

זיינע שיך זענען געווען מיט אַ פינף נומערן צו־קליין אויף מיר, האָב איך, מיט זיין מעסער, אָפּגעהאַקט די שוך־נעזער און בין אַוועק אין שטאָט מיט די פינגער אינדרויסן...

אין וואָיענקאָמאַט האָב איך באַקומען אַ חודשדיקע שפּייז־קאַר־טע און מען האָט מיך געהייסן גיין זוכן אַרבעט. אין דער פּוילישער

דיוויזיע האָבן זיי נישט קיין רעכט מיך צו שיקן. אויב איך וויל, קען איך אַליין אַהין פאָרן. פון דער רויטער אַרמיי בין איך פריי.

האָב איך אַ הויב געטון מיינע פיס און בין אַריינגעפאַלן אין שטוב מיט אַ געשריי:

— אויס סאָלדאַט לאַלאַ!... אויס ביקס!... אויס רייניקן מיט בוימל!.. איך בין פריי!...

א סך מלאכות...

צוריק אין פושקין־טעאַטער בין איך שוין נישט געגאַנגען, כאָטש מען האָט מיר דאָרט צוגעזאָגט ברויטענע בערג...

פון אַלע בינע־אַרבעטער, איז דאָרט געבליבן בלויז קאָליאַ, דאָס געשוואָלן פויערל, וואָס קרענקט מער ווי עס אַרבעט.

די אַקטיאָרן און דירעקטאָרן אַליין שלעפן דאָרט איצט די דעקאָראַציעס און מעבל און שרייען איינער אויפן אַנדערן...

איך האָב מיר געקויפט בילעטן און האָב, מיט לאַלען, שטאַרק הנאה געהאַט, וואָס די פאָרשטעלונג האָט נישט געקלאַפּט... די פויזע פון איין אַקט צום אנדערן, דער אַנטראַקט הייסט עס, האָט געדויערט אַ שעה. אין דער צוואַנציקסטער ריי האָט מען געהערט דאָס קלאַפּן פון האַמערס, די קריגערייען און דאָס פאַלן פון דעקאָראַציעס. עס האָט זיך איבערגעריסן די שטריק און סע האָט זיך געעפנט בלויז אַ האַלבער פאָרהאַנג. אַן אַקטריסע האָט זיך אַליין געמוזט אַרויפּברענגען אַ פאַרגעסן בענקל. דער אויפרייס אין דער פאַבריק איז געקומען מיט דריי מינוט שפּעטער, ווי מען האָט געדאַרפט... דער „אינזשינער סערגייעוו" (דער וויצע־דירעקטאָר) האָט אַזש פאַרגעסן זיין „פראַזע" און גענומען „בולבען".

איך געדענק נישט נאָך אַ פאָרשטעלונג, פון וועלכער עס זאָל מיר אַזוי צוקומען אַ פּוד געזונט!..

ברויטענע בערג? — טאָרטענע בערג האָבן זיי מיר שוין צוגעזאָגט!... אָבער איך האָב איצט דווקא געזוכט אַרבעט אין רעסטאָראַנען, בעקערייען און שפּייז־מאַגאַזינען. און, פאַרשטייט־זיך, אַז כ'האָב נישט געפונען.

אַזעלכע פּאָסטנס פאַרלאָזט נישט קיינער!..

„פאַרפאַלן! — האָב איך מיר געטראַכט — אַז עס איז מיר

נישט באַשערט עפּעס בעסערס און לייטישערס, וועל איך זיך מוזן ווידער נעמען צו קונסט".

און איך האָב זיך געוואָנדן צו דער פילהאַרמאָניע.

דער איינציקער פרייער פּאָסטן איז דאָרט געווען פון אַ כור־דאָזשניק (קונסט־מאָלער), וועלכן מען האָט מאָביליזירט מיט אַ וואָך צוריק.

— גוט. איך בין מסכים צו זיין אַ כודאָזשניק!

— ער איז מסכים!... — האָט דער דירעקטאָר געלאַכט — און קענען?...

— חבר דירעקטאָר! און דער פריערדיקער כודאָזשניק האָט געקענט?

— יענער איז געווען אַ קאַליקע!

— בין איך אַ גרעסערער פון אים!... חבר דירעקטאָר, דער־לויבט מיר צו פּרובירן. אַ נייגונג צו מאָלן האָב איך. מיינע לערער האָבן מיך נישט איינמאָל געשטעלט אין ווינקל, פאַרן פּאַטשקען מענטשעלעך אין די העפטן... מיינער אַ פעטער האָט מיך געקלאַפּט איבער די פינגער, פאַר באַמאָליעווען אַלע ספרים אין אונדזער שטוב... אמת, אַז איך מאָל אַ שיף, קען מען מיינען, אַז דאָס איז אַ טראַקטאָר, אָבער בוקוועס (אותיות) מאָל איך שיינע. יעי־באָגו, שיינע! און קיין שיפן דאַרפט איר דאָך נישט... זעט איר, פויגעלעך און קאַטשקעלעך, אויב איר ווילט, ציגעלעך, קעצעלעך... איז סקאָל־קאָ אוגאָדנאָ! וויפל אייער האַרץ גלוסט!...

— נו, גוט... מירן זען... — האָט דער דירעקטאָר געלאַכט — נאַ דיר אַ טעקסט און מאַך אַ שילד אויף פּראָבע...

ער האָט מיר אויך געגעבן דאָס שליסעלע פון מאָלער־צימער.

פון דעם געדיכטן טעקסט, וואָס דער דירעקטאָר האָט מיר דער־לאַנגט, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. איך האָב זיך גע־ריכט אויף אַ סאָליסט, וועמענס נאָמען מען שרייבט אָן מיט גרויסע שריפט און דאַן, קומען־צו נאָך אַ פּאָר קליינע שורהלעך, געציילטע ווערטער.

און דאָ, אויף מיין מזל, איז עס געווען אַן אימפּרעזע פון אַ כאָר, באַלעט און אָרקעסטער צוזאַמען!

איך האָב דאָ געהאַט בלויז זיבן־און־זעכציק נעמען פון סאָליסטן, דיריגענטן, כאָרעאָגראַפן, קאָמפּאָזיטאָרן און שרייבער. דאַן — אַרום צוואָנציק דירעקטאָרן, אַדמיניסטראַטאָרן, און לייטער פון פאַרשיי־דענע צעכן.

אַט די אָנגעפּיקעוועטע מגילה האָט עס געזאָלט זיין מיין עק־זאַמין אַלס כודאָזשניק...

אַרויספּערטיקן אַזאַ שילד, וואָלט גענומען ביי אַ פֿאַכמאַן אַ צוויי־דריי שעה, אָבער איך האָב געזאָגט לאָלען „אַ גוטע נאַכט. מירן זיך שוין זען מאָרגן!"...

וואָרעם פֿון גרויס טרעמע, האָב איך עפּעס באַקומען טרעמאָ־ליאַנדאָ־הענט מיט פּיטשיקאַטאָ־פֿינגערלעך און דער פּענדזל האָט ביי מיר געאַרבעט קאָלאָראַטור־מעסיק... — אַ זייער מוזיקאַלישער מאָלער בין איך מיר געוואָרן....

אָבער איין נס איז מיט מיר געשען: פֿון דעם פֿריערדיקן מאָלער זענען דאָ געבליבן סיי די פּענדזלען און סיי די סלאָיקעס מיט פֿאַר־שיידענע פֿאַרבן פֿון עטלעכע קאָלירן. און איין רעקלאַמע־ברעט איז שוין אַפֿילו געווען געגרונטעוועט, מיט אַ העל־גרינעם טאָן. די פֿער־טיקע פֿאַרבן זענען געווען פֿאַר מיר אַן אוצר. וואָרעם בוכשטאַבן האָב איך באמת געקענט מאַכן און אַפֿילו אויסציקלען זיי אויף פֿאַר־שיידענע אופֿנים, לויט פֿאַרשיידענע סטילן. אָבער מישן פֿאַרבן קען איך נישט. איך ווייס אַפֿילו נישט, וואָס מען טוט־אַריין אין די פֿאַרב־פּראָשקעס: וואַסער, צי בוימל, צי עסיק, אָדער ראָסל? — עפּעס מוז מען דאָך אַריינטון, אַז עס זאָל ווערן נאַס און קלעפּעדיק און מען זאָל קענען מיט זיי שמירן.

נאָר מילא, פֿאַר מיין עקזאַמין האָב איך דאָ פֿאַרבן גענוג און שפּעטער וועל איך מיר שלאָגן קאָפּ אַן מאָלבערט.

איך האָב סטראַטעגיש באַטראַכט ביידע פּאָזיציעס: דעם גע־דיכטן טעקסט און דאָס געגרונטעוועטע רעקלאַמע־ברעט, אָפּגעציילט און אויסגעמאָסטן די אותיות און איינגעזען, אַז פֿאַר קיין קאַטש־קעלעך מיט קיין פֿויגעלעך, איז דאָ זיכער קיין פּלאַץ נישטאָ.

און סיי־ווי, ווען איך וויל איצט מאָלן אַ פֿויגעלע, וואָלט אַרויס־געקומען אַ בער מיט הערנער, אָדער אַן אָקס מיט וואָנצעס.

דער עיקר איז דאָך איצט: דאָס ביסל נעמען פֿון די פּערזענלעכ־קייטן ווי־עס־איז, צונויפֿצוקוועטשן.

האָב איך פֿאַרקאַטשעט די אַרבל, צוגעמאַכט די אויגן און זיך אַריינגעוואָרפֿן אין דער שלאַכט.

איך האָב אָנגעהויבן אַרום זעקס אַ זייגער אין אָוונט און שוין אַרום אַכט אַ זייגער (אינדערפֿרי) בין איך געווען פֿאַרטיק.

איך האָב אַ שפּיי־געטון אויף מיין קונסט־ווערק, זיך אויסגע־דרייט צו דעם מיטן רוקן און עס מער נישט געוואָלט זען.

דער דירעקטאָר איז אַריינגעקומען אַן אויסגעשלאָפענער, אַ מונ־טערער, אַ קוק־געטון אויף מיין פּאַטשקעריי און אויסגערופן:

— טשודנאָ!... אַ הערלעכער רעקלאַמע־ברעט! זענט איר דאָך יאָ אַ כודאָזשניק!

איך האָב אים אָנגעקוקט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער מיינט עס ערנסט.

— חבר דירעקטאָר, זאָגט אויפריכטיק: ווי געפעלט עס אייך?

— טשודאַק! מען זאָגט דאָך דיר: עס איז הערלעך! קיין בעסערס דאַרף איך נישט! שטעל אַרויס די רעקלאַמע פאַרן טויער און איך וועל שוין אָנזאָגן, אַז מען זאָל דיך פאַרשרייבן און אַרויסגעבן די שפּייז־קאַרטן.

— חבר דירעקטאָר, און אַפשר זאָל איך פאַרט פּרווון מאַכן אַן אַנדערן? דער איז דאָ...

— הערלעך איז ער! ביזט אויף זיך אַליין קיין מבין נישט!...

נאָך אַזאַ פאַרזיכערונג האָב איך איינגעזען, אַז דער דירעקטאָר איז גערעכט: וועלכער מאָלער איז דען אויף זיך יאָ אַ מבין? און דער עיקר איז דאָך די אָנערקענונג, די פּאָפּולאַריטעט, די כאָפּטע רעצענזענטן, וועלכע העלפן מיטמאַכן דעם בלאָף. די גרעסטע אָנערקענונג אין אַשכאַבאַד איז דער „ליטערנער פּאַיאָק״ (די שפּייז־צוטיילונג) און דאָס האָב איך באַקומען!...

איצט בין איך אַ קאָלעגע פון מאַרק שאַגאַל און פּיקאַסאָ!

ביי שאַגאַלן מעג דאָס אויג זיך געפינען אין הינטער־חלק פון אַ קו און ביי מיר נישט? פּיקאַסאָ מעג מאָלן סטאַלינען און עס זאָל זיך באַקומען אַ לונאַטישע שיקסע און איך נישט? ——

האָב איך מיר באַלד צעשויבערט מיין טשופּרינע, אָנגעטון אַ שוואַרצן קראַוואַט, געמאַכט אַ וויכטיק, טראַגי־קאָמיש פּנים און בין מיר שטאָלץ אַרויס אויף דער גאַס: איך בין דער כודאָזשניק פון דער טורקמענישער, מלוכהשער פילהאַרמאָניע!...

⁂

אין דער פילהאַרמאָניע בין איך אַריין מיטן רעכטן פוס.

און דער לינקער האָט זיך אויך נאָכגעשלעפּט...

איך האָב געפונען חן אין די אויגעלעך פון מיין דירעקטאָרל און אין די אויגענעס פון דער גאַנצער אַדמיניסטראַציע. אַפילו אין די רויטע אויגן פון דער גרינער קאַסירשע און אין די געלע אויגן פון דער רויטער בוכהאַלטערשע האָב איך געפונען חן. ווען איך וואָלט גוט געזוכט, וואָלט איך געפונען ביי זיי נאָך עפּעס, נאָר פאַר

אַ שטאָלצן קינסטלער האָט עס נישט געפּאַסט... כאָטש זיי האָבן צו מיר געמאַכט אַזעלכע מינעלעך, ווי זיי וואָלטן ביי מיר עפּעס יאָ געפונען.

איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז צו זיין אַ קינסטלער, איז גאָרנישט שלעכט. נישט נאָר פּאַטשט מען דיר נישט איבער די הענט, פאַרן פּאַטשקען אויף די רעקלאַמע־ברעטער, נאָר מען האָט נאָך פאַר דיר גרויס דרך־ארץ. מען שלאָפט לענגער, מען האַרעוועט נישט שווער, מען מאַכט פוילע וויצעלעך און מען האַלט־זיך וויכטיק און ווירדיק.

היות מאָלער־אַרבעט האָב איך געהאַט ווייניק און צוטרוי האָט מען געהאַט צו מיר אַ סך, — האָב איך אויך געהאָלפן אין דער אַד־מיניסטראַציע, ביים בילעטן־קאָנטראָל, ביים ליכט און ביים פאָר־האַנג און עס איז מיר נאָך אַלץ געבליבן צייט, אַרומצודרייען־זיך מיט די הענט אין די קעשענעס און קריטיקירן אַנדערע.

— מיט איין וואָרט: עס איז מיר געווען ווויל ווי די וועלט!

— נאָר אַזאַ מזל אויף דער וועלט, ווי ווויל זי איז!

און ווען נישט דער „זעט־פּע־פּע”, וואָלט מיר נאָך אַלץ געפעלט אַ שוך, אַ פאָר הויזן און אַ דריי מיטאָגן אין דער וואָך.

ווער איז עס דער „זעט־פּע־פּע”? — דאָס איז דער נייער פאַר־באַנד פון פוילישע פּאַטריאָטן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויפן אָרט פון די פריערדיקע „פּלאַצוווקעס”, אָדער דעלעגאַטורן פון שיקאָרס־קיס רעגירונג.

באַלד נאָכדעם, ווי גענעראַל אַנדערס האָט אַרויסגעפירט פון רוסלאַנד זיין פוילישע אַרמיי און זי אַריבערגעפירט קיין איראַן, — האָבן זיך אַ יאָג־געטון אויסטערלישע געשעענישן איינע נאָך דער אַנדערער: די ראַטנמאַכט איז ברוגז־געוואָרן מיט דער פוילישער רע־גירונג; גענעראַל שיקאָרסקי איז צעשמעטערט־געוואָרן מיט זיין עראָפּלאַן און דער פּילאָט האָט זיך געראַטעוועט...; עס האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן דעם אומברענגען די צוויי מנהיגים פון פוילישן יידנטום ערליך און אַלטער; אין איינער אַ נאַכט זענען פלוצלונג געשלאָסן געוואָרן אַלע פוילישע דעלעגאַטורן; די פאָר־שטייער זענען אַרעסטירט־געוואָרן. איינציקע זענען אַרויסגעשיקט־געוואָרן פון לאַנד און די איבעריקע זענען פאַרשיקט געוואָרן צו די ווייסע בערן...; אַ פאָר וואָכן שפּעטער, האָט זיך געשאַפן דער „זוויאָנזעק פּאַלסקיך פּאַטריאָטוו”, פאַרבאַנד פון פוילישע פּאַטריאָטן, וואָס מיר האָבן גערופן קורץ: „זעט־פּע־פּע”.

אין דער שפּיץ פון דעם פאַרבאַנד זענען געשטאַנען „די געטרייע

טאַכטער פון פוילישן פאָלק", די שרייבערין וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ און דער „געטרייער זון פון פוילישן פאָלק" פולקאָוויק בערלינג, וועלכן סטאַלין האָט געגעבן די ראַנג פון גענעראַל. גענעראַל בערלינג האָט איצט אָרגאַניזירט אַ נייע פוילישע דיוויזיע אויפן נאָמען פון קאָשטשושקאָ, וואָס וועט קעמפן, זייט־ביי־זייט מיט דער „העלדישער רויטער אַרמיי", אויפן מערב־פראָנט.

און ווייל די דיוויזיע וועט קעמפן אויפן מערב־פראָנט און נישט אַרויסגעפירט ווערן קיין איראַן, האָט זי געהאַט אַ סך ווייניקער באַגייסטערטע אַנהענגער. דערקעגן, האָבן נישט געפעלט קיין פוילישע ציוויל־פּאַטריאָטן, צו קומען אין „זעט־פּע־פּע" נאָך שטיצע, נאָך מלבושים, וועש, שוכוואַרג און שפּייז.

און אַזאַ פּאַטריאָט בין איך אויך געווען...

אין לאָקאַלעכל פון „זעט־פּע־פּע" זענען זיך צוזאַמענגעקומען די עטלעכע צענדליק פוילישע יידן, וואָס זענען אַהער פאַרוואָרפן־געוואָרן און אויך די עטלעכע אַקטיאָרן פון אונדזער געוועזענעם „ביאַליסטאָקער מיניאַטור־טעאַטער", וואָס איז זיך דאָ צעפאַלן. זיי האָבן זיך שוין איבערקוואַליפיצירט אויף אַנדערע פאַכן, אַרבעטן און נעמען שטיצע אין „זעט־פּע־פּע".

איין אַקטריסע האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און געוואָרן אַ קעלנערין און די צווייטע האָט אַפילו דערגרייכט די פּאָזיציע פון אַ חשובער בעדערין. די מענער זענען געוואָרן ענלעכע קאַפּעציטעטן...

ביי יעדער באַגעגעניש האָט מען גערעדט און געטרוימט וועגן צוריק־אויפשטעלן דעם „ביאַליסטאָקער יידישן מיניאַטור־טעאַטער" און אַרויסקריגן־זיך פון דעם עמק־הבכה — אַשכאַבאַד. זיי זענען צוגעשטאַנען צו מיר:

— דו אַרבעטסט דאָך אין דער פילהאַרמאָניע... ביזט היימיש מיט דער דירעקציע... פּרוביר, אפשר וועט זיך לאָזן עפּעס מאַכן...

⁂

ווען אונדזער דירעקטאָר איז אין אַ גוטער שטימונג, איז ביי אים אַלץ „יאָ" און ווען ער איז אין אַ שלעכטער שטימונג, איז אַלץ „ניין". האָב איך אָפּגעוואַרט אַ גוטע שטימונג און זיך געוואָנדן צו אים:

— חבר דירעקטאָר, כ'האָב אַ וויכטיקן ענין צו אייך. קען מען אַ שמועסל טון?

— מיט פאַרגעניגן. זיץ.

— חבר דירעקטאָר, ווי איר ווייסט, באַציט זיך איצט די ראַטנמאַכט זייער גוט צו פּאָליאַקן. מאָסקווע האָט אָרגאַניזירט דעם פּאַר־

באַנד פון פוילישע פּאַטריאָטן, האָט אויפגעשטעלט אַ פוילישע די־וויזיע און וועט נאָך העלפן אויפשטעלן אַ ניי פוילן... מען שמועסט שוין אַפילו, אַז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועלן אַלע געוועזע־נע פוילישע בירגער צוריקגעשיקט ווערן אַהיים...

— זייער מעגלעך. אָבער וועגן פּאָליטיק ביזטו גאָר געקומען רעדן מיט מיר ?...

— וועגן פּאָליטיק וואָס האָט אַ שייכות מיט קונסט, מיט דער טורקמענישער פילהאַרמאָניע און מיט אייך פערזענלעך, חבר די־רעקטאָר...

— מיט מיר ?!.. אינטערעסאַנט... זעץ־פאָר...

— מיט אַ צייט צוריק איז אַהערגעקומען אויף גאַסטראָלן אַ פּוי־לישער אַנסאַמבל, דער „ביאַליסטאָקער יידישער מיניאַטור־טעאַטער", וועלכער איז זיך דאָ צעפאַלן...

— ריכטיק.

— איז ווי מיינט איר, חבר דירעקטאָר: מען וועט נישט פרעגן ביי אייך, ווו דער אַנסאַמבל איז אַהינגעקומען ? מען וועט נישט מאַ־נען קיין דין־וחשבון פון דער טורקמענישער פילהאַרמאָניע, פאַרוואָס מען האָט געלאָזן אַן אויסלענדישן טעאַטער, וועלכער איז אַהערגע־קומען נאָר אויף גאַסטראָלן, זיך צעפאַלן ? וועט מען נישט פרעגן, ווו די אַקטיאָרן זענען אַהינגעקומען ? פאַרגעסט נישט, חבר דירעק־טאָר, אַז דאָס איז אַ פּאָליטישער ענין...

מיין דירעקטאָר איז אַ היפשע ווײַלע זיצן־געבליבן מיט צע־פראַלטע מויל און אויגן. אַ פּאָליטישן ענין נעמט מען נישט אַזוי לייכט אין ראַטנפאַרבאַנד. אַ דירעקטאָר פון אַ פילהאַרמאָניע איז ער און דאָ, — קען ער נאָך פאַרמישט־ווערן אין פּאָליטישן ענין.

איך האָב אים געעפנט די אויגן, אַז עס דראָט אים אַ געפאַר... אַז מען קען אים נאָך מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך און מאָנען פון אים פערזענלעך אַ דין־וחשבון...

— מען קען נישט זאָגן... גערעכט ביזטו... אָבער וואָס קען מען טון ?

— צוריק אויפשטעלן דעם ביאַליסטאָקער יידישן מיניאַטור־טעאַטער.

— און ווו וועסטו נעמען די אַקטיאָרן ?

— אַ טייל זענען דאָ אין אַשכאַבאַד און אַ טייל — אין אַנדערע שטעט פון מיטל־אַזיע. מען דאַרף זיי באַפרייען פון זייערע פּאָסטנס, אַנשליסן אַן דער פילהאַרמאָניע און אָרגאַניזירן דאָס טעאַטער.

— און רעפּערטואַר האָט איר?

— אַ ביסל וועט מען זיך דערמאָנען פון די געשפּילטע פּראָג־ראַמען, אַ טייל וועלן מיר איבערזעצן פון רוסיש און די איבעריקע וועלן מיר שאַפן.

— די קינסטלעריש־מוזיקאַלישע לייטונג וואָלט (געקענט איי־בערנעמען לאַלע. זי איז דאָך ענערגיש?...

— יאָ. און איך בין גרייט איבערצונעמען די ליטעראַרישע לייטונג.

— גוט, איסאַק אַראָנאָוויטש. איך גיי איצט אויף אַ זיצונג אין דער „לייטונג איבער קונסט־ענינים" און וועל דאָרט די פּראַגע באַלד אַרויפנעמען אויפן טיש. מאָרגן אינדערפרי וועל איך דיר געבן אַ קלאָרע תשובה.

און די תשובה איז געווען אַ באַפעל... אַ באַפעל אויפצושטעלן צוריק דעם ביאַליסטאָקער יידישן מיניאַטור־טעאַטער...

— די אַרבעט ווערט אַרויפגעלייגט אויף דיר, איסאַק אַראָנאָ־וויטש. דו קריגסט אַלע פולמאַכטן. נעם און טו...

דעם ערשטן קוש האָב איך געכאַפּט פון לאַלען. מיר האָבן זיך אַרומגענומען און געכאַפּט אַ טענצל אויפן הויף פון דער פּיל־האַרמאָניע...

נאָכדעם האָב איך געכאַפּט די פיס אויף די אַקסל און גענומען אַרומלויפן צו מיינע אַקטיאָרן.

דעם ערשטן וויזיט האָב איך געמאַכט אין דער שטאָטישער באָד. מיין אַקטריסע, „העלאַ מיט די תלמוד־תורה־שיך" האָט פּונקט גע־האַלטן אין קלאַפּן אין דער טיר פון אַ וואַנע־צימער און אַריינ־שרייען:

— בירגער! אייער צייט איז שוין אַריבער! טוט זיך אָן!

— העלעשי, דאָס איז נישט קיין שלעכטער מאָנאָלאָג... פון וועל־כער פּיעסע איז דאָס?...

— פּיעסע... טעאַטער... אַ חלום!... אַז איך גלויב שוין אַליין נישט, אַז איך בין געווען אַמאָל אַן אַקטריסע...

— און ווען מען קומט דיר זאָגן, אַז עס ווערט צוריק אויפגע־שטעלט דאָס טעאַטער און מען וויל דיך אַנגאַזשירן?...

— וואָלט עס געהאַט דעם זעלבן טעם, ווי מען וואָלט גערעדט אַ שידוך אַן אלמנה, וועלכע איז שוין יאָרן אַפּגעוווינט פון אַ מאַן...

— איך קום דיר רעדן דעם שידוך, העלאַ... געבוג געווייקט־זיך אין פּאַרע פון דער באָד!... מיר שטעלן־אויף דאָס טעאַטער... קום

היינט, אין אָוונט, אין דער פילהאַרמאָניע. מאָרגן הויבט מען אָן פּרובירן...

העלאַ האָט באַקומען רויטע אויגן. זי איז מיר אַרויפגעפאַלן אויף דער ברוסט און גענומען העשען און שליוכצן:

— זזאָל זזיין אין אַ מזזלדיקער שעה!...

די צווייטע אַקטריסע, אַ קעלנערין אין אַ סטאָלאָווע, האָט פּונקט געטראָגן צוויי טעלער זופּ. זי האָט זיך זייער געאײַלט און איך בין איר נאָכגעלאָפן און געזאָגט וועגן וואָס עס האַנדלט־זיך.

זי איז שטיין־געבליבן און די הענט האָבן איר גענומען ציטערן אַזוי, אַז איין טעלער זופּ האָב איך נאָך באַוויזן צו ראַטעווען און דעם צווייטן האָט שוין אַ קאַץ געלעקט אויף דער ערד...

אין אָוונט זענען אַלע אונדזערע אַשכאַבאַדער אַקטיאָרן געווען אין דער פילהאַרמאָניע. אַלע זענען געווען יום־טובדיק אָנגעטון און יום־טובדיק געשטימט. די פרויען האָבן, דאָס מאָל, געהאַט רוזשירטע בעקלעך און געשמינקטע ליפּלעך און די מענער האָבן אָנגעטון זייערע קאַפּעליושן און קראַוואַטן...

און כאָטש אַלע האָבן געשריען, אַז זיי גלויבן זיך עס גאָרנישט צו, האָבן זיי געפּיבערט מיט אַ פריידיקן ציטער.

מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַ גרויסן פּרוביר־צימער, נער־וועז געריוכערט און אָפּגעוואַרט דעם גרויסן „היסטאָרישן" מאָ־מענט...

און דער גרויסער „היסטאָרישער מאָמענט" איז געווען, ווען דער פילהאַרמאָניע־דירעקטאָר איז אַריינגעקומען און האָט אָפיציעל איבערגעלייענט דעם באַפעל פון דער לייטונג איבער קונסט־ענינים, וועגן ווידער אויפשטעלן דעם „ביאַליסטאָקער יידישן מיניאַטור־טעאַטער".

קיין פּראָבע האָט מען שוין דעם אָוונט נישט געקאָנט מאַכן, ווייל אַלע האָבן געהאַט נאַסע אויגן, פאַרשמירטע באַקן מיט ליפּן־שמינק און פאַרשטיקטע גאָרגלען, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן הייזעריקע און פאַלשע טענער...

**

— דאַוואָלנאַ, איסאַק אַראָנאָוויטש, גענוג דיר צו זיין אַ כוזאָזש־ניק... פון היינט־אָן ביזטו דירעקטאָר פון דיין טעאַטער. ברענג־אַראָפּ אייערע אַקטיאָרן פון אַנדערע שטעט און גרייט זיך־צו צום „פּראַסמאָטר".

האָב איך מיינע קאַטשקעלעך, נעבעך, געלאָזן אויפן וואַסער,

איבערגעגעבן די פענדזלען און פאַרבן דעם ניי־אַנגאַזשירטן מאָלער, צריק זיך לייטיש פאַרקעמט די האָר און — אויס קינסטלער. אַ די־ ־רעקטאָר בין איך שוין!

איך האָב אַראָפּגעבראַכט אונדזערע אַקטיאָרן פון אַנדערע שטעט. צוזאַמען האָט שוין אונדזער קאָלעקטיוו געציילט זעכצן מאַן, אוי־ סער דער לענינגראַדער טויבער פּיאַניסטקע, מיט די געפרוווירענע פינגערלעך.

נאָמינירט האָט מען מיך אַלס דירעקטאָר, אָבער צוליב מאַנגל אין מענטשן, האָב איך אויך געמוזט זיין אַדמיניסטראַטאָר, בוכהאַל־ טער, קאַסירער, טעקסטן־שרייבער, איבערזעצער, ליטעראַרישער לייי־ טער, בינע־לייטער, אַקטיאָר און קאָנפֿראַנסיער.

וואָלט איך באַקומען אַט די אַלע געהאַלטן, וואָלט מיר אפשר געקלעקט אויף חיונה. דערווייל האָב איך פון אַט די אַלע בכבודיקע פּאָסטנס בלויז געהאַט אַ פּערמאַנענטן קאָפּ־ווייטיק.

כל־זמן מיר האָבן פּרובירט אין אַ פּרוביר־צימער, האָבן זיך די אַקטיאָרן נאָך אַלץ נישט געפילט אַקטיאָריש. מען האָט זיך ווידער נישט צוגעגלויבט. אָבער די גענעראַל־פּראָבע איז שוין פאַרגעקו־ מען אויף דער בינע פון דער פילהאַרמאָניע. אַ בינע מיט אַ פאָר־ האַנג, מיט פּראָזשעקטאָרן, מיט ליכט־ראַמפּעס און אַ פּראָבע מיט מוזיק, מיט קאָסטיומען און גרים...

— די ברעטער... איך בין ווידער אויף די ברעטער!... — האָט אַן אַקטיאָר אויסגערופן, אַ פּאַל־געטון אויף די קני און גענומען קושן די פּאָדלאָגע...

און העלאַ „מיט די תלמוד־תורה־שיך" האָט געקושט דעם סאַ־ מעטענעם פאָרהאַנג און זיך געווישט די אויגן.

צום פּראָסמאָטר זענען געקומען פאָרשטייער פון אַלע טעאַטערן אין אַשכאַבאַד: אַקטיאָרן, מוזיקער, רעזשיסערן, קונסט־לייטער, מאָ־ לער, באַלעטמייסטער, שרייבער און דירעקטאָרן. עס זענען געקו־ מען די פאַרוואַלטונגען פון דער פילהאַרמאָניע און פון דער „אור־ פּראָוולעניע".

אין דער לעצטער רגע איז געקומען צולויפן סיאָמקע גאָבע. ער האָט געהאַט אַ פאַרוויינט נעילה־פּנים. ער האָט זיך פּשוט אַרויסגע־ גנבעט פון פּושקין־טעאַטער, וווּ עס גייט איצט אַ פאָרשטעלונג און געקומען בלויז עפּענען דעם ערשטן פאָרהאַנג פון באַנייטן יידישן טעאַטער... בלויז עפענען דעם פאָרהאַנג און ער לויפט באַלד צוריק...

איך האָב געגעבן דעם דריטן קלונג. דער אָרקעסטער האָט אָפּ־געשפּילט די אוווערטור און איך האָב אויסגערופן:

— סיאַמקע!... אין אַ מזלדיקער שעה! ...

און ער האָט געעפנט דעם פאָרהאַנג... זיך צעכליפּעט און אַנטלאָפן...

היות איך האָב אין דער פאָרשטעלונג אַנטייל־גענומען סיי אַלס קאָנפראַנסיע און סיי אַלס אַקטיאָר, — האָב איך נישט קיין האַרץ, צו לויבן דעם גאַנצן אַנסאַמבל און זיך אַליין אַדורכלאָזן. איך מוז אָבער זאָגן, אַז די פאָרשטעלונג האָט „געקלאַפּט", ווי אַן אָרקעסטער פון דער פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע...

די „פּראָסמאָטר"־מענטשן זענען אַזוי צעוואָרעמט־געוואָרן, אַז זיי האָבן אונדז נישט אַרויסגערופן, (ווי עס פירט זיך געווייגלעך), אויף דיסקוסיעס, באַמערקונגען, אויסבעסערונגען און ענדערונגען אין פּראָגראַם, נאָר זיי האָבן באַלד, פון זאַל, ווי נאָר דער פאָרהאַנג איז געפאַלן, אַרויפגעשריען:

— איסאַק אַראַנאָוויטש! לאָזט אַרויס אַן אַפיש!...

און דער גאַנצער אַנסאַמבל, דערשעפּט פון די כוחות, האָבן זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד, זיך געקייקלט, זיך געצאַפּלט, גע־וויינט און געזונגען, געקוויטשעט און גערעוועט מיט שיכורע קולות, ווי די מלחמה וואָלט זיך שוין געענדיקט און מען גרייט־זיך צו פאָרן אַהיים...

בלאָנדזשענדע שטערן

ביי אַלע דערפאַלגן, האָט זיך די טרופּע זייער לייטיש געמאַ־טערט. וואָרעם אָפּזיצנדיק די גאַנצע צייט פאַרשטעקט אין טעמפּן־ווינקל אַשכאַבאַד, זענען מיר געבליבן אַלטמאָדיש־אָפּגעשטאַנען. מיר זענען נישט מיטגעגאַנגען מיט דער נייער צייט און נישט געהאַט די לעבנס־דערפאַרונג פון דער נייער ווירקלעכקייט. מיר האָבן, צום ביישפּיל, נישט געוווּסט, אַז פון בלויזן טעאַטער־שפּילן און אַפילו ביים גרעסטן דערפאָלג, — קאָן מען נישט לעבן. אַז דאָס אַרומפאָרן מיט טעאַטער איז נאָר אַ מיטל און אַ מעגלעכקייט, צו קענען האַנדלען.

אַלע אַנדערע טרופּעס האָבן עס שוין לאַנג געוווּסט און ווי גע־העריק אויסגענוצט. מען האָט געפירט פון איין שטאָט אין דער אַנ־

דערער טאָנען ברויט, וואַגאָנען ראַזשינקעס, וואַליזן בראָנפּן און טאַ־באַק, זעק מיט רייז, צוקער און „אוריוק". מען האָט געפירט אַלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזן פירן.

אָבער מיר, די אַשכאַבאַדער פּראָווינציאַלן, האָבן איצט געמוזט גיין אויף דער לער צו די רוסישע אָרדנטרעגער, צו די „פּאַרדינסט־פולע" און „פאָלקס־אַרטיסטן". געמוזט טאַפּן אַ דופק, אונטערקוקן וואָס מען פירט און ווי מען האַנדלט.

האָבן מיר טאַקע געטאַפּט אַ וואַנט.

וואָרעם כאָטש דאָס טעאַטער האָט געהאַט שיינע איינקונפטן, האָט עס אָבער אויך געהאַט זייער מיאוסע אויסגאַבן. פאַר מיינע אומ־דערפאַרענע דירעקטאָר־אויגן, האָבן געהאַלטן אין איין פלאַטערן אויס־געשטרעקטע הענט. און אַלע הענט האָבן באַקומען אַזעלכע קראַמפּ־האַפטע קאָנוולסיע־פינגערלעך, וואָס האָבן זיך געבעטן: גיב, גיב, גיב!

אַ דירעקטאָר פון אַ טעאַטער־זאַל נעמט דעם פרייז פאַרן טע־אַטער־זאַל און ער נעמט אַ פרייז, פאַרן נעמען דעם פרייז פאַרן טע־אַטער־זאַל.

אַ האָטעל־דירעקטאָר נעמט באַצאָלט פאַר די צימערן און ער נעמט פאַרן נעמען, נאָך איידער ער גיט אונדז די צימערן.

דער וואָקזאַל־נאַטשאַלניק נעמט פאַרן איינראַמען אַ סוד דער קאַסירשע און די קאַסירשע נעמט סיי פאַרן הערן, סיי פאַרן שמיי־כלען און סיי פאַר די רייזע־בילעטן. און אַז מען האָט שוין די ריי־זע־בילעטן און מען קומט־אַרויס אויפן פעראָן, שטייען פאַר די וואַ־גאָנען אַנדערע נעמערס, וואָס פּרווו גיב נישט, זיי אַ חכם און שטייג־איין.

דאָס נעמען האָט אַ נאָמען. עס הייסט: „בלאַט". אָן „בלאַט" קריגט מען גאָרנישט. אַז מען „בלאַטירט" נישט, פאָרט מען נישט. ווינט מען נישט, קומט נישט דער באַגאַזש, שפּילט מען נישט, עסט מען נישט.

„מיט בלאַט ביזטו זאַט. אָן בלאַט — ווי די מאַמע האָט דיך געהאַט".

בין איך געגאַנגען אין חדר־אַריין און זיך געלערנט בלאַטירן. און נאָך איידער איך האָב זיך אויסגעלערנט, האָב איך געצאָלט רבי־געלט.

פאַר די אָפיציעלע אויסגאַבן, קריגט מען באַשטעטיקונגען, אָפי־ציעלע חשבונות. דערקעגן, פאַר „בלאַט"־אויסגאַבן, קריגט מען נאָר

קאָפּ־ווייטיק און בויך־דרייעניש. דאָס זענען אפשר גאַנץ גוטע זאַכן, אָבער מען קען זיי נישט אַריינשטעלן אין חשבון. אַזעלכע פּאַזי־ציעס זענען נישט פאַראויסגעזען דורך קיינעם, אַפילו נישט דורך דער ענקאַווועדע.

מען קען זיך אַפילו דורכטענהן וועגן דעם מיטן פּראָקוראָר, אָבער אַז ער וועט מיר געבן דערפאַר „דריי יאָר", וועל איך כאַפּן אַ מציאה.

סיידן דער פּראָקוראָר האָט אַ ווייב און זי איז אויך „בלאַט"...

מיט איין וואָרט: דאָס איז געווען אַ צו־שווערער פּאַק אויף מיינע דאַרע פּלייצעס און איך האָב געזוכט, אים אַראָפּצוואַרפן. איך האָב נאָר געדאַרפט האָבן אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, אויף וועלכע אים אַרויפצוואַרפן.

און די פּאָר ברייטע פּלייצעס האָבן זיך מיר אונטערגערוקט אין בוכאַראַ. זיי האָבן געהערט צו אַ קיילעכדיקן יידן פון וואָלין, מיט יתרוס נעמען.

געפּאַקט האָט ער מיך אין אַ שטויביקער גאַס, צווישן אַלטע רוי־אינען און טויזנט־יאָריקע בנינים, פּאַלאַצן און מעטשעטן, וועלכע שטייען שוין אויף אונטערגעשפּאַרטע קוליעס.

אין חמימהדיק־צעגליטן, שטויביקן געסל האָט מען קיין לעבע־דיק נפש נישט געזען. דער שטויב האָט זיך געהויבן, ווי דער ווינט וואָלט פון אים קנויטן געדרייט און געצונדן אין דער שקיעהדיקער זון.

פּלוצלונג האָב איך באַמערקט עפּעס טונקלס באַוועגט־זיך אין שטויב, ווי אַ פּעסל וואָלט זיך געקייקלט. אָבער אַז עס האָט זיך דערקייקלט צו מיר, איז עס געווען אַ ייד, וואָס האָט זיך אינגאַנצן געראויכערט פון שטויב. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די שטויב־רויכלעך שפּאַרן פון זיינע אויערן, פון דער נאָז, פון קאָלנער און פון מויל. אַ מכשף? אַ לץ? וואָס לאַכט ער צו מיר מיט אַ פּיסק גאָלדענע ציין?

— איך בין פּיוול... סהייסט פעליקס... ניין, פּאַוועל מיין איך...

— האָט ער זיך מיר פאָרגעשטעלט — מיין פאַמיליע איז אַ... ניין, באַ... ניין, גאַ... באַלד, איין מינוט, איך וועל אַ קוק־טון.

דער ייד האָט אַליין נישט געדענקט ווי ער הייסט... ער האָט גענומען ציען צענדליקער פּאַפּירלעך פון אַלע קעשענעס און אַלץ נישט געפונען דאָס ריכטיקע. אויף יעדן פּאַפּירל האָט ער טאַקע גע־הייסן אַנדערש: פּיוועלע אַ... פעליקס באַ... פּאַוועל גאַ...

— מילא, זאָל זיין פּאַוועל אָבאָגאָ... רעדט ווייטער...

און אָבאָגאָ האָט גענומען דברן מיט אָפּגעהאַקטע, נישט־פאַר־ענדיקטע זאַצן:

— נעמט מיך אַריין אין אייער. איר וועט זען. איך בין אַ מענטש וואָס. אַלץ. אַלץ. כוועל אייך צו־נוץ. כקען טעאַטער. איך וועל טון.

— וואָס קענט איר טון אין טעאַטער?

— איך וועל. זאָל זיין אַדמיניסטראַציע. מאַכן שטעט. נעמען זאַלן. אַלץ. אַלץ. איך. אהאָ!

— איר זענט אַן אַדמיניסטראַטאָר? שוין געפירט אַמאָל טע־אַטער?

— צי כהאָב געפירט?... איך קען אידאַ קאַמינסקאַ... אַ פּשיאַ־טשולקע... אַ סך אַקטיאָרן. אַלע האָבן ביי מיר גע. וואָס פרעגט איר? ...

— אָבער אייער באַשעפטיקונג? מיט וואָס האָט איר געהאַנדלט?

— תבואה. פּרוכט. כהאָב ליב טעאַטער.

— און איר האָט געפירט אַ טרופּע?

— ניין. פּאַמעראַנצן. אַ וואַגאָן פּאַמעראַנצן איז מיר פאַרפוילט געוואָרן. איך וויל פירן אַ טרופּע.

— די אַקטיאָרן זאָלן ביי אייך אויך פאַרפוילט־ווערן?

— אַ דאגה! פּאַמעראַנצן, אַקטיאָרן. אַבי פירן. כבין אַ סוחר! אידאַ קאַמינסקאַ, וואָס דאַרפט איר מער? אַן אַ וויץ. וואָס ריזיקירט איר?

— איך ריזיקיר מיטן טעאַטער.

— איך זאָג, כבין אַ. פרעגט אידען...

— אידאַ איז אין פּרונזע און איך האָב מורא צו פּרובירן. פאַר־וואָס פאָרט איר טאַקע נישט צו אייער פּשיאַטשולקע? צו אידען?

— אַט וועגן דעם. הערסט אַ מעשה? דאָס איז. הערט, וועל איך אייך.

איך האָב אָנגעקוקט דעם פּאַוועל אָבאָגאָ און נישט געקאָנט באַ־נעמען, וואָס פאַר אַ פּאַרשוין דאָס איז, וואָס איז ער, וואָס וויל ער און מיט וואָס שמעקט ער. איך האָב נאָר געזען, אַז אויסער זיינע ברייטע פּלייצעס מיטן ברייטן קאַרק, פאַרמאָגט ער נאָך אַ ברייטן פּליך, אומגעהייער ברייטע אויערן, אַ ברייטע נאָניע, ברייטע לעפּצן און ברייטע, האָריקע הענט. עס איז בכלל אַ ייד מיט אַ ברייטן פּאַרנעם. אַפילו דער מאַכאָרקע־סיגאַרעט, געוויקלט אין אַ שטיק

צייטונגס־פּאַפּיר, איז געווען ברייט און לאַנג, ווי אַ גליאַווגע פון אַ שייטל האָלץ.

ער האָט כסדר געקאַפּטשעט און דער אַש און די פונקען האָבן זיך אים געשאָטן אין בוזעם־אַריין, אויף זיין בעריש־האָריקער ברוסט. ער האָט מיר געבלאָזן דעם רויך אין די אויגן אַריין און גערעדט געדיכט:

— איך בין אַ מענטש וואָס. אַ נאַש־בראַט. אַ קערטל, אַ טרונק בראָנפן. שאַ, אפשר גייען מיר אַריין אין אַ. מעט צובייסן. אַ טרונק. וועט מען רעדן. ניין? איז הערט. איך בין פון וואָלין. איר זענט דאָך אויך. פוילן. וועל איך אייך. וועט איר פאַרשטיין. אָפן גערעדט: מען זוכט מיך. כמוז אַנטלויפן. איך טאָר לענגער נישט. וואָס ווייטער. אַנטלאָפן פון סאַמאַרקאַנד. אַ גאַנצע מעשה. סקומט פאָר אַ משפט... נאָטע־קאָלמען טרעט מיר אויף די. איך דאַרף נאָר אַ קאַמאַנדיראָווקע. מער גאָרנישט. איר זענט דאָך אַ ייד. איר פאַרשטייט. געלט האָב איך. אַ גביר! איך קען אייך באָרגן. איר דאַרפט? איך וועל אויסלייגן. מאַכן שטעט. וואָס ריזיקירט איר? אַ פּראָבע. בלויז אַ קאָמאַנדיראָווקע און איך פאָר. כקלאַפּ אַ טעלעגראַמע. דריי שטעט גרייט איך צו. גיט מיר אַפּישן. אַז איר ווילט, איז פיר, פינף. פאַרלאָזט אייך אויף פּיוו, אויף פעל. פּאַוועלעק הייס איך. פרעגט אידאַ קאַמינסקאַ. סעט זיין גיט! אַן אייגענער. נאַש־בראַט. מיט אַקטיאָרן געשיכורט. ביי מיר מיטאָג געגעסן. פּאַוועל. אַלע וועלן אייך זאָגן. אידאַ קאַ. אַ פּשיאַטשולקע. פרעגט. וואָס דאַרפט איר מער?

איך האָב געהערט און געהערט און אַלץ נישט געקאָנט דערגיין, וועמען איך האָב פאַר זיך. איינס האָב איך געוווסט: אַ פאַרפאַלגטער פון דער ענקאַווועדע איז ער. מיט אַ קאָמאַנדיראָווקע קען איך אים העלפן. וואָס ריזיקיר איך דאַ? געלט, זאָגט ער, האָט ער. אויף הוצאות דאַרף איך אים נישט געבן. פאַר די געדונגענע זאַלן וועט ער אויסלייגן האַנט־געלט. ער וויל נאָר אַפּישן. ברייטע פּלייצעס האָט ער. מילא. מיר וועלן פּרובירן...

און פּייוועלע־פּעליקס־פּאַוועלעק אַבאַגאַ האָט געכאַפּט די קאָמאַנדיראָווקע מיטן פּעקל אַפּישן אונטערן אָרעם און איז אַנטלאָפן צו דער באַן.

ער האָט טאַקע געקלאַפּט אַ טעלעגראַמע, אַז ער האָט צוגעגרייט דריי שטעט און ער איז געבליבן דער אַדמיניסטראַטאָר פון דעם „ביאַליסטאָקער יידישן מיניאַטור־טעאַטער".

די דריי שטעט, וואָס פּאַוועלעק אָבאָגאָ האָט צוגעגרייט, זענען נישט געווען צוגעגרייט. ער האָט דאָרט בלויז געפרעגט, צי די זאַלן זענען פריי, אָבער ער האָט זיי נישט געדונגען און נישט געגעבן קיין האַנט־געלט. די אַפישן האָט ער ערגעץ אונטערגעוואָרפן און מען האָט זיי נישט אויסגעקלעפּט. מיר האָבן זיי שפּעטער געפונען ערגעץ אין אַ „טשייכאַנאַ", ווו אוזבעקן טרינקען טיי.

נאָר היות קיין אַנדערע אימפּרעזן זענען דאָרט נישט געווען, האָבן מיר געשפּילט.

פּאַוועלעקן האָבן מיר געטראָפן ערשט אין דער פערטער שטאָט, אין סאַמאַרקאַנד. ער האָט אונדז אָפּגעוואַרט ביים וואָקזאַל מיט אַ בשורה:

— אויספאַרקויפט!... כזאָג אייך. ווי מצה־וואַסער. אין שטאָט איז אַ שטימונג. זעט אַפישן. אומעטום. מען רייסט בילעטן. אַן ערשטקלאַסיקער האָטעל. אַלץ צוגעגרייט. צוויי וואָכן וועלן מיר דאָ. פאַרלאָזט אייך אויף פּאַוועלעקן. אָהאָ!...

סאַמאַרקאַנד איז באמת געווען צוגעגרייט און דער דערפאָלג איז געווען אַ גרויסער. נאָך טאַשקענט, איז סאַמאַרקאַנד דער גרעס־טער צענטער פון פּוילישע פּליטים.

פּאַוועלעק איז אַרומגעלאָפן מיט זיין געשוואָלענעם פּאָרטפעל און מיט זיין געשוואָלענעם מאַכאָרקע־סיגאַרעט, געשוויצט, געסאָ־פּעט, געקאָפּטשעט און איך האָב אים נישט געקאָנט כאַפּן אויף אַ רו־איקן שמועס און אויף פּלאַנירן אונדזער ווייטערדיקע אַרבעט.

איבערהויפּט האָב איך אים נישט געקאָנט אַריינקריגן, אויף אָוועקזעצן זיך און מאַכן אַ געהעריקן חשבון.

ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פול־אָנגעפּאַקטע קעשענעס פּאַ־פּירלעך, קבלות אויף זיינע אויסגאַבן, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט צוזאַמענעמען און איינסדרן.

— מען מוז דאָך אַמאָל מאַכן אַ טאָלק פּאַוועלעק! איך בין דאָך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פּילהאַרמאָניע! לאָמיר זיך שוין אַמאָל אָפּרעכענען!

פּאַוועלעק קאָפּטשעט זיין לאַנגן גלאָוונע־סיגאַרעט, שיט דעם מאַכאָרקע־אַש מיט פונקען אין בוזעם־אַריין און טענהט:

— סעט זיין וופּאַריאַדקע. הייליק, זאָג איך אייך! פרעגט אידען. קאַמינסקאַ האָט געמעגט. איר זעט: אַלע פּאַפּירלעך. מאָרגן צום חשבון.

און דער מאָרגן איז קיינמאָל נישט געקומען. פּאַוועלעק האָט

כסדר געמאַכט נייע אויסגאַבן. די קעשענעס זענען אים געשוואָלן געוואָרן פון פּאַפּירלעך און אָפּרעכענען, האָט מען זיך אַלץ נישט געקאָנט.

— וואָס טויג חשבון? לאָזט אָפּ! — האָט ער געטענהט — וואָס ווייניקער מען רעכנט, אַלץ געזינטער. אָט איז דאָס געלט. סגאַנצע. מער טנישט זיין. איר רעדט מיט פּאַוועלעקן. איך בין נישט קיין. פרעגט די קאַמינסקאַ.

אָבער די לאַגע אין דער טרופּע איז פּאָרט בעסער געוואָרן. אַי מען האָט געזען אַ רובל פון די טעאַטער־זבאָרן, אַי פּאַוועלעק האָט אויסגעלערנט די אַקטיאָרן האַנדלען. ער האָט אַלעמען געגעבן עצות און יעדערער האָט זיך געגומען צום מסחר. צו אַ סך אַקטיאָרן איז ער געווען אַ שטילער שותף. ער האָט געגעבן צושטייער און זיי האָבן זיך געשלעפּט מיט די זעק. מען האָט געפירט פון איין שטאָט אין דער אַנדערער „אוריוק״, קאַלאָשן, בשמים־נעגעלעך, רייז, וועש ראַזשינ־קעס, ברויט־קאָרטן, בראַנפן און טאַבאַק.

גאַנצע טעג האָבן זיך די אַקטיאָרן געדרייט אויפן באַזאַר, גע־קויפט און פאַרקויפט. אין טעאַטער, צו דער פאָרשטעלונג, איז מען שוין אַריינגעפאַלן אין דער לעצטער מינוט. געהאַט אַ פולן קאָפּ מיט מסחר און נישט געדענקט, וואָס זיך אָנצוטון און וואָס צו רעדן.

פּאַוועלעק איז דערפון גאָר געווען צופרידן:

— וואָס מער באַלאַגאַן, אַלץ בעסער... ביזט אַ חברהמאַן, אַז גע־הרגעט זאָלסטו!... — האָט ער יעדן געקלאַפּט מיט זיין ברייטער האַנט אין דער פלייצע אַריין.

ער איז באַלד געוואָרן מיט אַלעמען משפחהדיק־היימיש, מיט אַלעמען — אויף „דו״. מיט יעדן געטרונקען, ביי יעדן עפּעס פאַר־זוכט און ביי יעדן צוגענומען די פּאָר רובל, געווינענדיק אין קאָרטן. ער האָט ליב־געהאַט אַ „דיעוויאַטי־וואַל״ און מזל צו די קאָרטן, האָט ער געהאַט מער ווי שכל.

אַלע האָבן געוווסט, אַז פּאַוועלעק האָט געלט. און פּאַוועלעק האָט געהאַט אַ קעסטעלע. אַ קליין הילצערן וואַליזקעלע מיט אַ גרויסן, פאַרזשאַווערטן הענג־שלאָס. אַז ער איז געפאָרן פאַראויס, צוגרייטן שטעט, האָט ער דאָס קעסטעלע איבערגעלאָזן ביי סיאָמקע גאַבען.

— קיינעם נישט! נאָר דיר! כ'האָב דיך ליב. אַז געהרגעט זאָלס־טו!... היט עס. צו דיר האָב איך צוטרוי. אָן אויג אין קאָפּ! סגאַנצע פאַרמעגן! קויף רייז. כבין אַ שות. ביזט אַ חברהמאַן, אַ שלאַק זאָל דיך!.. היט סקעסטעלע, הערסט!

און סיאַמקע האָט פּאַוועלעקס קעסטעלע געהיטן, מער ווי זיין אייגן ביסל אַרעמקייט.

טאַשקענט איז די הויפּט־שטאָט פון אוזבעקיסטאַן. כדי דאָרט צו גאַסטראָלירן, האָבן מיר געמוזט דורכגיין אַ פרישן „פּראָסמאָטר”. מיר זענען אים אַדורך בשלום אין זאַל פון דער פילהאַרמאָניע און נאָכ־דעם — געשפּילט עטלעכע וואָכן, ביי פול־געפּאַקטע זאַלן, אין דעם „פּאַרק קולטורי אי אָטדיכאַ”.

דאָ האָט מען זיך אָפּגערוט פון די כסדרדיקע וואַנדערונגען. עס איז געווען צייט און מעגלעכקייט, זיך צו חשבונען. אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ פרישע צרה: פּאַוועלעק האָט ערגעץ אַ ווייב אין סאַמאַרקאַנד. דאָס „ווייב” האָט אַ מאַן מיט אַ טאָכטער. זי איז אַן אַקטריסע אין עוואַקואירטן כאַרקאָווער טעאַטער. דער ווייבס מאַן האָט אַ צווייט ווייב און דעריבער לעבט ער גאַנץ גוט מיט פּאַוועלעקן: אַז דער מאַן קומט קיין טאַשקענט, פאָרט פּאַוועלעק קיין סאַמאַרקאַנד. עס איז, ווי זיי וואָלטן געהאַט אַן אָפּמאַך, נישט צו לאָזן דאָס בשותּפותדיק ווייב אַליין.

האַלט ער אין איין אַרומפאָרן, פּאַוועלעק. ביי סיאַמקען וואַל־גערט־זיך זיין הילצערן קעסטעלע מיטן הענג־שלאָס און ער אַליין שלעפּט זיך אַרום מיט די קעשענעס קבלות.

— פּאַוועלעק... אַבאַגאַ!... ווען וועט שוין נעמען אַ סוף?!

— די קבלות. אַז געהרגעט זאָל עס. אַ שלאַק זאָל עס! איך קאָן גאָרנישט אַרויסקריכן! די אַנדערע וואָך. שוין. איך קום פון סאַמאַר־קאַנד. סעט זיין ופּאָריאַדקע. פרעג די קאַמינסקאַ. אידאַ, אַהאַ!..

און ער באַשיט מיך מיט אַש, פאַרבלאָזט מיך מיט רויך און אַנטלויפט קיין סאַמאַרקאַנד.

⁂

„פערגאַנסקאַיאַ דאָלינאַ” איז די שווייץ פון מיטל־אַזיע. דער פערגאַנער טאָל פאַרמאָגט די פרוכטבאַרסטע ערד און דעם מילדסטן קלימאַט פון אַלע זוניקע „סטאַנען”.

און אַלע וואַנדער־טרופּעס ציט עס אַהער, נישט צוליבן טעאַטער שפּילן, נאָר צוליב די שפּעדיקע באַזאַרן. פון אָט די שטעט און שטעט־לעך שלעפּט מען עס אַרויס דעם רייז און דעם אוריוק, די ראָזשינקעס און מעל, פּוטער און קעז, האָניק, צימערינג און בשמים־נעגעלעך.

דאָ קריגט מען עס וויפל מען וויל און עס קאָסט אָמבילי̇קסטן. און פירן, פירט מען עס אַהין, וווּ מען קריגט עס נישט און עס קאָסט אַמטייערסטן.

די געביפּסטסטע סוחרים מעגן זיך עס לערנען ביי די אָפּגעפּאָרב־סטע אַקטיאָרן. און אין רוסלאַנד זענען גאָר קיין אָפּגעפּאָרענע אַק־טיאָרן נישטאָ. כל־זמן די צוגן וועלן גיין און כל־זמן עס וועט דוי־ערן דאָס מלחמהלע, וועלן זיי האַלטן אין איין אַרומפאָרן.

— אַ גאָלדן מלחמהלע... אַ טייער צייטעלע!...

אמת, די „פּאָסאַדקעס" און „פּערעסיאַדקעס" (דאָס איינשטייגן און איבערשטייגן אין צוגן) נעמען־צו אַ שטיק געזונט, אַ שטיק לעבן. יעדער וואָקזאַל איז אַ גיהנום און יעדע „פּאָסאַדקע" אַן אינק־וויזיציע. אָבער „נא פּליעוואָט" אויפן געזונט און אויפן לעבן! אַז עס געלינגט די נסיעה, כאַפּט מען אַ פּאָר קנאַקענדיקע טויזנטער!..

אונדזערע אַקטיאָרן האָבן זיך אין טאַשקענט אויסגערוט די ביינער און עס איז זיי לאַנגווייליק געוואָרן. יידישע אַקטיאָרן האָבן קיינמאָל נישט פאַרמאָגט קיין זיך־פּלייש. בפרט איצט, ווען דער אומרו טראָגט און דער מאָגן נאָגט.

— ווי לאַנג וועלן מיר דאָ זיצן, אין דעם טאַשקענט?

— לאָמיר מאַכן אַ טורנעע.

און פּאַוועלעק לאָזט זיך נישט לאַנג בעטן:

— ציגיינער!... אין אייער!... — האָט ער געלאַכט און געקלאַפּט אין פּלייצעס — נעמט אַרויס די פידלען!... אַז געהרגעט!.. כוועל צו־גרייטן אַ טורנעע, אַז דער שלאַק! פּערגאַנסקאַיאַ דאָלינאַ גוט? אָהאָ... די אויגעלעך גלאַנצן... געטראָפן?... גוט. איך פּאָר, חברה. זייט מיר גע. סיאָמקע! פּילעווע סקעסטעלע!

און ער איז אַנטלאָפן מיט די חשבונות און מיט די קבלות, צו־גרייטן דעם טורנעע און מאַכן פרישע אויסגאַבן, פון וועלכע איך וועל שוין קיינמאָל נישט אַרויסקריכן.

⁂

אין לעונינאָבאַד האָבן מיר געהאַט צוויי שוואַכע סבאָרן. מיט אַ טאָג פריער איז דאָ פאָרגעקומען אַ „כאַפּעניש". פון דער גאַס, פון קינאָ און פון באַזאַר האָט מען אַוועקגענומען צענדליקער פּליטים און זיי צעשיקט אין אַרבעטס־באַטאַליאָנען.

איז אין שטאָט איצט אַ בהלה און מען האָט מורא צו גיין אין טעאַטער־אַריין.

דאָס בעסטע איז באַלד אַוועקצופאָרן, אָבער ווו איז פּאַוועלעק? פון באַגינען־אָן איז ער נישטאָ אין האָטעל. ווו לויפט ער אַרום?

איך גיי אים זוכן און דערזע, אַז מען קלעבט אין גאַס פרישע

אַפּישן. רוסישע אַפּישן וועגן אַ רוסישער פֿאָרשטעלונג פֿון אונדזער טרופּע!

און דווקא אין זאַל פֿון דער רויטער אַרמיי דאַרף אונדזער רו־סישע פֿאָרשטעלונג געגעבן־ווערן.

צי איז ער משוגע־געוואָרן?!

און אָט קאַטשעט ער זיך מיר אַנטקעגן מיט זיין ברייטן פּליך, מיט די ברייטע אויערן, מיט דער ברייטער גלאָנציקע צווישן די ברייטע לעפּצן און לאַכט אַ ברייטן געלעכטער.

— פּאַוועל! וואָס איז דאָס אַזוינס?! — ווייז איך אים אויפֿן אַפֿיש — וואָס האָט איר דאָ אָפּגעטון?!

— אַ דאַגהה!.. פֿאַרקויפֿט אַ פֿאָרשטעלונג. מעט שפּילן רוסיש. דער שלאַק זאָל עס...

— וואָס פֿאַר אַ באַלאַגאַן מאַכט איר דאָ? ווער קען רוסיש?

— אַ דאַגהה!.. לאַלאַ וועט זינגען אַ פּאָר לידלעך, מ׳עט מאַכן אַ טענצל. מוזיק. דו וועסט זאָגן אַ וויץ. און ווערן זיי געהרגעט!...

— פּאַוועל! אייך וועט מען הרגענען! רופֿט שוין אָפּ די פֿאָר־שטעלונג! מען וועט נישט שפּילן, איר הערט?

— מעט שפּילן. מעט שפּילן. מען קאָן נישט אָפּרופֿן. כהאָב פֿאַר־קויפֿט. געגומען געלט. דאָ האָט איר.

— גיט צוריק דאָס געלט און רופֿט אָפּ די פֿאָרשטעלונג!

— משוגענער... ווו האָב איך געלט?...

— איר ווייזט דאָך מיר, אַז איר האָט געלט.

— באַן־בילעטן האָב איך. פֿאַר דעם געלט געקויפֿט... סעט זיין אַ צוג־פֿאָרשטעלונג... איר וועט אָפּלאַבערן און לויפֿן צו דער באַן... אַ שלאַק זאָל זיי!...

די גאַנצע טרופּע איז אויפֿגעבראַכט, אָבער פּאַוועלעק קאַפּטשעט און לאַכט. אַקטיאָרן זידלען אים און ער כאַכאַטשעט:

— מעט שפּילן... אַ שלאַק זאָל עס... רוסיש, כאַכאַכאַ... אַ ספּעק־טאַקל!.. איך אַליין, אַ מיליאָן איז עס ווערט!.. אין זאַל וועל איך זיצן... הערן רוסיש, כאַכאַכאַ...

עס איז קיין ברירה נישט געווען און מען האָט געשפּילט.

צי מען האָט אונדז געוואָרפֿן בלומען? — ניין. פּראַקטישערע זאַכן: שטיקער אַרבוז, דיניע, פּאָמידאָרן און האַרטן „אוריוק״.

און כאָטש דאָס זענען געווען פּרוכטן און נישט קיין שטיינער — זענען די אַקטיאָרן דערמיט נישט געווען שטאָלץ.

זיי האָבן שנעל געפּאַקט די וואַליזן, אַרויס דורך אַ הינטער־טיר און, אין דער שטאָק־פינצטערער נאַכט, זיך געלאָזן צו דער באַן.

אויפן וועג, האָבן אַלע געשאָלטן פּאַוועלעקן, וויפל עס איז אין אים אַריין.

אָבער פּאַוועלעק האָט געלאַכט:

— אַ ספּעקטאַקל!... אַז געהרגעט... אַ צוג־פאָרשטעלונג... דער שלאַק זאָל עס... כאַכאַכאַ!

אין קאָקאַנד, נאַמאַנגאַן און אַנדיזשאַן האָבן מיר געהאַט דער־פאָלג, פאַרדינט געלט און דער עולם האָט זיך גענומען ביסלעכווייז צום איינקויפן. פּאַוועלעק האָט אָפּגעראָטן דערפון.

— קויפן איז גוט אין אַש אָדער אין דזשאַלאַלאַבאַד. אַש, אַ קי־נאָ. אַ פּרעכטיקער זאַל! לוקסוס! איר וועט זיך מחייה... כאַכאַכאַ...

— פּאַוועלעק, איר האָט שוין ווידער עפּעס אָפּגעטון?

— חלילה! אַ קינאָ. שוין איינמאָל אַ זאָל!... אירט זען...

דער קינאָ־זאַל אין אָש איז באמת געווען אַ גוטער און באַקווע־מער. עס איז נישט געווען קיין בינע מיט קיין פאַרהאַנג, נאָר אַ קליי־נע עסטראַדע. אָבער קיין גאַרדעראָב־צימערלעך פאַר די אַקטיאָרן, זיך אַנצוטון און גרימירן, איז נישט געווען.

— פּאַוועלעק, וווּ טוט מען זיך־אָן!

— דאָרטן! — ווייזט ער אַ טיר אין הינטערגרונט פון דער עסטראַדע.

איך עפן־אויף די טיר און דערזע אַ שטאַל מיט קאָזעס און שעפּסן. די שטאַל איז צוגעבויט צו דער געמויערטער קינאָ־וואַנט. עס פירן־אַראָפּ אַהין אַ זעקס טרעפּלעך.

אָט די שטאַל האָט פּאַוועלעק געדונגען אַלס אַ טעאַטער־גאַר־דעראָב. די קאָזעס מיט די שעפּסן האָט מען אָפּגעשטופּט אָן דער זייט, פאַרצוימט מיט אַ ברעט און אויפן ליידיקן פּלאַץ אַוועקגע־שטעלט אַ טיש מיט אַ פּאָר בענקלעך. מען האָט דאָרט געמוזט צו־האַלטן די נאָז.

— פּאַוועלעק! דאָס איז אַ גאַרדעראָב?! אַז געהרגעט זאָלסטו ווערן!

— אַ גאַרדעראָב!... ציגן, שעפּסן, אַקטיאָרן... אָן אונטערשייד!... שפּילט, אַ שלאַק זאָל עס!... אַ טורנעע האָט איר געוואָלט?!... שטי־לע קאָזעס... דאַנקט גאָט, וואָס נישט קיין אָקסן מיט קיין פערד!...

די שטילע קאָזעס זענען טאַקע געשטאַנען שטיל. דערשראָקענע

פֿאַרן עלעקטרישן ליכט, וואָס מען האָט דאָ פּראָוויזאָריש צוגעצויגן, האָבן זיי זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן און שטיל געמעקעט.

אַקטיאָרן האָבן געבורטשעט, געוואָרטשעט, געשאָלטן און זיך אָנגעטון. פֿון אויפֿרעגונג איז אַלץ געפֿאַלן פֿון די הענט אין נאַסן, קלעפּיקן מיסט־אַריין.

מען האָט געגעבן דעם דריטן קלונג. די טויבע לענינגראַדער פּיאַניסטקע מיט די געפּרווירעטע פֿינגערלעך האָט אָפּגעקלאַפּט די אוווערטור. דער גאַנצער אַנסאַמבל דאַרף אַרויפֿקומען אויף דער בינע צום פּראָלאָג־נומער, אָבער שמואליק זוכט נאָך אַלץ אַרום זיין פּאַסיק פֿון די הויזן און געפֿינט אים נישט. אין דער לעצטער רגע דערזעט ער אַ שטריקל און בינדט זיך דערמיט אַרום, אַנשטאָט אַ פּאַסיק.

מיר קומען־אַרויף אויף דער בינע מיטן געזאַנג:

אַבי מען זעט זיך, אַבי מען זעט־זיך,
צי קען נאָך גרעסער, שענער זיין די פֿרייד?
אַבי מען זעט־זיך, אַבי מען זעט־זיך,
אַבי מען זעט־זיך דאָ געזונטערהייטס!...

און דער עולם לאַכט. מען קאַטשעט־זיך אין זאַל פֿון ספּאַזמאַטישן געלעכטער.

וואָס לאַכט מען דאָ? וואָס פֿאַר אַן אומגליק איז דאָ געשען? וואָס פֿאַר אַ משוגע געלעכטער איז דאָס הייבט אויף זיי אָנגעפֿאַלן?!

איך קוק זיך אום און צעלאַך זיך אַליין. איך באַקום אַזש אַ שטעכעניש אין די זייטן:

צום שטריקל, וואָס שמואליק האָט זיך אַרומגעבונדן די הויזן, שלעפּט זיך נאָך אַ קאָזע.

און נאָך דער קאָזע — דריי קליינע קאָזעלעך.

די קאָזע רייסט־זיך און שלעפּט שמואליקן פֿון דער בינע אַראָפּ. זי האָט מורא פֿאַר דער בלענדיקער ליכט־ראַמפּע. שמואליק שלעפּט די שטריק צו זיך און די קאָזע קעמפֿט פֿאַרצווייפֿלט, מעקעט און אירע קליינוואַרג העלפֿן־צו: מעעעעע־מעעעע.

די טויבע פּיאַניסטקע זעט נישט און הערט נישט און שפּילט ווייטער. דער אַנסאַמבל לאַכט ספּאַזמאַטיש און קאָן שוין נישט זינגען.

פֿאַוועלעק קומט ראַטעווען די סיטואַציע. ער לויפֿט־אַרויף אויף דער אָפֿענער בינע מיט אַ פּעקל אַפּישן, סטראַשעט דערמיט די קאָזעס און שרייט צו זיי:

— אַפּשי קאַטאַ! פּאַשאַל וואָן! אַפּשיק!

דער עולם דערהערט פּאַוועלעקס קאַזע־לשון און די קוויטשע־רייען לעכערן דעם סופים! אָבער די קאָזעס פּאָלגן נישט. זיי האָבן פעסט באַשלאָסן, אַז אַן שמואליקן גייען זיי נישט אַראָפּ פון דער בינע, סיידן ער וועט זיי אָפּגעבן דאָס שטריקל.

און שמואליק קאָן זיי דאָס שטריקל נישט אָפּגעבן, ווייל זיינע הויזן זענען זייער ברייט און די הענט זענען פאַרנומען.

און דאָן איז פּלוצלונג געשען אַ בונט פון אַלע שעפּסן, וועלכע האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט די קאָזעס און זיי זענען אויך אַרויף אויף דער בינע.

און די שעפּסן האָבן זיך דווקא נישט דערשראָקן פאַר דער ליכט־ראַמפּע און זיך אויסגעשטעלט אין פאָדערגרונט, אויפן ערשטן פּלאַן, ווי צו ווייזן, אַז זיי זינגען אין כאָר שענער פון די אַרטיסטן:

— מעעעעע! מעעעעע! מעעעעע!

האָט פּאַוועלעק רעזיגנירט אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט:

— שטילע שעפּסן. אַ שלאַק זאָל זיי!

און ער איז אַנטלאָפן פון טעאַטער.

פּאַוועלעק ארבעט מעשים...

אין דזשאַלאַלאַבאַד האָבן מיר אָפּגעשפּילט די לעצטע פאָרשטע־לונג. פּאַוועל אַבאַגאַ האָט געוואָלט צוגרייטן נאָך אַ דריי שטעט, אָבער איך האָב אָפּגעזאָגט. צופיל אויסגאַבן האָט ער געמאַכט, אויף וועלכע ער האָט קיין קבלות נישט געגעבן. ער האָט געפאָדערט, אַז דערפאַר וואָס אידאַ קאַמינסקאַ האָט אַמאָל געגעסן ביי אים מיטאָג און ער קען זי פערזענלעך, זאָל איך אים גלויבן אַלץ אויפן וואָרט.

און אידאַ קאַמינסקאַס מיטאָג, וואָס זי זאָל האָבן געגעסן מיט אַ צען יאָר צוריק, קאָן איך פאָרט נישט אַריינשטעלן אין חשבון פאַר דער בוכהאַלטעריע פון דער טורקמענישער פילהאַרמאָניע.

עס האָט אויף מיר געגרוילט די הויט. איך האָב געפילט, אַז פאַר יעדער ווייטערדיקער פאָרשטעלונג, וואָס פּאַוועל וועט צוגרייטן, — וועט מיר אויסקומען אַ יאָר צו זיצן. האָב איך געזאָגט:

— גענוג. מיר פאָרן צוריק קיין טאַשקענט.

די לעצטע פאַרשטעלונג אין דזשאַלאַבאַד איז געווען אַן אומ־זיסטע. אַזוי האָט אונדז איינגערעדט פּאַוועלעק אַבאַגאַ.

ער האָט געזאָגט, אַז פאַרן געבן אַן אומזיסטע געזעגענונגס־פאַרשטעלונג אין קלוב פון די אייזנבאַנער, וועט אונדז דער נאַטשאַל־ניק מאַכן די פּאַסאַדקע. דאָס הייסט: אַז ער וועט אונדז אַריינזעצן באַקוועם אין אַ ספּעציעלן וואַגאָן און מיר וועלן קיין שום שוועריקייטן נישט האָבן מיט די וואַליזן, זעק און פּעק. אייזנבאַנער וועלן דאָס אונדז אַלץ אין וואַגאָן אַריינטראָגן. אַפילו דעם טעאַטער־באַגאַזש וועלן זיי דערליידיקן.

און היות יעדער אַקטיאָר האָט זיך דאָ איינגעקויפט אַ היפּשע קראָם, איז מען מסכים געווען אויף דער אומזיסטער פאַרשטעלונג. אַ קלייניקייט: דער נאַטשאַלניק אַליין וועט אונדז העלפן איינשטייגן און די קאָנדוקטאָרן (אונדזער אייביקער שרעק און שונא) וועלן שלעפּן אונדזער געפּעק אין וואַגאָן אַריין!...

האָט מען אָפּגעשפּילט די אומזיסטע פאַרשטעלונג, געדונגען וועגעלעך און געבראַכט צו פירן אַ האַלבן דזשאַלאַבאַדער באַזאַר צום וואָקזאַל...

די נאַכט איז געווען אַ שטאָק־פינצטערע. פּאַוועל האָט אונדז צוגעפירט צו אַ פּלויט, וואָס גרענעצט־אָפּ דעם פּעראָן, און געהייסן וואַרטן.

— שטייט דאָ. דער צוג וועט קומען, וועט איר אַריבערקלעטערן.

— וואָס הייסט אַריבערקלעטערן? ווי קען מען קלעטערן מיטן געפּעק? ווי וועלן די פרויען קלעטערן? וואָס פאַר אַ קלעטערן?

— מעט קלעטערן. מעט קלעטערן. אירט קיין ברירה נישט האָבן...

— מען האָט דאָך געשפּילט אַן אומזיסטע פאַרשטעלונג! ווו איז דער נאַטשאַלניק?

— נאַטשאַלניק־שמאַלניק־פּראַלניק! נישטאָ. מעט קלעטערן. איך קום באַלד, פון דער צווייטער זייט. אירט אַריבערגעבן די וואַליזן.

עס איז נישט געווען צו וועמען צו רעדן. עס איז איצט אויך נישט געווען קיין צייט, זיך אָפּצורעכענען. יעדערער האָט געציטערט פאַרן קלעטערן, פאַרן ביסל סחורה און פאַרן איינשטייגן אין צוג.

פּאַוועל איז אַנטלאָפן און זיך באַלד טאַקע געוויזן אויפן פּעראָן. מיר האָבן אים אַריבערגעגעבן דעם גאַנצן באַגאַזש צוזאַמען מיט די ווייבער און מיר האָבן אַליין אויך גענומען קלעטערן.

ערשט איצט איז אָנגעלאָפן אַ נאַטשאַלניק און גענומען מאַכן גע־

וואַלדעס. פּאַוועל האָט אים גענומען שלעפּן בײַ אַן אָרבל און סודען אין אויער־אַרײַן. ער האָט אים אָפּגעשלעפּט און מיר זענען בשלום אַריבער מיט צעריסענע קלײדער און צעשונדענע הענט און פּיס. פון דעסטוועגן, האָט מען נישט געקוקט אויף דעם, געשאָלטן פאַר־וועלן און זיך געשלעפּט מיטן געפּעק נענטער צום פּלאַץ, ווו עס דאַרף באַלד אָנקומען דער צוג.

פּאַוועל אַבאַגאַ מיט סיאָמקע גאַבען זענען אַוועק דערלײדיקן דעם טעאַטער־באַגאַזש, דעם קאַסטן פּאַרהאַנגען, קאָסטיומען און רעקוויזיט.

דער קאַסטן איז נישט אַזוי שווער. זאַלבעצווייט טראָגט מען אים תמיד. אָבער דאָ דערזע איך, אַז מען שלעפּט דעם קאַסטן זאלבאַ־זעקסט! און נישט נאָר סיאָמקע מיט פּאַוועלן, נאָר די פיר געזונטע טרעגער בויגן־זיך אין דרייען! וואָס פאַר אַן אומגליק איז דאָ געשען מיטן קאַסטן?!

וואָס פאַר אַן אומגליק? — דאָס אמת אומגליק איז געשען איין אויגנבליק שפּעטער: אַ ברעט פון קאַסטן האָט געפּלאַצט און עס האָט זיך גענומען שיטן רייז!...

און באַלד איז פּאַוועלעק מיטן קאַסטן אַרומגערינגלט־געוואָרן דורך דער באַן־מיליץ און ענקאַוועדע. די נאַטשאַלניקעס־קוקן־זיך־איבער און פרעגן:

— און וואָס איז דאָס אַזוינס?...

— זייער אינטערעסאַנט!...

— וואָס שיט זיך עס אַזוינס ביי דיר?...

— און ווער ביזטו עס אַזעלכער?...

און פּאַוועל, פון צרות, צי פון הפקרות, — לאַכט...

אַ ספּאַזמאַטיש געלעכטער האָט אים גאָר אָנגעכאַפּט. ער האַלט־זיך מיט ביידע הענט ביי די זייטן, דער אַרויסגעפּאַלענער מאַכאָרקע־סיגאַרעט סמאַליעט־זיך ביי אים אין בוזעם, ער צאַפּלט־זיך מיטן ברייטן בויך און מיט די ברייטע אויערן און כאַכאַטשעט, אַז טרערן רינען אים אַזש איבער די ברייטע באַקן.

— חברימלעך, בירגערלעך... אַט אַ קאָמעדיע... כאַכאַכאַ!... עס שיט־זיך!... דער בויך! איך וועל עס נישט... אוי, אַז געהרגעט!...

— אָבער וואָס שיט זיך עס, פרעגט מען דיר!

— כאַכאַכאַ!... איר זעט דאָך... נישט קיין גאָלד... נישט קיין סמעטענע.. רייז, אַז אַ שלאַק זאָל עס!... אַ ברעט האָט גע... אין דער סאַמע לעצטער... העלפט ברידערלעך... כהאַ־כהאַ־כהאַ!... פאַר־

בינדן!... סיאָמקע! אַ שלאָק זאָל דיר!... שאַף אַ שטריק, כהאַ־כהאַ־כהאַ!...

אינדעם דערהערט־זיך אַ גרילציקער פייף און עס קומט־אָן צו־טראַסקען דער צוג. די טירן פון די וואַגאָנען ווערן באַלאַגערט פון טויזנטער פּאַסאַזשירן, וואָס ווילן זיך אַריינרייסן. די געקומענע שטייגן שוין אויס דורכן געוויינלעכן, נאָרמאַלן וועג: דורך די פענצטער...

אויף די טרעפּלעך שטייען די קאָנדוקטאָרן און לאָזן נישט אַריין.

וואָס וועט דאָ זיין מיט אונדז?! מיר טאָרן דאָך דאָ נישט בלייבן! פּאַוועל שרייט דאָך דאָרטן, אַז ער פּירט אַ טרופּע. וועט מען זיך אַ נעם־טון צו דער טרופּע און צו איר דירעקטאָר, וואָס איך האָב דעם אומגליקלעכן כבוד עס צו זיין...

די געפּאַר האָט מיר געגעבן קוראַזש. איך האָב אַ פּלאָטער־געטון מיט מיינע לאַנגע הענט, אַ הויב־געטאָן די עוג־מלך־הבאָטשאַן־פיס און — איבער קעפּ און איבער פּלייצעס — אַרויפגעשפּרונגען אויף די טרעפּלעך, צום קאָנדוקטאָר, וועלכער שטייט אַ צעשפּרייטער און לאָזט קיינעם נישט אַריין.

— סלושאַי!!! — האָב איך אַ גרילץ־געטון מיט אַ טשוהונענעם האַלדז — אַ טרופּע אַקטיאָרן! לאָז אַריין!

— וואָס מיר אַקטיאָרן?!! נישטאָ קיין פּלאַץ!

נאָר היות די צעכוואַליעטע מאַסע האָט מיך צוגעקוועטשט ביז זיין אויער, האָב איך שוין דאָרט אַריינגעזאָגט שטיל:

— בירגער... קריגסט צען קילאָ רייז... — און איך האָב באַפוילן:

—אַקטיאָרן, זאָגט מען דיר! מיר מוזן קיין טאַשקענט!

— איך קאָן נישט, בירגער... — זאָגט ער שוין ווייכער — נישטאָ קיין פּלאַץ, בירגער...

און היות זיין חזירישער אויער פּלאָנטערט־זיך כסדר פאַר מיין מויל, מורמל איך:

— פופצן קילאָ רייז... הערסט? פופצן זאָג איך... — און איך גיב באַלד אַ בריל ווי אַ לייב: — לאָז אַריין די אַקטיאָרן! וועסט זיין פאַראַנטוואָרטלעך!

— שריי נישט... צוואַנציק וועסטו געבן? — פרעגט ער — איך האָב אַ שותף...

— גוט. לאָז אַריין די אַקטיאָרן! רוף: „ביעלאָסטאָצקי טיע־אַטער"!

און עס געשעט דער נס: דער קאָנדוקטאָר מיט זיין שותף נעמען שטויסן דעם חשובן עולם פּאַסאַזשירן מיט די שטול, מיט די קני און מיט פּאַכמעניש קולאַקעס, שרייענדיק:

— אָפּטרעטן! דער וואַגאָן איז רעזערווירט פאַרן ביעלאַסטאָקסקי טיעאַטער! אַקטיאָרן! ווו זענט איר, אַקטיאָרן?! קומט־אונטער, אַקטיאָרן!

און די אַקטיאָרן האָבן זיך גענומען דורכשטופּן מיט די וואַליזן, זעק און פּעק. זיי האָבן גיכער אויסגעזען ווי באַלאַדענע אייזלען, קעמלען און העלפאַנטן, ווי אַקטיאָרן. אָבער אַריין זענען זיי...

אין וואַגאָן איז געווען טונקל. בלויז אַ חלב־ליכטל האָט ערגעץ געפלעמלט. מיר האָבן דערזען, אַז דאָ איז דווקא גאַנץ גראַם. אַ היפּשער עולם איז פון דאַנען אויסגעשטיגן.

האָבן מיר זיך צעשאָטן איבערן גאַנצן וואַגאָן, צעלייגט דעם באַגאַזש אונטער די בענק און אויף די פּאָליצעס און אַליין אויך באַקומען, ווער — אַ זיץ־פּלאַץ און ווער — אַ ליג־פּלאַץ. איך זיץ אין אַנגסטן, סאָפּע מיט צעווייטיקטע לונגען און מיט אַ צעפּלאַטערט האַרץ און וויש זיך דעם שווייס. איך פּאַרע אינגאַנצן. זאָל זיך שוין דער צוג רירן פון אָרט! לאָמיר זיך דערווייטערן פון דער געפאַר!

— וואָס שטייט מען דאָ אַזוי לאַנג? — פרעגט מיין שכן — שוין פּאַרשפּעטיקט אויף אַנדערהאַלבן שעה און ער שטייט!

— וואָס איז זיך דאָ צו איילן, בירגער?... — שמייכל איך געמיטלעך — מיר וועלן גאָרנישט פּאַרשפּעטיקן...

און אַליין קאָן איך זיך נישט דערוואַרטן דעם פייף פון לאָקאָמאָטיוו...

וואָרעם איך ווייס דאָך יאָ, אַז די סיבה איז פּאַוועלס געפּלאַצטער קאַסטן רייז... צוליב אים האַלט מען אָפּ דעם צוג. מיינע אויערן זענען איצט ראַדאַר־אַפּאַראַטן: איך הער יעדן טראָט אויפן פּעראָן... יעדעס וואָרט אַפילו.

— סיאָמקע, נאָך אַ שטריק.. אַז געהרגעט זאָלסטו... אָט אַ קאָמעדיע, אַ שלאַק זאָל עס!... כאַכאַכאַ!... — האַלט נאָך פּאַוועל אַלץ אין איין לאַכן.

— ווו זענען דיינע אַקטיאָרן? — הער איך אַ שטרענגע פראַגע.

— דאָרט, אין וואַגאָן, כאַכאַכאַ... אַלע... אָט, אַ קאָמעדיע!...

און באַלד האָבן זיך אַ צענדליק פּאָר טריט אַ שאָט־געטון צו אונדזער וואַגאָן און די אמתע „קאָמעדיע" האָט זיך ערשט אָנגעהויבן...

ביסלעכווייז איז אונדזער גראַמער וואַגאָן געוואָרן ענגער, פּו־לער און איבערפולט. פּאַסאַזשירן זענען שוין געלעגן, אָדער געזעסן אין אַלע דורכגענג, אויף דער ערד און מען האָט געשפּרייזט איבער זיי. אַנדערע זענען געזעסן אויף זייערע וואַליזן, זעק און פּעק.

דאָס ליכטל האָט זיך אויסגעלאָשן, אָדער דער פּאַסאַזשיר, צו וועמען עס געהערט, האָט דאָס ליכטל באַהאַלטן און זיך צוגעשפּאַרט דרימלען. ביים שיין פון וואָקזאַל־לאָמפּ, וואָס האָט אַריינגעשיינט דורך די פענצטער, האָט מען בשום־אופן נישט געקאָנט דערקענען, ווער עס איז אַ פּאַסאַזשיר און ווער — אַ ציוויל־געקליידעטער מי־ליציאָנער. געוווסט האָב איך, אַז אַרום אַ צען מאַן זענען זיי דאָ. ביי זייער אַריינקומען האָב איך זיי דערקענט בלויז לויט צוויי זאַכן: וואָס זיי האָבן נישט קיין רייזע־געפּעק און האָבן יאָ באַטערייקעס (עלעקטרישע טאַשן־לעמפּלעך), מיט וועלכע זיי באַלייכטן חוצפּהדיק די פּנימער פון די מידע, דרימלענדיקע פּאַסאַזשירן.

אין וואַגאָן איז שטיל און דעריבער הערט זיך זייער דייטלעך יעדע פראַגע און יעדער באַפעל:

— וועמענס איז דער זאַק?

— וואָס האָט איר דאָרט, בירגערין?

— דאַוואַיטיע, עפנט אייער טשעמאָדאַן!

זיי גייען פון איינעם, צום אַנדערן. מען פּאָרעט־זיך ביים עפע־נען און פאַרמאַכן וואַליזן, ביים שאַרן, שלעפּן און אויפבינדן זעק. יעדע ווײַלע גיט אַ בלענד אַ טאַשן־לאָמפּ, ווי אַ פּראָזשעקטאָר פון זעניט־אַרטילעריע, וואָס זוכט אויפן פינצטערן הימל דעם שונאס אַן אַעראָפּלאַן.און יעדע ווײַלע שלעפּט מען אַ צעקנאָדערטע שיקסע, אָדער אַ צעפּלאָשעטן שגץ, אַ באַשניאָשקעטן פויער און אַ פאַרשלאָ־פענע באַבושקע. מען שלעפּט זיי מיטן געפּעק, ווי פּאַראַשוטיסטן פון אַ שונאס דעסאַנט, וואָס מען האָט געכאַפּט צוזאַמען מיט די דיי־ווערסיע־מכשירים...

די באַבושקע בעט־זיך:

— וווהין שלעפּסטו מיך, סינאָק? נו, פיר איך אַ ביסל רייז פאַר מיינע קראַנקע קינדער. צוויי זין אויפן פראָנט האָב איך. אַן אלמנה בין איך. לאָז אָפּ אַן עלנטע זקנה.

און דער סינאָק שטויסט איר מיטן שטיוול אין אַ געוויס אָרט און באַפעלט:

— גיי, זאָגט מען דיר! און וואָרטשע נישט!

די מענער, דערקעגן, גייען שוין שווייגנדיקע, געהאָרכזאַמע, פאַרמשפּטע.

קיין אַקטיאָרן האָבן זיי נאָך נישט אַנטדעקט. עך, ווען עס גיט אַ פּייף און דער צוג גיט שוין אַמאָל אַ ריר פון אָרט!.. אָבער ער רירט־זיך נישט און ער פּייפט נישט. היינט, זעט־אויס, פּייפט מען שוין אויף אונדז.

סיאָמקע קומט־אַריין, קלעטערט איבער מענטשן און שאַרט זיך־צו צו מיר.

— וואָס הערט־זיך מיטן באַגאַזש, סיאָמקע?

— אַ, דאָס ביזטו? שוין דערליידיקט. דער קאַסטן שטייט שוין אין באַגאַזש־וואַגאָן.

— נישט פאַרהאַלטן??? ווי אַזוי האָט ער עס געמאַכט???

— פרעג קיין שאלה נישט. פאַוועל!... וואָס ער קען!... אָהאָ!... ער האָט זיי דעם קאָפּ פאַרלאַכט און פאַרטומלט די געהירן. מילא נו. פּטור אַן עסק!

— נאָך נישט פּטור. דער צוג שטייט נאָך. און דאָרט...

— וואָסי? וואָס דאָרט?

— זעסטאָך... — גיב איך אים אַ ווונק צו די רעווידירנדיקע — און ווו איז פאַוועל?

— אַוועק ערגעץ „בלאַטירן" און שטעלן אַ שנאַפּס. אַ כוח פון אַ...

— ער ווייסט דען, ווי לאַנג דער צוג וועט שטיין?

— ער טרינקט דאָך מיטן נאַטשאַלניק...

— שששש...

סיאָמקע זעצט־זיך אויף דער ערד, שפּאַרט־אָן זיין פאַרענדיקן קאָפּ אָן מיינע קני און סאָפּעט, ווי נאָך אַ ווילדן געיעג.

— סאָפּע נישט אַזוי. שטילער, איך וויל הערן.

מיר שפּיצן־אָן אונדזערע אויערן און הערן:

— און וואָס פירט איר דאָ, בירגערין?

— סיעמעטשקעס... (באַניקערן) — הערן מיר די הייזעריקלעכע שטימע פון אונדזער גאַרדעראָב־שניידערין.

נאָכדעם קומט אַ זעץ מיט אַ שטיוול אין זאַק אַריין און אַ שאָר־כען, ווי מען וואָלט אים געטרייסלט הין־און־צריק.

— סיעמעטשקעס, זאָגסטו? און וואָס שטינקט עס אַזוי?

— עס שטינקט נישט, בירגער. עס שמעקט.

— סיעמעטשקעס שמעקן שוין ביי דיר? און פאַר וועמען דאַרפסטו עס אַזאַ גרויסן זאַק סיעמעטשקעס? האַ? האָסט געמוזט אָנפּלאַ־

דיען אַ האַלבן הונדערט ממזרימלעך, אויב דו דאַרפסט פאַר זיי אַזוי פיל... אַנו־קאַ, גיב נאָר אַן עפן־אויף דאָס זעקעלע. לאָמיר אויך פאַר־זוכן דיינע שמעקנדיקע סיעמעטשקעס... דאַ, דאַ, דאַ... הערלעכע סיע־מעטשקעס ביי דיר!... בשמים־נעגעלעך, שוואַרצער פעפער, צימע־רינג, ענגליש געווירץ. מען קען נישט זאָגן... אַ לייטיש קרעמל... און סיעמעטשקעס הייסט דאָס אַלץ ביי דיר?...

— איך ווייס נישט, טאָוואַרישטש נאַטשאַלניק, ווי דאָס הייסט אויף רוסיש, זאָג איך סיעמעטשקעס. דאָס איז צום קאָכן. יעי־באָגו, צום קאָכן. מיר האָבן עס זייער ליב, האָב איך עס געקויפט פאַר מיין משפחה... דאָס שטינקט דאָך נישט, טאָוואַרישטש נאַטשאַלניק. עס שמעקט. יעי באָגו, עס שמעקט! מעג מען עס פירן. וואָס שטערט עס דיר? איך האָב נישט געוווּסט אויף רוסיש, האָב איך...

— איך וועל דיר שוין זאָגן, ווי דאָס הייסט אויף רוסיש... נעם דעם זאַק און קום!

— ווי קען איך שלעפּן דעם זאַק? אַ קראַנקע בין איך. קוים וואָס איך ריר־זיך.

— וועל איך נעמען דעם זאַק און דו, ריר־זיך. סטופּאַי! געגאַנגען!

די שניידערין גייט פאַראויס און רעדט פאַר־זיך, אין חלל פון וואַגאָן אַריין:

— און וואָס טוט מען איצט? פאַוועל? ווו איז ער, פאַוועל? זאָל ער... איך בין דאָך... סיעמעטשקעס, נישט געוווּסט, ווי עס הייסט. פאַוועל...

דאָס וויל זי ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די קאָלעגן, מען זאָל וויסן, אַז מען נעמט זי אַראָפּ פון צוג און פאַוועל זאָל לויפן אינ־טערוועניִרן. אָבער דער „טאָוואַרישטש" מיטן זאַק הינטער איר, באַ־פעלט:

— וואָרטשע נישט! גיי פאַראויס! סטופּאַי!

— זשידאָווסקע ספּעקולאַנטן! — גיט אַ וואָרטשע דער שכן, וואָס זיצט נעבן מיר.

די צענדליקער קריסטן, וואָס מען האָט אַראָפּגעשלעפּט ביז איצט, האָט ער נישט געזען.

ווען די שניידערין מיטן באַגלייטער גייען־אַדורך פאַרביי מיר און זיי האַלטן שוין ביים אַרויסגיין פון וואַגאָן, גיט אים מיין „ליבער" שכן אַ צופּ ביים אַרבל און אַ טייטל מיטן פינגער אונטער דער באַנק.

דער געהיים־אַגענט איז נישט פויל, בלייבט שטיין, לייכט אַרונטער און שלעפּט־אַפּיר אַ זאַק רייז.

אין דעם זאַק רייז ליגט מיין פּרנסה פאַר דער גאַנצער נסיעה. עס צאַפּט־זיך פון מיר בלוט, אָבער איך שווייג און שמייכל אַן אַי־דיאָטיש־אָנגעגעבמען שמייכל, ווי מיין כוליגאַנישער שכן.

— ווּעמענס איז דער זאַק?

איך מאַך מיך געפּגרט. אָבער מיין „געטרייער" שכנדל טייטלט אַלץ מיט אַ דעליקאַט פינגערל אויף מיר. ווען איך קען, וואָלט איך דאָס פינגערל צעבראָכן אויף שפּענער און געוואָרפן אין אַן אויוון־אַריין. אפשר וואָלט עס דאַן געבראַכט עמיצן אַ נוצן.

— איז עס נישט אַמאָל דיין זאַק? — פרעגט מיך דער געהיים־מיליציאָנער.

— ניין. — זאָג איך הייטער — אָבער איך האָב דעם איינדרוק, אַז אָט דער זאַק און אָט יענער גרויסער און שווערער טשעמאָדאַן אויף דער פּאָליצע דאָרט... געהערן צו איין פּאַסאַזשיר.

— איר מאַכט געוויס אַ טעות? — גיט מיין שכן אַ ברום.

און איך זע, אַז ער האָט פּלוצלונג פאַרלוירן זיין הומאָר און זיצט אַ דערציטערטער...

— אַ טעות?... אדרבה, ווּעמענס איז ער?... און אינטערעסאַנט, חבר נאַטשאַלניק, וואָס ליגט עס אין אַזאַ גרויסן און שווערן טשעמאָדאַן?

— און ווּעמענס איז דער טשעמאָדאַן? — פרעגט דער אַגענט און לייכט מיין שכן אין דער סימפּאַטישער פיזיאָנאָמיע־אַריין.

מיין שכן איז איצט בלייך. זיינע ליפּן ציטערן און ער שטאַמלט:

— מממיינער ננגישט. איך... איך ווייס נישט.

— ווּעמענס איז דער טשעמאָדאַן?! — רופט דער אַגענט נאָכ־אַמאָל הויך.

קיינער רופט זיך נישט אָפּ. דער געהיים־אַגענט רופט זיין חבר און זיי נעמען־צו מיין זאַק רייז און מיין שכנס שטיין־שווערן טשעמאָדאַן.

אונדזער גאַרדעראָב־שניידערקע איז דערווייל פאַרשוווּנדן. זי האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען די געהיים־אַגענטן זענען פאַר־נומען געווען מיט דער וואַליזע און זי האָט זיך צוריק אַריינגע־גליטשט אין פינצטערן וואַגאָן.

דער אַגענט וועט זי שוין מער נישט זוכן. ער איז דווקא צופרידן מיט איר אַנטלויפן. ווען זי גייט־מיט, מוז ער די רעקווירירטע סחורה

אָפּגעבן אין מאַגאַזין, אָפיציעל פאַרשרייבן עס און מאַכן אַ פּראָ־טאָקאָל. דאַן האָט ער דערפון גאָרנישט. אָבער ווען קיינער איז נישטאָ, נעמט ער עס צו פאַר־זיך. עס איז ריינער פאַרדינסט, פולע פרנסה.

שיעור זענען זיי אַראָפּ פון וואַגאָן מיט בלויז אונדזער שניי־דערינס „בשמים־געוועלבל". איצט זענען זיי באַלאָדן מיט מיין זאַק רייז און מיט מיין שכנס שטיין־שווערער וואַליזע, וואָס בלויז ער אַליין ווייסט, וואָס פאַר אַן אוצר זיי שלעפּן. אין דרייען בויגן זיי זיך, אָבער זיי קרעכצן נישט...

זיי גייען־אַראָפּ. מיין שכנדל קוקט אויף מיר און איך — אויף אים. מיר זענען איצט צוויי קריגערישע הענער מיט געפּענטעטע פליגל.

— פאַרוואָס האָסטו דאָס געטון? — פרעגט ער מיך.

— דו האָסט דאָך עס געטון... — זאָג איך — זיי האָבן שוין גע־האַלטן ביים אַרויסגיין פון וואַגאָן און דו האָסט זיי צוריקגעשלעפּט... ביים אַרבל האָסטו אים געצופּט און געוויזן אונטער דער באַנק, אויף מיין זאַק...

— איך האָב נישט געוווסט, אַז ער איז דיינער. געמיינט, אַז זיי־ערער, די יידנס!

— און איך האָב נישט געוווסט, אַז דער טשעמאָדאַן איז דיינער. געמיינט, אַ ספּעקולאַנטס...

— דו ביזט אַליין, מסתמא, אויך אַ ייד!

— פאַרשטייט־זיך. קיין ספּעקולאַנט בין איך נישט.

— פאַרשיווי זשיד! — גיט ער אַ צישע ווי אַ שלאַנג, הויבט זיך־אויף און פאַרלאָזט דעם וואַגאָן.

לאָלאַ קוקט־אַראָפּ צו מיר פון דער פּריטשע און ווינקט, איך זאָל זיך נישט איבערנעמען. אַ כפּרה דער זאַק רייז. דער עיקר איז געזונט און הומאָר!

און אַז איך זע, ווי לאָלאַ שמייכלט רואיק, ווערט מיר אויך לייכ־טער דאָס געמיט. מיר האָבן געהאָרעוועט פאַרן טייוול. וועלן אַהיים־קומען מיט ליידיקן. אָבער מיין כפּרה. איך וועל איצט האָבן פרייע הענט און אַ פרייע פּלייצע...

פּאַוועל וואַקלט זיך אַריין אַ באַטרונקענער. ער פאַלט־אַוועק אין אַ ווינקל און סאָפּעט, ווי מיט אַ בלאָז־זאַק פון אַ שמידעריי. דאַכט־זיך, אַז ער כראָפּעט שוין, ווי אַ פייער וואָס האָט אָנגעהאַקט אַ קלאָפּטער האָלץ. שוין איינמאָל אַ טיפּ! אַפילו אין גיהנום וועט ער זיך אַן עצה געבן און פאַרטומלען אַלע לאַפּיטוטן די קעפּ.

אין וואַגאָן איז שטיל. אויסערן כראָפּען, סאָפּען און שנאָרכן, הערט מען דאָס פאַרען־זיך פון די איבעריקע געהיים־מיליציאָנערן ביי זעק, פּעק און וואַליזן.

— וואָס שטייט מען דאָ אַזוי לאַנג? — פרעגט אַ קלאָגעדיקע פרויען־שטימע.

— טאָקע! וואָס טוט זיך דאָ היינט? — דענערווירט זיך אויך אַ מאַן.

און באַלד מישן זיך אַריין נאָך עטלעכע:

— מען וועט אַמאָל אַרויספאָרן פון דער פאַרשאָלטענער סטאַנציע, צי נישט?!

— אַ פאַרשפּעטיקטער צוג און שטייט נאָך אַזוי לאַנג!

— מען וועט פאָרן... דענערווירט אייך נישט, בירגער... איר וועט נאָך היינט פאָרן... ענטפערט איינער פון די געהיים־אַגענטן.

און זיי טועןן־זיך זייערס. זיי זוכן און נישטערן און קיין פייף הערט מען נאָך אַלץ נישט. אַנשטאָט אַ פייף פון לאָקאָמאָטיוו, דערהער איך אַ נישט־וויינעקער גרילציקן קוויטש פון אונדזער רומענישער אַקטריסע, זשאַלקאַ קאָרנפלאָר:

— ווהין קריכסטו? נאַכאַל! נעם אַוועק די הענט, זאָגט מען דיר! נעם אַוועק! איך רוף מיין מאַן!

רומענעריגס זענען דרייסט און כיטרע. פוילישע כיטראַטשקעס זענען קימפּעט־קינדער אַנטקעגן זיי. זי וואָרנט דעם „נאַכאַל", אַז זי וועט רופן איר מאַן. אָבער איר מאַן, צוזאַמען מיט דער אַקטריסע בערטאַלינאַ, זענען גאָר נישטאָ אין וואַגאָן. נאָך אויפן פעראָן האָט מען זיי פאַרהאַלטן און אַוועקגענומען אין דער אייזנבאַן־מיליץ. עס וועט זיין אַן אַרבעט, זיי אַרויסצונעמען פון דאָרט. פון טאַשקענט וועלן מיר אינטערווענירן. מיר האָבן שוין עמיצן, ווער עס קען דאָס מאַכן. אָבער דערווייל רופט די קאָרנפלאָר איר „מאַן".:

— סיאָמקע! סיאָמקע ראַטעווע!

און סיאָמקע לויפט, ווי מען וואָלט טאָקע זיין ווייב באַפאַלן.

ער קומט־אָן און זעט, אַז אַ ציווילער פאַרשוין קריכט מיט ביידע הענט דער קאָרנפלאָר אין בוזעם־אַריין. זי ראַנגלט־זיך מיט אים און שרייט:

— נאַכאַל! טרעט־אָפּ, זאָגט מען דיר! ווהין קריכסטו, מנובל?! סיאָמקע, זע!

און סיאָמקע זעט און איז נישט פויל און לאָזט־אַראָפּ דעם פאַרשוין אַ הילכיקן פּאַטש.

דער ציווילער פאַרשוין גיט זיך אַזש אַ טרייסל. ער נעמט אַוועק די הענט פון דער קאַרנפלאַרס בוזעם מיט ברויט־קאַרטן, גלייכט זיך־אויס, בויגט־אָפּ דעם לאַץ פון זיין רעקל און באַווייזנדיק סיאַמקען דעם מיליץ־צייכן, באַפעלט ער:

— קום מיט מיר, גיבור!...

— איך וועל גיין! נאָר עדות נעם מיט! עדות, אַז דו בזט גע־קראַכן מיט דיינע לאַפּעס דער פרוי אין בוזעם־אריין! אַלע האָבן געזען דיין געמיינקייט! עדות! עדות!

— ריטשע נישט! ועסט שוין גיין אָן עדות אויך! סטופאַי!

— אַז מען הייסט גיין, גייט מען!! — קומען שוין צו אַלע אי־בעריקע געהיים־מיליציאַנטן — ריר־זיך! סטופאַי! פאַראויס!

אַז סיאַמקע דערזעט די גאַנצע חברה, ווערט ער שוין בעסער און ער פאָלגט.

לאַלאַ ליגט אויף איר פריטשע מיט אַ קישעלע צוקער צוקאָפּנס. זי זעט סיאַמקען דורכגיין און איז ווייבעריש זייער טשיקאַווע צו וויסן: וואָס האָט מען איר דאָרט געטון, דער קאַרנפלאַר, וואָס זי האָט געשריען „גאַכאַל"? עס האָט דאָך געמוזט זיין אַ זייער פיקאַנטע געשיכטע. רופט זי:

— סיאַמקע! וואָס איז דאָרט גע...

אָבער סיאַמקע, נישט־קוקנדיק אין איר זייט, רייסט איר איבער און ברומט פאַר זיך:

— רעדט ניט! גייט אַוועק, מען פירט מיך!

און פּאַוועלעק אָבאַגאַ כראָפּעט. זיין כראָפּען דענערווירט מיך איצט ביז משוגעת! ווי מעג ער עס איצט אַזוי געשמאַק כראָפּען, ווען מען רייסט פון דעם אַנסאַמבל שטיקער?! — לויף איך־צו און דער־לאַנג אים אַ זעץ מיט דער קני אין געזעס אַריין:

— וואָס ליגסטו? וואָס כראָפּעסטו? אַדמיניסטראַטאָר פאַרשאַל־טענער! ווו זענען די דאָקומענטן?!

— וואָס דאַרפסטו דאָקומענטן?

— די אַקטיאָרן ראַטעווען!

— לאָז שלאָפן. מאָרגן וועל איך. אידאַ זאָל מיר אַזוי. אַז גע...

— שטיי־אויף! דאָס גאַנצע אומגליק איז צוליב דיר!

— וואָס, אומגליק? לאָך זיך־אויס. איך וועל אַלץ. פּאַוועל הייס איך. מאָרגן. פאַרלאָז זיך...

— נישט מאָרגן, נאָר שוין! גיי אַראָפּ, זאָג איך דיר! ברענג

מיר שוין דער בערטאַלינאַ מיטן זשאַלטאַק! און סיאָמקען האָט מען אַראָפּגענומען!

— נו, וועט זיי זיין צוזאַמען הימלעכער... כיכיכי... מאָרגן וועל איך...

— הימלעכער וועט זיי זיין, ווען דו וועסט דאָרטן שנאָרכן, מיט זיי צוזאַמען! דו גייסט נישט? גיב אַהער די דאָקומענטן! איך גיי!

— וואָס דאָקו. ווער קען גיין? איך בין שיכור. די פיס זענען. איך האָב לייטיש אַריינגע. אַז געהרגעט. אָט האָסטו דאָך סיאָמקען!... אַ שלאָק זאָל אים!...

סיאָמקע האָט אַריינגעפּלאָטערט, ווי אַ זיך־אָפּגעריסענער פון אַ תליה. ער האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זייערע הענט, אַריינגע־שפּרונגען אין וואַגאָן און זוכט אַ באַהעלטעניש.

איך דערזע, אַז דער זשאַלטאַק און די בערטאַלינאַ זענען שוין אויך דאָ. — אָטעם איך פרייער אָפּ, גיב אַ שפּיי און גיי מיר צוריק אויף מיין פּלאַץ.

ענדלעך דערהערט־זיך דער פייף פון לאָקאָמאָטיוו און דער צוג רירט פון אָרט.

די פאַרשוינען זענען שוין מער נישט אַרויפגעקומען. דער גאַנצער אַנסאַמבל איז דאָ. אַלע אַקטיאָרן... זיי זיצן ווי אָפּגעשמיסענע און אויסגעפּאַטשטע. עמיץ כליפּעט, עמיץ קלאָגט. אָבער אַלע זענען דאָ. אַלע זענען פריי. און דער באַגאַזש פאָרט אויך מיט אין באַגאַזש־וואַגאָן. מילא. זאָל דער היזק זיין אונדזער כפרה!

איך זינק־אַראָפּ אַ דערשעפּטער און סיאָמקע דערלאַנגט מיר צו דער נאָז חלשות־טראָפּנס צום שמעקן.

אַ טייערע זאַך, חלשות־טראָפּנס. ווען מען קען עס נאָך טרינקען, אַ שנאַפּס מאַכן, וואָלט גאָר גוט געווען!

די רעדער קלאַפּן. דער צוג יאָגט, ווי אַנצויאָגן די פאַרלוירענע צייט אויף דער פאַרשאָלטענער סטאַציע דזשאַלאַלאַבאַד. מיד, דער־שעפּט, הויב איך־אָן צו דרימלען. אָבער באַלד וועקט מיך צוריק־אויף אַ יאָמערלעך געשריי. דאָס יאָמערט גאָר פאַוועלעק אַבאַגאַ. איך וואָלט עס גאָר קיינמאָל נישט געגלויבט אַז אַזאַ פאַרשוין, ווי פאַוועלעק אַבאַגאַ, קען יאָמערן, ווי אַן אומגליקלעכע יידענע. ער האַלט־זיך מיט בײדע הענט ביים קאָפּ, וויגט־זיך אין אַלע זייטן, ווי ביים באַקלאָגן אַ מת, פּלאָטערט־אַרום איבערן וואַגאָן און יאָמערט:

— אומגליקלעך! געשאַכטן! אַ פאַרפאַלענער! וואָס טוט מען? איר האָט נישט געזען?

אַלע פֿאַרגעסן מיר באַלד אונדזערע עוולות און קריגן אויף אים רחמנות:

— פֿאַוועלעק, וואָס איז דיר געשען? וואָס קלאָגסטו?

— מיין גאַנץ פֿאַרמעגן? אַן אָרעמאַן! אפשר האָט איר ערגעץ געזען?

סיאָמקע שפּרינגט־צו און שרייט געדעמפּט:

— פֿאַוועל, ס'איז דאָ! איך האָב עס! איך היט עס! קומט, נאָט אייך דאָס קעסטעלע...

— אויף כּפּרות! ווערט עס פֿאַרברענט! אַ פֿייער! איך בין גע...

— וואָס רעדסטו?! פֿאַוועל! איך האָב דיין קעסטעלע!...

— שפּיי אויף דעם! ברודיק וועש איז דאָרט! צעריסענע שקאַר־פּעטן! ווער דאַרף עס? מיין זאַק! מיטן קישן!

— האָסט דאָך געשריען, אַז דיין גאַנץ פֿאַרמעגן איז אין קעס־טעלע?! איך זאָל עס היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ?! איז וואָס פֿאַר אַ זאַק? וואָס פֿאַר אַ קישן?!

— אַ שלאַק זאָל סקעסטעלע! דאָס האָב איך גלאַט אַזוי! הלוואַי וואָלסטו געהיט דעם זאַק! אַלץ איז דאָרט גע. אַ פֿאַרמעגן! אַן אָרע־מאַן! ווער האָט גע? וואָס טוט מען? אוי!

פֿאַוועל יאָמערט און איך קאָן עס נישט פֿאַרשטיין: וואָס פֿאַר אַן אָרעמאַן איז ער, אַז דער ריזיקער קאָסטן רייז פֿאַרט־מיט אין באַ־גאַזש־וואַגאָן און סקליין קעסטעלע האַלט סיאָמקע?!

— סטאַריק! וואָס יאָמערסטו? — רופֿט אַן עלטערע קריסטן — אָט דעם זאַק זוכסטו אפשר? עס פֿלאָנטערט־זיך מיר דאָ אַ זאַק אונ־טער די פֿיס.

פֿאַוועלעק לויפֿט־צו און כאַפּט דעם זאַק מיטביידע הענט:

— אוי, יאָ! מיינער! אַ דאַנק! כבין געהאָלפֿן! געראַ. סאיז דאָ, אַז געהרגעט! זיך פֿאַרשאַרט ערגעץ, אַז אַ שלאַק זאָל עס!...

— אָט אַ טריפֿהנער מזל! נו?! — זענען איצט אַקטיאָרן אויפֿס־ביי ביין — אַלע זענען מיר אָפּגעברענט געוואָרן און ער... — אַ שלאַק זאָל אים טרעפֿן!

**

צומאָרגנס נאָכן אָנקומען קיין טאַשקענט, האָב איך אַריינגע־קראָגן פֿאַוועלעקן אין מיין האָטעל־צימער, פֿאַרשלאָסן די טיר, באַ־האַלטן דעם שליסל און באַפֿוילן:

— אַרויס מיט די קבלות!

— האָ? די קבלות? נו, ווער קען זיי. מילא נו, שוין מאָרגן אַלע! אידאַ זאָל אַזוי!

— וואָס האָסטו צו אידען?! נישט מאָרגן, נאָר שוין! שיט־אויס די קבלות!

— גוט! שריי נישט. ווילסט די קבלות? נאַ! אָט, אַלע!

ער האָט געשאָטן די קבלות פון אַלע קעשענעס. איך האָב באַקוקט עטלעכע און זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ:

— גזלן! רוצח! דאָס זענען קבלות?

אויף קבלות, אויסער דער אונטערשריפט פון דעם, וואָס האָט דאָס געלט באַקומען, דאַרף אויך זיין זיין אַדרעס און דער נומער פון זיין פּאַס. און דאָס זענען אָנגעפּאַטשקעטע פּאַפּירלעך, אָן אַדרעסן, אָן נומערן און אָן אונטערשריפטן אַפילו. פּאַוועלעק האָט זיך אַליין געמאַכט קבלות.

באין־ברירה, האָב איך אים געצוווּנגען, ער אַליין זאָל זיי אונטערשרייבן און אָנגעבן דעם נומער פון זיין אייגענעם פּאַס. צוויי שעה האָט געדויערט זיין אונטערשרייבן.

— אָן אַרבעט! אַזוי געהרגעט זאָלסטו... — האָט ער זיך געווישט דעם שווייס פון פּליך און קאַרק, געקאָפּטשעט זיין מאַכאָרקע־גלאָוונע, געשאָטן דעם אַש מיט די פינקען אויפן טיש און געהאָרעוועט אַזוי, אַז זייענע אויערן האָבן אים געפלאַמט, ווי אונטערגעצונדענע.

— און איצט, לייג אַרויס אַלע דאָקומענטן.

— אַלע? איך דאַרף דאָך מאָרגן. כמיין, דעם טורנעע. האָ?

— לייג אַרויס די דאָקומענטן.

— אַז דו ווילסט, נאַ! אָבער איך מיין, מיר קענען דאָך. ס'הייסט, פּאַ פּשיאַטשעלסקו... די קאַמינסקאַ זאָל מיר אַזוי. הערסט? ביזט דאָך אַ נאַש־בראַט!...

— אוודאי, אוודאי... — האָב איך אַלץ אַוועקגענומען פון טיש און אויפגעשלאָסן די טיר.

— זאָל איך אפשר, אַלמאַ־אַטאַ? — האָט פּאַוועל געשטאַמלט אַ צעטומלטער — קאַזאַכסטאַן? עטלעכע שטעט: דזשאַמבול, טשימקענט, וועגגער־אוגאַל. האָ?

— וויפל האָסטו באַקומען פאַר דער „אומזיסטער" פאַרשטעלונג אין דזשאַלאַלאַבאַד?...

— אַפילו קיין. משוגע! זאָלסט זאָגן: דאָס־אַ! פּאַוועל זאָל אַזוי! די קאַמינסקאַ! אַלץ דער נאַטשאַלניק! ברענען זאָל ער!

— ווי הייסט דער נאַטשאַלניק? אויב ער האָט נישט באַצאָלט,

װעט איר בײדע באַצאָלן! דעם גאַנצן היזק פֿון דער טרופּע װעט איר באַצאָלן! לײג אַרױס דאָס געלט!

— משוגענער! װער האָט? אַ פּרוטה! די קאָמינ. לאָמיר מאַכן אַ...

— האָסט שױן גענוג געמאַכט, פּאַװועלעק! האָסט שױן דײנס אָפּגעמאַכט!

— װאָס הײסט?! און דער טורנעע? איך װעל מאַכן אַ...

— אַ שנאַפּס... אַ קערטל... אַ „צילינדער"...

— איך פֿאַרשטײ נישט! װאָס האָסטו צו.

— פּאַװועל. הײנט איז בײ מיר אַ שמחה. קום, װעלן מיר מאַכן אַ שנאַפּס! איך צאָל.

— אַזױ פֿאַרשטײ איך... פּשיאַטשעל... גאָר עפּעס אַנדערש!.. אַ שנאַפּס, אדרבה, לכבוד װאָס? אַ שמחה?..

— פּאַװועל. הײנט איז בײ מיר אַ גרױסע שמחה. קום, װעלן מיר מאַכן שנאַפּס לכבוד דעם... װאָס איך װער דיך פּטור!

— הא?!

דער ברענענדיקער גלאָװנע־סיגאַרעט איז אים אַזש אַרױסגעפֿאַלן פֿון מױל און אַרײַנגעפֿאַלן אין בוזעם.

ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...

אַלמאַ־אַטאַ איז די הױפּט־שטאָט פֿון קאַזאַכסטאַן. „אַלמאַ־אַטאַ" באַדײַט: דער פֿאָטער פֿון עפּל. די געגנט אַרום איז טאַקע רײַך אין שפּעדיקע עפּל־סעדער. און די עפּל זענען דאָ פֿון אַ באַזונדערן מין, װאָס אַזאַ האָב איך נאָך נישט פֿאַרזוכט און אַפֿילו נאָך נישט געזען ביז הײַנט. דער אַלמאַ־אַטער עפּל מעג טראָגן די קרױן פֿון אַן עפּל־קעניג, װײַל ער איז שטױנענד־גרױס, פֿילײַכט דער גרעסטער עפּל אױף דער גאַנצער װעלט. אַזאַ אײנער האָט אַ כּוח צו װעגן אַ גאַנצן קילאָגראַם און אַפֿילו אָנדערהאַלבן. און טרעפֿסטו אַ האַלבן־קילאָדיקן, איז ער נאָך אַ חדר־ײנגל, װעלכן מען דאַרף אָפּװישן די נאָז... און זאַפֿטיק און אַראָמאַטיש — װי נאָר אַן עפּל פֿון דעם עץ־החיים האָט געקאָנט זײַן. עס פֿאַלט מיר דעריבער אײַן, אַז דאָס האָבן אפֿשר די מבול־װאַסערן פֿון נחס צײַטן פֿאַרטראָגן אַזש אַהער די זאָמען פֿון יענעם פֿאַרבאָטענעם גן־עדן־בױם. כאָטש װי אַזױ עס קען װאַקסן

און געדייען אַ גן־עדן־בוים אין האַרץ פון גיהנום, — קאָן מיין שכל נישט באַנעמען...

די קאַזאַכישע הויפּט־שטאָט איז נאָך זייער אַ יונגע, אפשר נאָך ייִנגער פון אירע טעכטער, וועלכע זענען קוים ראוי־לחופּה...

קען זיין, אַז דאָ איז אַמאָל און אַפילו אין גאָר אַלטע צייטן, אויך געווען אַ שטיקל ישוב. אויב נישט קיין שטעטל, איז אַ דערפל, אַ קישלאַק, אַן אַאול. אָבער די איצטיקע גרויסע שטאָט, וואָס האָט זיך דאָ צעשפּרייט איבער באַרג און טאָל, איז אַ דורכאויס־נייע, מיט בלענדיק־ווייסע מויערן, פּאַלאַצן, פּאַרוויילונגס־הייזער, שולן, ענקאַ־ווערע און תפיסה־בנינים. רייצנדע פּאַרקן, חנעוודיקע סקווערן און בולוואַרן. איבער די ברייטע, אַספּאַלטירטע גאַסן, וואָס ציען־זיך באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ, גליטשן זיך טראַמווייען, טראָלייבוסן, אויטאָבוסן און עלעגאַנטע לימוזינעס. אין אָוונט, ווען עס צינדן־זיך די עלעקטרישע און נעאָן־ליכטער, דאַכט־זיך דיר, אַז דו ביזט אין אַ צויבער־שטאָט, אין אַן אמתן גן־עדן־התחתון, ווו די גאָלדענע יוגנט לעבט אַ גוטע נאַכט.

און אין אַזאַ נאַכט האָב איך דאָ טאַקע געטראָפן אַ יונגן דיכטער פון וואַרשע, אַ קליין־געוויקסיקער, וועלכער שרייבט גרויסע פּאָעמען מיט לאַנגע שורות. — האָט ער דאָ אַפילו „אַרגיעס" געפּראַוועט מיט אַ פלעשל „סאַמאָגאָן", מיט ציבעלע, הערינג און זויערע אוגערקעס. ער האָט מיך אויך איינגעלאַדן צו אָט דער פאַרשווענדעריי, צו וועל־כער עס האָט אים בלויז אויסגעפעלט איין קלייניקייט: אַ שטיקל ברויט... — האָבן מיר געזופט דעם סאַמאָגאָן, פאַרביסן מיט ציבעלע און ברויט האָבן מיר געגומען אין זינען אַריין...

אין דער קאַזאַכישער מלוכה־פילהאַרמאָניע האָב איך געהאַט מזל: דער דירעקטאָר האָט מיר פאַרדונגען דעם זאַל אויף זעקס טעג. ווען מיר דאָ געבן זעקס פאָרשטעלונגען. איך האָב שוין אויך פאַר־זאָרגט נאַכטלעגער פאַרן גאַנצן אַנסאַמבל אין פּריוואַטע וווינונגען, וואָרעם אַלע האָטעלן זענען פאַרנומען מיט דעלעגאַטן.

נאָכן דערליידיקן אַלע אָפיציעלע טעאַטער־ענינים, בין איך גע־גאַנגען דערליידיקן די אומאָפיציעלע: איך האָב צוגעזאָגט מיינע אַקטיאָרן, אַז איך וועל גיין אויפן באַזאַר און אויסשמעקן, וואָס עס פעלט דאָ און וואָס מען דאַרף דאָ און וואָס עס לוינט־זיך צו ברענ־גען... און דערוווּסט האָב איך זיך, אַז עס פעלן דאָ ראַזשינקעס.

איך האָב זיך דורכגעשטופּט אַמאָל צען דעם ענגן און טומלדיקן באַזאַר, געגאַנגען צווישן אַלע סטראַגאַנעס, געזוכט, געשמעקט און

פאַרט נישט געזען מער, ווי איין זקנה מיט אַ מאָגער זעקעלע ראַ־זשינקעס. און די ראַזשינקעס מעסט זי מיט אַ צעפּלאַצטער באַנקע, וועלכער מען פלעגט אַמאָל שטעלן אויף פאַרקילטע פּלייצעס. זי איז שוין נישט קיין שעמעוודיקע, די זקנה: פאַר אַזאַ באַנקעלע ראַזשינקעס פאַרלאַנגט זי פינף רובל און ווערט נישט רויט!...

און אין טאַשקענט קען מען שוין באַלד אַ גאַנצן קילאָ קריגן פאַר דעם געלט...

— באַבעשי, דו האָסט אַ סך ראַזשינקעס?

— ניין, סינאָק. דאָס איז אַלץ וואָס איך פאַרמאָג.

— און ווען עס מאַכט זיך דיר צו קויפן?...

— וואָלט איך אַוודאי געקויפט!

— אַ סך דאַרפסטו?

— וויפל דו האָסט נאָר, וועל איך צונעמען! נישטאָ קיין ראַזשינ־קעס אין שטאָט. וויפל האָסטו, סינאָק?

— איך האָב נאָך נישט. מען דאַרף מיר ברענגען...

— טאָ זאָל מען ברענגען וואָס מער! איך וועל אַלץ צונעמען!

בין איך שנעל געלאָפן אויף דער פּאָטשט און טעלעגראַפירט מיין טרופּע:

נאַטשינאַיעם פּרעמיעראַי „ראַזשינקעס מיט מאַנדלען” וויע־זשאַיטיע.

(מיר הייבן־אָן מיט דער פּרעמיערע „ראַזשינקעס מיט מאַנדלען”. פאָרט אַרויס.)

און איך האָב זיך די נאַכט געלייגט שלאָפן אַ צופרידענער, מיט די גוטע געשעפטן וואָס מיין טרופּע וועט דאָ מאַכן...

אויפן דריטן טאָג, באַגינען, איז מיין טרופּע געקומען. אַז איך האָב דערזען די אַקטיאָרן אויסשטייגן פון וואַגאָן, האָט מיר גענומען שווינדלען אַן אויג און ציטערן אַ קני. עס האָט מיר געפלאַמט דאָס פּנים און געקלונגען אין ביידע אויערן. איך האָב אַזש קוים געהערט, וואָס מען רעדט צו מיר. איך האָב נאָר געזען, ווי זיי בויגן־זיך אין דרייען, שלעפנדיק די זעק, וואַליזן און קאָסטנס ראַזשינקעס...

איך האָב געהאַט צוגעגרייט וועגעלעך. יעדער אַקטיאָר האָט באַקומען דעם אַדרעס פון זיין קוואַרטיר און ער איז אָפּגעפאָרן מיט זיין באַגאַזש.

באַדינגונגען צום רוען האָבן זיי דאָרט געהאַט גוטע, אָבער דער מסחר האָט זיי רוען נישט געלאָזן...

צוויי שעה שפּעטער, האָב איך אַלע אַקטיאָרן, אָפּגעוואַשענע און אויסגעפּוצטע, געטראָפן אַרומשפּאַצירן איבערן באַזאַר...

געקומען זענען זיי צוערשט אָן סחורה. אָט, בלויז באַקוקן, באַטראַכטן די נייע שטאָט... און טאַקע אַ שמעק־טון און זיך דערוויסן צי זענען טאַקע קיין ראַזשינקעס נישטאָ...

עס האָט זיך גאָרנישט געגלויבט, אַז קיין ראַזשינקעס זאָלן אויף אַ באַזאַר נישט זיין!

און עס איז טאַקע נישט געווען... אויפן גאַנצן באַזאַר איז נישט געווען צו זען קיין איין ראַזשינקע, אויסער די איינציקע זקנה מיטן מאָגערן זעקעלע...

מיינע לייט האָבן זיך געריבן די הענט, געשטראַלט פון שמחה און זיך אַזש אונטערגעזונגען:

ראָאָאָזשינק־ע־ס מיט מאַנדלען,
דאָס וועט זיין דיין באַרוף.
מיט דעם וועסטו יידעלע האַנדלען.
שלאָף־זשע, זונעלע, שלוף!...

פון דאַנקבאַרקייט האָבן מיך די אַקטיאָרן געקלאַפּט אין דער פּלייצע־אַריין און די אַקטריסעס האָבן מיך אַזש קושן געכאַפּט...

ביסלעכווייז האָבן זיי אַלע געטראָפן צו דער איינציקער זקנה מיטן מאָגערן זעקעלע און יעדערער האָט פאַרפירט מיט איר דעם־זעלבן שמועס:

— באַבושקאַ, דו האָסט אַ סך ראַזשינקעס?

— ניין, קינדערלעך. דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב.

— און קויפן ווילסטו?

— איך וויל.

— וויפל דאַרפסטו, באַבושקאַ?

— איך ווייס? זאָל זיין דריי קילאָ, פיר, פינף...

— נישט מער?!

— מער? עס קען זיין מער, אויב איר וועט מאַכן אַ געהעריקן פּרייז. אויב צוגעגנלעך, וועל איך אַפילו זעקס און אַכט קילאָ אויך נעמען.

— באַבושקאַ, איך האָב פופציק קילאָ!... — האַלט עס אַן אַקטריסע נישט אויס.

— מיין גאָט! פופציק קילאָ! — ווערט די זקנה פאַרציטערט — ווער דאַרף דען דאָ אַזוי פיל?!

— וואָס הייסט, מען דאַרף נישט ?! מען זעט דאָך אינגאַנצן נישט קיין ראָזשינקעס אויפן באַזאַר !...

— ריכטיק, קינדערלעך. זייער ריכטיק... קיין ראָזשינקעס זענען טאַקע אין שטאָט נישטאָ, אָבער מען דאַרף עס נישט. אַז עס איז נישטאָ, איז אַ סימן, אַז מען דאַרף נישט... מיט דעם־אַ זעקעלע ראָזשינקעס שטיי איך שוין דאָ דריי וואָכן און איך קאָן עס נישט פּטור־ווערן. אַ קילאָגראַם דריי־פיר קען איך נעמען ביי אייך. סיי־ווי שטיי איך דאָ... איר זעט דאָך, קיינער כאַפּט נישט... אַזאַ שטאָט איז עס שוין : עס האָט נישט און עס דאַרף נישט !...

מיינע אַקטיאָרן האָבן אַראָפּגעלאָזן די קעפּ מיט די פאַרזויערטע פּנימער.

וואָס איך האָב פון זיי דעם זעלבן טאָג געלייזט, קאָן איך אייך נישט דערציילן. איך פאַרזיכער אייך נאָר, אַז ווען אַ דריטל פון די „ברכות" וואָס זיי האָבן מיר געשאָטן אין קאַרק־אַריין, וואָלט מקויים־געוואָרן אויף היטלערן, — וואָלט שוין די מלחמה געווען פאַרענדיקט און וואַנקאָ מיט סטעפּאַנקען וואָלטן שוין געטאַנצט אַ קאַזאַצקע אויף די גאַסן פון בערלין...

פון דעסטוועגן, אַ פּאָר צענדליק, פון די הונדערטער קילאָ ראָ־זשינקעס, האָבן זיי דאָך פאַרקויפט אויפן באַזאַר. די פאַרשטעלונגען זענען אַדורך מיט דערפאָלג און מען האָט זיך גענומען צום איינקויפן און זיך צוגרייטן צו דער רייזע קיין דזשאַמבול.

אויפן אַלמאַ־אַטער באַזאַר האָבן זיך באַוויזן דריי אויסטערלישע מינים סחורה, וואָס מען זעט עס נישט אין גאַנץ מיטל־אַזיע : ברעט־לעך שאָקאָלאַד, שאַכטעלעך סאַרדין און גרויסע, געטריקנטע פיש, — אַן אַנדערהאַלבן מעטער די לאַנג. איין פיש אַזאַ וואָלט געקלעקט פאַר דריי חתונות מיט מחותנים פוןביידע צדדים !.. —

האָט זיך די טרופּע אָנגעקויפט מיט סחורה, פּאָר וויפל געלט יע־דער אַקטיאָר האָט נאָר פאַרמאָגט און מיר זענען געפאָרן צום וואָקזאַל.

געפאָרן און צוריק געשלעפּט די וואַליזן, קאַסטנס און זעק ראָזשינ־קעס, אויף וואָס קיין אָפּנעמערס זענען דאָ נישטאָ...

ראָאָאָזשינק־ע־ס מיט מאַנדלען,
דאָס וועט זיין דיין באַרוף.
אַז אַקטיאָרן נעמען־זיך צום האַנדלען, —
גייען סוחרים אויף דער בינע אַרוף...

דאָס קליינע דזשאַמבול איז פיל עלטער פאַר דער גרויסער אַל־מאַ־אַטאַ. עס איז אפשר דאָס עלטסטע שטעטל אין קאַזאַכסטאַן. און לויטן יחוס, וואָלט עס גיכער געהאַט די זכיה צו ווערן די הויפּט־שטאָט. נאָר אַז עס איז נישט געוואָרן, האָט עס געהאַט נאָך אַ זכיה: די זכיה צו טראָגן דעם נאָמען פון איר גרעסטן קאַזאַכישן פאָלקס־דיכטער דזשאַמבול...

איך ווייס נישט, ווי דאָס שטעטל האָט פריער געהייסן, איידער עס האָט אָנגענומען דעם נאָמען פון איר גרויסן זון, וועלכער איז באַ־רימט איבער גאַנץ רוסלאַנד. איך ווייס נאָר, אַז דאָס בלאָטיק און ליימיק שטעטל איז באַרימט אַ דאַנק דזשאַמבולן, וועלכער איז איי־בערגעזעצט אין אַלע שפּראַכן פון די פעלקער אין ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער ווערט אויפגענומען אויף פייערלעכקייטן אין מאָסקווער קרעמל און וועלכער איז, נעבעך, באַהאַנגען מיט אַזויפיל אָרדענס און מעדאַלן, אַז ער קאָן זיי שוין נישט פאַרטראָגן...

דער פאָלקס־דיכטער דזשאַמבול איז איצט אינגאַנצן אַלט אַ הונ־דערט מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר. און דאָס איז אפשר דערפאַר, ווייל די קאַזאַכן ווינטשן נישט „זאָלסט מיר לעבן ביז הונדערט מיט צוואַנציק״!...

דעביוטירט האָט ער גאָר יונג: צו עטלעכע און זיבעציק אינ־גאַנצן... ביז דאַן איז ער געווען אַ בעטלער אויף די מערק, ווו ער פלעגט שפּילן אויף זיין נאַציאָנאַלן אינסטרומענט און זינגען אייגן־פאַרפאַסטע לידער.

אָט די לידער, דערציילט מען, האָבן זיך דערטראָגן אַזש צום פאָטער פון די פעלקער, וועלכער איז אַ מבין אויף אַלץ, און ער האָט זיך דערקענט אויף דזשאַמבולס גרויסן טאַלאַנט און ער האָט אים אויסגעשטרעקט זיין פאָטערלעך־רחמימדיקע האַנט...

אויסער דזשאַמבולס געבורט־שטאָט, טראָגן אויך זיין נאָמען טע־אַטערן, פילהאַרמאָניעס, שולן, גאַסן, פאַרקן און סקווערן. דזשאַמבול איז רייך, זאַט מיט יאָרן, טויב און בלינד און לידלדיק־פּרוכטבאַר. און אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס ער איז טויב און בלינד, איז ער אַזוי פּרוכטבאַר און קען, אין איין טאָג, אָנשרייבן אַ טוץ הימנס צו סטאַלינען...

דאָס איז אַלץ וואָס איך ווייס וועגן דעם פורכטבאַר־פּרוכטבאַרן דזשאַמבול און זיין שטאָט. און איך בעט אייך: טשעפּעט מיך מער נישט, וואָרעם איך האָב מיינע אייגענע צרות...

און די צרות האָב איך פון מיין טרופּע. מיר זענען אַריין אין דזשאַמבול מיט די לינקע פיס...

אַלע בילעטן צו דער ערשטער פאָרשטעלונג זענען דווקא אויס־פאַרקויפט. דער מאַרק איז אויך נישט קיין שלעכטער: אויף פיש און ראַזשינקעס זענען פאַראַן קונים. אָבער נישט מען קען צוקומען צום מאַרק און נישט מען קען צוקומען צום טעאַטער: אומעטום קומען־פאַר אַבלאַוועס. אין יעדן ראַג שטייען פּאַטרולן, מיליץ און געהיימ־אַגענטן. זיי פאַרהאַלטן יעדן דורכגייער, לעגיטימירן אים, כאַפּן אים־צו און פירן אים אַוועק אויפן געשלאָסענעם זאַמל־פּונקט.

דער דזשאַמבולער „וואָיענקאָמאַט" (מלחמה־קאָמיסאַריאַט) מוז צושטעלן זיין נאָרמע מאָביליזירטע צום פראָנט און צו די אַרבעטס־באַטאַליאָנען. ער האָט שוין עטלעכע מאָל אויסגעפּילט די נאָרמע אויף צוויי הונדערט פּראָצענט און דאָס שטעטל איז שוין אויסגע־ליידיקט פון אייגענע געזונטע מענער, אויסער די נאַטשאַלניקעס... — כאַפּט מען איצט פרעמדע, צוגערייזטע, איבערהויפּט — פּוילישע פּליטים.

און ביי מיר האָט מען, איינציקווייז, אַ האַלבע טרופּע צוגע־כאַפּט!...

יעדע ווילע איז אַן אַנדער אַקטריסע געקומען־צולויפן מיט פאַר־ווייינטע אויגן:

—מיין מאַן! וואָס טוט מען?! מען האָט אים צוגעכאַפּט!

— ראַטעוועט! מען וועט אים באַלד אַוועקשיקן!

— הינטער די קראַטן שטייען זיי דאָרט, צעשראָקענע און בלייכע, ווי איז מיר!

— ווי אין דער בויד פון אַ הינט־שלעגער! ווי די הינט כאַפּט מען זיי!

— מיין טייערער הונט! מיין איך, מאָניעק! איך בלייב דאָך אַן עלנטער שטיין!

זיי רייסן־זיך די האָר און איך קאָן דאָס נישט פאַרשטיין: פון ווען־אָן, אַז מען כאַפּט הינט, יאָמערן עס די קעץ?...

איך, דער דירעקטאָר מישטיינסגעזאָגט, מוז עס לויפן אינטער־ווענירן, לויפן ראַטעווען. און ווי זאָל איך לויפן, אַז איך בין אַליין איינגעשטעלט?

מיט וואָס בין איך דען מער יחסן פאַר מיינע געכאַפּטע אַקטיאָרן? אַז איך וועל קומען אינטערווענירן, וועט מען מיך אויך געבן

אַ כאַפּ־צו און אַ שיק־אַוועק צו אַן „עי, אוכניעם"־באַטאַליאָן צוזאַמען מיט זיי!...

און דווקא איצט גלוסט זיך מיר עס זייער נישט... פּונקט איצט איז עס מיר גאָרנישט אויף דער האַנט און איך האָב דעם מינדסטן חשק נישט דערצו...

אַ סיבה האָב איך זייער אַ וויכטיקע. די טרופּע ווייסט עס נישט און זי דאַרף עס נאָך דערווייל נישט וויסן, אָבער אייך וועל איך אויס־זאָגן מיין אינטימען סוד: ערשט מיט אַ וואָך צוריק, האָט מיר לאָלאַ אָנגעזאָגט אַ ווייבערישע בשורה...

און פון אָט דער בשורה האָט זיך מיר איבערגעשטעלט „דאָס גאַנצע מעבל" אין קאָפּ און אין האַרץ...

איז ווי מעג איך עס איצט זיך לאָזן כאַפּן און אַוועקשיקן אין אַ וויטן אַרבעטס־באַטאַליאָן, ווען איך הויב־אָן צו קריגן נייע פליכטן און נייע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן?...

ווי מעג איך עס קריכן אין קוילן־גריבער, האַקן וועלדער אין ווייטע טייגעס, שלעפּן קלעצער און זינגען „עי, אוכניעם!" און אי־בערלאָזן לאָלען, אין אַזאַ צושטאַנד, עלנט און אויף הפקר?! —

פּרווו איך אינטערוועניר[ן] דורכן טעלעפאָן, — העלפט עס נישט. איך קאָן זיך נישט דערשלאָגן צום גלאַוונעם נאַטשאַלניק. מען מוז אַהינקומען און מיר איז ביטער אין דער נאָז...

— מאַמעלע! — ווענד איך זיך צו דער אַקטריסע בערטאַלינאַ — נאָר איר קענט ראַטעווען. איר זענט אַ פרוי און שוין נישט אין דעם מאָביליזאַציע־עלטער... אייך וועט מען שוין כאַפּן נאָר דאַן, ווען מען וועט שוין דאַרפן האָבן גענעראַלשעס... איר קענט „דאָרט" זאָגן, אַז איר זענט די אַדמיניסטראַטאָרשע פון דעם גאַסטראָלירנדיקן טעאַ־טער. זיי נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון צעברעכן אַ קאָלעקטיוו... אַ קאָלעקטיוו פון פּוילישע אַקטיאָרן... עטלעכע משפחות וועלן בלייבן אָן אַרבעט און אָן ברויט. מיר געהערן צו טורקמעניע. העכסטנס זאָלן זיי אונדז לאָזן אָפּשפּילן די פאָרשטע־לונג און אָפּשיקן צום אַשכאַבאַדער „וואָיענקאָמאַט". און ווייטער, זאָגט וואָס איר פאַרשטייט... גייט מיטן רעכטן פוס...

די בערטאַלינאַ איז אַוועק, זיך אָפּגעזאַמט אַ שעה און איז צו־ריקגעקומען מיט גאָרנישט. זי האָט זיך אַפילו צום נאַטשאַלניק נישט געקאָנט דערשלאָגן. פּלוצלונג האָט זי זיך עפּעס דערמאָנט און איז אויפגעשפּרונגען:

— גיט מיר נאָך צוויי ווייבער.

— נעמט, בערטאלינאַ! לאָלאַ! העלאַ!
— איך גיב מיין פיש! — האָט זיך די בערטאלינאַ פאַרגעלייגט
— און יעדערער פון אייך זאָל געבן עפּעס אויסלייז־געלט!
האָבן מיר צונויפגענומען ראָזשינקעס, שאָקאָלאַד, סערדין און רייז און איינגעוויקלט שיינע שלח־מנות־פּעקעלעך.
די ווייבער האָבן זיך גענומען אונטער די אָרעמס און בערטאַלינאַ, מיטן לאַנגן, געטריקנטן עוג־מלך־הבשן־פיש פון קנאַפּע צוויי מעטער די לאַנג, האָט זיך געלאָזן פאָראויס.
דאָסמאָל זענען זיי נישט געגאַנגען אין וואַיענקאָמאַט, נאָר פריוואַט, צו די נאַטשאַלניקעס אין זייערע וווינונגען. געגאַנגען זענען זיי גלייך אין די קיכן־אַריין, צו די ווייבער פון די נאַטשאַלניקעס...
און אַז די ווייבער האָבן דערזען די מתנות, זענען זייערע הערצער גערירט־געוואָרן און זיי זענען באַלד געלאָפן צו זייערע מענער און האָבן געפועלט...
— איר וועט היינט שפּילן... איר וועט היינט שפּילן... — האָבן זיי געזאָגט — און מיר וועלן קומען זען אייער פאָרשטעלונג... רעזערווירט פאַר אונדז אַ בכבודיקע ריי.
אין אָוונט, ווען מען האָט אַלע געכאַפּטע געפירט צו דער באַן, האָט מען אונדזערע אַקטיאָרן באַפרייט.
און ביינאַכט, אויף דער בינע, האָבן זיך אַלע געפלייסט, ווייסנדיק, אַז אין זאַל זיצט דער גאַנצער וואָיענקאָמאַט מיט זייערע ווייבער...
טייערע ווייבער, זיסע ווייבער... זיי ברעכן און נאַשן אונדזערע ברעטלעך שאָקאָלאַד און שמייכלען צו אונדז מיט ברוינע ליפּלעך, נאָר צום אויסקושן זיי!...

די מוזע און דער מוח...

די טרופּע איז זיך ווידער צעפאַלן,
און דאָסמאָל — צוליב אַ קלייניקייט.
פאַקטיש איז נאָך דאָס קלייניקייט אויף דער וועלט נישט געווען און דאָך, איז עס אַזוי גרויס געווען אין אַלעמענס אויגן, אַז לאָלאַ האָט זיך שוין מער פאַרן געערטן פּובליקום נישט געקאָנט ווייזן.
זענען מיר זיצן־געבליבן אין דעם טאַשקענטער האָטעל „אוזבע־

קיסטאַן״, געקוקט אין הימל־אַריין און געוואַרט אויף דריי באַשייד־דענע געשעענישן: אונדזער „סוד״ זאָל אַרויס אויף דער וועלט, די מלחמה זאָל זיך שוין אַמאָל ענדיקן און מיר זאָלן געהאָלפן־ווערן.

וועגן דער ערשטער זאַך, האָט אונדז געטרייסט דער דאָקטאָר, אונטער וועמענס אויפזיכט לאָלאַ איז. ער האָט אונדז כסדר פּאַרזי־כערט, אַז אַלץ גייט נאָרמאַל און מיר מעגן זיך ריכטן אויף אַ צווילינג.

— וואָס רעדט איר, דאָקטאָר?! — איז לאָלאַ געוואָרן דער־שראָקן און צעטומלט — אַ צווילינג? איין קליינינקייט!

— ניין, לאָלאַ, צוויי קליינינקייטן...

— און דו ווילסט זיך נאָך?!

— חלילה. אָבער וואָס קען מען מאַכן? און אַז עס וועט קומען אַ דריילינג, וועסטו דען נישט צונעמען?

— דו ווייסט וואָס דאָס הייסט?!

— עס הייסט דאָך נאָך נישט. מוועט מוזן צוטראַכטן אַ נאָמען. צוויי נעמען. וואָס וואָלסטו געוואָלט: אַ יינגל, צי אַ מיידל?

— איך וואָלט געוואָלט, אַז דאָס קינד זאָל האָבן אַ מער־ערנסטן, מער־סטאַטעטשנעם און אַ מער־פאַראַנטוואָרטלעכן טאַטן!

— אַזעלכע טאַטעס, לאָלאַ, וואַלגערן זיך נישט אין די גאַסן! און מיט וואָס ביזטו זיכער, אַז דער טאַטע וועט אים, אָדער איר, אָדער זיי... נישט געפעלן?

— אין אַזאַ צייט! אין אַזאַ צייט!

— די צייט האָב איך דאָך נישט געמאַכט! און די צייט קאָן דער בעסטער טאַטע נישט ענדערן. סיידן „דער פאָטער פון די פעלקער״!... אָבער איצט גייען דאָך שוין בעסערע צייטן...

יאָ, עס גייען שוין בעסערע צייטן. אָנשטאָט פרישטיק, מיטאָג און אָוונט־ברויט, האָבן מיר זיך דריי מאָל אין טאָג געטרייסט און געקוויקט מיט די מונטערע פראָנט־באַריכטן.

די רויטע אַרמיי האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו שטאָלצירן מיט די איינגענומענע דערפלעך, און אָנגעהויבן צו נעמען שטעט. מען שלאָגט זיך שוין אין ווייסרוסלאַנד, אין אוקראַינע און די פראָנטן דערנענטערן־זיך צו די גרענעצן פון געוועזענעם פוילן!

— נאָך אַ וואָך, לאָלאַ!... נאָך אַ חודש... מיר וועלן געהאָלפן־ווערן!..

— ווו נעמט מען דערווייל אַ הילף, אויף צו קענען דערוואַרטן־זיך דאָס געהאָלפן־ווערן?

— אויפן באַזאַר, לאָלאַ!... איך גיי פּאַרקויפן די גרינע הויזן!
— און דו וועסט בלייבן אָן אַ פּאָר הויזן אויך.
— אַ כפּרה די הויזן, לאָלאַ! דער עיקר איז דער קאָפּ — טרייסט איך איר.

און מיר אַליין קומט אַ מענטאַל־טעם אין דער נאָז. מיר האָבן שוין באַלד אַלץ פון זיך אַראָפּפאַרקויפט.

וואָס זאָל מען מאַכן? — שרייב איך דערווייל לידער.

אַז מען גייט ליידיק, איז נישטאָ קיין בעסערע זאַך, ווי שרייבן לידער!

פּרובירט עס, וועט איר זען. איר מוזט נישט האָבן דערצו קיין מוזע, עס איז גענוג, אַז עס איז דאָ אַ מוז.

און אַז איך שרייב־אָן, האָב איך דאָך וואָס פאַרצולייענען לאָ־לען און זי זאָל מיר הייסן, דאָס צערייסן...

אדרבא, וואָס זאָגט איר צו אַזאַ סחורה? הערט:

עס פאַרמאָגט יעדע שטאָט אַ באַזאַר,
יעדן זונטיק אַהינצו מיר לויפן.
איך קען שוין, אָן טרויער, אָן צער,
דעם בגד דעם לעצטן פאַרקויפן.

מיינע שיך שפּרייזן־אום אין טאַשקענט,
מיינע זאָקן, זיי טאָפּטשען בוכאַרע.
עס פלאַטערט אין פרונזע מיין העמד, —
און איך היל זיך־איין אין אַ כמאַרע...

אַ ראָד מוז דאָך ווערן געשמירט,
סזאָל קענען זיך שלעפּן דער וואָגן; —
מיין שניפּס דעם טורקמענער באַצירט
און איך וועל באַצירן דעם מאָגן...

סחורה, ווי גאָלד! ניין? אָבער דער דירעקטאָר פון האָטעל „אוז־בעקיסטאַן", דער אוזבעק איבראַגימאָוו, איז אויף לידער קיין מבין נישט. איך קאָן אים פאַר אונדזער צימער מיט מיינע לידער נישט באַצאָלן.

ער איז אַפילו אַ גאַנץ ווילער און פריינטלעכער מענטש, נאָר פאַר אַזאַ אַנטי־פּאָעטישקייט, קאָן איך אים נישט אָנקוקן!

דעריבער טאַקע קומט אונדז אויס אַריינצוגנבענען־זיך, אַז מיר זאָלן זיך נישט דאַרפן באַגעגענען פּנים־אל־פּנים און רעדן דווקא וועגן די פּראָזאַאישע זאַכן, ווען איך בין אַזוי פּאָעטיש, אַזוי ליריש און עלעגיש געשטימט.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז לאָלאַ דאַרף פרישע לופט, וואָס מער באַוועגונג און גוטע דערנערונג. — פאָלג איך דעם דאָקטאָר און היט זיינע ערשטע צוויי געבאָט: איך שלעפּ זי אַרום גאַנצע טעג איבער די פּאַרקן און סקווערן:

— באַוועג־זיך, לאָלאַ! באַוועג־זיך און שעפּ פרישע לופט, וויפל דיין האַרץ גלוסט! אַ מחיהדיקע לופט, לאָלאַ! המ!...

— און גוטע דערנערונג?

— מיר וועלן אין אָוונט גיין אין טעאַטער. טעאַטער קאָסט דאָך אונדז קיין געלט נישט. דאָרטן וועלן מיר האָבן גייסטיקע שפּייז.

— מיט אַזאַ גייסטיקער באַשפּייזונג קענסטו נאָך האָבן אַ גייסט פאַר אַ ווייב און גייסטער־קינדערלעך.

— אוי, לאָלאַ! זיי נישט אַזוי גייסטרייך! גיב מיר בעסער די גרינע הויזן און לאָמיר גיין אויפן באַזאַר! הויזן רייסט מען דאָרט פון די הענט! הויזן זענען נישט קיין לידער! עס איז אַ גוצלעכע זאַך! איינס־צוויי פאַרקויף איך עס און איך קויף... יאָ, וואָס ווילסטו? ברויט מיט מאַצאָני? צי אַ לעפּיאָשקע מיט וויינטרויבן?

— קויף כאָטש דערווייל אַ גלאָז סאָדע־וואַסער!

— אָך, מיט פאַרגעניגן! דאָס קריגסטו באַלד!

איך לויף־צו צום קיאָסק, וווּ עס שטייט אַ ריי, שטופּ מיט די עלנבויגנס און שריי:

— שנעלער! אַ גלאָז סאָדע־וואַסער! אַ פרוי איז שלעכט געוואָרן! זעט! שנעלער!

גיסט מען מיר שנעל אָן. טראָג איך־צו דאָס גלאָז וואַסער לאָלען און זאָג צו איר:

— טרינק און קרים־זיך! קרים־זיך, ווי גאָט איז דיר ליב!

— פאַרוואָס זאָל איך זיך קרימען?

— קרים־זיך! עס איז נויטיק!

פאַרקרימט זי זיך און טרינקט־אויס:

— מחיהדיקע סאָדעוואַסער! — קרימט זי זיך.

— איך טראָג־אָפּ די גלאָז און זאָג:

— אַ שיינעם דאַנק! איר האָט געראַטעוועט אַ שוואַנגערע פרוי.

— און באַצאָלן ווער וועט?

— עס איז אַן אָרעמע פרוי. זי האָט נישט קיין געלט. לאָזט־אָפּ מיט די נאַרעשע פּאָר קאָפּיקעס! איר האָט געטון אַ גוטע זאַך און זייט צופרידן! — זאָג איך גרויסמוטיק און גיי מיר אַוועק.

— און איצט, לאָמיר זיך דאָ אָפּרוען אויף דער באַנק, — בעט זיך לאָלאַ — איך האָב שוין נישט קיין כוח צו דיין „פרישער לופט מיט דער באַוועגונג".

לאָז איך זי זיצן, כאַפּ מיינע גרינע הויזן און לויף־אַוועק צום באַזאַר.

איינס און צוויי, האָב איך זיי פּאַרטראַסקעט. איך קויף לעפּיאָשקעס מיט ווייַנטרויבן און אייל צוריק.

פּלוצלונג ווערט אַ געלאָף. מענער הויבן די הויזן, ווייבער — די ספּודניצעס און מען לויפט איבערן ברוק און מען שפּרינגט איבער רינשטאָקן.

איך האָב זיך שוין אויסגעלערנט, נישט צו פרעגן קיין קשיות. אַז מען לויפט, גיב איך אַ הויב מיינע שטרויספויגל־פיס און איך פלי!

דערלאָפן זענען מיר צו אַ מאַגאַזין. און דאָס מאָל, דאָס ערשטע מאָל אין דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט, בין איך געווען פון די סאַמע ערשטע: דער זיבעטער!...

— וואָס גיט מען דאָ?

— מען ווייסט נאָך נישט!

— שיטערס, צי געדיכטס? ווייל איך האָב נישט קיין כלי.

— דאַכט־זיך, אַז מען גיט טאַקע כלים!...

מיר האָבן לאַנג נישט געוואַרט. די טיר האָט זיך געעפנט און מען האָט אַריינגעלאָזן צוועלף מאַן.

אַז איך האָב דערזען די סחורה, האָב איך זיך אַ היפּשע ווײַלע געטשובט, וואָס פאַר אַ גרימאַסע איך זאָל מאַכן, וואָרעם געווען איז עס, איך בעט־איבער אייער כבוד, נאַכט־טעפּלעך. עמאַלירטע, איי־נעווייניק ווייס און אויסנווייניק — בלוי און גרין. נייאינקע, נאָר־וואָס פון דער פאַבריק־אַרויס.

אַזאַ כלי איז דאָ אַן אוצר, מוז איך אייך זאָגן! מען קאָכט דאָ אין דעם די בעסטע מאכלים! מען לויפט דערמיט נאָך ביר און נאָך זופּ — אין די סטאָלאָוועס.

וואָס דאַרפט איר מער? — יענע וואָך האָב איך אַליין געזען, ווי מען האָט געבראַכט אין אַזאַ כלי מיטאָג פאַר מיין האָטעל־די־רעקטאָר, אין דער קאַנצעלאַריע־אַריין. דאָרט זענען געווען ברוינע קאַרטאָפעלעך מיט שעפּסן־פלייש איינגעדעמפט. עס האָט זייער גע־

שמעקט. מיר זאָלן אַזוי אַלע געזונט זיין, ווי עס האָט דעם גאַנצן האָטעל־קאָרידאָר פאַרשמעקט!...

און איצט טיילט מען דאָ צו צוויי אויף אַ פּערזאָן. אַ שאָד, וואָס לאָלאַ איז נישטאָ. אַזאַ אוצר!

דער פויער, וועלכער שטייט פאַר מיר, אַ היפּש־באַטרונקענער, איז מיט די טעפּעלעך געוואַלדיק ענטציקט. קוקנדיק אויף זיין רויט פּנים איז שווער צו דערגיין, צי ער לאַכט פון נחת, אָדער ער לאַכט מיט יאַשטשערקעס. אָבער מיט אַ פייערלעכן טאָן, ווי ביים טרינקען אַ טאָאַסט אויף אַ באַנקעט, גיט ער אַ הויב זיינע באַקומענע נאַכט־טעפּעלעך און רופט אויס:

— אַ דאַנק אונדזער ליבן חבר סטאַלינען! ער ווייסט, וואָס דעם רוסישן פאָלק איז נויטיק!

עס קומט מיין ריי. איך כאַפּ די צוויי חנעוודיקע טעפּעלעך און שטרעק־אויס די צווייטע, ליידיקע האַנט...

— וואָס נאָך, בירגער? איר האָט דאָך שוין באַקומען.

— ריכטיק, בירגערין. אָבער צוויי קינדער... מיין ווייב טראָגט אַ צווילינג. דאָ האָט איר אַ באַשטעטיקונג פון דאָקטער. עס איז פאַר אונדז נויטווענדיק. איך האָב זיך שוין די אויגן אויסגעקוקט. בירגערין. טוט אַ געפעליקייט. גייט אַריין אין דער לאַגע פון אַ קול־טורעלן מענטשן, וואָס...

די פאַרקויפערין האָט מיך אָנגעקוקט און זיך צעשמייכלט. האָב איך צוריק געשמייכלט און גערעדט צערטלעך:

— ליבינקע, טייערע, טייבעלע... אַ פּאָר הימלישע אויגן האָט איר... ווי אַ מלאכל שמייכלט איר... גיט נאָך אַ פּאָר טעפּעלעך...

זעט־אויס, אַז איך בין אין דעם מאָמענט זייער אינטערעסאַנט־געווען. איך האָב געמוזט האָבן אַ ראָמאַנטיש־ליידנד געזיכט מיט סענטימענטאַלע אויגן. און נישט אַנדערש, נאָר די פאַרקויפערין האָט זיך געמוזט פאַרליבן אין מיר פון ערשטן אויגנבליק, מיט דער ער־האַבענער, הערלעכער און הימליש־ריינער ליבע. וואָרעם זי האָט אַזאַ סובטעלן שמייכל־געטון און אַזוי גראַציעז מיר דערלאַנגט נאָך דריי נאַכט־טעפּלעך!...

האָב איך איר געוואָרפן אַ לופט־קוש, געכאַפּט די פינף מציאות און בין מיר אַרויס אויף דער גאַס.

איך האָב גענומען שטעלן פיס און איילן צו לאָלען.

אויפן וועג זענען מיר באַפאַלן אַ כאַפּטע ווייבער, מיך נאָכגע־לאָפן און נישט צו־רו געלאָזן:

— בירגער, טייערער! צו וואָס טויג דיר אַזוי פיל?
— פאַרקויף איינעם! טו אַ געפעליקייט. נישטאָ אין וואָס אַ מי־טאָג אָפּצוקאָכן.
— האָב מיטלייד, בירגער. פאַרקויף. וויפל ווילסטו?
האָב איך מיר שנעל געמאַכט אַ חשבון: איינער וועט קלעקן פאַרן צווילינג. איינער וועט דינען אַלס קאָך־טאָפּ פאַר דער גאַנצער משפחה. און דעם דריטן דאַרף מען האָבן, אַרומצוטראָגן תמיד מיט זיך: טאָמער מאַכט־זיך ביר, בוימל, עסיק, קוועס־קרויט, אָדער אַנ־דערע שיטערע פּראָדוקטן.
יאָ, צוויי קען איך פאַרקויפן.
אַז איך האָב נאָר פאַרקויפט איינעם, האָבן מיר שוין די איבע־ריקע ווייבער נישט אָפּגעלאָזן. זיי האָבן זיך אַזוי אָנגעזעצט אויף מיר, אַז איך האָב זיי פאַרקויפט פיר. געבליבן איז מיר שוין בלויז איינער — אויף אַלע באַדערפעניש ן.
אָבער דערפאַר, האָב איך שוין איצט פאַרמאָגט אויף אַ גאַנצער וואָך חיונה און פאַר אַ וואָך דירה־געלט צו באַצאָלן מיין האָטעל־דירעקטאָר!...
האָב איך מיר אַריינגעשטאָפּט די לעפּיאָשקע מיט די וויינטרויבן אין דער נייער כלי, נאָך צוגעקויפט אַ ביסל שיטערן „קאָטיק"־קעז און בין מיר געלאָפן צו לאָלען.
זי איז נאָך אַלץ געזעסן אויף דער באַנק אַ פאַרשמאַכטע און מיך אויסגעקוקט: איך זאָל קומען און מקיים־זיין דעם דריטן גע־באָט פון איר דאָקטער...
צי זי האָט זיך דערפריידט? וואָס פרעגט איר?! — טרערן זע־נען איר אַזש געקומען אין די אויגן פון פרייד! די באַקן זענען איר אַזש נאַס־געוואָרן פון פרייד און זי האָט זייער פריידיק געכליפּעט.
נאָכדעם, האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, אין דער פאַראַדנער אַלעע פון סקווער, מיטן נאַכט־טעפּל אינמיטן, צווישן אונדזביידן.
ווי צוויי טייבעלעך זענען מיר געזעסן און געפּיקט און געפּליקט פונם נייעם טעפּעלע אַרויס.
— עך, טייבעלע מיינס!... זעסטו שוין, ווי דאָס רעדעלע דרייט־זיך?... פריער האָבן מיר אַפילו נישט געהאַט, וואָס צו עסן און איצט — האָבן מיר שוין אויך א י ן וואָס!...
און די באַפעלקערונג פון דער שטאָט טאַשקענט, וואָס האָט ראַ־

מאַנטיש שפּאַצירט אין די אַלעען פון סקווער, האָט געקוקט אויף אונדז און אויף אונדזער אוצל, מיט גרויס קנאה.

*

דעמזעלבן אָוונט זענען מיר געגאַנגען אין זומער־טעאַטער, וואָס אין פּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו. עס גאַסטראָלירט דאָרט איצט אַ ציגיינער־אַנסאַמבל מיט פאָלקס־לידער און טענץ. גאַנץ טאַשקענט רעדט וועגן דעם ציגיינער־אַנסאַמבל און, כאָטש עס זענען נאָך גע־בוג־קילע אָוונטן, איז דער זומער־טעאַטער איבערפולט.

אינמיטן דער בינע האָט געפלאַקערט אַ טונקל־רויטער שייטער און אַרום אים איז געזעסן דער גאַנצער ציגיינער־טאַבאָר, די זינגער, טענצער און מוזיקער. אַלע — אין קאָלירטע קליידער, צעשויבערטע האָר, רויטע קרעלן און בלעכענע אויערינגען.

אַליין מיט זיי אין אַ וואַלד, וואָלט איך נישט געוואָלט פאַר־בלייבן... אָבער געזונגען האָבן זיי, אַז די נשמה אין מיר איז צעגאַנ־גען, ווי אַ שטיקל צוקער אין אַ גלאָז טיי...

איך האָב דאָך שוין געהערט אַ ביסל ציגיינער־מוזיק און ציי־גיינער־לידער אין רוסלאַנד, אָבער אַזוי ציגיינעריש זינגען און שפּילן, אַז די טרערן זאָלן מיר רינען אָן אויפהער, — האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהערט.

איבערהויפּט האָט מיך משוגע־געמאַכט דער הויפּט־זינגער זייי־ערער, — דער העכסטער, דער דאַרסטער, דער געשטופּלטסטער, דער קרום־אויגיקסטער, מיטן גרעסטן אויערינג אויפן לינקן אויער.

זעט־אויס, אַז ער איז דער סטאַר און דער רעזשיסער זייערער, וואָרעם ער הויבט־אָן און ער ענדיקט. אַלע קוקן אים אין מויל־אַריין און טוען לויט זיין ווונק...

און ווינקען, ווינקט ער מיט איין קאַסאָקע אויגל, וואָס קען פאַרטרייבן אַ גאַנצן עולם פון זאַל... אָבער מיט זייך טאַנצן און זינ־גען, שמידט ער־צו דעם עולם צו די בענקלעך!...

איבערהויפּט — זיינע איבערשטע, זיך־פאַרגייענדיקע וויין־און כליפּ־טענדעלעך האָב איך געמוזט הערן מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און מיט אַ צעריסענער נשמה!

אַ היים געגאַנגען זענען מיר צו־פוס, פאַרשטייט־זיך. און צוליב לאַלעס צושטאַנד — זייער לאַנגזאַם געגאַנגען. מיר האָבן נישט אויפ־געהערט צו רעדן וועגן דעם קאַסאָקן ציגיינער, ווי מיר וואָלטן קיין אַנדערע זאָרגן נישט געהאַט און ווי אויסער אים, וואָלטן היינט קיין אַנדערע וויכטיקע פּראָבלעמען גאָר אויף דער וועלט נישט געווען...

דער ציגײַנער איז פּונקט אײַנגעשטאַנען אין אונדזער האָטעל און ווען מיר זענען אַהיים געקומען, האָב איך אים שוין געטראָפן אין פּאָיע. איך האָב זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן, געמוזט צוגיין, דריקן זײַן האַנט און אויסדריקן אים מײַן באַגײַסטערונג:

— חבר ציגײַנער! — האָב איך אויסגערופן מיט פּאַטאָס — איר זענט אַ גרויסער קינסטלער! אַ דאַנק פאַרן גענוס! אַ גרויסער קינסטלער!...

— נאָך אַ גרעסערער, ווי דו מײנסט... — זאָגט ער מיר אויף אַ צעבראָכענעם רוסיש.

— אַ גרעסערער, ווי איך מיין? — ווונדער איך זיך אויף זײַן „באַשיידנקייט"...

דער ציגײַנער גיט אַ קלונג מיט זײַן אויערינג, גיט אַ ווונק מיט זײַן קאָסאָקע אויגל און גיט אַ זאָג אײן וואָרט בלויז:

— עמך?...

און אָט דאָס אײנציק וואָרט איז געווען אַ שעפּ קאַלטע וואַסער אויף מײַן צעהיצטן קאָפּ. איך האָב אַזש דאָס לשון פאַרלוירן און קוים געשטאַמלט:

— חבר ציגײַנער... סהײסט, ענטשולדיקט... איך ווייס נישט, ווי צו זאָגן...

— טאָ זאָגט מיר: רעב ציגײַנער!... מיט אַזאַ אויערינג, מוז מען זאָגן „רעב"... — נעמט ער דברן מאַמע־לשון!...

— אַ ייד?!.. שלום עליכם אַ ייד!.. פון וואַנען איז אַ ייד?..

— אַ ביאַליסטאָקער...

— קיין עין־הרע!... און אַזאַ קאַריערע געמאַכט!..

— וואָס דען?... ציגײַנער קענען דען זינגען?... אַפילו גנבענען ווי געהעריק קענען זיי אויך נישט!... איך לערן זיי דאָך וואַרפן קאָרטן, ווי איך בין אַ יידישער ציגײַנער־באַראָן!...

— און די דרײַ הויפּט־ציגײַנערינס? די פּרימאַדאָנעס אײערע?

— עיך פון מײַן געגנט. אײנע איז מײַן ווײַב, אַ ווילנערקע. די צווייטע איז אַ וואָלקאָוויסקער יענטע און די דריטע — אַ סוואַלקער נקבה. זיי האָבן אַלע געפגרט אויפן פּיסק, ביז איך האָב זיי אויסגעלערנט די מלאכה און געמאַכט פאַר לײַט. ציגײַנערינס, האַ?... מײַן אַרבעט!... — רעדט ער זעלבסט־באַרימעריש און ציגײַנעריש־ווילעריש — און די איבעריקע, אויסער די צוויי יידישע מוזיקער, זענען טאַקע אַלע אמתע ציגײַנער. אָבער קאַליקעס! זיי קענען גאָר נישט! איך האַלט זיי בלויז, זיי זאָלן מיר כשרן דאָס קרעמל...

— רעב ציגיינער, איך מוז אייך זאָגן, אַז איר האָט מיך איצט אויפסנײַ צעמישט, צעכישט און צעמאַמליעט!... און פון וואַנען קענט איר די ציגיינער־לידער?

— זײַ נישט קיין יאָלד! דאָס זענען דעם סטאָלינער רבינס ניגונים, נאָר אַ ביסל קאַליע־געמאַכט און צעדרייט... די ווערטער זענען מײַנע... קיין רוסיש קען איך נישט גוט, דעריבער קומט עס אַרויס ציגיינעריש...

— און די טענץ? אַזעלכע פײַערדיקע ציגיינער־טענץ?!

— הם... אין ביאַליסטאָק, אויף די פּיאַסקעס, איז געווען אַ פּרייַלעכער ייד, אַ חסיד, ר׳ יאָשע. ער איז געווען אַ טינטנמאַכער און דערפאַר האָט מען אים גערופן „דער נעגער". אָבער אַלע פּורים פלעגט ער זיך פאַרשטעלן פאַר אַן אַראַבער און טאַנצן אין די גאַסן מיט אונדז, חדר־ייִנגלעך, „ציגיינער־טענץ"... אָט דעם יאָשעס ציגיינערישע טענצעלעך זענען דאָס, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער מיר האָבן!... קיין עכטער ציגיינער קאָן עס נישט נאָכטאַנצן!... אַ דאַנק דעם, האָב איך פּרנסה... און ווער ביזטו אַזעלכער?

— כמעט אַזאַ ציגיינער ווי דו, נאָר מיט ווייניקער מזל. אַ געוועזענער טעאַטער־דירעקטאָר בין איך, אַ קאָנפעראַנסיע און אַ שרייַבער, ווײַ איז מיר!

— וואָס־זשע שווײַגסטע? אַזעלכן דאַרף איך דאָך האָבן!... ווילסטו אָנטון אַן אויערינג? — נעם איך דיך מיט! וועסט מיט אונדז פאָרן אַזש...

— אַוועקפאָרן קאָן איך נישט. איך וואַרט דאָ אויף אַ צווילינג!

— פּפּפּפּף!... — האָט דער ציגיינער אַ פײַף־געטון — איך בין דיר נישט מקנא!... אָבער הער, מיר גרייטן אַ נײַעם פּראָגראַם. איך דאַרף האָבן וויצן און „טשאַסטושקעס" (וויציקע סטראָפן). קענסט עס מאַכן?

— איך קען. נאָר אויף ייִדיש.

— דאָס איז נאָך בעסער. אויף מײַן ציגיינערישן רוסיש וועל איך עס שוין אַליין קאַליע־מאַכן. איך גיב דיר פאַר יעדן נײַעם וויץ פינף רובל און פאַר יעדער טשאַסטושקע — צען! און קלאַפּ, ברודער!...

— הערט, ר׳ ציגיינער! וויצן נײַע האָב איך אַזאַ באַרג! דרײַסיק יאָר האָב איך זיי שוין! אָבער אַזאַ ציגיינער ווי דו, וועט באַלד זאָגן, אַז זיי זענען אַלט און מיר געבן אָט דאָס...

— איך זאָל אַזוי דערלעבן צו זען די „פּיאַסקעס" און ווערן צור־

ריק אַ ייד, ווי איך וועל דיר נישט אָפּנאַרן! אין קאָרטן שפּילסטו?

— יאָ, נאָר מיט יידן...

— מאַך זיך נישט געפּגרט! קום אַרויף צו מיר, וועט מען כאַפּן אַ טרונק מיט אַ צובייס. און שפּילן וועלן מיר צו פינף רובל אַ קאָרט. פאַרשפּיל איך, קריגסטו פינף רובל. פאַרשפּילסטו — דערציילסטו אַ נייעם וויץ. פאַר צוויי קאָרטן — אַ טשאַסטושקע!

— מסכים! איך וועל ריזיקירן און איינשטעלן מיין גאַנץ מזל, שכל און טאַלאַנט! אָבער מיט מיינע קאָרטן...

— גוט. נעם דיינע קנאָרטן און קום־אַרויף צו מיר.

אַז איך האָב די מעשה דערציילט לאַלען, האָט זי באַקומען אַזאַ לאַך־ספּאַזמע, אַז איך האָב מורא־געהאַט, עס זאָל נישט עפּעס געשען מיט מיין צווילינג.

ווען זי האָט זיך באַרואיקט, האָב איך געכאַפּט דאָס פּעשל קאָרטן און טשוק — אַרויף צו מיין ציגיינער.

איך האָב פאַרגעסן אָנצוקלאַפּן און אַ פּראַל־געטון די טיר. זיין ציגיינערקע האָט זיך פּונקט געהאַלטן אין איבערטון און זי איז שטיין־געבליבן מיט איין פוס אינדערלופטן.

פון צעטומלטקייט, האָט איך איר אַ זאָג־געטון „פּשעפּראַשאַם”. זי האָט אויף מיר אַ קוק־געטון און אויסגעשריען:

— אוי! דאָס זענט איר דאָך!...

— יאָ, איך. אַוודאי איך! ווער דען?

— איר דערקענט מיך נישט?...

— עפּעס באַקאַנט. נאָר... טוט זיך־אָן אייערע... וווּ האָב איך אייך געזען?

— אין סאַראַטאָוו... בעת דער לוויה!...

— דאָס ווילנער אלמנהלע?... איר זענט דאָך שפּעטער געווען אין אַשכאַבאַד!...

— יאָ... אַזאַ גאַסט!.. איך מוז אייך געבן דעם שענסטן כיבוד!...

— אדרבא! אויב איר האָט טאַקע אַ גוטן כיבוד, טאָ טראָגט עס אַראָפּ צו מיין ווייב. זי האָט איצט פּונקט אַ גוטן אַפּעטיט!...

מיין ווילנער אלמנהלע האָט אָנגעשטעלט אַ טיש מיט כל־טוב און זי האָט נישט־וויניקער אַראָפּגעטראָגן לאַלען.

איך מיט מיין רעב ציגיינער האָבן געטרונקען אַ חסידישן לחיים און זיך אַ נעם־געטון צו די קאָרטן.

און וואָס זאָל איך אייך זאָגן, ליבע פריינט? — איך האָב טאַקע יענע נאַכט פאַרשפּילט צום ציגיינער צען טשאַסטושקעס מיט פּופּצן וויצן. אָבער געוואונען האָב איך אַ שנאַפּס מיט אַן אָונט־ברויט מיט פינף־און־זיבעציק רובל!...

אַז מען שמועסט: ציגיינער, איז דאָך נישט שייך!

אין טאָג פון זיג

אויסטערלישע געשרייען האָבן אונדז אַרויסגעשליידערט פון די בעטן.

עס איז נאָך געווען פריער פאַרטאָג. אין דרויסן האָט נאָך געפלאַטערט אַ לויטערע העל־בלויקייט פון ערב זון־אויפגאַנג. די העל־בלויקייט האָט זיך געמיניעט מיט העל־גרין, ווי מען וואָלט געקוקט אויף דער וועלט דורך גלאָז פון אַ צעבראָכענער פלאַש. עס איז געווען אַ פאַרטאָג, ווי אַ צעריסענער חלום, אַ צעפּליקטער פון גרילצי־קע געשרייען און געפלאַטער פון געשפּענסטער. וואָרעם ווי געשפּענסטער האָבן אויסגעזען די צוזאַמענגעלאָפענע מענטשן אויף דער גאַס. עס איז נישט געווען קיין אַנגעלויף פון אַנדערע גאַסן, נאָר פון די אויפגעפּראַלטע טירן־פענצטער אין אַלע הייזער דאָ.

מענער און פרויען האָבן אַרומגעפלאַטערט האַלב־נאַקעטע, אין תכריכימדיק־בלייכן אונטערוועש, צעשויבערטע, באַוואָקסענע, הייזעריק־צעשריגענע.

לויטן אַרומפלאַטערן און לויט די געשרייען, האָבן מיר בשום־אופן נישט געקאָנט באַנעמען, וואָס פאַר אַן אומגליק עס איז דאָ געשען. איך האָב געקוקט אין אַלע זייטן, איבער די דעכער פון די הייזער, און נישט געזען קיין פייער אָדער רויך. איך האָב נישט געזען קיין איבערגעפאַרענעם אויף די טראַמוויי־שינעס, קיין גיכע הילף און קיין לוויה־וואָגן. איך האָב געפּרוווט דערשמעקן. די לופט איז געווען פריש, אָן דעם מינדעסטן גערוך פון שריפה, גאַפּט, גאַז, אָדער שוועבל.

און די געשרייען האָבן זיך אַלץ געשטאַרקט און זיך געכוואַליעט צווישן יאָמער און שיכורן רעווען; צווישן לוויה־קלאָג און שגעון־יובל, וואָס פאַרגייט־זיך אין געזאַנג.

— שטאָ סלוטשילאָס? — וואָס האָט פּאַסירט?!

— ראַדי באָגאַ, וואָס איז געשען?!

אַן עלטערע פרוי, אַ האַלב־נאַקעטע און צעוירענע, מיט צעשויר־בערט־גרויע האָר, מיט אַ טרערן־פאַרנעצטן פּנים און פאַרבראַכענע הענט, יאָמערט הייזעריק אַרויס:

— וואַינאַ אַקאַנטשילאַס! — די מלחמה איז געענדיקט!

און זי גיט זיך אַ שליידער אין רינשטאָק־אַריין, נעמט שלאָגן דעם גרויען קאָפּ אָן טראָטואַר, צאַפּלט־זיך קאָנוולסיוו און קלאָגט היס־טעריש:

— און מיין איינציקן זון האָט מען מיר דערהרגעט! דריי טעג פאַרן סוף פון דער מלחמה! סעריאָזשאַ! אָדלער מיינער! ווו ביזטו?!

און אַ צווייטע כליפּעט־אַריין אין סלופּ פון אַ גאַסן־לאָמפּ:

— און מיין מאַן האָט מען מיר אַהיימגעבראַכט אָן פיס! אָן פיס! אָן פיס איז ערגער ווי דער טויט!

איינע כאַפּט אַ פּרענט פון אַן אויפגעעפנטן לאָדן און זעצט זיך מיט אים אין קאָפּ אַריין. אַ צווייטע חלשט און מען גיסט אויף איר אַן עמער וואַסער. און אַ דריטע, ווי זי וואָלט גאָר פון זינען־אַראָפּ, גיט אַ פאַרהויב איר לאַנג נאַכט־העמד און לאָזט זיך אַוועק טאַנצן אינמיטן דער גאַס!... אַן אינוואַליד מיט קוליעס דערזעט עס און ער נעמט איר אַנטקעגן־טאַנצן אויף איין פוס: האָפּ־האָפּ!... האָפּ־האָפּ!... האָפּ־האָפּ!... — אַ טאַנץ פון געשפּענסטער אין אַ קאָשמאַרנעם חלום!

און פלוצלונג, ווי מען וואָלט זי האַסטיק מיט אַ שטריק אַרויפ־געצויגן, — האָט זיך געגעבן אַ גליטש־אַרויף די זון און די גאַס איז באַגאָסן־געוואָרן מיט בלענדיק ליכט.

און צוזאַמען מיטן ליכט, איז באַלד דער קלאָג און יאָמער פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין געזאַנג און אין יובלדיקע געשרייען:

— אוררררררראַאַאַאַ!!!!...

— וואַינאַ אַקאַנטשילאַאַאַאַס!!!...

און לאַלאַ שטייט אַ בלייכע, אַ בלוטלאָזע, אַ נישט־דאָאיקע.

— לאַלאַ!... צי באַנעמסטו עס?... צי פאַרשטייסטו עס?... אויס מלחמה! לאַלאַ!...

— אויס מלחמה?... — פליסטערט זי מיר נאָך — אויס מלחמה?...

— און אירע אויגן פילן זיך־אָן און לויפן־איבער מיט אַ בריאיקן פערלמוטער...

— אַז מיר האָבן שוין דאָס דערלעבט, וועלן מיר אַלץ דער־לעבן!... גיב אַהער די ליפּלעך!... קום, לאָמיר גיין אַ טענצעלע!... — כאַפּ איך זי אַרום און טאַנץ מיט מיין גאַנצער משפּחה אינמיטן דער גאַס...

— לאָז מיך אָפּ... מאַך דיך נישט נאַריש...

— פאַרוואָס זאָלן מיר זיך נישט נאַריש מאַכן, ווען מיר זענען אַזוי קלוג?... מיר האָבן דאָך זייער קלוג געטון, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט די מלחמה!... אורררראַאַאַ!... שריי „אורא!", לאַ־לאַ! ווי גאָט איז דיר ליב, שריי: אור־ר־ר־רררררראַאַאַאַאַ!...

— משוגענער!...

— גוט!... זיבן יאָר האָב איך געוואָרט אויף דער משוגענער מי־נוט!... אוררראַאַאַ!... אַ מחיה צו זיין אַ משוגענער און לויפן איבער די זוניקע גאַסן, אין טאָג פון זיג, און שרייען אורררראַאַאַאַ!!!...

— אין טאָג־פון זיג, זאָגסטו? וועמענס זיג?

— וועמענס זיג? האַ? וועמענס זיג, פרעגסטו?!..

און מיין משוגעת שטילט־זיך און איך הויב־אָן ווערן צוריק מיושבדיק און אומעטיק.

וועמענס זיג טאַקע? די פאַרשאָלטענע דייטשן האָבן פאַרשפּילט, אָבער וועמענס זיג איז עס? — מיר וויסן דאָך שוין אַלץ, אַלץ! דעם גאַנצן ביטערן אמת! אַלץ, אין וואָס מיר האָבן פריער נישט געגלויבט!

זינט די רויטע אַרמיי האָט פּוילן איינגענומען, האָבן מיר שוין די ריכטיקע ידיעות. מיינע שוועסטער האָט מען דערשאָסן, מיין מאַ־מען פאַרגאַזט, די גאַנצע משפּחה — פאַרפייניקט. לאַלעס עלטערן און ברידער — אומגעבראַכט. נישטאָ מער קיין פּויליש יידנטום, נישטאָ מער! אויסגעקוילעט, אויסגעשאָכטן! אויף חורבות וועלן מיר אַהיימקומען, אויף מאַסן־קברים! מיר, די רעשטלעך, די עלנטע יתומים פון אַן אויסגעקוילעט פאָלק!

איז וועמענס זיג איז עס טאַקע? וועמענס נצחון?! — — — — —

אָבער עס יובלט די שטאָט, עס יובלען די מאַסן, איינגעזעסענע און פּליטים, יונג און אַלט, געזונטע און אינוואַלידן פון אַלע נאַציעס און ראַסן. עס איז אַלעמענס נצחון, דער וועלטס נצחון, דער זיג פון דער גאַנצער מענטשהייט!

און מיר ווערן מיטגעצויגן, מיטגעריסן מיט די סטיכישע שטראָ־מען, וואָס פלייצן גאַס־אויס, גאַס־איין, האָפּקען, שרייען, רעווען און זינגען...

אַלע צווייגן פון די אַלעען ווערן איצט געבראָכן. זיי ברעכן־זיך מיט אַ יומטובדיקן, לוסטיקן קנאַק... אַלע בלומען, בלעטער און גראָזן ווערן געפּליקט, געצופּט, געריסן און געשליידערט אינדערלופטן...

אַ רעגן פון פאַרשיידנקאָליריקע בלומען, צווייגן, בלעטער און

גראָז... אַ שמעקנדיקער, פֿאַרביקער, בליענדיקער רעגן. פֿאַרביקע קולות און געלעכטערס און די זון אַליין האָט איצט באַקומען אַלע קאָלירן און שטראַלט מיט רעגנבויגן־פֿאַרבן...

מענער טראָגן בלומען אין די לאַצן און פֿרויען — בלומען־קרוינען אויף די קעפּ. און אַלע פֿערד, אייזלען און קעמלען זענען באַפּוצט מיט גרינס און בלומען לכּבֿוד דעם יום־טובֿ פֿון גרעסטן נצחון!...

מען קושט־זיך... פֿרעמדע, אומבאַקאַנטע כאַפּן זיך אַרום און קושן־זיך...

אַ סאָלדאַט קושט אַ זקנה און אַ זיבעצניאָריקע שיינהייט קושט אַן אינוואַליד אָן אַ האַנט און אָן אַ פֿוס.

מיר אין די אָרעמס פֿאַלט־אַריין אַ געשטופּלטע שיקסע מיט אַ פּלאַטשיקער נאָז.

מיין מזל!

איך האָב קיין ברירה נישט, וואַרף איר אַריין אַ קוש, רייס זיך אַרויס פֿון אירע הענט און כאַפּ אַ יונגע, חנעוודיקע אוזבעטשקע מיט אַ פּאָר הונדערט דינינקע צעפּעלעך, וואָס גלאַנצן און שמעקן מיט זויערמילך... איך קוש זי פֿון דעסטוועגן פֿלאַמיק און דורשטיק.

אָבער ווען אַ מאַיאָר כאַפּט אַרום לאָלען און נעמט איר סמאַטש־קען מיט אַ פּאָר פֿעטע ליפּן, בעט איך זיך ביי אים רחמים:

— חבֿר מאַיאָר!... אַ ביסעלע פֿאַרזיכטיק... קוש לכּבֿוד דעם נצחון, נאָר צעקוועטש מיר נישט מיין צווילינג!... דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז מינדעסטנס אַ צווילינג!...

נאָר לאָלאַ וויל מיך איצט מאַכן אייפֿערזיכטיק און זי לאָזט נישט־אָפּ דעם מאַיאָר... ווער איך בייז, כאַפּ דריי שיקסעס מיטאַמאָל און וואַרף זיי אַריין קושן, ווו עס לאָזט־זיך!

און ווו לאָזט זיך דען נישט, ווען מען איז שיכּור פֿון אַזאַ יום־טובֿ?...

און די שיקסעס קענען אויך די מלאכה און מיין גאַנצער פּנים, אויערן און האַלדז ווערן אָפּגעסטעמפּלט מיט רויטע ליפּעלעך אַזוי, אַז איך זע שוין אויס, ווי אַ צירק־קלאָון!...

— וויש־אָפּ! — לאַכט לאָלאַ.

— ניין, בשום־אופן נישט!... זאָל די גאַנצע וועלט זען, אַז איך בין דער אַמגעקושטעסטער מאַן אין טאָג פֿון זיג!... און דו, היט מיין צווילינג!...

אַלע ראַדיאָ־הילכער זענען הייזעריק־צעגרעגערט. מאָסקווע האַלט

רעדעס. מאָלאָטאָוו לויבט סטאַלינען און סטאַלין לויבט מאָלאָטאָוון און ביידע לויבן דער העלדישער רויטער אַרמיי. מען לויבט די מאַרשאַלן, די גענעראַלן, די העלדן, די צוויי־מאָל־העלדן און די דריי־מאָל־העלדן, די אָרדנטרעגער און פאַרדינסטפּולע און מען שרייט אָן אויפהער „אוררראַ!“.

און צווישן איין „אוררראַאַאַ“ און דעם אַנדערן, שפּילן אָרקעסטערס און עס זינגען כאָרן. הערט מען שוין נישט וואָס מען שפּילט און וואָס מען זינגט און דער עולם טאַנצט.

די גאַנצע שטאָט טאַנצט. עס טאַנצן די מאַסן אין אַלע גאַסן. עס כוואַליען־זיך קעפּ, עס פלאַטערן הענט. היטלען פליען אינדערלופטן.

צוויי אינוואַלידן מיט איינציקע הענט פּאַטשן בשותפות בראַוואָ...

צוויי אינוואַלידן מיט איינציקע פיס טאַנצן צוזאַמען אַ קאַזאַצקע...

מען טראַסקעט זיך אין די פּלייצעס, מען פּליאַסקעט־זיך אין די פּיסקעס, מען כאַפּט זיך קושן אָבער און ווידער:

— פאַר סטאַלינען!... פאַר דער ראַטנמאַכט! פאַר דער פּאַרטיי און פאַר דער רויטער אַרמיי, אוררראַ טאָוואַרישטשי!

— אור־ו־ו־ררררררראַאַאַאַאַאַ!!!!

— פאַרן טויט פון די סוואָלאַטשעס, פון די ניעגאָדיאַיעס, פון די גאַדעס, פון די פאַרשאָלטענע פאַשיסטישע הינט, אין זייערע פראַנצעוואַטע, בליאַדסקע מאַמעס אַריין. אורא טאָוואַרישטשי!

— אור־ו־ו־ררראַאַאַאַ!!!

— איז גיב אַהער די פּיסקעס, מוזשיק איינער!..

— די פאַרשיווע מאָרדע גיב אַהער, וועל איך זי אויסקושן!...

— האָסט קנאַבל געגעסן, דו פאַרשאָלטענער! מיט ביר זיך אָנגעבליאַיעט!

— אוודאי האָב איך! נישט געוווסט, אַז די מלחמה וועט זיך היינט פלוצלונג ענדיקן און קושן וועט מען זיך באַדאַרפן!...

— טאָ קוש זיך איצט מיט אַ פּאָפּ, אָדער מיט אַן אַלטער באַבע! דו פּרעסער מיאוסער!

אַ חברה מוידן קומען־אָן, האַלטנדיק־זיך פעסט געשלאָסן אין אַ קרענצל. די אינוואַלידן רינגלען זיי אַרום און רייסן די שיקסעס פון קרענצל־אַרויס. זיי קוויטשען, זיי לאָזן זיך נישט. און הענטעלעך האָבן זיי, וואָס קענען אויך לייטיש פאַרפאָרן אין אַ בגילופנדיקער מאָרדע.

אָבער די אינוואַלידן לאָזן נישט־אָפּ. מיט איין האַנט האַלט מען אַ צאַפּלדיקער שיקסע פעסט אַרום דער טאַליע אַזוי, אַז קוים וואָס זי קען דריגען מיט די פיס און קלאַפּן מיט די פויסטן... און מיט דער צווייטער האַנט, זעצט מען זיך אין דער ברוסט־אַריין, אויף וועלכער עס באַמבלען־זיך אָרדענס, מעדאַלן און ווונד־צייכנס און מען רעוועט:

— שוועסטערלעך! עס קומט מיר! אויפן פראָנט געווען! מיין בלוט פאַרגאָסן! דעם קאָפּ געלייגט! פאַר אייך, שוועסטערלעך! פאַרן לאַנד! פאַרן פאָלק! עס איז מיין שמחה היינט! מיינע! מיין יום־טוב! מיין זיג! מיט מיר וועסטו טאַנצן איצט! מיט מיר וועסטו זיך קושן! און דריגע נישט מיט די פיסלעך, קראַסאַוויצע! די פיסקעלעך גיב אַהער! אָט אַזוי!...

און די שיקסעס האָבן גאָרנישט קעגן די אינוואַלידן. ווילע יונגען זענען זיי און געליטענע אויך. און קושן־זיך און טאַנצן ווילן זיי אַליין. נאָך דעם זענען זיי דאָך אַהערגעקומען. נאָר דער ציבעלע און קנאָבל־געערוך איז טאַקע אַ פּאַסקודנער און דער געערוך פון דעם פאַרדייעטן אַלקאָהאָל איז נאָך ערגער. אָבער קיין ברירה איז נישטאָ. מען קושט־זיך, מען אומאַרעמט־זיך און מען טאַנצט!...

פון די ענגשאַפטן טרעטן מיר אָפּ. איך מוז זיין פאַרזיכטיק מיט מיין צווילינג. שלעפּ איך לאַלען אָן אַ זייט. ביי די ווענט גייען מיר. ביי די טירן פון די מאַגאַזינען.

און אין איינעם אַ מאַגאַזין, זע איך, עפנט מען אַ פאַס ביר.

עס גיבן־זיך באַלד אַ טראָג־אָן מענטשן מיט עמערס, מיט טשיי־ניקעס, מיט גלעזערנע קאָלבאַקן פון עלעקטרישע גאַסן־לאָמפּן, מיט נייאינקע נאַכט־טעפּלעך. און איך דערמאָן־זיך, אַז איך האָב מיין נייאינקן נאַכט־טעפּעלע אויך מיט זיך... ער איז מיר אונטן, זונטערן רעקל אָנגעבונדן און איך טראָג־זיך מיט אים אַרום גאַנצע טעג...

לאָז איך לאַלען אָן אַ זייט, שטופּ זיך־צו און כאַפּ אַ פול טע־פּעלע ביר און קיין געלט נעמט מען נישט!...

— הוררראַאַאַ!...

זעצן מיר זיך אויף אַ בריקל און מיר זופן צוזאַמען פון טעפּעלע: איך אַ זופּ און לאַלאַ אַ זופּ. איך אַ זופּ און לאַלאַ אַ זופּ... און נאָכן דריטן זופּ איז שוין לאַלאַ בגילופין. זי האָט שוין רויטע בעקעלעך און גלאַנציקע אויגן און לאַכט און קאָן שוין נישט צוימען איר געלעכטער... — בלייבט שוין פאַר מיר דאָס גאַנצע טעפּל אויסצוזופן.

איך זויף און איך כלאָיע און רעווע: אוווווררררראַאַאַאַ!!!...
אַ טייער נאַכט־טעפּעלע! פון הימל איז עס מיר צוגעשיקט־געוואָרן ... נייִן, ווי האָט יענער פּויער געזאָגט? — „אַ דאַנק דעם ליבן חבר סטאַלינען!. ער ווייסט וואָס דעם רוסישן פאָלק איז נויטיק!״...

און פּלוצלונג קריג איך אַ זעץ אין טעפּל־אַריין, אַז דאָס גאַנצע ביר פּליוכעט זיך מיר אויס אויפן פּנים. עס ווערט מיר אַ רגע פינסטער פאַר די אויגן און איך שפּיי־אויס אַ פאַדערשטן צאָן.

דאָס האָבן־זיך אינוואַלידן צעשלאָגן צוליבן ביר און צוליב כלים.

לאָלאַ כאַפּט מיך ביי אַ פּאָלע פון רעקל און ציט מיך אָפּ אָן אַ זייט: מיר האָבן שוין אַזאַ טבע, זיך נישט אַריינצומישן, ווען שיכורע אינוואַלידן שלאָגן־זיך. מיר האָבן עס ליב צו באַוווּנדערן פון דער ווייטנס...

שטייען מיר טאַקע און מיר באַוווּנדערן פון דער ווייטנס: איינער זעצט דעם אַנדערן מיט אַ טשייניק איבערן קאָפּ און יענער טראַסקעט צוריק מיט זיין קוליע אין פּנים־אַריין.

און די פּנימער זענען שוין קיין פּנימער נישט, נאָר געהאַקטע קאָטליעטן.

און די העמדער זענען רויטע פּענער לכבוד יום־טוב. הור־רררראַאַאַ!...

באַלד שאַפן־זיך צוויי צדדים, צוויי באַזונדערע לאַגערן און עס ווערט אַ שלאַכט־פעלד:

די אינוואַלידן שפּרינגען איינער אויפן אַנדערן, כאַפּן־זיך ביי די העלדזער און קוליען־זיך איבער דער ערד.

איינער בייסט אַן אויער, אַ צווייטער ווערגט אַ גאָרגל און אַ דריטער האַקט מיט אַ שטיוול אין אַ נאָז...

אַן אינוואַליד מיט איין פוס שטייט אַנגעשפּאַרט אָן אַ זייל. אין איין האַנט האַלט ער אַ קוואָרט ביר און אין דער צווייטער — זיין קוליע. ער אַרבעט־זיך רואיק און פּלאַנמעסיק: אַ זופּ פון דער קוואָרט ביר און אַ פּלעט מיט דער קוליע איבער אַ מוח. אַ זופּ און אַ כמאַל, אַ זופּ און אַ זעץ. רואיק, געמיטלעך, געלאַסן...

אַן אינוואַליד אָן הענט האָט זיך אַרויפבאַקומען אויף אַ פּענצטער־פּאַראַפּעט און ער אַרבעט מיט די פיס: ווער עס קומט אים אונטער — אַ זעץ מיטן שטיוול, אַ שליידער־אַראָפּ אויף אים אַ וואַזאָן, אַ ליימענעם בלומען־טאָפּ, אַ סטאַטוע...

איינער, אָן פיס, וואָס שאַרט־זיך אויף דער ערד מיט צוויי האַנטברעטלעך, זיצט נעבן דער פאַס ביר כמעט אָן אומבאַמערקטער און

ווער עס קומט אים אונטער, דעם גיט אַ ביס אין פוס און רייסט־אָפּ אַ שטיק הויז מיט פלייש צוזאַמען. ער אַרבעט וווּנדערבאַר! וואָרעם דאָס האַקן־זיך אין די זייטן, אונטערן האַרצן און נידעריקער — איז שוין באמת לאַנגווייליק... אָט, צום ביישפּיל...

מילא, איך וועל אייך שוין אַן אַנדערשמאָל געבן דעם ביישפּיל. לאַלאַ שלעפּט מיך אַוועק און טאַקע אין דער ריכטיקער צייט: מיר פאַלן אַריין אין אַ צווייט געשעפט, ווו מען הויבט־אָן טיילן פּיטלינגען, ווורשט און ווייַן!... די פּיטלינגען מיטן ווורשט קאָסט געלט, אָבער ווייניק: מלוכה־פּרייז. מען קען זיך דערלויבן!... און ווייַן גיט מען פריי! הוררראַאַאַ!!!...

און מיר זענען ווידער די ערשטע און איך כאַפּ צוויי גאַנצע ווורשטן, פינף פּיטלינגען און אַ פול נאַכט־טעפל ווייַן!...

דאָסמאָל בין איך שוין פאַרזיכטיק: עס איז מיר אַ שאָד דער ווייַן און אַ שאָד מיינע ציין... — ציען מיר־אָפּ מיט אונדזערע מציאות...

לאַלאַ איז פעסט איבערצייגט, אַז ווורשט מיט פּיטלינגען זענען גוט צו עסן מיט ברויט און קיין ברויט האָבן מיר נישט מיט זיך — מוזן מיר גיין אַהיים. גיי איך און זופּ מיר דערווייל פון דעם ווייַן.

— טרינק נישט אַזוי פיל!...

— איידער עס זאָל זיך אויסגיסן, איז בעסער איך זאָל עס אַריינגיסן, לאַלאַ!... זופּ אויך! לאַלאַ!... לחיים!...

זי גיט אַ זופּ און האָט עס שוין גענוג:

— איך וויל נישט מער. דער קאָפּ דרייט־זיך... די פיס ציטערן, כאַכאַכאַ...

— בעסער ווי די פיס וואָלטן זיך געדרייט און דער קאָפּ וואָלט געציטערט!... לחיים!... פאַרוואָס ענדיקט זיך נישט אַלע טאָג אַ מלחמה, האַ, לאַלאַ?.. אַלע טאָג אַ נצחון!.. אַלע טאָג הוררראַ!.. אַלע טאָג, ווו ביזטו, לאַלאַ? האַלט מיך־צו. דער טראָטואַר הויבט־זיך עפּעס מאָדנע... האָפּ! דאַכט־זיך מיר, אַז די וואַנט פאַלט! לאַלאַ, פאַרזיכטיק! עס איז דאָך עפּעס ערד־ציטערניש! היט מיר דעם צווילינג, לאַלאַ!... היט דעם — — — —

איך ווייס נישט, ווען מיר זענען אַהיימגעקומען, ווען מיר האָבן דעם ווורשט מיט ברויט אויפגעפרעסן און ווי לאַנג איך בין געשלאָפן. איך בין אויפגעשטאַנען פאַרנאַכט. לאַלאַ האָט געלאַכט פון מיר:

— פּיאַניצע!... שיכור!... ווערסט נאָך קושן שיקסעס?...

— אַז קיין רביצינס זענען דאָ נישטאָ... וואָס הערט זיך מיטן שלום אויף דער וועלט ?..

די שטאָט יובלט ! אילומינאַציעס. פייערווערק... און דו שלאָפסט, שיכור !...

— ווער איז שיכור ?! קום אין גאַס, לאָלאַ ! נאָכוואָס האָסטו מיך אַהיימגעשלעפּט ? קום !...

אַ העל־בלויע נאַכט. דער הימל איז צעקרעלט און צעשוונדן פון פאַרביקע פייערווערק, ווי אַ צעדראַפּעט פּנים פון אַן אינוואַליד.

עס שפּריצט דאָרט מיט וויין און מיט ביר, מיט ליכט און מיט פונקען. די לבנה בלייכט, ווי אַ פאַרשימלטע טאָץ, אַנטקעגן די מעכ־טיקע פראָזשעקטאָר־ליכטער.

אויף אַ בונט פון אַ פופציק לופט־באַלאָנען האָט מען אַרויפגע־לאָזן סטאַלינס אַ פּאָרטרעט, באַזוימט מיט פאַרביקע לעמפּעלעך. פליט דער טאַטע פון די פעלקער אינדערלופטן, צווישן דער צעהוי־דעטער ערד און דעם צעראַקעטעוועטן הימל...

אַך, ווען ער בלייבט שוין דאָרט און קומט נישט צריק אַרונ־טער !... הוררררראַאַאַאַ !!! ...

ווי גוט איז צו האָבן היטלערן אין דרערד און סטאַלינען אין הימל, הוררראַאַאַ !...

אין פּאַרק פון קולטור און אָפּרו איז איצט גאָר נישטאָ קיין אָפּרו. די מענטשן שטראָמען און מיר שטראָמען־מיט.

אויף דריי עסטראַדעס שפּילן אָרקעסטערס, דאָ איז אַ קאָנצערט פון אַ געזאַנג־און־טאַנץ־כאָר, דאָ איז אַ פילם־בילד, וואָס ווייזט ווי אוקראַינער שלאָגן דייטשן.

און איך דערקען זיך זעלבסט אַלס דעם אוקראַינער און דעם בזשעזשינער קראַנקן שניידער — אַלס דייטש !...

מען ווייזט אין טאַשקענט, ווי מיר האָבן זיך געשלאָגן אין אַש־כאַבאַד !... איך דערלאַנג אים גאַנץ לייטיש, הוררראַאַאַ !!!...

קונצנמאַכער, זשאָנגליאָרן, אַקראָבאַטן, אַלע אַרבעטלאָזע פון דער פילהאַרמאָניע זענען היינט געשיקט געוואָרן אַהער משמח צו זיין דאָס פאָלק, אין טאָג פון זיג...

די הוידעס שליידערן־זיך שיעור אין הימל אַרויף, די פאָנטאַנען שפּריצן מיט קאָלירטע שטראָמען, וואָס בילדן מיט־זיך פאַנטאַסטישע וואַסער־בלומען. אָבער דער עיקר טומל איז ביי די קיאָסקן :

מען פאַרקויפט היינט סיגאַרעטן, שאָקאָלאַד, סענדוויטשן מיט וורשט און קעז, ביסקוויטן, ביר און וויין...

און ווידער קושט מען זיך און מען פלעט זיך די קעפּ...

שיכורים וואַלגערן־זיך אויף דרערד און רעווען „אוררראַאַאַ".

דאָ און דאָרט, ווי מען וואָלט אין מענטשן־ים אַ שטיין געוואָרפן, בילדעט־זיך אַ קרייז און דער קרייז ווערט ברייטער און שטורמישער: מען טאַנצט...

פּעלקער טאַנצן, ראַסן טאַנצן, די גאַנצע מענטשהייט טאַנצט־אויס דעם טאַנץ פון נצחון!...

„שריי, ווייבער־פאָלק!"...

„טאַכטאַפּול" איז אַ פאַרוואָרפענע געגנט הינטער טאַשקענט, וווּהין קיין טראַמוויי קומט שוין נישט צו.

דאָס איז אַ ריזיקער פּאַרק מיט געדיכטע בוימער־קרוינען, שאָטנדיקע אַלעען, ווייכע און זאַפטיקע גראָז־טעפּיכער און גאָרטן־בענק צווישן בלומען־בייטן און עקזאָטישע פלאַנצן.

פון צווישן די הויכע בוימער־קרוינען טויכן־אַרויס די דעכער פון בנינים ,וואָס פון דרויסן זעט מען זיי נישט. אָבער ווען מען גנבעט זיך אַריבער דעם פּלויט, אָדער מען שטעקט עפּעס אַריין דער טויער־היטערין אין צאַרטן הענטעלע אַריין און מען גייט אַריין כשר, דאַן זעט מען די בנינים. דאָס זענען ווייסע מויערן, רחבותדיקע פּאַלאַצן, מיט לאַכנדיק־צעפּראַלטע טירן־פענצטער.

כאָטש אינעווייניק לאַכט מען זעלטענער, ווי מען שרייט.

וואָרעם אַהער קומט מען נאָך אַלע געלעכטערס, שוין אָפּגעלאַכטע אָדער אויסגעלאַכטע. און דאָ זאָגט מען זיי, צי עס איז נאָך ווייט צום געלעכטער, אָדער נענטער צום געשריי.

פאַרשטייערינס פון דעם שיינעם מין קומען עס אַהער. די, וועלכע האָבן נישט געוווסט ווי אָפּצוהיטן זייערע שלאַנקע ליניעס און זענען שטאַרק דעפּאַסאַנירט געוואָרן. זיי קומען אַהער, אויסצושרייען דאָ אומגעשעמט און אומגעשטערט, מיט די לעצטע כוחות און מיט די הילכיקסטע קולות, אַלע זייערע אינטימסטע שווייגענישן.

די בוימער אין פּאַרק שטוינען דערביי, שאָקלענדיק גוטמוטיק מיט זייערע גרינע קרוינען:

„נעמט זיך אַ ביישפּיל פון אונדז... מיר גיבן אייך אָפּ אונדזערע צייטיקע פרוכטן מיט ליבשאַפט, שווייגנדיקע. און איר, מענטשעכעס, קומט אַהער אָפּגעבן די פרוכט פון אייער ליבשאַפט, שרייענדיקע"...

און זיי ווייסן נישט, די בוימער, אַז זייער שולד איז עס: אַז צוליבן פֿאַרבאָטענעם עפּעלע פֿון דעם עץ־הדעת, מוזן עס חוהס טעכ־טער אַזוי שרייען און געוואַלדעווען.

אַמאָל, פֿאַר דער מלחמה, האָב איך געזען אין וואַרשע אַ טעאַטער־פֿאַרשטעלונג „שריי כינע!". און איצט, שטייענדיק ביי די שריי־הייזער אין „טאַכטאַפּול", קלער איך וועגן דער גרויסער דראַמע, וואָס אַ שעקספּיריכע וואָלט געדאַרפֿט אָנשרייבן, אונטערן נאָמען „שריי, ווייבער־פֿאָלק!"...

וואָס איך טו דאָ, אין דעם פּאַרק פֿון „טאַכטאַפּול"? — איך שטיי מיר הינטער אַ פֿענצטער, מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און איך וואַרט. עס ווילט זיך מיר דווקא קענען אונטערשיידן צווישן אַלע ווייבערי־שע קולות — לאָלעס מעצאָ־סאָפּראַנישן קוויטש.

אָבער אָנשטאָט אַ קוויטש, קומט זי אַליין אַרויס צו מיר, מיט אַ פֿאַרשעמטן שמייכל, ווי זי וואָלט זיך געפֿילט שולדיק און זיך געדאַרפֿט פֿאַרענטפֿערן, פֿאַרוואָס זי קוויטשעט נאָך נישט.

און שולדיק איז גאָר דער דאָקטער. דער, וועלכער האָט אונדז אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מיר דאַרפֿן זיך ריכטן אויף אַ צווילינג:

מיט זעקס וואָכן צוריק האָט ער באַפֿוילן לאָלען, זי זאָל תיכף איילן אין געבורט־הויז אַריין, וואָרעם עס איז שוין אָט־אָט־אָט.

דער הויפּט־דאָקטער פֿון שפּיטאָל, דערקעגן, האָט אונדז באַרואיקט, אַז עס איז נאָך נישט אָט־אָט־אָט און אַז יענער דאָקטער האָט אַ טעות געהאַט: עס וועט נישט זיין קיין צווילינג.

עס וועט קוים זיין אַ דריילינג.

לאָלאַ האָט אויף מיר אַ קוק־געטון, ווי אויף אַ גזלן. איך האָב צוריקגעקוקט מיט אַ „וואָס קען מען זיך העלפֿן?". דער דאָקטער האָט מיר געקלאַפּט אין דער פּלייצע: „מאַלאַדיעץ!" און איך האָב זיך באמת געפֿילט אומשולדיק.

דער אָט־אָט־אָט האָט זיך אַריינגעצויגן אין זעקס וואָכן, ווי דאָ וואָלטן גאָרנישט געגאָלטן קיין נאַטור־געזעצן, קיין קאַלענדאַרן און קיין מעדיצינישע דערפֿאַרונגען.

נישט אַנדערש, נאָר עקשנים דאַרפֿן דאָ קומען אויף דער וועלט, אָדער ענגלישע דיפּלאָמאַטן, וועלכע זענען געדולדיק, קאַלטבלוטיק און האָבן צייט.

זעקס וואָכן שוין ווי מיר הערן זיך־צו ווי אַנדערע שרייען און לאָלע מאַכט אַפֿילו קיין רעפּעטיציעס נישט צו דער פּרעמיערע פֿון איר אייגענעם געשריי.

שפּאַצירן מיר דערווייל אַוועק אין אַ זײַטיקער אַלעע פון פּאַרק און זעצן־זיך אַוועק אויף אַ שאָטנדיקער באַנק, ווײַט פון ווײַבערישע אויגן.

די ערשטע צײַט האָב איך נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס לאָלאַ שלעפּט מיך אַוועק אַזוי ווײַט פון די ווײַבערישע אויגן. צי האָט זי מורא פאַר זייערס אַן עין־הרע, אָדער פאַר זייער יצר־הרע?

שפּעטער האָט זי מיר אויסגעזאָגט, אַז טאַקע פאַר ביידע.

וואָרעם זעלטן באַווײַזט זיך דאָ אַ מאַן אין דעם ווײַבערישן שרײַ־טאָל. און קומט שוין אַ מאַן, איז עס אַ פּוילישער ייִד, אַ פּליט.

אַלע אַנדערע שוואַנגער־פרויען האָבן דאָ קיין מענער נישט. אָדער זיי זענען נאָך פרײַלינס, אָדער זייערע מענער זענען שוין אַ פיר־פינף יאָר אויפן פראָנט, אָדער אַ פיר־פינף יאָר אין אַ תּפיסה, צי אין אַ פאַרשיקונגס־לאַגער.

דערפאַר, ווי זיי קומען דאָ נאָר איבער, זאָגן זיי זיך אָפּ פון זייערע קינדער. מערנסטנטייל ווילן זיי אַפילו זייערע נײַ־געבוירענע נישט אָנקוקן און נישט אָנזויגן, כדי נישט צוצוגעוווינען־זיך און אויפוועקן אַ מאַמע־געפיל.

אַזעלכע קינדער גייען פון דאַנען גלײַך אין אַ יתומים־הויז און פאַרגרעסערן די אַרמיי „בעזפּריזאָרניע״ (הפקר־קינדער, מינדעריע־ריקע גאַסן־פרויען און גנבימלעך). אָבער די מאַמע ווערט פרײַ. זי ווערט ווידער אַ פרײַלין, ווידער אַ געליבטע.

און עס זענען דאָ אַזעלכע, וועלכע זענען שוין דאָ סטאַבילע פּאַציענטינס. זיי גייען אַרויס פון דאַנען אויף עטלעכע פרײַלעכע חדשים און קומען צוריק, ווי אין אַ היימישן פּענסיאָנאַט.

דערפאַר, אַז עס קומט די צײַט פון שרײַען, — שרײַען זיי ווי פאַכמאַנטעס.

זיי זענען אויך די ,וועלכע דרייען־זיך צווישן די יונגינקע „רעק־רוטניצעס״ און גיבן זיי פאַכמענישע עצות.

אָבער אַלע זענען זיי אײַפערזיכטיק אויף די כשרע קימפּעטאָ־רינס, צו וועלכע עס קומען מענער. און כאָטש זיי פרעסן יעדן מאַן מיט די אויגן, פרעגן זיי נאָכער דעם „שולדיקן״ ווײַבל:

— פאַרוואָס גייט ער נישט אויפן פראָנט? וואָס באַהאַלט ער זיך דאָ אונטער דײַן אונטערקליידל? —

זיצן מיר דערפאַר אין אַ זײַטיקער, שאָטנדיקער אַלעע. די לופט איז דאָ אַ וווּנדערבאַרע און זי מאַכט אַן אַפּעטיט.

כאָטש דעם אמת געזאָגט, נויטיקט מען זיך נישט ספּעציעל אין דער

„טאַכטאַפּולער" לופט, כדי צו האָבן אַפּעטיט. גאַנץ רוסלאַנד איז אַן אַפּעטיטלעך לאַנד. במשך אַלע יאָרן האָב איך דאָ נישט גע־טראָפן קיין איינעם, אָדער איינער, וועלכע זאָלן זיך פּיעשטשען, אַז זיי האָבן נישט קיין אַפּעטיט.

אָבער אין „טאַכטאַפּול" ווערט דער אַפּעטיט נאָך שטאַרקער און די טעג גייען אַוועק אין וואַרטעניש פון איין מאָלצייט צום אַנדערן.

וואָרעם ווערדליך ווי אויף צו קריגן צוריק די פריערדיקע שלאַנ־קע ליניעס, גיט מען דאָ אַפילו גאַנץ גוט צו עסן, אָבער אויף האָבן כוחות איבערצוקומען, און נאָך אַ דריילינג דערצו, — איז עס מער ווי זייער ווייניק.

און מיין נאַשערקע ווילט־זיך דווקא אַ פריש שטיקל ברויט, אַ שטיקל ווייסן קעז, אַ לעק סמעטענע און אַ שטענגל וויינטרויבן.

און אַז זי זאָגט, אַז עס ווילט זיך איר, זשאַלעווע איך איר נישט. וואָס וועל איך איר גיין זשאַלעווען, אַז קיין געלט האָב איך סיי־ווי נישט?

אָבער אַ געלעכטער אַן אַ זייט און אַ וויייטיק אינמיטן. איך קום קיינמאָל נישט אַהער מיט קיין ליידיקע הענט. איך טרעט תמיד פריער אָפּ אויפן באַזאַר, פאַרקויף אַ בגד און קויף עפּעס אַ האַרץ־דערקוויקעניש.

אַזוי, אַז במשך די זעקס וואָכן, האָט לאָלאַ ביסלעכווייז אויפ־געגעסן, זייענדיק אויף דיעטע, פאָלגענדע מעניו:

אַ פּאָר לייוונטענע שטיוול, אַ פּאָר דאַמען־קאַלאָשן, אַ מענער־קאַפּעלוש און אַ דאַמען־הוט. אַ רעגן־מאַנטל, אַ צעבראָכענעם שי־רעם, מיין דירעקטאָר־פּאַרטפעל, דעם לעדערנעם פּאַסיק צו די הויזן (איצט גיי איך מיט אַ שטריק אַרום די לענדן), דריי פּאָר פּאַרצע־רעוועטע שקאַרפּעטקעס, אַ וואָלענעם פלעד מיט צוויי לאַטעס, אַ לייַ־לעך, אַ ציכל און די וואַליזע, אין וועלכער דאָס אַלץ איז געלעגן.

און מיין דריילינג זע איך נאָך אַלץ נישט!

**

במשך די זעקס וואָכן זענען פּאָרט עטלעכע מענער געקומען אין „טאַכטאַפּול", צו זייערע קימפּעטאָרינס.

געווען זענען דאָס דריי פּאַרמעגלעכע אוזבעקן, דירעקטאָרן פון טאַשקענטער אַרטעלן; צוויי רוסישע נאַטשאַלניקעס פון ענקאַווועדע; אַ בלינדער מאַרק־זינגער; און אַ פּאָפּולער־אומבאַוווסטער פּאָעט.

ער אַליין האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַלס זייער־פּאָפּולערן, נאָר מיר איז זיין נאָמען געווען זייער אומבאַקאַנט.

די אוזבעקן האָבן כסדר געבראַכט פאַר זייערע פרויען גאַנצע טעפּ שעפּסן־פלייש, זעק מיט אייגענע געבעקסן און גרויסע רע־שעטעס (מעל־זיפּן) מיט פּרוכטן.

די ענקאַוועדע־נאַטשאַלניקעס האָבן געבראַכט שאָקאָלאַד, וווּרשט, סאַרדינען און פּערפֿום.

דער פּאָעט האָט נאָר געבראַכט בוקעטן בלומען.

אַט די אַלע מענער האָבן שפּעטער אַהיימגענומען זייערע פרויען און קינדער אין לוקסוס־לימוזינעס און איבערגעלאָזן פאַרן פּערסאָ־נאַל אַ שיינעם לעצט־געלט.

די פרוי פון דעם בלינדן מאַרק־זינגער, איז אַליין אויך אַ בלינ־דע. מען מוז נישט זען ווי קינדער צו האָבן. אָבער דאָס קינד זייערס איז אַ זעעוודיקס, מיט אַ פּאָר לויטערע, הימל־בלויע אויגעלעך. ניין וואָכן איז עס שוין אַלט און מען שרייבט זיי נאָך נישט אויס פון „טאַכטאַפּול". מען האָט דער בלינדער קימפּעטאָרין דווקא פאָרגע־לייגט, אַז זי זאָל דאָ איבערלאָזן דאָס קינד און מען וועט עס אַוועק־געבן אין אַ קינדערהיים, ווו זי וועט קענען קומען עס „אָנקוקן". אָבער דווקא די בלינדע עלטערן האָבן זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, אַוועקצוגעבן זייער בלוט־און־פלייש אין פרעמדע הענט.

— דאָס קינד וועט זיין דאָס ליכט פון אונדזערע אויגן... — האָבן זיי געטענהט.

— אָבער איר וועט זיך דאָך נישט קענען אומגיין דערמיט?!

— מירן שוין קענען... מירן זיך שוין אויסלערנען...

האָט מען זיי איבערגעלאָזן אין „טאַכטאַפּול" אויף אַ פּאָר חדשים און מען לערנט דער בלינדער מוטער, ווי צו באָדן דאָס קינד, ווי צו קאָרמענען עס, ווי ריין צו מאַכן, איבערטון און האַלטן עס.

ווען דער בלינדער פּאָטער קומט, זעצט זיך דאָס משפּחהלע אויפן גראָז, אונטער אַ בוים. זי עסט נאַשוואַרגן און ער, מיט פּיבערדיקע פינגער, באַטאַפּט דעם קינדס פּנימל און שמייכלט אַן אינזיכיקן נחת־שמייכעלע.

ווען מיר גייען אַדורך, פאַרהאַלט ער אונדז, ענטשולדיקט־זיך און בעט אָבער־און־ווידער, מיר זאָלן אים זאָגן געניי:

— וואָס פאַר אַ קאָליר האָבן דעם קינדס אויגעלעך?

— בלויאינקע...

— העל־בלוי? צי טונקל־בלוי?

— הימל־בלוי... לויטערע... שיינינקע...

— און די בעקעלעך?

— ראָזע...

— שוין נישט קיין געלבע? מיט עטלעכע טעג צוריק זענען זיי געלבלעך געווען.

— נו, ביי אַזעלכע קינדער בייטן־זיך די קאָלירן גאַנץ אָפט...

— יאָ־יאָ, ריכטיק... און די הערעלעך?... אַ וואָסערע זענען זיי?...

— שאַטינע.

— נישט קיין בלאָנדע?

— איצט זענען זיי שוין עטוואָס טונקעלער...

— אַזוי? און עס איז אַ שיין מיידעלע, הייסט עס?... אַ נעזעלע... ליפּעלעך...

— יאָ! אַ קראַסאַוויצע!...

— אַ דאַנק, בירגער... אַ האַרציקן דאַנק...

איך גיי אַוועק פון זיי מיט אַ שווער געמיט און טענה צו זיך אַליין: ווי בלינד עס איז אָפּטמאָל דער גורל פון זעענדיקע, אַזוי ליכ־טיק קען זיין דאָס מזל פון בלינדע. און דאָס נפשל וועט זיין דאָס ליכט פון זייערע אויגן.

דער פּאָעט האָט זיך צו מיר צוגעקלעבט און לאָזט מיך נישט אָפּ. ער הייסט פּייוול פּישטשוצקי און גרייכט מיר ביזן עלנבויגן. נאָר ווי נידעריק ער איז, אַזאַ הויכן געזעס האָט ער. איך זע צום ערשטן מאָל אַ מענטשן אָן אַ טאַליע. פון די שמאָלע אַקסלען אַראָפּ, גייט עס ביי אים אַלץ־ברייטער און ברייטער, ביז די פיס, וועלכע שטייען רונדע, צוריק־געבויגן איינער צום אַנדערן. אַזוי, אַז זיין גאַנצער געשטעל איז ווי פון אַ היימישער ווייַן־גראַפינקע מיט אַ געל־באַמאָלענעם, קיילעכדיקן פאַרשטעקער פון אויבן.

ביי דעם אַלעמען, איז ער רירעוודיק ווי אַ פאָטאָ־קאָרעספּאָנ־דענט פון אַן אויסלענדישער צייטונג. אויף זיין לינקער זייט איז טאַקע אָנגעהאָנגען אַ נייאינקער פוטליאַר פון אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט, ווו אַנשטאָט אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט ליגט אַ בלעכן קווערטל, אַ מעסער, לעפל און גאָפּל. מיט דעם פאָטאָגראַפירט ער אַלץ, וואָס מען קריגט אין אַ באַקאַליי־מאַגאַזין, אין אַ סטאָלאָווע און אין אַ קיאָסק ווו מען קריגט ביר...

פּייוול פּישטשוצקי האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך, געשטעלט אָונט־ברויט און פאַרגעלייענט עטלעכע לידער זיינע. דאָרט האָבן זיך געגראַמט: קאָמסאָמאָל מיט שטאָל, סטאַלין מיט געניאַלין, סטאַכאַ־נאָוויעץ מיט מאָלאַדיעץ, שלאָגלער מיט וואָגלער און די רויטע אַרמיי — מיט אַ טויט דעם בורזשוי.

איך האָב געשמירט פרישן ברויט מיט פעטן פוטער, צוגעזופט הייסע, גוט־אָנגעצוקערטע טיי און צוגעשמייכלט, ווי אַן אורח אויף שבת שמייכלט נאָך יעדן נאַרישן וויץ פון זיין עם־הארצישן באַלעבאָס.

פון זיינע פאַרעפנטלעכטע ווערק, האָט מיר פּיוול פּישטשוצקי געוויזן אַ פּאָר געגראַמטע מסירהלעך אין רוסישן זשורנאַל „קראָקאָדיל". דאָרט באַפאַלט ער עטלעכע דירעקטאָרן און לייטער פון שניידער־און שוסטער־אַרטעלן, וועלכע האָבן אים שלעכט באַהאַנדלט. מיט אָט די „ווערק" טראָגט ער זיך אַרום און ער ווייזט עס אַלע אַנדערע דירעקטאָרן און לייטער, וועלכע באַקומען שוין גרויס רעספּעקט פאַר זיין טאַלאַנט און דערפאַר, באַהאַנדלען זיי אים שוין פיל בעסער.

און אַז איך האָב געפונען חן און לייטזעליקייט אין די שפּיציקע און פלינקע אויגעלעך פון פּייל פּישטשוצקי, האָט מען מיך שוין אויך, אין זיין זכות, גוט באַהאַנדלט.

ער האָט מיך געשלעפּט, בין איך אַרומגעקראָכן מיט אים און געהאָט עטלעכע פריילעכע טעג: מיר זענען געגאַנגען פון איין סטאָליאָווע, אין דער אַנדערער און פון איין מאַגאַזין, אין אַנדערן. אומעטום זענען מיר אַריין דורך דער הינטער־טיר. פּייוול האָט געניט געאַרבעט מיט זיינע קאָרעספּאָנדענטן־כלים, וואָס ער האָט אין פּוטליאַר פון זיין פּאָטאָ־אַפּאַראַט און איך — מיטן נייענקן טעפּעלע, וואָס איז באַשטימט פאַר מיין דריילינג און דערווייל נוץ איך עס.

מיר האָבן געגעסן צו צוועלף זופּן און געטרונקען אַזוי פיל ביר, אַז מער איז שוין נישט אַריין.

איין זאַך נאָר איז שלעכט געווען: אַז פּייוול האָט זיך אָנגעטרונקען, האָט ער גענומען רעדן צו־הויך, צו־פיל און צו־געפערלעך. דאַן איז שוין סטאַלין געוואָרן ביי אים אַ טיראַן, ענקאַוועדע — שפּאַנישע אינקוויזיציע און ראַטנפאַרבאַנד — אַ גיהנום. און ער האָט געוואָלט, נישט אַנדערש, נאָר איך זאָל מיט אים מסכים־זיין.

בין איך זיך מודה, אַז איך בין מיט אים נישט מסכים געווען. איך האָב גוט איינגזינען געהאַט, אַז לאָלע נוויטיקט זיך נאָך אין איר מאַן און אַז מיין דריילינג וועט נאָך צו־נוץ קומען אַפילו אַזאַ שלימזלדיקער טאַטע.

אויסער דעם, האָב איך שוין גענוג אַרומגערייזט איבער רוסלאַנד און איך בין גאָר נישט נייגעריק געווען צו זען זיך מיט די ווייסע בערן.

האָב איך אים געמוסרט, אַז ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט!

ראַטנפאַרבאַנד איז אונדזער טייער, גליקלעך היימלאַנד! סטאַלין איז אונדזער רעטער און באַפרייער און ענקאַווּעדע באַשטייט פון לויטער צדיקים. און אויב ער קאָן נישט האַלטן די צונג צווישן די ציין, טאָ זאָל ער בעסער וויניקער ביר טרינקען.

ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז פּייוול פּישטשוצקי קען דווקא יאָ טרינקען און האַלטן קאָפּ. נאָך מיינע מוסר־רייד ווערט ער פּלוצלונג רואיק און ניכטער, ווי ער וואָלט בלויז וואַסער געטרונקען.

דאַן ווערט ער מיר גאָר סענטימענטאַל און נעמט מיר דערציילן וועגן זיינע אינטימע פאַמיליע־ענינים: דאָס ווייב וואָס ליגט אין קימ־פּעט, איז אַן אוקראַינקע, זי איז גאָר נישט זיין ווייב. דאָס איז גלאַט אַזוי. אַן אמת ווייב מיט צוויי קינדער האָט ער געלאָזן אין מינסק. איצט ווינט ער מיט אַן אוזבעטשקע. פון דער אוקראַינקע האָט ער שוין לאַנג געוואָלט פּטור־ווערן, אָבער ער קאָן נישט, ווייל... זי אַליין איז אַ הויכע נאַטשאַלניצע פון דער ענקאַווּעדע און זי ווייסט וועגן אים צו־פיל. אַז ברענען זאָל זי מיט דער ענקאַווּעדע צוזאַמען! נאָך אַ וואָך־צוויי — און ער וועט סיי־ווי אַנטלויפן פון דאַנען. וווהין? — אין דער פרייער וועלט אַריין! זאָל זיין קיין פּוילן! זאָל זיין קיין רומעניען! דאָרטן, זאָגט מען, זענען די פּרויען הערלעכע, שוינ־הייטן, קראַסאַוויצעס!

— און בכלל שטעקט מיר שוין די סאָוויעטסקע וולאַסט אָט־אָ דאָ־אָ! — ווייזט ער מיר אויף זיין שפּיציקן גאָרגל, וואָס לויפט־אַרום אין זיין שלעכט־ראַזירטן האַלדז — און דו ווילסט דען נישט אַנטלויפן פון דאַנען?

— איך — אַנטלויפן? חלילה! מיר איז דאָ גוט! מיר איז דאָ ווויל! נישטאָ נאָך אַזאַ טייער לאַנד אויף דער גאַנצער וועלט, ווי...

— ביזט אַ ליגנער! — גיט ער פּלוצלונג אַ ווילדן געשריי — אַ ליגנער און אַ כיטראַק!

ווי עס פאַלט אים גאָר איין אַזאַ חשד, ווייס איך נישט. אָבער איך שווייג. איך זע, אַז ער איז עפּעס צעקאָכט, ווי זיין געדולד וואָלט געפּלאַצט און איך וויל זיך מיט אים נישט איינרייסן. מיר גייען דאָך שוין אויפן הויף, וואָס פירט צו דער הינטער־טיר פון אַן ערשטקלאַסיקן ענקאַווּעדע־רעסטאָראַן. איך פיל שוין די געשמאַקע ריחות דורך די קיך־פענצטער. בעט איך זיך ביי אים:

— חבר פּישטשוצקי, מיין קאָפּ איז איצט ביי מיין ווייב. קיין זאָרגן פעלן נישט. לאָזט אָפּ מיט דער פּאָליטיק. איך בין בכלל אַ שוואַכער פּאָליטיקער...

אָבער דאָ, ממש אויף דער שוועל פון רעסטאָראַן, גיט ער זיך אַ האַסטיקן דריי־אויס צו מיר און, נישט קוקנדיק, וואָס צענדליקער מונדירטע אָפיצירן שטייען אין דער ריי, צו דער קאָסע, גיט ער אַ געשריי:

— יאָ! ביזט אַ ליגנער און אַ כיטראַק! איך ווייס, אַז דו ביזט אַ שונא פון פאָלק! אַ פּוילישער פאַשיסט! און איך זאָל דיך אַריינבעמען אין אַ רעסטאָראַן, אין אַ ענקאַוועדע־רעסטאָראַן און קאָרמענען?! אָ, ניין! פּאַשאָל וואָן! לאָזט אים נישט אַריין, בירגערין! — באַפעלט ער דער קאָנטראָלערשע ביי דער טיר און לויפט־אַריין.

וואָס איז דאָ פּלוצלונג געשען מיט אים, פאַרשטיי איך נישט. מענטשן קוקן אויף מיר נייגעריק און איך בין צעטומלט. עס פלאַמט מיר דאָס פּנים און עס קלינגט מיר איןביידע אויערן. איך הויב די פיס איבער די רינשטאָקן און אייל צוריק פון הויף אַרויס. ניין, קיינער יאָגט מיך נישט נאָך.

אויף דער גאָס ווישׂ איך זיך אָפּ דעם אַנגסט־שווייס, זעץ־זיך־צו אויף אַ באַנק, צו באַרואיקן מיינע ציטערנדיקע קני און זאָג צו זיך אַליין:

— ער איז נאָך אַ דזשענטלמען! „לאָזט אים נישט אַריין!" האָט ער געזאָגט. ערגער וואָלט דאָך געווען, ווען ער זאָגט „לאָזט אים נישט אַרויס!"

און כאָטש עס איז נישט די געוויינלעכע צייט פון מיינע באַזוכן ביי לאַלען, גיט עס מיך אַ מאָדנעם צי קיין „טאָכטאָפּול".

איך הענג זיך־אָן אויפן בריקל פון דעם איבערגעפולטן טראַמוויי און איך פאָר.

עס גליקט מיך אָפּ און במשך אַנדערהאַלבן שעה, בין איך שוין דאָרט.

איך גנבע זיך אַריבער דעם פּלויט, שאַר זיך־אַריין צווישן די אַלעען, קום־צו צום פענצטער פון איר פּאַלאַטע און גיב דעם סימן, אַז איך בין דאָ.

אַ רוסישע פרוי שטעקט־אַרויס דעם קאָפּ און זאָגט מיר:

— אייער פרוי איז אַוועק געבוירן...

לויף איך שוין אונטערן פענצטער פון שריי־זאַל און לאָז זיך דאָרט הערן. עס געדויערט אַ מינוט און אַ קראַנקנשוועסטער שטעקט־אַרויס איר קאָפּ און שרייט צו מיר אַראָפּ:

— פּאָזדראַוולאַיו סינאָם!... — מזל־טוב, אַ זון!...

—וויפל? — פרעג איך.

— פיר מיט אַ האַלבן!

— מיט אַ האַלבן?! — ווער איך אויסער זיך — וואָס מאַכט דער האַלבער? איך מיין, וואָס הייסט, מיט אַ האַלבן?!

— פיר מיט אַ האַלבן קילאָ וועגט ער!

— און די איבעריקע?

— וואָס פאַר אַ איבעריקע?

— עס איז נישט קיין דריילינג?

— ניין!... בלויז איינער!...

— בירגערין, טייערע! — בעט איך זיך — טוט נאָך גוט אַ זוך. דער דאָקטער האָט דאָך מיך פאַרזיכערט אַ דריילינג. וווּ זענען די איבעריקע?

— וואָט טשודאַק!.. — לאַכט די קראַנקנשוועסטער — האָט דער דאָקטער אַ טעות געהאַט. מער איז נישטאָ און עס איז נישטאָ וואָס צו זוכן!... זייט צופרידן מיט איין זון!...

— איך בין צופרידן שוועסטער!... איין קלייניקייט!... וואָס מאַכט די קימפעטאָרין?

— גוט... אַלץ אין בעסטן אָרדענונג!...

— און ווי פילט זיך עפּעס מיין זון?

— ער שלאָפט נאָך...

— איז גוט... אַ דאַנק שוועסטער... וועקט אים נישט. איך האָב צייט. איך וועל וואַרטן...

אַ קוועטשעלע מילך...

אונדזער האָטעל־דירעקטאָר, דער אוזבעק איבראַגימאָוו, האָט מיך געשיקט רופן אין זיין דירעקטאָר־צימערל.

אַז איך קום אים פאַר פינף וואָכן דירה־געלט, ווער ער דאָך נישט רעדן מיט מיר וועגן דעם שיינעם וועטער. — גיי איך צו אים מיט אַ געמיט פון זייט מיך נישט מקנא.

איך קלאַפּ־אָן און בלייב שטיין אויף דער שוועל מיט אַ „זדראַס־טוויטע”, וואָס קלינגט ווי „שלאָג מיך נישט”.

איבראַגימאָוו הויבט זיך־אויף פון זיין שרייב־טיש מיט אַ פריינט־לעך־צעשמייכלט פנים, שטרעקט מיר אויס זיין האַנט און רופט־אויס פייערלעך:

— פּאָזדראַוולאַיו! איך באַגריס צום געבוירן פון אייער זון!..
זיצט. ביטע פאַרוויכערט, איסאַק אַראָנאָוויטש...

— אַ דאַנק, חבר דירעקטאָר. איך בין זייער גערירט.

— איך האָב איינגערופן, איסאַק אַראָנאָוויטש, אייך צו זאָגן פאָלגנדע ווערטער: פון מיין האָטעל איז אייער פרוי אַוועק אין געבורט־הויז און פון געבורט־הויז — צוריקגעקומען אין מיין האָטעל. דאָס הייסט, אַז ביי מיר אין האָטעל איז אייער זון געבוירן־געוואָרן... דאָס פאַרפליכטעט מיך צו זאָגן אייך, אַז איר האָט רעכט צו וווינען דאָ, ווי לאַנג איר אַליין וועט וועלן. אָט, מאָרגן איז אַ צוזאַמענפאָר פון דעלעגאַטן. איך דאַרף האָבן אַלע צימערן. איך וואַרף דעריבער אַלעמען אַרויס, אָבער אייך וועל איך נישט רירן. און געלט, ווייס איך, האָט איר איצט נישט. איך ווייס אָבער, אַז איר וועט באַצאָלן. איז זייט רואיק און פאַרשטערט אייך נישט אייער שמחה, איך וועל וואַרטן...

אַ דאַנק אייך, חבר איבראַגימאָוו. איך בין אַזוי גערירט, אַז...

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי... קען מען אַריינגיין, גראַטולירן אייער פרוי?

— געוויס. עס וועט איר זייער פרייען...

ער האָט אַ נעם־געטון אַ פון פריער־צוגעגרייטן בוקעט בלומען, אָנגעריסן אין זיין אייגענעם גאָרטן און עס פייערלעך אַריינגעטראָגן לאָלען.

איז זייט מיר מוחל און זאָל מיר גאָט מוחל זיין דערפאַר, וואָס איך האָב פריער געזאָגט וועגן איבראַגימאָוון, אַז ער איז אַן אַנטי־פּאָעטישער, אַ פּראָזאַאישער מענטש. אַנטקעגן פּייזל פּישטשוצקין איז ער דאָך אַ פּאָעט — אַ גאון!...

איך גיב אייך אַפילו אַוועק אַלע ווערק פון איציק פעפערן, פאַר אָט די לירישע ווערטער פון אונדזער איבראַגימאָוון, כאָטש זיי האָבן נישט קיין גראַמען. פּרוווט עס אָבער צונויפשטעלן אין קורצע שורה־לעך, ווערט עס אַ ליד אין פרייע פערזן, אָט אַזוי:

פּאָזדראַוולאַיו!...
איך האָב אייך גערופן, איסאַק אַראָנאָוויטש
אייך צו זאָגן פאָלגנדע ווערטער:
פון מיין האָטעל איז אייער פרוי אַוועק אין געבורט־הויז
און פון געבורט־הויז — צוריקגעקומען אין מיין האָטעל.
דאָס הייסט, אַז ביי מיר אין האָטעל

איז אייער זון געבוירן.
דאָס פאַרפּליכטעט מיך צו זאָגן אייך,
אַז איר האָט אַ רעכט צו וויינען דאָ,
ווי לאַנג איר אַליין וועט וועלן!...
קיין געלט, ווייס איך, האָט איר נישט.
נאָר זייט רואיק און פאַרשטערט אייך נישט
אייער שמחה.
איך וועל וואַרטן...

נו?... איז עס נישט קיין ליטערע פּאָעזיע?... — עס קלינגט דאָך ווי צויבער־מוזיק!

***

נאָך יעדער שמחה, הויבן זיך־אָן וואָכעדיקע טעג מיט וואָכעדיקע זאָרגן. און מיינע ערשטע זאָרגן זענען געווען: אַ קווערטעלע מילך.

אמת, מיר זענען אַנגעשלאָסן אין טעאַטער ביים „ז.פ.פ.״ (פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן) און מיר באַקומען דורך זיי די זעלבע „ליטערנע פּאַיאָקן״, די זעלבע שפּייז־קאַרטן, וואָס אַלע רוסישע אַקטיאָרן. אָבער די טרופּע האַלט בלויז אין איין פּרובירן און צו קיין פּרעמיערע קומט עס נישט. במילא קומט עס נישט צו קיין פּרנסה.

וואָס שייך מיר, בין איך שוין אַפילו געוווינט נישט צו האָבן קיין פּרנסה, אָבער אַ קווערטעלע מילך מוז איך היינט האָבן! —

פאַרבייס איך די ליפּן און עפן אַ שפּאָגל־נייע וואַליזע: די וואַליזע מיט לאָלעס טעאַטער־קליידער. איך נעם־ארויס דריי, פון פאַרשידענע פאַסאָנען און פון פאַרשידענע קאָלירן. פאַרקויפן וויל איך בלויז איין קלייד. איך וויל נאָר האָבן מיט־זיך אַ גרעסערן אויסוואַל. טאָמער זענען אויף באַל־קליידער פאַראַן וויניק בעלנים.

איך פאַרפּאַק אַ פּעקעלע, נעם אונטערן אָרעם, שפּאַר זיך אַריין אין אַן איבערפולטן טראַמוויי און פאָר צום „טאָלטשאָק״.

אַן עלטערער קריסט, וועלכן דער געדראַנג האָט צוגעקלעבט צו מיר, ווינקט עפּעס מיט די אויגן און מורמלט. היות איך כאַפּ נישט אַזוי שנעל, חזרט ער איבער נאָכאַמאָל:

— פאָרזיכטיק. גנבים אַרבעטן דאָ.

קוק איך זיך אַרום און דערזע, אַז ער האָט אַ טעות: דאָס אַרבעטן נישט קיין גנבים, נאָר רויבער. זיי גנבענען נישט, נאָר זיי רייסן פון די הענט. מען שניידט קעשענעס און בוזעמס אָפן, פראַנק און פריי.

איך הער אַ קוויטש און זע, ווי אַ פּאָרטפעל פליט אינדערלופטן און פאַלט אין געהעריקע הענט אַריין.

„נישט גוט — טראַכט איך — מען דאַרף זיך אויסדרייען פון שליסן באַקאַנטשאַפט מיט דער חברה״. — און איך פּרווו מיך שטופן צוריק.

עס גייט נישט.

הינטער מיר איז אַ געפלעכט פון הענט. מען הענגט אויף די טרעפּ־לעך. און ווער ווייסט, ווער דאָרט הענגט.

דריק איך פעסטער דאָס פּעקעלע אונטערן אָרעם און האַלט עס מיטביידע הענט.

אַ פריילעכער, לאַכעדיקער שגץ, דער, וועלכער האָט פריער גע־כאַפּט אַ פליענדיקן פּאָרטפעל און אים ווייטער געוואָרפן, פרעגט מיך, ווי אין שפּאַס:

— וואָס האַלטסטו דאָרט אונטערן אָרעם?

— באַראַכלאָ. קליידער פון אַ טיפוס־קראַנקער — זאָג איך — איך טראָג עס אין „סאַן־אַבראַבאַטקע״, אויסצופּאַרען די באַקצילן.

איך האָב געמיינט, אַז דאָס וועט אים אָפּעקלען און אָפּשרעקן.

— ווייז נאָר אַ קוק־געטון... — נעמט ער רייסן, מיט אַ פּאָר־שייטן געלעכטער, דאָס פּעקל פון אונטער מיין אָרעם.

איך האַלט עס פעסט און לאָז נישט. אָבער איך דערפיל, אַז הינטער מיין רוקן שלעפּט אויך עמיץ.

בעט איך זיך ביי זיי:

— רעביאַטאַ, יעי באָגו, עס לוינט זיך נישט. שמאַטעס זענען עס. שמאַטעס פון אַ טיפוס־קראַנקער.

— דאָס ווילן מיר טאַקע זען... — לאַכן זיי און נעמען מיך שטויסן פון איינעם, צום אַנדערן.

איך זע, אַז איך בין אַרומגערינגלט דורך אַ באַנדע פון עטלעכע מאַן. אַליין וועל איך זיך מיט זיי קיין עצה נישט געבן. נעם איך רופן:

— קאָנדוקטאָר! שטעל־אָפּ דעם טראַמוויי! לאָז אַרויס, קאָנ־דוקטאָר!

אָבער מיין קאָנדוקטאָר ווערט פלוצלונג טויב ווי די וואַנט און דרייט זיך־אויס צו מיר מיט דער פּלייצע.

אָדער ער איז אַ שותף צו דער באַנדע, אָדער ער ציטערט פאַר זיין אייגענער פעל. אַ מעסער אין רוקן איז נישט פון די געשמאַקע זאַכן.

דערווייל קריג איך איין זעץ נאָכן אַנדערן און איך ווייס נישט, פון וואַנען דאָס קומט מיר. וואָרעם אַלע לאַכן, ווי מען וואָלט זיך געשפּילט אין „פּאַטש־טאָמער״.

איך האָב קיין ברירה נישט און לאַך־מיט, ווי די שפּיל וואָלט מיך געוואַלדיק געפעלן. עס ווילט מיך, עס איז מיר זייער פריילעך...

כאָטש נאָך יעדן לייטישן זעץ, פלי איך ווי אַ פוטבאָל הין־און־צוריק.

און אָט ווערט מיר לויז אונטערן אָרעם און מיין פּעקעלע, זע איך, פליט שוין אינדערלופטן.

איך אַליין פאַל־אַריין אין עמיצנס געטרייע אָרעמס, וועלכע האַלטן מיך־צו, איך זאָל נישט אומפאַלן.

די גאַנצע פריילעכע רויבער־באַנדע האָט, זעט־אויס, מיט מיר פאַרענדיקט די אַרבעט. איינער נאָכן אַנדערן, שפּרינגען זיי פון וואַגאָן.

זעקס מאָן זענען אַראָפּגעשפּרונגען און קיין איינער האָט קיין פוס נישט צעבראָכן.

דאָן ערשט, האָבן מיך די געטרייע אָרעמס אָפּגעלאָזן, אומצו־פאַלן און דער אינהאַבער זייערער איז אויך נאָכגעשפּרונגען.

איצט איז שוין אין וואַגאָן גראָם געוואָרן. דערקעגן, ביי מיר אונטערן האַרץ און אין האַלדז איז געוואָרן ענג, זייער ענג. אַזוי ענג, אַז איך האָב אַזש וויינען נישט געקאָנט.

צום טאָלטשאָק בין איך שוין נישט דערפאָרן. ווען דער טראַם־וויי האָט זיך אָפּגעשטעלט, בין איך אויסגעשטיגן און גענומען אַהיים־שלעפּן־זיך צופוס.

איך האָב אַפילו אַ טראַכט־געטון וועגן אַוועקלייגן־זיך אויף די שינעס און וואַרטן אויפן אָנקום פון אַ צווייטן טראַמוויי.

אָבער באַלד האָט אַ צווייטער געדאַנק פּראָטעסטירט : טו דאָס נישט! פון דעם וועט קיין קווערטעלע מילך פאַר ווייב־און־קינד נישט ווערן. האָסט איבערגעלעבט די מלחמה, טאָ מאַטער־זיך ווייטער. אפשר, אין זכות פון קינד, וועט דיר נאָך געשען אַ נס!

האָב איך געפאָלגט דעם צווייטן געדאַנק.

וואָס וואָלט איר געטון אויף מיין אָרט?

אָבער מיינט נישט, ליבע פריינט, אַז דאָס איז מיר געשען דער־פאַר, ווייל איך בין סתם אַזאַ שלימזל! — איך בין אַ גרעסערער, ווי איר מיינט!

נאָר מיט דער רויבעריי האָט עס קיין שייכות נישט.

טאַשקענט איז געוואָרן דער צענטער פון דער גאַנצער סאָוויע־טישער אונטערוועלט. מען ראַבירט דאָ אין די גאַסן, אינמיטן העלן טאָג. איינעם טוט מען אויס אַ מאַנטל, אַ צווייטן ציט מען אַראָפּ די שטיוול פון די פיס, אַ דריטן הייסט מען אויסטון דאָס רעקל און אַ פערטן — דעם גאַנצן אַנצוג.

פאַריקן ווינטער האָב איך אַליין געזען, ווי צוויי אַזעלכע אַדל־לייט האָבן אַ נעם־געטון אַ גאַנץ־אומבאַקאַנטער, עלעגאַנטער דאַ־מעלע אונטער די אָרעמס און האָבן זי עטוואָס אונטערגעהויבן. עס איז אַנטקעגנגעקומען אַ דריטער, האָט זיך העפלעך פאַרנייגט און אַראָפּגעצויגן די נייאינקע שיכעלעך פון אירע צאַרטע פיסלעך, אַז זיי זאָלן איר נישט קוועטשן די פינגער.

דאַן האָט מען זי צוריק אַוועקגעשטעלט אויפן שניי און געהייסן, גיין אין די זאָקן.

און זי איז טאַקע זייער גראַציעז, מיט פלינקע טריטעלעך אַוועק־געגאַנגען.

פאַרשטייט־זיך, אַז עס זענען דאָ מוטיקע און שטאַרקע, וועלכע לאָזן זיך נישט. אָבער צו די, רופט מען שוין שפּעטער אַרויס די גיי־כע־הילף און מען נעמט זיי אַוועק, צעשטאָכענע, אין שפּיטאָל־אַריין.

איך שלעפּ זיך אַהיים אַ גאַנצער. און כאָטש קיינער האָט מיר קיין מעסער אין האַרצן נישט אַריינגעזעצט, פיל איך, אַז עס איז צע־שניטן.

לאָלען טרעף איך זיצן מיטן קינד אויף דער באַנק, וואָס פאַרן האָטעל. זיי וואַרעמען־זיך אויף דער זון און קוקן מיך־אויס.

דערזעענדיק מיין פאַרפינצטערט פנים, פרעגט זי שוין מער גאָרנישט.

איך טו זי אַ גלעט איבערן אַקסל, גיב אַ קוש מיין זון און אייל שנעל־אַריין אין צימער.

דאָרט גיב איך זיך אַ שליידער־אַנידער אויפן בעט און — איר ווייסט שוין.

אַז איך האָב זיך באַרואיקט, האָב איך זיך אַ זאָג־געטון גאַנץ שטרענג:

— וואָס פראָוועסטו דאָ ווייבערישע שטיק?! גיי אין גאַס און זוך! דו האָסט דאָך געלערנט אַמאָל: „שינד־אָפּ אַ נבלה אינמיטן מאַרק און ברענג פאַר ווייב און קינד חיונה!

האָב איך זיך געגעבן געדעכט, אויסגעווישט די אויגן און ווידער אַוועק אין גאַס.

קיין נבלות אָפּצושינדן, האָב איך נישט געפונען און קיין אַנדערע פּרנסות האָבן זיך דאָ אויך נישט געוואָלגערט. איך שלעפּ־זיך און שלעפּ־זיך גאַס־אויס, גאַס־איין.

— העי! היט־זיך! — דערהער איך אַ געשריי און בלייב שטיין.

אַ גרויסער וואָגן האָלץ פאַרפאָרט מיר דעם וועג, אַריינפאָרנ־דיק אין אַ טויער־אַריין.

אויפן הויף איז אַ גרויסער רעסטאָראַן. דער וואָגן האָלץ פאָרט אַריין און, איך ווייס נישט פאַרוואָס, איך שלעפּ זיך אים נאָך.

ער פאַרפאָרט פאַר דער קיך און נעמט אָפּוואַרפן דאָס האָלץ.

איך שטיי און קוק אויף די שווערע, סענקעוואַטע שייטן.

מיין טאַטע ע"ה איז קיין האָלץ־העקער נישט געווען, מיין זיי־דע — דער ווילייקער רב — אויך נישט. און מיין צווייטער זיידע, ר' שימעלע קריידשטיין, דער נגיד פון ביאַלע — אוודאי נישט. בירושה האָבן זיי מיר געגעבן אַ פּנים פון אַן אינטעליגענט, מיט אַ פּאָר איידעלע הענטעלעך און מען האָט מיך אייגגערעדט, אַז בלוי בלוט פליסט אין מיינע אָדערן. און מיט בלויע בלוט קען מען נישט זיין קיין האָלץ־העקער, מען האָט קיין כוח נישט דערצו.

אָבער אַ קוואָרט מילך מוז איך דאָך היינט אַהיים־ברענגען, אַפילו די וועלט זאָל אונטערגיין!

אַ געשטופּלטע שיקסע מיט אַ ווייסן פאַרטוך, געלע האָר און רויטן פּנים, מיט אַ קאָך־לעפל אין דער האַנט קומט־אַרויס און פרעגט מיך:

— בירגער! וואָס קוקט איר דאָ אַזוי?

— אויפן האָלץ. דאָס דאַרף מען דאָך צעהאַקן, ניין?

— און אַז מען דאַרף, איז וואָס?

— ווען איר האָט אַ האַק, וואָלט איך...

— אויף קיין האָלץ־העקער זעט איר מיר נישט אויס... — דיס־קוואַליפיצירט זי מיך באַלד — ניין, בירגער. דאָס איז נישט פאַר אייך. איר זענט דאָך אַן אינטעליגענטער מענטש, אַ צאַרטער... איי־ערע הענט זענען זיכער אַן מוסקולן און אַן מאָזאָליעס...

— אָט דאָס, בירגערין, איז מיין אומגליק! פאַר מיין גאַנצער אינטעליגענץ און צאַרטקייט, קאָן איך קיין קוואָרט מילך פאַר אַ זויג־גנדיקער מוטער נישט באַקומען.

— אַזוי, הייסט עס. מילך פאַר אַ זויגנדיקער מוטער — זאָגט זי מיר נאָך מיט באַדויער.

— איך וויל צעהאַקן דאָס האָלץ.

— ליידער, בירגער. מיר האָבן אַן אייגענעם, שטענדיקן האַלץ־העקער.

— איז אפשר האָט איר פאַר מיר אַן אַנדער אַרבעט? איך מוז מילך קויפן.

— אַן אַנדער אַרבעט? וואַרט־אויס. בריוו שרייבן קענט איר?

— בעסער ווי האַקן האָלץ...

— אָבער נישט קיין פּראָסטע בריוו „איך בין געזונט און איך אַרבעט". איך מיין, איידעלע בריוו, האַרציקע... וואַרעמע... — ווערט זי נאָך רויטער און באַקומט אַ פּאָר סמעטענע־אויגעלעך — אַזעלכע אינטעליגענטע בריוו, מיט שיינע, אויסלענדישע ווערטער... מיט איין וואָרט: ליבעס־בריוו... נו, אַזעלכע, וואָס זאָלן אַ קוועטש־טון ביים האַרץ און אַ צופּ־טון ביי דער נשמה?...

— בירגערין! אויף אַזעלכע בריוו בין איך איין ספּעציאַליסט! מיט מיינע בריוו האָב איך שוין אַ סך חתן־כלה גליקלעך געמאַכט. בלויז איינער האָב איך אומגליקלעך געמאַכט.

— אומגליקלעך? ווער?

— מיין ווייב. זי דאַרף זויגן אַ קינד און האָט נישט קיין ביסל מילך.

— אַזוי? אַ כלי האָט איר?

— יאָ! — ווייז איך איר מיין טעפּעלע, וואָס הענגט תמיד אַן אַ זייט און באַמבלט־זיך מיר פון הינטן.

— גיט עס אַהער און וואַרט דאָ־צו.

אַז די שיקסע איז נאָר אַריין מיט מיין נאַכט־טעפּל אין קיך־אַריין, איז מיר שוין געוואָרן פריילעך אויפן האַרצן. איך בין שוין זיכער געווען, אַז קיין ליידיקס וועט זי עס נישט אַרויסברענגען.

זי האָט זיך נישט־לאַנג געזאַמט און אַרויסגעברענגט צוויי טעפּ־לעך: מיינס — פול מיט געדיכטע הירזש־קאַשע, באַפּעצט מיט בוימל און אירס — מיט מילך!...

— בירגער, די מילך איז געבריטע, הייס, גלייך צום טרינקען. אָבער די כלי וועט איר מיר דאָך אָפּברענגען...

— געוויס! טייבעלע טייערס! אַז איר ווילט אַ משכון, איז...

— ניין, ניין, ניין! איר זענט אַן אינטעליגענטער מענטש. איך געטרוי אייך... אָבער ליידיקט־אויס און קומט באַלד צוריק, וועט איר מיר אָנשרייבן אַ געהעריקן בריוו און איך וועל אייך נאָך עפּעס מיטגעבן...

—אַ דאַנק אייך, מלאכל ליכטיקער!... איך וואָלט אייך אויסגע־

קושט!... און דעם געליבטן דיינעם, מיין איך, אייערן... ווען איך אָנשרייבן אַזאַ בריוו, אַז דער טשאָרט וועט אים נעמען! מיין איך, אַז ער וועט פאַרבראַנט־ווערן פון ליבע צו אייך! אויף ווידערזען, טייבעלע! איך קום באַלד צוריק!...

און איך האָב גענומען שטעלן פיס און לויפן מיט די כלים איי־בער די גאַסן, ווי מען וואָלט מיך נאָכגעיאָגט און געוואָלט עס צוריק נעמען.

איך בין אַריינגעפאַלן אין שטוב אַ פאַרסאָפּעטער און קוים גע־קאָנט רעדן:

— טרינק מילך, לאַלאַ! הייס, געבריט! אפשר פיר ליטער! זופּ, זשליאָקע, אַ דאגה!... עס הירזש און טרינק מילך!

— פון וואַנען? וואָס טוט זיך דאָ?...

— פון הימל!... ליידיק מיר אויס די טעפּלעך און לאָמיר צו־ריק לויפן. איך האָב היינט אַרבעט.

— וואָס פאַר אַן אַרבעט?

— ליטעראַרישע. שרייבן. נישט קיין לידער, פּראָזע.

— ערגעץ אין אַ רעדאַקציע?

— ניין. ערגעץ אין אַ רעסטאָראַן, אין אַ קיך. איך דאַרף שרייבן אַ ליבעס־בריוו מיט אויסלענדישע ווערטער, פאַר אַ געשטופּלטער קעכין.

— משוגענער, וואָס פּלאַפּלסטו?...

— באַליידיק נישט מיין טאַלאַנט און מיין מוזע! ליידיק־אויס די טעפּלעך און לאָמיר לויפן צוריק. טרינק מילך און זויג דאָס קינד! דאָס איז דער עיקר!...

איך כאַפּ די אויסגעליידיקטע טעפּלעך און לויף מיר צוריק צו מיין פאַרליבטער קעכן. זי מאַכט מיר פּלאַץ אויף אַ קאַסטן, אין טונ־קעלן שפּייז־קאַמער און מיר נעמען זיך צו דער אַרבעט.

אַלץ וואָס זי האָט מיר געהאַט צו דיקטירן, איז געווען: „גרישאַ, איך אַרבעט אין אַ רעסטאָראַן און בענק נאָך דיר. קום צופאָרן, וועסט עסן און טרינקען און מיר וועלן צוזאַמען גליקלעך זיין. דיין קלאַוודיאַ".

איך האָב דערפון געמאַכט אַ בריוו אויף פיר זייטן, מיט די שענסטע פראַזן פון „קראַקאָדיל", „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ" און פון מיין פויליש־רוסישן ווערטער־בוך. אַז איך האָב עס קלאַוודיען איבערגעלייענט, האָט זי זיך געווישט די אויגן, געשלוכצט און מיך געכאַפּט קושן:

— נאָכאַמאָל, טייערינקער... — האָט זי געבעטן — ווי גייט עס דאָרטן? יאָ, אַזוי טאַקע האָב איך אים געוואָלט שרייבן, גרישען... לייענט, ליבינקער, לייענט נאָכאַמאָל...

האָב איך איר צוליב־געטון און דעקלאַמירט דעם בריוו מיט עקסטאַז:

„צו מיין טייערן, האַרצנס־געליבטן אָדלער, גרישאַ טיע־שאַבריוכאָוו, צו וועמען מיין בענקענדע נשמה רייסט־זיך, ווי אַ קאַנאַריק פון אַ שטייגל...

וואָס מאַכסטו, אָדלער מיינער?

איך אַרבעט אין גרעסטן טאַשקענטער רעסטאָראַן און איך בין דאָ זייער געשעצט. צענדליקער מענער לויפן מיך נאָך און מאַכן מיר פאָרשלאַגן. אָבער איך געדענק די שבועה, וואָס מיר האָבן זיך געגעבן פאַר מיין אָפּפאָרן, אין אונדזער פערד־שטאַל. דערפאַר טרייב איך זיי מיטן בעזעם פון דער קיך אַרויס. מיין ליבע געהערט נאָר צו דיר, אָדלער מיינער!

גרישאַ, ליבער מיינער, לייג־צו דיין אויער צו אַ טעלע־פאָן־סלופּ, וועסטו הערן ווי מיין האַרץ ברומט פון בענקשאַפט צו דיר. קוק ביינאַכט צום הימל: אַזוי ווי די שטערן, ווינק איך צו דיר און ווי די לבנה ווער איך בלייך פון וואַרטן אין איינזאַמע נעכט. לייג זיך אַ נאַקעטער אויף קראָפּעווע, וועסטו פילן ווי איך ברען פון ליבע און ליידנשאַפט. ווי אַן אויסגע־ברענט ליכטל, אַזוי גיי איך אויס נאָך דיר. קום קיין טאַש־קענט, מיין ליבער. מיר וועלן קריגן אַ צימערל און ווינען און אַרבעטן צוזאַמען. איך וועל דיך קאָרמענען מיט געדיכטע זופּ און פעטע קאַשע, ווי דו האָסט ליב. אויב דו דאַרפסט אויף הוצאות, וועל איך דיר שיקן, נאָר זיי נישט קיין אויסוווּרף און פאַרטרינק נישט דאָס געלט!

קום, גרישאַ, קום וואָס שנעלער, וואָרעם מיין האַרץ ווערט פאַרברענט, ווי די קאָטלעטן אויף דער פּאַטעלניע!"

דאָס וואָרט „קאָטלעטן" איז איר נישט געפעלן געוואָרן און איך האָב עס באַלד פאַרביטן אויף „אָמליעט", וואָס קלינגט פיל אינטעלי־גענטער און זי איז געוואָרן באַגייסטערט. איך האָב געכאַפּט אַ קוש און ווייטער געלייענט:

„אויף ווידערזען, גרישאַ! עס קושט דיך פלאַמיק דיין פיי־ערדיק־ליבנדיקע קלאַוודיאַ, וועלכע איז דיר געטריי און איי־בערגעגעבן, אַזוי ווי צו די באַשלוסן פון אויבערשטן סאָוויעט,

דער פּאַרטיי, דער אַרמיי, דעם צע־קאַ, דעם קרעמעל און דעם געניאַלן חבר, פירער און לערער, דעם פאָטער פון די פעלקער, דעם נביאישן, טייערן יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין!"

קלאַוודיאַ האָט גערופן אַלע אירע חברטעס און איך האָב פאַר יעדער איינער אָבער און ווידער געמוזט לייענען דעם בריוו. אַלע האָבן זיך געווישט די אויגן און זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן גאָר־נישט געוווסט, ווי שטאַרק זייער קלאַוודיאַ איז ראָמאַנטיש.

און מיך האָבן זיי געלויבט:

— אָט אַ טאַלאַנט! פּושקין וואָלט אַזוי נישט געשריבן!

און אַלע האָבן מיך אָנגעהויבן בעטן, איך זאָל אויך פאַר זיי בריוו שרייבן.

— פּאַזשאַלויסטאַ! מיין גאַנצן טאַלאַנט וועל איך אַריינלייגן! אַבי שפּייז פאַר דער משפחה. דיקטירט, ליבינקע, גיסט־אויס פאַר מיר אייערע פולע הערצעלעך און איך וועל שוין מאַכן אַזוי, אַז זיי זאָלן ליגן ביי אייערע פיס, די סוואָלאָטשעס! ענטשולדיקט, איך מיין, די אָדלערלעך אייערע...

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָב איך געאַרבעט. געשריבן פאַר די דינסטן, פאַר די קעכינס, פאַר די ראָמערינס און פאַר די קעלנערינס. מען האָט מיר אָנגעפילט אַ זאַק קאַרטאָפל און אַן עמער מיט געקאָכטע רייז, פעט־געשמאַלצן, מיט שטיקלעך שעפּסן־פלייש. אין אַלע קע־שענעס האָט מען מיר געשטאָפּט טרוקענע פּראָדוקטן: צוקער, טיי, קאַקאַאָ, קאַשע און ווייסן מעל.

איך אַליין האָב געהאַלטן אין איין עסן ביים שרייבן. איין טע־לער נאָכן אַנדערן האָט מען מיר אונטערגערוקט. דאָס איז געווען דער אויסדרוק פון זייער אָנערקענונג.

איך האָב זיך געהאַלטן ווירדיק, ווי פאַר אַ טאַלאַנט פּאַסט: גע־קנייטשט דעם שטערן, געזשמורעט די אויגן, געריכערט זייערע סי־גאַרעטן און געסקריפּעט מיט דער פעדער.

מיין פּאָפּולאַריטעט איז געוואַקסן פון שעה, צו שעה. איך בין געגאַנגען אַלץ העכער און העכער: געשריבן ליבעס־בריוו פאַר דער קאַסירשע, פאַר דער בוכהאַלטערשע און אַפילו פאַר דער סאַמע־גלאַוו־נער לייטערין. זי האָט מיך שוין אַריינגענומען אין איר ביוראָ־צי־מער, אַוועקגעזעצט ביים שרייב־טיש און אָנגעזאָגט ביי דער טיר, קיינעם נישט אַריינצולאָזן. זי האָט אַ וויכטיקע באַראַטונג.

גערופן האָבן מיך אַלע „טאָוואַרישטש פיסאַטיעל". חבר שריפט־שטעלער, הייסט עס.

— דער טאָוואַרישטש פיסאַטיעל וועט עפּעס עסן...

— דער טאָוואַרישטש פּיסאַטיעל איז זייער אַ נשמהדיקער מענטש, מיט אַ סך געפילן...

שפּעט ביינאַכט האָט מען מיך אַרויסגעלאָזן דורך אַ הינטער־טיר, אַ באַלאָדענעם מיט אַ זאַק אויף דער פּלייצע און אַ פולן עמער אויפן בויך אָנגעהאָנגען. דער בוזעם און אַלע קעשענעס זענען גע־ווען אָנגעשוואָלן. אין בײדע הענט האָב איך געטראָגן צוויי פולע נאַכט־טעפּלעך מיט מילך און מיט גוליאַזש.

איך בין געלאָפן און געסאָפּעט און מורא געהאַט, אַז מען וועט מיך נאָכיאָגן. איך האָב זיך געשלייכט ביי די ווענט און ערשט לייכ־טער אָפּגעאָטעמט אויף מיין גאַס. דאָ האָב איך זיך שטאָלץ אויסגע־גלייכט, פאַריסן דעם קאָפּ צו דער לבנה און איר געוויזן די צוויי פולע נאַכט־טעפּעלעך:

— זעסט, וואָס איך טראָג? פּרעמיעס זענען דאָס! נאָבעל־פּרעמ־יעס פאַר ליטעראַרישע מייסטער־ווערק...

און איך האָב פעסט באַשלאָסן: פון היינט־אָן וואַרף איך אַוועק די פּאָעזיע און איך נעם זיך צו פּראָזע!

פּאָעזיע איז גוט פאַר אַ בחור, וועלכער וויל אַ טרונק בראָנפן, אָבער נישט פאַר קיין טאַטן, וועלכער דאַרף מילך פאַר ווייב און קינד!

יאָ, יענע ליבעס־בריוו זענען געווען מיינע ערשטע, אַמבעסטן באַצאָלטע, אַמבעסטן אָפּגעשאַצטע און אַמבעסטן־פּרעמירטע ראָ־מאַנען...

עשאַלאָנען

אַ „מאַנגאַלקע", ווייסט איר וואָס דאָס איז? ניין? — וועל איך אייך זאָגן: דאָס איז דער פּאָפּולערסטער קאָך־אויוון אין אַלע „סטאַ־נען" פון גאַנץ מיטל־אַזיע.

דעם אויוון מאַכט מען אַליין, פון אַן אַלטן, צעבראָכענעם עמער, אָן אַ דנאָ. אויב דער עמער האָט נאָך אַ לאָך ערגעץ אונטן, אין אַ זייט, איז נאָך בעסער. אַנישט מוז מען ערשט מאַכן אַזאַ לאָך, כדי עס זאָל זיין אַ דורכצוג.

אינוויייניק קלעבט מען אַרום דיק מיט ליים און דאָס איז אַלץ. אַזאַ „מאַנגאַלקע" ווערט באַהייצט מיט האָלץ, מיט קוילן, מי „קר־זיקעס" און מיט אַלץ, וואָס עס ברענט. און קאָכן, קאָכט מען דערויף אַלץ וואָס מען וויל.

אָבער איך און לאַלע קאָכן איצט נישט, נאָר מיר באַקן. מיר באַקן פלעצל, מצות, וואָרעם עס איז ביי אונדז איצט ערב יציאת־מצרים.

עס גלויבט זיך נישט, אָבער עס איז אַ פאַקט: מאָרגן גייען מיר אַרויס מעבדות לחרות. מאָרגן פאַרטאָג פאָרן מיר אַרויס צו דער טאַוואַרנער סטאַנציע, ווו עס וועלן אונדז צוגעשטעלט־ווערן עשאַ־לאָנען, וועלכע וועלן אונדז צוריקפירן אַהין, פון וואַנען מיר זענען געקומען...

„רעפאַטריאַציע" הייסט עס. מיר קערן זיך־אום צוריק אין אונ־דזער „פאַטערלאַנד"...

איך האָב נישט מיט־זיך קיין חומש, קיין „הגדה של פסח" און איך געדענק נישט אויסנווייניק, ווי עס איז דאָרטן געווען: צי זע־נען טאַקע אַלע יידן אַרויס פון מצרים? אָדער עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך שטאַרק געישובט, צי זיי זאָלן אַנטלויפן אין מדבר? און אַזעלכע, וועלכע זענען דאָרט טאַקע געבליבן?

וואָרעם ווי שייך, האָט זיך דאָרט קיינער נישט פאַרליבט אין קיין מצריש שיקסל? האָט זיך דען קיינער דאָרט נישט אַרויפגעאַר־בעט אויף אַ לייטישער שטעלע? און דער עיקר: האָט דען טאַקע קיין שום ייד נישט אָנערקענט די עגיפּטישע ווירקלעכקייט און דעם גרויסן פרעהן, — אַלס דעם געניאַלן פירער און פאָטער פון די פעלקער? —

דאָ, אין טאַשקענט, גייען דאָך הייַנט אַרום הונדערטער פליטים אָן קעפּ: יאָ פאָרן? — נישט פאָרן? נישט פאָרן? — יאָ פאָרן?

און אַז הונדערטער זענען גרייט צו בלייבן אין טאַשקענט, איז זויפל וועלן עס בלייבן אין גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד?

אייראָפּע איז חרוב — טענהן זיי — ווהין וועט מען זיך עס ווידער בעמען אַרומשלעפּן איבער דער וועלט? ווו וועט מען אונדז אַריינלאָזן און מיט וואָס וועט מען אָנהויבן אַ לעבן אויפסניי? מיר זענען שוין מיד פון וואַנדערן. און דאָ איז אַ לאַנד, ווו מען האָט גאָר־נישט און מען דאַרף גאָרנישט. וועט מען שוין צושטופּן די פאָר יאָר. מען האָט שוין סאָוויעטישע ווייבער, סאָוויעטישע קינדער און סאָ־וויעטישע שטעלעס. און סטאַלין איז אַ פאָטער און הוררראַאַאַאַ!

דערפאַר, זעט איר, אַן ערב־רב האָבן מיר אַ גרויסן. יעדער פֿאַ־לאַק האָט דאָס רעכט מיטצונעמען־זיך זיין סאָוויעטיש ווייב מיט קינדערלעך און אַפילו דעם ווייבס נאָענטסטע משפחה. נו, שלעפּן פּוילישע פּליטים מיט־זיך נקבות פֿון אַלע פֿעלקער, פֿון אַלע ראַסן, פֿון אַלע קאָלירן: אוזבעטשקעס, טורקמענקעס, קאַזאַטשקעס, טאָ־טאַרקעס, קאַלמיטשקעס, אוקראַינקעס, כינעזערינס, ציגיינערינס און רוסישע פּרויען.

די לעצטע נאַכט פֿאַר יציאת־מצרים... ווי וואונדערלעך, ווי וואונ־דערלעך דאָס איז!...

— בן־עמילע, צי באַנעמסטו עס? דו ביזט דאָך שוין אַ בחורעץ פֿון אַכט חדשים, קיין עין־הרע! צי פֿאַרשטייסטו, וואָס דאָס באַדייט?.. לאַלאַ, רעד דו מיט אים, גיב אים צו פֿאַרשטיין...

אונדזערע מאָגערע רוקזעקלעך שטייען שוין געפּאַקט, איינער — מיט ווינדעלעך און דער צווייטער מיט מצהלעך, סוכאַרעס — צידה לדרך.

אַלץ איז שוין אָפּגעטון־געוואָרן און איצט, ווער איך משוגע פֿון ליידיקגיין, פֿון אומגעדולד, פֿון פֿרייד. איך קאָן נישט איינזיצן, אָדער איינליגן, — מאַך איך קאָזשעלקעס, שטעל זיך אויפֿן קאָפּ, קייקל־זיך איבער דער פּאָדלאָגע, און שליידער די האָטעל־קישנס אינדער־לופֿטן!...

— הוררראַאַאַ!!!...

און לאַלאַ, פֿאַרשטייט־זיך, לאַכט און מוסרט מיך:

— אַ טאַטע פֿון אַ קינד מאַכט זיך נאַריש!...

***

פֿאַרטאָג האָבן מיר זיך געזעגנט מיט דער האָטעל־דינערשאַפֿט און זיך געלאָזן צופֿוס צו דער „טאָוואַרנער סטאַנציע".

די שטאָט איז נאָך געשלאָפֿן. פֿאַר דער באָד איז געשלאָפֿן אַן אָטשערעד פֿון אַרום צוויי הונדערט מאַן. פֿאַרן ברויט־מאַגאַזין איז געשלאָפֿן אַן אָטשערעד פֿון אַ פֿיר הונדערט מאַן. און קלענערע אָטשערעדן זענען געשלאָפֿן פֿאַר די געשלאָסענע טירן פֿון צענדלי־קער אַנדערע קראָמען.

נישט געשלאָפֿן זענען נאָר די קינדער פֿון אברהם, יצחק און יעקב. פֿון אַלע גאַסן און געסלעך זענען זיי געגאַנגען מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס, מיט קינדער אויף די הענט.

אַנדערע האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך די איבערגעלאָדענע, סקריי־

פענדיקע „אַרבאַ"ס, — אייזעלעך מיט הויכע, צוויי־רעדערדיקע לאַסט־וועגעלעך.

אַלץ האָט געצויגן אין דער ריכטונג צו דער „טאָוואַרנער סטאַנציע".

און ביי דער „טאָוואַרנער סטאַנציע" האָט עס שוין אויסגעזען, ווי ביים ברעג פון ים־סוף, איידער ער האָט זיך געשפּאָלטן. לענגאויס און אויף אַ מרחק אינדערברייט ביי די אייזנבאַן־שינעס האָט די מחנה געהויערט.

קיין געצעלטן האָט מען דאָ נישט געשלאָגן, אָבער שייטערן האָט מען שוין אָנגעצונדן דאָ־און־דאָרט און מען בריט שוין מילך און מען קאָכט שוין טיי און מאַנע־קאַשקעס פאַר קליינע קינדער.

אַנדערע שטעלן גרויסע סאַמאָוואַרן און זענען פריינטלעך מכבד אַ קווערטל „קיפּיאַטאָק". אַנדערע האָבן זיך מיטגענומען זייערע „מאַנגאַלקעס" און זיי זענען אַזוי פריינטלעך, אַז זיי לאָזן אַ שכנה אויך עפּעס אָנוואַרעמען.

יעדער זוכט זיך־אָפּ זייניקע און די מחנה טיילט־זיך־איין אין באַזונדערע שבטים: שבט־וואַרשע, שבט־לאָדזש, שבט־ליטוואַקעס, שבט־גאַליציאַנער, שבט־קאָנגרעסוווקע און שבט־קרעסן.

און דער ערב־רב האַלט־זיך אויך באַזונדער, מיט אַ באַזונדערער נישט־זיכערקייט, מיט אַ באַזונדערער נערוועזיטעט...

קיינער ווייסט נאָך נישט, ווען מען וועט אָנהויבן די וואַגאָנען צושטעלן און פאָרמירן דעם ערשטן עשאַלאָן. מען ווייסט נישט, צי עס וועט זיין אַ קאָנטראָל און וואָס פאַר אַ קאָנטראָל. צי וועט מען בלויז לעגיטימירן, אָדער מען וועט אויך רעווידירן דאָס געפּעק. און דער עיקר: קיינער איז נאָך נישט פולשטענדיק־זיכער, צי די רע־פּאַטריאַנטן־עשאַלאָנען, וואָס וועלן אָפּגיין פון טאַשקענט, וועלן זיך טאַקע פאַרנעמען אויף מערב...

איינס איז יאָ זיכער: דאָס איז דער איינציקער און לעצטער שאַנס און מען איז דעצידירט צו ריזיקירן?

דערווייל זאַמלט מען זיך אין גרופּקעלעך און מען שמועסט פּאָליטיק. דאָס הייסט: אַז איינער שרייט העכער פון אַנדערן, לויבנדיק דעם ראַטנפאַרבאַנד. די הונדערטער געהיים־אַגענטן וועלכע דרייען זיך דאָ אַרום, זאָלן עס הערן און וויסן, אַז בלויז פריינט פון דעם ראַטנפאַרבאַנד פאָרן עס דאָ אַוועק, מיט די בעסטע דערינערונגען און מיט די פריינטלעכסטע ווונטשן.

אַנדערע, ווי שלעכטע אַקטיאָרן, פֿאַרקרימען אַפילו סענטימענ־טאַל די פּנימער און דעקלאַמירן מיט פֿאַלשע טענער:

— איך וועל בענקען! איר הערט? ווען נישט די משפּחה, וואָלט איך נישט אַוועקגעפֿאָרן! אָבער איך וועל אייביק בענקען צוריק אַהער!

— אוודאי! אַ שיין לעבן! אַ פֿריי לעבן! אַ יושרדיק לעבן!

נאָר איינער, אַ סוחר, מאַכט קאַליע דאָס גאַנצע עסק. ער גיט אַ וואָרף־אַריין אַ פּאָר ווערטער, פֿון וועלכע אַלע מוזן לאַכן:

— ני, יאָ! פֿאַר די עטלעכע יאָר, וואָס יאַך האָב דו געלעבט, האָב יאַך אויסגעריט דעם קאָפּ פֿין די זאָרגן מיט וועקסעלעך, מיט זשירעלעך, מיט פּראָטעסטעלעך, מיט שיקן ס׳וואַאַב אין קור־אָרט, מאַכן דער טאָכטער אַ פּיטער און לערנען קינדער קלאַוויר... יאַך האָב דו געלעבט פּראַאַ, ווי אַ פֿויגל אין אַ קליאַטקע. יאַך בין פֿין אַלץ געוועיזן פּראַאַ, פֿון אַלץ באַפּראַאַט... צזענט געראַכט: יאַך וועל זייער בענקען!... — און ער ווישט זיך זיינע ממזרישע אויגן...

פֿון דערווייטנס דערזע איך פּייוועלע פּישטשוצקין. ער שמייעט דאָ אַרום מיט זיין פּוטליאַר פֿון פּאַטאַ־אַפּאַראַט, ווי אַ פּראָווינצער קאָרעספּאָנדענטל — אויף אַ היימישער שמחה. מיט אים שמייען־מיט נאָך אַ צוויי פֿאַרדעכטיקע פֿאַרשוינען מיט זוכנדיקע בליקן.

וועמען זוכן זיי עס? אפשר מיך? — גיט מיר אַ זעץ אין האַרצן.

כאַטש מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָב איך אים, צופֿעליק, גע־טראָפֿן אין גאַס. ער האָט מיך אָפּגעשטעלט און זיך ענטשולדיקט פֿאַר זיין דאַמאַלסטיקער „אומטאַקטישקייט״:

— יאַ אָטשען איזוויניאַיוס! איך האָב דאַן צופֿיל ביר געטרונ־קען. פּראַסטי מיעניאַ. איך זאָל אַזוי דערלעבן פּטור צו ווערן די גאַנ־צע סאָוויעטסקע וולאַסט, ווי איך האָב צו דיר גאָרנישט. ניע סערדיס, דרוזשאָק! קום, לאָמיר אויסטרינקען און בלייבן פֿריינט.

האָב איך אים פֿאַרזיכערט, אַז איך האָב שוין אין דער געשיכטע לאַנג פֿאַרגעסן און אַז איך געדענק נאָר זיינע שיינע לידער... זיי ליגן מיר נאָך אין טעם... נאָר וואָס דען? זינט איך בין געוואָרן אַ טאַטע, בין איך אַ פֿאַרנומענער מענטש און האָב אַ פֿולן קאָפּ מיט זאָרגן. אָט, איצט, צום ביישפּיל, בין איך זייער פֿאַרנומען און מוז זיך איילן...

ביי דעם אַלעמען, איז ער דאַן שטיין געבליבן מיט אַ לאַנגער נאָז און בייזע אויגעלעך. און וויסן דאַרפֿט איר, אַז ווען אַ פּייוועלע פּישטשוצקי ווערט בייז, נעמען מיניען אַזעלכע פֿייערלעך און בליי־צעלעך אין זיינע אויגן, וואָס מאַכן שוידערן אייער לייב.

איז צו וועמען איז ער עס איצט געקומען? זאָל זיין, אַז ער וויל זיך מיט מיר געזעגענען? —

ניין! איך האָב מורא, אַז זיין „האַרציקער״ „פאַר געזונטער־היידט״ קען מיר נאָך אויספאַלן באַקיעם! —

באַהאַלט איך זיך אונטער די פּלייצעס פון אַ פּאָליטיקירנדיק גע־זעמל, אַז ער זאָל מיך נישט באַמערקן און נישט צוקומען צו מיר.

וואָרעם איך בין זייער סענטימענטאַל. ביים געזעגענען־זיך מיט אַזאַ פריינט, קען איך זיך נאָך צעוויינען...

*

אונדזער עשאַלאָן באַשטייט פון אַ פּאָר און זעכציק „טיעפּ־ליושקעס״ (פאַרמאַכטע טראַנספּאָרט־וואַגאָנען) און ער שניידט די מרחקים מיט דער שנעלקייט פון אַן עקספּרעס־צוג.

אויפן דריטן מעת־לעת, האָבן מיר זיך שוין אָריענטירט, אַז מיר פאָרן טאַקע אויף מערב. און כאָטש מיר זענען נאָך גאַנץ ווייט פון דער סאָוויעטיש־פּוילישער גרענעץ, איז שוין די שטימונג גע־וואָרן אַ געהויבענע...

פון אַלע וואַגאָנען טראָגט־זיך געזאַנג און אויך ביי אונדז זינגט מען:

בודטיע זדאַראָווי,
זשיוויטיע באָגאַטאָ,
אַ מי אויעזשאַיעם
דאָ דאָמו, דאָ כאַטי...
(געזונט און פאַרמעגלעך
בלייבט אונדז דאָ איבער.
און מיר קערן אום זיך
אַהיים, צו די שטיבער...)

נאָר איינער, אַ נערוועזער יונגערמאַן, האַלט אין איין נאָכקרימען און וואָרענען:

— „דאָ דאָמו, דאָ כאַטי״! וואַרט, איר זענט נאָך נישט איבער דער גרענעץ!

— וואָס האָט איר אַזוי מורא פאַר דער גרענעץ, וואָס האָט איר? — רופט זיך־אָן אַ דיקע, צעוורענע פרוי — אַז מען עסט נישט קיין קנאָבל, שטינקט נישט פון מויל!...

— אפשר האָט איר דאָ געהאַט מאַרצעפּאַנעס?... — ענטפערט דער יונגערמאַן — ווייטער, ווער האָט דאָ דען נישט געגעסן קיין

קנאָבל ?... אַז מען זאָל צוגיין נאָנט צו אייך און צו אייערע וואַליז־קעלעך, וועט מען מסתמא אויך עפּעס דערפילן...

— הערט־אויף צו דברן ! זינגט בעסער !... — בעט זיך אַ פריילן.

— אַזוי פריילעך איז אייך ? — דערווידערט דער נערוועזער יונגערמאַן — וווהין פאָרט איר, פריילן ? וועמען האָט איר אין פּוילן ? טאַטעליו־מאַמעליו וועלן אייך דאָרטן דערוואַרטן ?

— יונגערמאַן ! איר האָט געמוזט האַנדלען מיט פעפער... איר ווילט נישט זינגען ? טאָ זעצט־זיך זאָגן תהילים...

דריי טעג האָט דער איינער נערוועזער יונגערמאַן פּאַראומערט די געמיטער פון אַלע איבעריקע ניין־און־צוואַנציק מאַן אין וואַגאָן. מען האָט נישט געטאָרט רעדן צו־הויך, לאַכן צו־פריי, זינגען און וויצלען־זיך. אויפן פערטן טאָג איז געוואָרן אַ בונט און אַלע האָבן זיך אַזוי אַ נעם־געטון צו אים, אַז ער האָט זיך פאַרוקט ערגעץ אין אַ ווינקל און מען האָט אים שוין מער נישט אַרויסגעזען. מען האָט שוין געלאַכט און געזונגען און דער וואַגאָן איז געגאַנגען אויף רעדלעך...

אויף דער דריטער וואָך האָט מען אויפגעהערט לאַכן און אויפ־געהערט זינגען. מיר זענען אַריינגעפאָרן אין די געביטן, וווּ מיט אַ קורצער צייט צוריק זענען פאָרגעקומען די פאַרביטערטע שלאַכטן. מיר האָבן דערזען פאַרברענטע דערפער, חרובע שטעט, צעריסענע בריקן און צעשמעטערטע מאַשינען. ביז איצט, האָט מען וועגן דעם נאָר געהערט, נאָר געלייענט און אָט שטאַרצן די גרויליקע חורבות פאַר אונדזערע אויגן. מיר זענען אַנטשטומט־געוואָרן און אַ מחשבה האָט גענומען עקבערן די געהירן : אויב דאָ, אין טיפן רוסלאַנד, איז אַזאַ חורבן, היינט ווי זעט עס שוין אויס אין אונדזערע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן — — — —.

און דווקא דאָ האָט זיך ווידער באַוויזן דער נערוועזער יונגער־מאַן, אַן אויפגעלעבטער, אַ באַרעדעוודיקער, אַ גאַליק־פראָוואָצירנ־דיקער :

— נו, לאַכט ! זינגט ! פריידט־זיך !... וואָרט־וואָרט, דאָס איז נאָך גאָרנישט !... איר וועט אָנקוקן וואַרשע־לאָדזש !...

און קיינער האָט אים מער נישט געענטפערט.

ביסלעכווייז האָט מען זיך צוגעוווינט צו אָט די בילדער, ווי צו אַ געוויינלעכער, נאַטירלעכער דערשיינונג, וועלכע מאַכט מער קיין באַזונדערן איינדרוק נישט. מען האָט ווידער געשפּילט אין קאָרטן, געלאַכט און געזונגען.

וואָס שייך מיר, האָב איך דאָ געמאַכט אַ קאַריערע: איך בין דער קאָמענדאַנט פון אונדזער וואַגאָן.

יעדער וואַגאָן האָט אַזאַ הויך־געשטעלטע פּערזענלעכקייט, ווי איך. דרייאונצוואַנציק פּערזענלעכקייטן זענען מיר, אויסער דעם עשאַ־לאָן־קאָמענדאַנט, דעם דאָקטער און די פּאָר קראַנקנשוועסטער, וועל־כע געפינען זיך אין סאַניטאַר־וואַגאָן.

די אויפגאַבן פון אַ וואַגאָן־קאָמענדאַנט זענען: זאָרגן וועגן דער ריינקייט, וועגן דיסציפּלין, ברענגען און צעטיילן די ברויט־פּאַרציעס יעדן אינדערפרי, מעלדן דעם דאָקטער וועגן קראַנקהייטס־און אומ־גליקס־פאַלן און אָנמאַכן זיך שונאים.

האָב איך זיך טאַקע באַלד אויפן אַנדערן טאָג דערפילט ווי אַ פּאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון אַ ליטעראַטן־פאַראיין.

אויסער דעם, האָב איך געהאַט פּערזענלעכע פליכטן, טאַטע־פליכטן. איך האָב מיר געהאַט מיטגענומען מילך־פּולווער און מאַננע־קאַשע און איצט, ווי נאָר דער צוג שטעלט זיך־אָפּ, לויף איך כאַפּן אַ ביסל וואַסער, צונויפקלויבן אַ ביסל שפּענער און אויף שנעל אָפּקאָכן אַ מאַננע־קאַשקע פאַר מיין זון.

די שפּענער קנאַקן, רויכערן, סאַדזען און דער ווינט יאָגט מיר אַלץ אין טעפּעלע־אַריין. ווען די קאַשקע איז אָפּגעקאָכט, איז זי גרוי, אָדער שוואַרץ. עס איז שטויביק און פאַרויכערט, אָבער בע־סער ווי גאָרנישט. עס איז נאָך אַ נס, וואָס בן־עמילע האָט נאָך גע־בוג צייט צו ווערן אַן עסטעט, אַ מפונק און איבערקלייבער.

ער עסט מיט אַפּעטיט די מילכיקע מאַננע־קאַשקע און באַקומט שוואַרצע ליפּעלעך.

לאָלאַ האָט זיך אירע אויפגאַבן: ווען דער צוג שטעלט זיך־אָפּ, לויפט זי מיט בן־עמילעס טעפּעלע צום לאָקאָמאָטיוו, וואָס זעצט מיט פּאַרע און טריפט מיט הייסע וואַסער. אין דעם הייסן לאָקאָמאָטיוו־וואַסער באָדט זי דאָס קינד און וואַשט די ווינדעלעך. זי איז ממש געוואָרן אַ מייסטערין אין דעם פאַך. אַלע זינגערינס פון דער גאַנצער וועלט מעגן אַהערקומען, זיך פון איר לערנען.

און נאָך אַ זאַך וואָלטן זיי זיך געמעגט פון איר לערנען: טון עטלעכע מלאכות מיטאַמאָל. אדרבא, פּרוווט איר האַלטן מיט איין האַנט אַ קינד און קאָרמענען עס, מיט דער צווייטער האַנט שפּילן אין קאָרטן און דערביי — זינגען, דערציילן אַנעקדאָטן און לאַכן...

אָבער זייט מיר מוחל, ליבע פריינט, וואָס איך וועל אייך נישט שילדערן די גאַנצע עשאַלאָן־רייזע און אַלע מיטרייזנדע אין אונדזער

וואַגאָן. איך האָב עס שוין געטון אין מיין בוך „מאַטילדאַ לעבט". איז טוט מיר אַ טובה: לייענט דאָס בוך און פאַרשפּאָרט מיך איבער־צוחזרן נאָכאַמאָל די זעלבע געשיכטע.

מיר זענען דאָך שוין היימישע מענטשן, ניין?

***

איז וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן? — יאָ: איר זענט דאָך קלוגע, דערפאַרענע מענטשן. העלפט־זשע מיר, זיך פאַרנאַנדער־קלייבן אין אַן אויסטערלישער שטימונג. העלפט מיר פאַרשטיין דעם מין מענטש און זיך אַליין. וואָס טוט זיך דאָ מיט אונדז? —

אָט ווערט דאָך פאַרווירקלעכט דאָס, וועגן וואָס מיר האָבן קוים געוואַגט צו חלומען: נאָך זיבן יאָר פאַרוואָגלטקייט, זיצן מיר דאָך אין עשאַלאָן־וואַגאָנען און מיר פאָרן דאָך צוריק אַ היים... איך האָב זיך דאָך מיטגענומען חלשות־טראָפּנס צו מינטערן זיך און אַנדערע, מיינענדיק, אַז מיר וועלן נישט אַריבערטראָגן די גרויסע פרייד. אַז מענטשן וועלן פון זינען אַראָפּ, אַז הערצער וועלן פּלאַצן פון דעם ראַפּטומדיקן, צו גרויסן גליק. דאָס איז דאָך די וווּנדערלעכסטע רייזע פון גיהנום־אַרויס, צו אַ פרייער וועלט, צו אַ ווירדיק־מענטשלעך לעבן!

צום סוף באַנעמען מיר קיינער נישט די וווּנדערלעכע געשע־עניש. מיר וויסן, און עס דערגייט דאָך נישט צום זעניט פון אונ־דזער באַוווסטזיין. ניין, עס איז אַפילו נישט קיין היינו כחולמים. עס איז פּשוט און פּראָסט: מיר וואַלגערן־זיך, ווי בעת אַלע רייזעס איבערן ראַטנפאַרבאַנד. ערגער: מיר ליגן ווי שטומע ציינגער — אין פּי־וואַגאָנען און מאַכן־דורך אַ בהמהשע רייזע צו אומבאַוווסטע פּאַ־שע־פעלדער. מיר פאָרן שוין די זעקסטע וואָך און עס איז לאַנג־ווייליק און נודנע. די טעגלעכע זאָרגן זענען בלויז וואַסער און ברויט און, ווען דער צוג בלייבט שטיין אין אַ פעלד, — לויפן טון פאַרשיידענע באַדערפענישן.

אפשר איז דאָ שולדיק דער נערוועזער יונגערמאַן, וועלכער האָט אין אונדז אַזויפיל גיפט אַריינגעגאָסן און די פרייד פאַרסמט?

אָבער גערעכט איז ער דאָך פאָרט. קיין קרובים וועלן אונדז אין פּוילן נישט דערוואַרטן. מיר קומען אויף חורבות און אויפן גנאָד פון די פּוילישע פּאָגראָמשטשיקעס. און וווּהין וועלן מיר ווייטער וואָגלען? ווו וועט מען זיך קערן און ווענדן? — — — —

זייט מיר מוחל די טרער. איך בין נישט שולדיק. עמיץ האָט זיך

באַזעצט אין מיין געמיט, מיט אַ כליפּנדיק פידעלע, און ער ציט דאָרט דעם סמיטשיק דווקא אויף דער דינסטער סטרונע.

זיבן יאָר פאַרשפּילט. זיבן יאָר אין גיהנום זיך געלייטערט. און איצט דאַכט־זיך מיר, אַז די זיבן מאָגערע האָבן איינגעשלונגען די אַכט־און־צוואַנציק אויך נישט צו־פעטע..

אויף דער זעקסטער וואָך פון אונדזער נסיעה, איז דער עשאַלאָן שטיין־געבליבן ביי דער סאַמע גרענעץ. און דאָ האָבן מיר יאָ באַקו־מען פיבער... אָבער דאָס איז גיכער געווען פון פחד, ווי פון פרייד. עס איז אַפילו געווען עטוואָס מער, ווי די געוויינלעכע שרעק פאַר רעווי־זיעס, ענקאַוועדע און פאָגראַניטשניקעס (גרענעץ־פּאָליציי). נאָר אָפּ־געקומען זענען מיר מיט שרעק און מיט סיורפּריזן:

די זעלבע מונדירן, די זעלבע היטעלעך... די זעלבע פּאָגיע־נעזער און שפּיציקע אַגענטן־אויגעלעך... נאָר — מיט אַן אומגלויבלעכער העפלעכקייט! מיט אַן אייראָפּעאישער דזשענטלמענישקייט, מיט אַ פריינטלעכקייט אַפילו!...

— ווי פילט איר זיך?... ווי איז אייך אין דער רייזע געגאַנגען?...

און ווו מיר קאָנטראָל? און וואָס מיר רעוויזיע? — זיי האָבן זיך בלויז אָפּגעריסן אַ העלפט פון אונדזערע רוסיש־פּוילישע רע־פּאַטריאַנטן־קאַרטן, ווי טעאַטער־קאָנטראָלערן רייסן־אָפּ די „קאָנ־טראָלקעס" פון די בילעטן, אַן אויבנאויפיקן טאָפּ־געטון אַ פּעקל, גע־לאַכט און אָנגעווונטשן:

— פאָרט געזונטערהייד. דערמאָנט נישט צום שלעכטן...

און אין אָט אַזאַ מינוט, זענען טאַקע אַלע גרייט געווען מוחל צו זיין און נישט דערמאָנען קיינמאָל צום שלעכטן.

דער צוג האָט גערירט און טרערן זענען געקומען אין אַלעמענס אויגן. טרערן פון לאַנג־יעריקע אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו דער תפיסה. טרערן פון קנעכט, וועלכע ווייסן שוין נישט, צי עס לוינט זיך גאָר איינגאַנצן אַרויסצוגיין צו פרייהייט און צי זיי וועלן גאָר קענען פאַרדייען פרייהייט. אפשר שוין געדאַרפט זיך לאָזן בויערן דעם אויער און צושטיין די איבעריקע עטלעכע יאָר אין אַטשערעד.

אָבער איידער וואָס־ווען, זענען מיר שוין אויף דער פּוילישער טעריטאָריע. די אויגן זענען שוין טרוקן, נייגעריק און דורשטיק.

פּוילן... ווי זעט זי אויס, די פּוילישע ערד, וואָס מיר האָבן זיבן יאָר נישט געזען?... די געשענדעטע, די פאַרפּייניקטע, די איבער־זעטיקטע מיט יידיש בלוט.

— אָ, שטיפמוטעריש געבורטלאַנד אונדזערס! — — — — —

יאָ, טרעפט ווּעמען איך האָב דאָ באַגעגנט, אויפן ערשטן פּוילישן וואָקזאַל!... — דעם פאָטער פון די פעלקער, מיר זאָלן אַזוי געזונט זיין!...

סטאַלינען האָב איך דאָ דערזען, ווי ער שטייט און לאַכט אין די וואָנצעס אַריין!...

און אויף אַלע ווייטערדיקע פּוילישע וואָקזאַלן איז ער אונדז אַנטקעגנגעקומען צוזאַמען מיט לענינען און ביידע האָבן זיי מיטגע־שלעפּט לאַנגע טראַנספּאַרענטן מיט אַלט־באַקאַנטע לאָזונגען, מיט רוסישע חכמות אויף דער פּוילישער שפּראַך...

און דער „אָז ישיר משה ובני ישראל" איז פאַרגליווערט־גע־וואָרן אויף מיינע ליפּן. און אויפן האַרצן איז מיר געוואָרן עטוואָס מער ווי קאַלעמוטנע.

טשענסטאָכאָוו וויל מיך לינטשן

אויף דער גרענעץ בין איך אויטאָמאַטיש געוואָרן אויס וואַגאָן־קאָמענדאַנט. דאָרט האָט די ראַטנמאַכט אויפגעהערט צו טיילן אונדז די טעגלעכע ברויט־נאָרמעס און די פּוילישע מאַכט האָט עס נישט אָנגעהויבן.

ווער עס האָט נישט מיטגענומען קיין צידה־לדרך פון טאַשקענט, אָדער האָט נישט קיין געלט, זיך דאָ צו פאַרזאָרגן, דער הונגערט־אונטער גאַנץ בכבודיק.

באַזונדערס ליידן די קראַנקע, שוואַנגערע, זויגנדיקע מוטערס און קליינע קינדער. זיי ליגן פאַרשמאַכטע און לעכצן נאָך אַ ביסל וואַרעמס, נאָך אַ ביסל געקעכטס.

אויף דער באַן־סטאַציע טשענסטאָכאָוו האָט מען אונדז צו וויסן געגעבן, אַז אונדזער עשאַלאָן וועט דאָ שטיין אַ פיר שעה.

דער עולם איז צוגעשטאַנען צו אונדז, געוועזענע וואַגאָן־קאָמענ־דאַנטן, אַז מיר זאָלן עפּעס טון. אפשר איז אין טשענסטאָכאָוו פאַראַן אַן אינסטיטוציע, אַ קאָמיטעט? — זאָל אַ דעלעגאַציע אַוועקגיין און דערציילן, ווי קינדער שמאַכטן דאָ. אפשר קענען זיי מיט עפּעס העלפן?

איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ דעלעגאַציע פון דריי פּערזאָן, מיט מיר בראש.

— מיט אַ ליטעראַט וועט מען זיך אפשר מער רעכענען...

האָבן מיר זיך אָפּגעוואַשן די פּנימער, זיך פאַרקעמט די שטוי־ביקע טשופּרינעס און זיך געלאָזן אין שטאָט־אַריין.

טשענסטאָכאָוו... מיין אַלט־באַקאַנטע, מיין היימיש־ליבע טשענס־טאָכאָוו!... וויפל צענדליקער מאָל בין איך דאָ געווען און נחת גע־קליבן!... איך פלעג אַהערקומען מיט אימפּרעזן, מיט קאָנצערטן און טעאַטער־פאָרשטעלונגען. לאָלאָ מיט איר אַנסאַמבל האָבן דאָ מיינע פּיעסן געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג.

און איך אַליין האָב דאָ געהאַט עטלעכע ליטעראַרישע אָוונטן.

פון די מלחמה־אָפּעראַציעס האָט די שטאָט, זעט־אויס, גאַנץ ווייניק געליטן. מען זעט כמעט נישט קיין חורבות. די זעלבע הייזער, די זעלבע גאַסן, נאָר, — מיינע יידן זענען נישטאָ.

וואָס הייסט עס, נישטאָ? ווי קען גאָר זיין אַזאַ „נישטאָ״? —

איך וואָלט זיך דאָך לייכטער געקענט פאָרשטעלן, אַז מען קען אויסשעפּן פון דער שטאָט טשענסטאָכאָוו די גאַנצע לופט, איידער די יידישע באַפעלקערונג זאָל אויסגעשעפּט־ווערן!

נישטאָ! — — —

מיר גייען זאַלבעדריט. דער פּחד דיקטירט אונדז צו שטעלן שטילע, ווייכע טריט. אָבער אויף צו־להכעיס זענען אונדזערע טשאַ־באַטעס פּראַקטיש פאַרזאָרגט מיט פּאָדקאָוועס און טשוועקעס וואָס קלינגען און הילכן און דענערווירן אונדז אַליין.

אויסגעפּוצטע קריסטן קומען אונדז אַנטקעגן, שטעלן זיך־אָפּ און קוקן אונדז־אָן. אַפילו די שפּאַצירנדיקע אויפן קעגנאיבערדיקן טראָ־טואַר שטעלן זיך־אָפּ, טייטלען אויף אונדז מיט די פינגער און גאַפן, ווי אויף אַ בייזן ווונדער. עס גלאָצן אויף אונדז באַן־אַרבעטער, באַ־אַמטע, אָפיצירן, פרויען און קינדער.

איך האָב זיך דאָך אָנגעקוקט אין אַ שפּיגעלע, איידער איך בין אַרויס פון וואַגאָן! און אויך מיינע מיטגייער זעען דאָך אויס גאַנץ לייטיש! וואָס איז דאָס גלאָצעניש אויף אונדז?!

און אויף זייערע פּנימער זע איך פאַרשיידענע שמייכלעך: אי־בעראַשטע, שפּאָטישע, שנאהדיקע, פאַראַכטנדיקע.

— זעט נאָר: יידן!...

— יאַק באַגאַ יעדנעגאָ קאָכאַם, יידן!...

—פון וואַנען האָבן זיי זיך עס דערנומען?

און אַ שגצל פון אַ יאָר זעקס פרעגט מיט אַ קלינגענדיק שטימעלע:

— טאַטושיו, זײַ זעען דאָך אויס אַזוי ווי מיר: ווייס־הויטיקע, מיט גלאַטע האָר. פון וואַנען דערקענט מען, אַז דאָס זענען זשידעס?

און דער טאַטע, זעט־אויס אַ לערער פון אַ פאָלקס־שול, ענט־פערט דערציערִיש:

— לויט זייערע לאַנגע נעזער און לויט זייער ציבעלע־גע־שטאַנק!...

איך גיי און מיר נעמט זיך דאַכטן, אַז איך בין אַ נעגער, אַן אינדיאַנער, אָדער אַ כינעזער מיט אַ לאַנגן צאָפּ. וואָרעם איך אַליין בין דאָך יינגלווייז נאָכגעלאָפן און נאָכגעקוקט אָט די אַלע עקזאָ־טישע, פרעמד־ראַסיקע זינגער, טענצער און קונצנמאַכער, וועלכע פלעגן קומען קיין בריסק, אויפצוטרעטן אין דעם פּוילישן קאַבאַרעט...

אָבער יענע זענען שטאָלץ געווען אויף זייער אויסטערלישקייט און ספּעציעל פּאַראַדירט איבער די שטעטלדיקע גאַסן, כדי צו ציען אויפמערקזאַמקייט און מאַכן זיך רעקלאַמע. און אויף מיר ציטערט מיין ווייסע הויט!

מיר מיידן זיי אויס און גייען ווייטער. מיר פילן נישט די אייגענע פיס. עס איז עפּעס אַ גאַנג אויף שטאָלצן, אויף אַ זיך־וואַקלענדיקער, נישט־זיכערער ערד.

איך ווייס נישט, צי איז עס דערפאַר, ווייל זיצנדיק זעקס וואָכן אין אַ וואַגאָן, האָבן מיר זיך אָפּגעוווינט פון גיין, אָדער די שרעק און אומהיימלעכקייט ברעכן עס אונטער אונדזערע פיס. וואָרעם מיר שטעלן דאָך די ציטערנדיקע טריט, ווי נישט אויף קיין טראָטואַר, נאָר אויף אַ געפרוירענעם טייך... מיר גליטשן־זיך און וואַקלען־זיך, ווי בגילופן פון אַנגסט, אין דער אומהיימלעך־יידנלאָזער שטאָט.

און אָט איז די הויפּט־גאַס. די הויפּט־אַלעע, וועלכע ציט־זיך צו דער „יאַסנאַ גוראַ". אַהער פלעגן ציען (און ציען נאָך איצט אוודאי) מחנות פּילגרימען פון גאַנץ פּוילן, צו דער באַרימטער „מאַטקאַ באָסקאַ טשענסטאָכאָווסקאַ". אָבער די גאַס איז פול געווען מיט יידישע געשעפטן. שבת נאָכן טשאָלנט פלעגט דאָ זיין אַ לעבהאַפטער שפּאַציר פון דער יידישער יוגנט.

און איצט — ביי וועמען פרעגט מען אויף אַ יידן? ווו קערט מען זיך דאָ און ווו ווענדעט מען זיך?

מיר גייען־דורך די גאַנצע לענג פון דער גאַס און קערן זיך־אום. נישטאָ וואָס צו זוכן. לאָמיר גיין צוריק צום וואָקזאַל.

אָבער צוריקגייענדיק, גיט מיר עפּעס אַ מיניע פאַר די אויגן. איך דערזע עפּעס אין אַ טויער און בלייב שטיין. האַ? איך גלויב

דאָך נישט מיינע אייגענע אויגן: אַזעלכע היטעלעך, מיט בלוי־ווייסע לענטעס אַרומגעצוימט, האָט דאָך געטראָגן די יוגנט פון די ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציעס. איז וואָר־זשע זענען דאָס די צוויי יונגעלייט? ניין, איך האָב קיין טעות נישט: זיי טראָגן דאָך אויף די אָרעמס אויך ווייס־בלויע בענדער מיט מגן־דודס! ...

מיר גייען האַסטיק צום טויער און די יונגעלייט קומען אונדז אַנטקעגן:

— ווער זענט איר?

— וועמען דאַרפט איר?

— פּליטים זענען מיר!... רעפּאַטריאַנטן פון רוסלאַנד. נאָרוואָס געקומען. אונדזער עשאַלאָן שטייט דאָ, אויף דער באַן־סטאַנציע. וווּ זענען דאָ יידן? אַ יידישע אינסטיטוציע, אַ יידישע קהילה?

— נישטאָ קיין אינסטיטוציעס מיט קיין קהילות. בלויז אַ קאָ־מיטעט איז דאָ.

— איז ווו איז ער, דער קאָמיטעט? און ווער זענט איר?

— דער קאָמיטעט איז דאָ, אויבן. מיר זענען קאָמיטעט־פּאָליציי. מיר היטן דעם בנין. איר קענט אַרויפגיין. עס איז דאָ, אויפן צווייטן שטאָק.

אויפן צווייטן שטאָק, אין אַ גרויסן לאָקאַל־צימער, האָבן מיר גע־פונען אַ פינף צוועלף יידן, דריי פרויען און צוויי פּאָליציסטן, וואָס איינער איז געווען דיקער און אַטלעטישער פאַרן אַנדערן. אַלע זענען זיי געווען גוט געקליידט און האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן איצט צוריקגעקומען פון דאַטשע. כאָטש ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט און לויט די נומערירטע הענט וואָס זיי האָבן אונדז געוויזן, קומען זיי גאָר פון לאַגער סקאַרזשיסקאָ, פון „אויש־וויץ״ און אַנדערע קאַצעטן.

ווען זיי האָבן אונדז דערזען אַריינקומען, האָבן זיי אויסגעגלאָצט אויף אונדז אַזעלכע פאַרחידושטע אויגן, ווי די פּאָליאַקן אויף דער גאַס:

— זעט נאָר... „מוזלמאַנס״!..

— מיר זענען נישט קיין מוזולמענער! — האָב איך זיי פאַר־זיכערט — מיר זענען יידן.

פון וואָס אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— פון וואַנען האָט איר זיך דערנומען? פון אַ בונקער?

— ניין. פון אַן עשאַלאָן, פון אוזבעקיסטאַן קומען מיר.

— זבעקעסטאַן? נישט געהערט פון אַזאַ לאַגער. אין פּוילן? צי אין דייטשלאַנד?

— אין רוסלאַנד.

— פון רוסלאַנד קומט איר?! רעדט־זשע אַזוי! מיט אַזעלכע פּאַרפוילטע שמאַטעס, קאָן מען מיינען, אַז ר'זענט געלעגן אין אַ בונקער...

— טיפער... טיפער...

— יידן, ווו איז אייער קאָמיטעט?

— פאַרנומען דאָרטן — זאָגט מיר אַ פּאָליציסט מיט אַן אָפּי־ציעלן, ערנסטן טאָן, ווייזנדיק אויף אַ טיר, ביי וועלכער אַ צווייטער פּאָליציסט שטייט און היט — עס איז אַ זיצונג!

— מיר מוזן שוין זען דעם קאָמיטעט. עס איז דרינגענד. אונ־דזער עשאַלאָן שטייט דאָ אויף דער באַן־סטאַנציע.

— ר'מוזט וואַרטן. די זיצונג ט'זיך ענדיקן.

— ווי לאַנג קען עס דויערן?

— איך ווייס? זיי זענען וואַזשנע זיצערס. זיי קענען זיצן אַ שעה און צוויי. הערשל! מע דאַרף זיי אַריינגעבן טיי! — באַפעלט ער אַ צווייטן פּאָליציסט.

— אַ דאַנק, באַמיט זיך נישט. מיר זענען נישט געקומען פאַר זיך, נאָר פאַר...

— נישט פאַר אייך — טוט ער אַ קוק אויף אונדז מיט ביטול — פאַרן קאָמיטעט!

— הערט, מיר זענען דאָך נישט קיין היגע. איך זאָג דאָך אייך: אונדזער עשאַלאָן שטייט אויפן וואָקזאַל. ער קען באַלד אָפּפאָרן. מיר זענען אַ דעלעגאַציע צו אייער קאָמיטעט. לאָזט אונדז אַריין אויף דער זיצונג.

— אַנגעזאָגט, קיינעם נישט אַריינצולאָזן! באַסטאַ!

איך לאָז אַראָפּ רעזיגנירט די הענט און בין שוין גרייט אָוועק־צוגיין. מיינע צוויי באַגלייטער שטייען־צו צו מיר:

— זאָגט אים ווער איר זענט. זאָגט, שעמט זיך נישט! פאַר אַ שרייבער וועלן זיי דרך־ארץ האָבן... דאָס איז אַ שרייבער, אַ לי־טעראַט, אַ פּאָעט, אַ רעדאַקטאָר!

— ווער איז דאָס אַלץ? — ווערט דער פּאָליציסט נישט נתפּעל.

— איך... — זאָג איך באַשיידן — כ'בעט אייך, גיט איבער, אַז דער שרייבער יצחק פּערלאָוו וואַרט דאָ מיט אַ דעלעגאַציע...

— ווער איז יצחק פּערלאָוו? — פרעגט ער קאַלט און אכזריות־דיק.

— איך.

— זאָג עס נאָך איין מאָל, קריגסטו אַזאַ כמאַל, אַז דו וועסט זיך זען מיט דיין עלטער־באָבע!

— פאַרוואָס קומט עס מיר אַזאַ כמאַל?

— ווער איז יצחק פּערלאָוו? ער זאָגט, אַז ער איז יצחק פּער־לאָוו? — קומט־צו דער צווייטער פּאָליציסט — דו ביזט יצחק פּערלאָוו?

— אַז איר וועט נישט געבן קיין כמאַל...

— הער נאַר! דו לאַכודרע! דאָ גייען נישט־אָן די שטיק! זאָג, ווער די ביזט! ווייל איך טרען דיך באַלד אויף דעם בויך און לאָז דיר אַרויס די געדערים!

— ער איז פּערלאָוו! מיר קענען אים! — נעמען זיך־אָן פאַר מיר מיינע באַגלייטער — פאַרוואָס זאָלט איר שלאָגן?

— דער באָבע! אונדז בלאָפט מען נישט!

אַלע מענער און פרויען רינגלען אונדז אַרום און לאַכן, ווי זיי וואָלטן געכאַפּט אַ חברה שלימזלדיקע אַפעריסטן.

אַז איך האָב נישט קיין ברירה, מאַך איך זיך דווקא האַרץ:

— הערט! פּאָליציסטן כמאַליען נישט אָן אַ באַפעל! איך פאָדער אייך אויף צו מעלדן אייער קאָמיטעט, אַז אַ דעלעגאַציע וואַרט דאָ!

— און יצחק פּערלאָוו?...

— יאָ! און כמאַליעט נישט!

— גוט! איר וועט שוין באַלד גאַנץ אַנדערש רעדן!... הערשל! פּילעווע דעם פויגל, ער זאָל מיר נישט אַוועקפליען! איך גיי אַריין זאָגן! — האָט דער פּאָליציסט ביי דער טיר באַפוילן דעם צווייטן און איז אַליין אַריין אין זיצונגס־צימער.

דער פּאָליציסט, הערשל, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער גאַס־טיר, אונדז נישט אַרויסצולאָזן. די איבעריקע, ציווילע מענער און פרויען זענען געשטאַנען אַרום אונדז און געלאַכט אונדז אין די פּנימער אַריין:

— נישט געקאָנט אויסזוכן קיין אַנדער נאָמען?

— פּרץ... ביאַליק... מיצקעוויטש...

— פּונקט אָנגערופן אַ מענטשן, וואָס מיר אַלע קענען...

איך האָב געשוויגן און צוריקגעשמייכלט אַ נחתדיקן שמייכל:

אַט דאָס הייסט פּאָפּולאַריטעט!... אַז איך האָב אַליין נישט געוווסט, ווי פּאָפּולער איך בין!...

און מיינע עשאַלאָן־מענטשן זענען דאָך געדעכט־געוועזן: מיט אַ שרייבער רעכנט מען זיך גאָר אַנדערש... מען רעדט צו אים איידל... מען גיט אים אָפּ כבוד...

פּושקין איז געווען אַ גרעסערער פּאָעט פון מיר, האָט מען אים דערשאָסן, אָבער איך, בין דאָך שוין אויך זוכה, אַז מען זאָל מיך אויפּטרענען דעם בויך און אַרויסלאָזן די געדערים...

פּלוצלונג פּראַלט זיך האַסטיק אויף די טיר פון זיצונגס־צימער און עס גיט זיך דאַרט אַ שטעל־אַריין אַ פּאַרשוין, וועלכער איז נאָך ברייטער פוןביידע ברייטע פּאַליציסטן צוזאַמען. זיינע אַרבל זענען פּאַרקאַטשעט, דאָס העמד פון פּאָרנט צעשפּיליעט און איך זע, אַז ער איז באַוואַקסן ווי אַ בער, שטאַרק ווי אַ לייב און צערייצט ווי אַ טיגער.

— אָ, דער פּרעזעס! — גיבן אַ זאָג די מענטשן אַרום אונדז.

— ווער איז עס דער, וואָס זאָגט, אַז ער איז פּערלאָוו?! — טוט דער פּרעזעס אַ בריל און לאָזט זיך גיין גלייך אויף מיר אַרויף.

איך טרעט־אָפּ הינטערוויילעכטס, ווי ביים אויסגיין שמונה־עשרה. ווען איך דערפיל אַ קלאַפּ אין פּלייצע, ווייס איך שוין, אַז איך בין צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און ווייטער גייט עס נישט.

— איך האָב געפרעגט, ווער!

— הער פּרעזעס! שמע ישראל! איך... אָבער לאָזט מיר פריער אָפּזאָגן ווידוי...

— זאָג ווידוי, זאָג! — איז דער פּרעזעס גרויסמוטיק — איך מאַך פון דיר באַלד אַ גוליאַזש!...

— פּאַניע פּרעזעשיע, איר וועט נאָכדעם קענען טון מיט מיר, וואָס איר וועט וועלן. איך בין אין אייערע הענט. אָבער אַ פּאָר ווער־טער הערט מיך אויס!

— רעד!

— איך בין נישט געקומען בעטן עפּעס פאַר זיך. מיר דריי, זע־נען אַ דעלעגאַציע פון אַן עשאַלאָן מיט יידן, וואָס שטייט דאָ אויף דער באַן־סטאַציע. מיר פאָרן פון רוסלאַנד און מיר זענען שוין זעקס וואָכן אין וועג. עס זענען דאָ קראַנקע און קליינע קינדער. זיי ליגן פאַרשמאַכט פון הונגער. מען מוז זיי העלפן מיט עפּעס עסן, מיט אַ ביסל וואַרעמס. שיקט אַרויס פאַר זיי אַ ביסל מילך, קאַווע, קאַקאַאָ און געבעקס. אויב מען קען אָפּמאַכן אַ קאַשקע פאַר קליינע קינדער.

איר זענט דאָך יידן! טוט פּאָר אייערע ברידער, וואָס איר קענט! און מיט מיר, צי איך בין יאָ פּערלאָוו, אָדער נישט פּערלאָוו, וועט איר זיך שפּעטער אָפּרעכענען. איך אַנטלויף נישט.

דער פּרעזעס איז אַ ביסל אָפּגעלאָשן געוואָרן. אויך די גאַנצע פאַרוואַלטונג, וואָס איז אים נאָכגעלאָפן, האָבן זיך גענומען איבער־קוקן מיט ישוב־הדעת.

— גוט! — האָט ענדלעך דער פּרעזעס באַשלאָסן — איך הייס שוין ברענגען אַ פּאָר קוישן געבעקס, בריען מילך און קאָכן קאַ־קאַאָ מיט קאַשקע. הערשל! אַ קעסל קאַקאַאָ מיט דריי קיבלעס מילך! פינף קוישן געבעקס! — באַפעלט ער דעם פּאָליציסט און ווענדט זיך ווידער צו מיר — און איצט זאָג: אויב דו ביסט פּערלאָוו, ווער איז דיין ווייב, האָ?

— לאָלאָ פּאַלמאַן, די זינגערין.

— וווּ איז זי איצט?

— אין וואַגאָן. איר קענט זי זען!

— זי איז דאָ? און ווער נאָך איז דאָרט דאָ, וואָס וועט עדות זאָגן, אַז דו ביזט פּערלאָוו און יענע — לאָלאָ פּאַלמאַן?

— עס פאָרן מיט אונדז נאָך אַקטיאָרן: לוקסענבורג, שמואליק גאָלדשטיין און אַלע יידן פון עשאַלאָן! אַלע קענען אונדז!

— דער קליינער גאָלדשטיין? איך בין אַ לאָדזשער! — שרייט איינער פון דער פאַרוואַלטונג — איך קען שמיליקן גיט! מיינס אַ פּשיאַטשעל! אַז ער וועט זאָגן...

— איז הער־זשע! — זאָגט מיר דער פּרעזעס אַ ביסל צעטראָגן — מען קאָכט שוין מילך מיט קאַקאַאָ און מען איז שוין געגאַנגען נאָך געבעקס. מיר וועלן אַלע אַרויסגיין צום עשאַלאָן. די גאַנצע פאַרוואַלטונג. וועט דאָרט טאַקע זיין לאָלאָ פּאַלמאַן און דער קליי־נער שמואליק גאָלדשטיין און זיי און אַלע יידן וועלן זאָגן עדות, אַז דאָס זענט איר טאַקע, וועלן מיר זיך ענטשולדיקן. אָבער אויב נישט, הערסט?! פאַר דיין גאַנצן עשאַלאָן אין די אויגן, צערייס איך דיך אויף שטיקער! אויפן פעראָן וועלן מיר דיך לינטשן! געדענק!

—יאָ! — זאָג איך — דאָס הייסט דיפּלאָמאַטיש גערעדט! אַזוי רעדט אַ פּרעזעס! אָבער נישט גלייך כמאַליען!

און באַלד געווען איך די סימפּאַטיע פון נאָך איין פאַרוואַלטונגס־מיטגליד:

— אָבער איך האָב תמיד געצווייפלט, צי יענער איז טאַקע פּער־לאָוו... איך האָב אים איינמאָל געזאָגט: אויב דו ביסט טאַקע אַ פּאָעט,

אַ משורר, טאָ שרייב אָן כאַטש איין קאַצעט־לידל, אַז מען זאָל עס זינגען... ער האָט נישט געשריבן! בעט איך אים: גיב מיר כאַטש אַ גראַם צו אַ „קאַפּאָ"... האָט ער נישט געקאָנט!... וואָס־זשע פאַר אַ פּאָעט איז ער, אַז ער קאָן קאַ קראַם צו „קאַפּאָ" נישט מאַכן?...

איך האָב געלאַכט, אָבער בעת־מעשה האָט אויף מיר געציטערט די הויט: טאָמער פאָדערט ער פון מיר איצט אַ גראַם צו „קאַפּאָ" און איך וועל אויך נישט אויסהאַלטן דעם עקזאַמין...

נאָר גאָט איז אַ פאָטער און די פאַרוואַלטונג דאַרף ענדיקן די זיצונג, לאָזן זיי אונדז אונטער דער וואַך פון די פּאָליציסטן, אַז מיר זאָלן נישט אַנטלויפן.

און די פּאָליציסטן ווערן שוין אויך העפלעכער. זיי זענען אונדז שוין אַפילו מכבד מיט פּוילישע פּאַפּיראָסן.

בעט איך זיי:

— זאָגט מיר כאָטש: וועגן וואָס האַנדלט זיך דאָ? פאַרוואָס זענט איר אַלע אַזוי אויפגערעגט־געוואָרן? וואָס בין איך שולדיק, אַז איך הייס פאַרט פּערלאָוו?

—ווייל פּערלאָוון האָבן מיר אַלע געקענט. ער איז מיט אונדז געוועזן צוזאַמען אין לאַגער סקאַרזשיסקאָ. אַלע האָבן געוווסט, אַז ער איז פּערלאָוו און זיין ווייב איז לאַלאַ פּאַלמאַן. אַן אינטעליגענטער מענטש. די אונטערגרונט האָט געהאַט צו אים דעם גרעסטן צוטרוי. דורך געהיימע קאַנאַלן האָט וואַרשע אַריינגעשיקט געלט אויף זיין נאָמען און ער האָט עס צעטיילט צווישן די פּאַרטייען. אַן אָרנטלעכער מענטש געוועזן. מען האָט אַפילו געהאַט צו אים טענות, אַז ער צעטיילט נישט יושרדיק ס'געלט, אָבער אַלע האָבן געוווסט, אַז ער נעמט נישט פאַר זיך. ער אַליין האָט געהונגערט. מיר האָבן אים ליב געהאַט. אַ מענטש טיילט אַזעלכע גרויסע סומען און אַליין הונגערט ער! קומסטו און דו זאָגסט גאָר אַז דו...

— און ער לעבט?

— געגאַנגען אין אויוון־אַריין! אַ קדוש! מען זאָגט, אַ גוטער שרייבער געוועזן. האָסט געקאָנט זיינע ווערק?

— ניין. סהייסט, זיינע — נישט.

— און דו ביזט אויך אַ שרייבער?

— דאַכט־זיך. כ'געדענק שוין אַליין נישט.

הייסט עס, אַז איך בין אין קאַצעט אויך געוועזן און געגאַנגען אין אויוון־אַריין. אַ גוטער שרייבער געוועזן — באַדויער איך זיך אַליין.

לויט די וויטערדיקע דערציילונגען פון די פרויען און מענער, דערוויס איך זיך, אַז יענער איז טאַקע געווען אַ פּערלאָוו און מײַנער אַ קרוב. ווען ער איז אַרײַנגעפאַלן אין לאַגער סקאַרזשיסקאָ און מען האָט אים געפרעגט, צי ער איז דער דיכטער און צי די זינגערין לאַלאַ פאַלמאַן איז זײַן פרוי, האָט ער געזאָגט „יאָ". ער האָט נעבעך געמיינט, אַז איך בין אַ באַרימטע און וויכטיקע פּערזענלעכקייט און אַז אונטער מײַן מאָגערן מאַנטל, וועט אים זײַן אין לאַגער וואַרעמער. און עס איז אים טאַקע געווען עטוואָס וואַרעמער, ביז ער איז אַוועק „אין אויוון־אַרײַן". וואָרעם פאַר אַ שרײַבער (ווען מען ווייסט נישט, וואָס און וווּ ער האָט געשריבן, און אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס מען ווייסט נישט), — האָט נאָך דאָס פאָלק פאָרט אַ ביסל דרך־ארץ.

ניין, איך בין, חלילה, נישט בייז אויפן קדוש, פאַרן באַנוצן־זיך מיט מײַן נאָמען, אַפילו איך זאָל איצט קריגן דערפאַר „געכמאַליעט". הלוואי נאָר וואָלט עס אים פון אויוון געראַטעוועט. — — — — — —

מען האָט געבראַכט די קוישן פריש געבעקס. דאָס זענען געווען ווייסינקע, קנאַקנדיקע זעמעלעך, וואָס איך האָב שוין זיבן יאָר נישט געזען. מען האָט געבראַכט דעם פאַרענדיקן קעסל קאַקאַאָ און גע־בריטע עמערס מילך, וואָס זייער אַראָמאַט האָט מיך אַזוי צערייצט, אַז די כוחות האָבן מיך פאַרלאָזן.

— קומט! געגאַנגען! — האָט דער פּרעזעס אַ קאָמאַנדעווע געטון.

און צוויי פּאָליציסטן האָבן מיך אַ נעם־געטון אונטער די אָרעמס און געהאָלפן זיך־אויפשטעלן.

די גאַנצע פאַרוואַלטונג און די גאַנצע פּאָליצײַ איז מיטגעגאַנ־גען. עטלעכע ציווילע האָבן געטראָגן די קוישן און די קעסלען.

דער עשאַלאָן איז נאָך געשטאַנען און אַלע האָבן מיך דערקענט... און די גאַנצע פאַרוואַלטונג האָט דערקענט לאַלאַ פאַלמאַן און שמואליק גאָלדשטיינען.

די קאָמענדאַנטן האָבן גענומען פלייסיק טיילן דעם הונגעריקן און זשעדנעם עולם און איך האָב געבענטשט גומל.

דער פּרעזעס האָט געהאַלטן וואָרט: ער האָט זיך עפנטלעך ענטשולדיקט פאַרן באַליידיקן אַ גרויסן יידישן דיכטער (איך בין שוין געוואָרן גרויס אויך) און געהאַלטן אַ פלאַמיקע באַגריסונגס־רעדע לכבוד „דעם טײַערן פּאָעט און די ליבע אַקטיאָרן־קינצלער", וועלכע זענען פאַרוואָגלט־געווען אין רוסלאַנד און קומען איצט צוריק.

איך האָב דערביי געפּליקט אַ הייסע בולקע, געשלונגען די טרערן און געטראַכט: עס איז נאָך אַלץ בעסער, ווען מען גיט דיר אָפּ כּבוד און מען האַלט פאַר דיר אַ באַגריסונגס־רעדע, ווי מען וואָלט דיך צעכמאַליעט די פּיסקעס, אויפגעטרענט דעם בויך און אַרויסגע־לאָזן די געדערים.

ווי מיינט איר?

גוטמאָרגן דיר, מיין וועלט!...

פרילינג 1948 — אין פּאַריז...

לאָלאַ איז שיכּור פון אירע דערפאָלגן. אירע קאָנצערטן אין וואַרשע־לאָדזש זענען געווען אויספאַרקויפט און זיי האָבן איר צו־ריקגעגעבן די אוירינגלעך, פינגערלעך, האַלדז־בענדער, בראַנסלעטן און זייגערלעך, וואָס זענען „שלאָפן געגאַנגען" אויף די סאָוויעטישע באַזאַרן.

זי האָט געגעבן הונדערט מיט פופציק קאָנצערטן פאַר דער שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד און איינגעקויפט זיך פוטערס, פוקסן, שיך און היט.

איצט קומען מיר פון אַ טורנעע אין די עליה־לאַגערן אין פראַנק־רייך, אין און אַרום מאַרסעי.

אין פּאַריז האָט זי שוין פינף דערפאָלגרייכע קאָנצערטן געגעבן און זי גרייט זיך איצט צום זעקסטן. קאָן איך זי נישט אָוועקרייסן פון די גרויסע, עלעגאַנטע שוי־פענצטער, וווהין דער ווייבערישער יצר־הרע ציט זי.

פּאַריז גיט באַגייסטערונג. פּאַריז רייצט די פאַנטאַזיע. די נאָך־מלחמהדיקע, פרילינגדיק־צעיומטובטע שטאָט פּאַריז שיסט פאַרביקע ראַקעטן און פייערווערק אין דיין געמיט.

דער נאָמען פון יעדער גאַס דערמאָנט מיך געשיכטע, דערמאָנט מיך פּאָעטן, דענקער, מאַרטירער און קעמפער. איך דערמאָן זיך די דערציילונגען פון וואַרשעווער מאָלער, וועלכע האָבן געלעבט אין פּאַריז און איך דערמאָן זיך לידער פון פאַרשיידענע דיכטער וועגן פּאַריז.

אָט קוק איך אויף פּאַריזערינס און עס קומען מיר אויפן זינען כּעגאַלאָוויטשעס שורות:

אַלט־פראַנקרייכס טעכטער
מיט די שמאָלע טאַליעס,
אין די אָרעמס זענט איר
פון דער גאַנצער וועלט!...

מאָדנע, אַז איך וויל רעדן צו לאָלען און בן־עמילען פּראָסטע־פּשוטע ווערטער וועגן טאָג־טעגלעכע קליינִיקייטן, — רעד איך גאָר מיט אַ ריטם, איך רעציטיר, איך זינג...

און כאָטש איך וויל גיין לאַנגזאַם, סאָליד, ווי עס גייען אַלע פראַנצויזן אויף די טראָטואַרן, — שפּרינג איך עפּעס אונטער, ווי אויף ספּרוזשינעס... איך טאַנץ און האָפּקע, ווי אַ באָק — אויף אַ פּאַשע־פעלד...

— עס וועט שוין פון דיר קיין לייט נישט זיין!... — לאַכט לאָלאַ. און איך האָב מורא, אַז זי איז גערעכט.

*

געוואַלד, מענטשן, איך בין קאָמפּראָמיטירט! אַלע כאַפּן מיך ביי דער האַנט, אַז איך בין געוואָרן אַ ווילדע, קולטורלאָזע בריאה און ווייס נישט, ווי צו האַלטן זיך ביי אַ לייטישן טיש.

אין פּאַריז זענען אונדז קאַפּויער־געקומען ממש הונדערטער גו־טע פריינט, וועלכע צערייסן אונדז. יעדער איינער רייסט אונדז צו זיך אויף אַ מיטאָג, אָדער אָוונט־ברויט. און יעדער מיטאָג־טיש איז ווי פאַר אַ חתונה און יעדער אָוונט־ברויט — אַ באַנקעט. מען שטעלט־אָן אַזוי פיל און אַזעלכע אויסטערלישע מאכלים און גע־טראַנקען, אַזוי פיל סאָרטן טעלערלעך, אַזוי פיל מעסערס און מע־סערלעך, לעפל און לעפעלעך, גאָפּל און גאָפּעלעך, אַז איך ווייס שוין נישט: וואָס מען עסט פריער און מיט וועלכע כלים מען דאַרף עס באַאַרבעטן...

די שויס־סערוועטקע טו איך אָן אויפן האַלדז, מיטן בוזעם־סערוועט וויש איך זיך דעם שווייס פון פּנים און די פּאַפּיר־סערוועטקעס שטופּ איך אין קעשענע, צום שרייבן אויף זיי לידער און וויקלען אין זיי מאַכאָרקע־טאַבאַק.

איך גיס קאָניאַק אין אַ שאַמפּאַניער־גלאָז און שריי „זאַ ראָדי־נו". איך שנייד פיש מיט אַ מעסער און עס־אויף אַלע אַרומיקע סאַ־לאַד־בלעטער, בלומען, גראָזן און מייערלעך.

לאָלאַ קוועטשט מיך אונטערן טיש דאָס גלאַנציקע נעזל פון מיין נייעם שוך, וועלכער קוועטשט מיך אַליין אויך די נשמה אַרויס.. זי שטאָרכעט מיך אין אַ זייט און ווינקט מיט די אויגן.

אָבער צו מיר ווינקט אַ סימפּאַטישע, טונקל־בלאָנדע, געבראָ־טענע קאַטשקע און איך קאָן פּאָרט נישט צוקלייבן צו איר די געהע־ריקע מעסער־גאָפּל...

אין אַשכאַבאַד איז דאָך געווען אַ מחייה: איך האָב געזופּט פון אַ שיסל, פון אַ טאָפּ און געקוקט האָט מען אויף מיר בלויז מיט קנאה!

מאַמעלעך מיינע, וואָס אַ געוווינהייט איז! אַז איך דערזע אַן אַטשערעד, פרעג איך נישט קיין שאלות און מוז זיך אָוועקשטעלן.

איך בין דאָ איינמאָל אָפּגעשטאַנען אַ שעה צייט און, ווען עס איז געקומען מיין ריי, האָט מען מיך געפרעגט, מיט וועלכן אַרעס־טאַנט איך וויל דאָ האָבן אַ זעאונג.

אָבער אויסער צו דער תפיסה, שטייט מען דאָ אין אַטשערעד צו די קאַסעס פון סינעמאַס און טעאַטערן. קויף איך בילעטן וווהין נאָר עס לאָזט זיך און מיר גייען פון טעאַטער אין קינאָ און פון קינאָ — אין טעאַטער.

און אַז אויף אַ קינאָ־עקראַן, אין דעם נייעס־פילם, האָט זיך איינמאָל באַוויזן סטאַלין, — האָב איך זיך געגעבן אַ ריס פון אָרט, זיך אויפגעשטעלט און, ווען לאַלאַ גיט מיך נישט באַצייטנס אַ רייס צוריק און אַ זעץ־אַוועק, — וואָלט איך געטראַסקעט בראַוואָ און גע־רעוועט מיט אַלע כוחות: אוררררראַאַאַאַ!!!...

בן־עמילען האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, אומעטום געמוזט מיט־נעמען, אַפילו אין „קאַסינאָ דע פּאַרי״ און אין „פאָלי־בערזשע״, וואָ־רעם ווו וועל איך אים דען איבערלאָזן?

און איך מוז אייך זאָגן, אַז איך ווייס נישט וואָס ער וועט אויס־וואַקסן: אַ קריטיקער, צי אַ מעדיצינער. וואָרעם ווען ער האָט דער־זען די צוואַנציק מוטער־נאַקעטע טענצערינס אויף דע״ בינע, האָט ער זיך געלאָזן הערן, אין דער שטילקייט פון זאַל, מיט אַ הילכיקן פּראָטעסט:

— טאַטע! זאָלן זיך די מיידעלעך אָנטון העמדעלעך, ווייל זיי וועלן זיך פאַרקילן די בייכעלעך!

און דאָ איז געקומען צו דער ערשטער מיינונגס־פאַרשיידנהייט צווישן דעם טאַטן און זיין דריי־יאָריקן זון.

מיר זענען שוין געווען אין מוזעאום און אין פּאַנאָפּטיקום, גע־זען בילדער־אויסשטעלונגען און געקלעטערט אויפן אייפל־טורעם. און יעדע ווײַלע בין איך געוואָרן דורשטיק און געמוזט טרינקען אַן „אַפּיראַטיוו״.

גאַנץ פּאַריז יומטובט היינט און ווײַלט זיך. עס שפּילן אָרקעסטערס און מען טאַנצט אין די גאַסן.

טאַנץ איך אויך, פון באַסטיל ביז די גרויסע בולוואַרן.

פראַנצויזינס מיט קאָלירטע לופט־באַלאָנען שמייכלען צו מיר און איך בין נישט פויל און שמייכל צוריק.

איינע שענקט מיין זון אַ לופט־באַלאָן און ווינקט דערביי צום טאַטן. פאַרנויגט־זיך דער טאַטע און ווינקט צוריק.

— לאָלאַ, זיי נישט אייפערזיכטיק!... וואָס קאָן איך איר דען זאָגן? סיי־ווי קען איך דאָך נישט מער, ווי די דריי פראַנצויזישע ווערטער: „קעסקעסע", „פראָמאַזש" און „מערסי"... אַ פיינעם ראָמאַנס קען מען פירן מיט אַזעלכע דריי ווערטער, וואָס? אַיי, ווען איך קען דיין פראַנצויזיש, לאָלאַ!...

— וואָס־זשע וואָלט געווען?

— וואָלט איך אויך אַזוי געמאַכט מיט די הענט און געוויזן מיט די פינגער.

פון דעסטוועגן, האָט זי זיך שוין איינגעקויפט, מיט איר פראַנצויזיש, אַ נייעם טוץ היט, קרעלן, בראָשקעלעך, שפּיגעלעך, קעמעלעך, פּערפום און קאָסמעטיק. זי קויפט און איך טראָג עס. אויף יעדן קנעפּל פון מיין אנצוג הענגט אַ פּעקעלע, ווי ביי די סאָוויעטישע מאַרשאַלן הענגען די מעדאַלן.

וואָרעם אַלע הויפּט־גאַסן און אַלעען זענען היינט באַשטעלט מיט קיאָסקן, ביידלעך און סטראַגאַנעס, מיט גאַלאַנטעריי, מיט שפּילצייג, מיט נאַשוואַרג, געווינסן, האָקוס־פּאָקוסן און ביקסן צום שיסן אין ציל. און ווייל גאַנץ פּאַריז איז היינט איין געדראַנג, איין גרויסער אָטשערעד, אָדער איין טאַשקענטער טאָלטשאָק, — מוזן מיר אומעטום קויפן און געבן צו לייזן.

פון די שיס־ביידלעך ציען מיך־צו נאָר יענע, ווו דער ציל איז היטלער, געבעלס, אָדער גערינג. ווען איך טרעף זיי אין בויך, פאַלן זיי מיטן קאָפּ אַראָפּ. בן־עמילע האָט געוואַלדיק הנאה דערפון און איך האַלט אין איין שיסן!...

איבערהויפּט גיבן מיר צו לייזן די קאַרוזעלעס. אויף שריט־און־טריט איז דאָ אַ קאַרוזעלע. די גאַנצע וועלט דרייט זיך דאָך היינט אויף דער פאַריזער קאַרוזעלע. נו? וועל איך מיט מיין משפחה שטיין פון דער ווייטנס? — אָ, ניין!

איך זעץ אַריין בן־עמילען אין אַן עראָפּלאַן. לאָלען — אין אַ פריצישער קאַרעטע (די שענסטע קאַרעטע קלייב איך איר אויס. וואָס

וועל איך איר זשאַלעווען?) און איך אַליין זעץ זיך רייטנדיק אויף אַ ווייסן פערד.

— זיי מיר מוחל, פּאַריז, וואָס איך קוק איצט אויף דיר פון אויבן־אַראָפּ... — אַזוי איז שוין די טבע פון יעדן מענטשן, וועלכער פילט־זיך פעסט אין זאָטל!...

⁂

אין יענע טעג איז געשען דער גרויסער נס. עס איז פּראָקלאַמירט־געוואָרן די יידישע מדינה — מדינת־ישראל.

איך האָב ארויפגעזעצט בן־עמילען אויף מיינע אַקסלען, גענומען אַ וואַליזע אין איין האַנט, לאַלען — אין דער צווייטער און זיך באַלד געלאָזן צו דער באַן:

— אַדיע, פּאַריז! אַדיע, מיין ליבע פראַנקרייך! אַ דאַנק פאַר גאַסטפריינטלעכקייט, פאַר פרייד און פאַרגעניגן. מיר האָבן דערלעבט אַ יידישע מדינה און מיר פאָרן צו זיך, אין אונדזער היימלאַנד!... מיטן רעכטן פוס, לאָלאַ! און אין אַ מזלדיקער שעה!...

— סוף —

אינהאלט:

זייט

פאָרוואָרט 5

1. אַ גוטע נאַכט, לאַלא!.. 9
2. ווו איז דאָס געסעלע? 20
3. לענינגראַד 33
4. כ'האָב פאַרלאָזן אַלע ליבסטע 42
5. נאָוואָ־אוזיענסק 50
6. דרייצן — ער און דרייסיק — זי 59
7. איך אַנטלויף 69
8. אַ פּאָר שטיוול 79
9. טאַשקענט — די שטאָט פון ברויט 89
10. שוין איינמאָל א באָד!.. 99
11. פּושקין האָט אונדז געראַטעוועט 109
12. „האָליוווד" 121
13. צירק 130
14. הייַנט גיט מען הערינג 140
15. אַ קבר אין אשכאבאד 150
16. מיט אַ וואַגאָן רייז איבער הונגעריקע סטעפּעס . . . 159
17. דער יידישער קאַפּיטאַן אין טאַדזשיקיסטאַן 172
18. קסעניאַ טימאָפעיעוונאַ 179
19. דער מבול 188
20. אַ מעשה מיט אַ פּאָר הויזן 199
21. די ביקס איז דיין ווייב! 209
22. אַ סך מלאכות 217
23. בלאָנדזשענדע שטערן 227
24. פּאַוועלעק אַרבעט מעשים 239
25. ראָזשינקעס מיט מאַנדלען 254
26. די מוזע און דער מוז 262
27. אין טאָג פון זיג 273
28. שריי, ווייבער־פאָלק! 282
29. אַ קווערטעלע מילך 291
30. עשעלאָנען 302
31. טשענסטאָכאָוו וויל מיך לינטשן 312
32. גוטמאָרגן דיר, מיין וועלט!.. 322